נראה, כי הוקל העול, אך כובד המשא של חלוקת 36 הדירות בין 108 המועמדים וכולם מקרים דחופים, היה עצום. החברים רחל סובלמן, זלצמן, ישראל בר"ג, שטיוועל סובבו את המעברות בכל הארץ והדו"ח ממראה עיניהם הגיע אל הועד ואל הרעליעף הניו־יורקי גם יחד. שם בניו יורק החליטו, על פי הפתגם: למי המאה לו הדעה, לערוך הגרלת־הדירות במעמד חגיגי של כל חברי הרעליעף בהשתתפות מוזמנים רבים כשבראשם אחד ה־רבנים.

תוצאות ההגרלה שהגיעו אלינו במעטפה סגורה, נודעו באסיפה מיוחדת של עולי חוטין והשמחה והאכזבה שימשו בערבוביה. באותה אסיפה הודענו כמו־כן את התנאים שה־משתכנים החדשים חייבים לעמוד בהם. מחיר הדירה נקבע ל־2,200 לירות ישראליות. הרעליעף השתתף בסכום של 750 דולר לכל דירה ויתר הסכום של 600 לירות (לפי השער לירה = דולר) ישולם על־ידי המשתכנים החדשים בתשלומים חודשיים של 4.80 ל"י במשך 15 שנה.

בתוכנית הוועד היה לקנות דירות נוספות מדי כמה חדשים. אולם התוכנית לא נתגשמה. נפלה הברה בין המש־תכנים לא לשלם אף פרוטה לועד בטענה, כי מחיר הבית נפדה במלואו. מובן מאליו כי לקריאה שכזו, דהיינו להמנע מתשלום, מתפתים על נקלה. אף פרוטה לא שולמה. אחרי כמה שנים שילמו בבת־אחת כמעט את כל הסכום, כדי לקבל את החוזה, דבר שאיפשר מכירת הדירה. רבים נטשו את השיכון והריכוז החוטינאי התפורר.

קופת הגמ״ח שע״י הארגון

בעת נוכחותם של מילר ורעיתו בישראל בחרנו כיו״ר קופת גמילות־חסדים שייסדנו, את הגב' מילר. רבים מיוצאי חוטין זכו להלוואה ללא־רבית מקופה זאת. הלוואות בגודל של מאות ואפילו 500 לירות ובלי רבית ניתנו לכל דורש, ובתשלומים מתקבלים על הדעת. גם אותם המשתכנים, אשר פנו עורף לתביעות הועד, נהנו מסיוע רב מאותה הקופה. החברים אברהם ברונשטין, אלעזר זלצמן, אהרון שטיוועל עמלו נאמנות 15 שנים רצופות בניהול הקופה, וכמעט ללא הפסד, כשהכסף מופקד בבנק הלואה־וחסכון. בהרכב הועד חלו שינויים. צורפו יעקב ירדני ושהם שלמה אשר הוכיחו משך שנים, פעילות רבה.

לזכות הועד היוצא יש לזקוף את התרומה של אלף עצים ביער הקדושים ע״י הקק״ל ע״ש ארגון יוצאי־חוטין בישראל. במיוחד הצטיינה החברה דבורה מלחי שהיתה הפעילה במשימה הזאת.

*

החוטינאים הראשונים הגיעו ארצה עוד בתקופת מלחמת העולם הראשונה, אולם עד שנת 1950 לא היתה התארגנות ממשית של יוצאי חוטין. פעילות של בודדים התקיימה במסגרת קבוצות יוצאי ביסרביה, ואחרי־כן במסגרת ארגון יוצאי ביסרביה.

בעזרת ה״רליף־חוטין״ מניו־יורק נוסד ב־1950 בישראל ארגון יוצאי חוטין (ביסרביה) בישראל, ומבין המייסדים



אזכרה לקדושי חוטין בחיפה, 1951

נבחר ועד בהרכב הבא: דוד הורנשטיין, יושב־ראש; אהרון שטיבל, גזבר; אהרון וייסברג, מזכיר; אברהם ברונשטיין, משה נייטיצין, חיים סופנבוים, אליעזר זלצמן, דבורה אפרתי ושרה גליץ, חברים. ב־14 במארס 1951 הוכר הארגון מטעם משרד הפנים (594/99).

והרי משימות הארגון: הקמת קרן הלוואות לנזקקים ולעולים חדשים, הוצאת ספר זכרון לקהילת חוטין, בניית שכונת מגורים (36 דירות) בכספי הרליף עבור חוטינאים; הדירות נבנו על־יד נתניה, בחבצלת־השרון. הבנייה נסתיימה בסוף שנות החמישים ובתחילת שנות הששים נכנסו לדירות רוב החוטינאים שלהם הוקצבו הדירות במחיר סמלי; אולם בגלל המרחק ממרכז נתניה, טיב הבניה הירוד, השטח המ־צומצם, עזבו רוב החוטינאים את השכונה.

הועד התחיל גם לאסוף כספים עבור ספר הזכרון.

בשל סירובו לקיים בחירות ולשתף פעילים נוספים בועד, הוקם ב־1952 ועד נוסף של יוצאי חוטין בחיפה, בהרכב דלהלן: אברהם פלדמן, יו״ר; בנציון גלשטיין יו״ר (אחרי פלדמן); יעקב אקרמן סגן יו״ר; אליהו וסרמן, משה קופרמן ומיכאל שוייגר, חברים.



אברהם ברונשטיין,
מפעילי הועד

ב־1 באוגוסט 1958 התקיימה, סוף־סוף בתל־אביב, אסיפה כל־לית שבה נבחר ועד חדש בהרכב הבא: צבי ברנשטיין, יו״ר; אה־רון שטיבל, גזבר; אהרון וייס־ברג, מזכיר; חיים ווסרמן, דבורה מלחי, אליעזר זלצמן ואברהם ברונשטיין, חברים. מבין החיפאים לא נבחר אף איש לועד החדש. בין שני הועדים שרר מצב מתוח. אחרי עלייתו ארצה ב־1960 של ד״ר ליפא זיידמן, יושב־ראש האחרון של קהילת חוטין, נעשו נסיונות־התפייסות ובישיבה המשותפת שהתקיימה ב־23 בפברואר 1965, הוחלט ליפות את כוחו של ד״ר זיידמן, כבורר יחיד, לפעול לשם התארגנות כללית חדשה. בהתאם להחלטת הבורר, אורגן ועד יחיד זמני ב־22 במאי 1965, בנוכחות נציגי הרליף מניו־יורק, ה״ה שניידר, נודלמן וחידיק ונוסד הארגון של יוצאי חוטין (ביסרביה) והסביבה, בישראל ובתפוצות.

רליף ניו־יורק העביר את כל הכספים לועדה מיוחדת (ד״ר ליפא זיידמן, יו״ר; יעקב אקרמן ובנציון גלשטיין, חברים) לחלוקה לקרן הלוואות, לספר הזכרון, לצורכי צדקה וכד'. בספטמבר 1966, משנסתיימה ההתארגנות החדשה, התקיימו אסיפות כלליות של החוטינאים, בתל־אביב ובחיפה ובהן נבחרה מועצה ארצית וכן ועד פועל אחיד ארצי.

ד״ר ליפא זיידמן, יו״ר; שלמה שיטנוביצר, יו״ר ועד הפועל; יעקב אקרמן, סגן יו״ר הועד הפועל; משה קופרמן, מזכיר; יונה גורשניק, גזבר; שלמה איידלר, דוד בר־תקוה, בן־ציון גלשטיין, יהודה יוריסט, יעקב רביץ, חברים; ד״ר יעקב זיידמן, יעקב ירדני, חברים נספחים; עו״ד



הדלקת נרות לזכר קדושי חוטין (ת״א, 1967)

מרק ברק, צבי ברנשטיין, ד״ר בועז דגון (פישלר), חברי ועדת הביקורת; אהרון וסרמן, אליהו וסרמן, יוסף וסרמן, עקיבא וסרמן, צבי וכסלה, נחום מורגנשטרן, צילה נמרי, יצחק פלד, אריה קיז'נר, משה קילימאכר ז״ל, ניסים קריבוי, משה רזובנסקו, מיכאל שוויגר ושלום שרייער.

פעילות הארגון נעשתה בכמה מישורים:

א. מפקד כללי של חוטינאים בישראל ובתפוצות, שבוצע בין 1966 ל־1968, העלה את התוצאות הבאות: בישראל מתגוררות 621 משפחות הכוללות 2,200 נפש; בתפוצות — כ־400 משפחות הכוללות כ־1,500 איש, מהם בחוטין עצמה כ־400 נפש.

ב. העלאת זכר קדושי חוטין על־ידי אזכרה שנתית, בתל־אביב ובחיפה, לפי סדרי הטקסים המקובלים בישראל.

ג. פרסום ספר זכרון לקהילת חוטין. הוחל באסוף נמרץ של חומר ומסמכים על הקהילה. כדי לזרז את איסוף החומר הוצא "ידיעון" מיוחד של הארגון (עורך־ראשי ד״ר יעקב זיידמן, חברי המערכת שלמה שיטנוביצר, נחום מורגנשטרן ויצחק פלד) שנשלח לכל יוצאי חוטין ברחבי העולם. המועצה הארצית הקימה ב־1968 ועדה מיוחדת שתדאג להוצאת הספר, ובה חברים: שלמה שיטנוביצר, יו״ר; ד״ר ליפא זיידמן, יעקב אקרמן, צבי ברנשטיין, בנציון גלשטיין, ד״ר יעקב זיידמן, אליעזר זלצמן, יהודה יוריסט, שלמה אידלר ויעקב ירדני, חברים.

ד. קרן הלוואות הוקמה בתל־אביב ובחיפה ולרשותה סכום של 10,000 ל״י. ההלוואות ניתנות לשלוש שנים, ללא ריבית.

ה. משלוח חבילות לבני חוטין בארצות המצוקה, בהתאם להסדר מיוחד שנעשה על־ידי יו״ר הועד הפועל, שלמה שיטנוביצר.

ו. פעילות תרבותית חברתית: מסיבות פורים בהמשך למסורת שהיתה קיימת בחוטין, בהשתתפות מאות אנשים; מסיבות־תה מיוחדות לכבוד אורחים מחוץ לארץ.

בשנות 1968 ו־1970 התקיימו אסיפות כלליות סדירות, שבהן נבחרו מוסדות הארגון. ב־1971 החליטה האסיפה הכללית, שלא לקיים בחירות ב־1972, כי אם ליפות את כוחם של המוסדות הקיימים לסיים את הוצאת ספר הזכרון; אחרי כן תתקיימנה בחירות חדשות.



אזכרה לקדושי חוטין בתל־אביב, בית סוקולוב, 1968

אהרון ויסברג



אהרון ויסברג נולד בע־יירה ז'וניץ פלך פודוליה. את חינוכו התיכון קיבל בקמנייץ פודולסק, הסמו־כה לעיירתו.

לאחר מלחמת העולם הראשונה עבד ויסברג ב־חוטין, בסרביה. נתן שי־עורים פרטיים, הרצה, נפ־גש עם הנוער עבד למען הקרן הקיימת וחלם על עלייה.

בשנים 19—1918 לימד בגמנסיה הרוסית עברית, בהס־וואה של לימודי דת. משנכבשה בסרביה על ידי רומניה הכיר את יהדות רומניה המתבוללת ברובה. רובם היו רחו־קים מאידיאלים לאומיים, ואף לא ידעו לחתום את שמם בעברית. לעיירות נידחות אלה ירד אהרון ויסברג, בין רבים אחרים. הם הקימו בתי־ספר, התערבו בחיי הקהילות והש־פעתם היתה ניכרת. בשיעורי הערב באו במגע עם המבוגרים.

הוא עבר ליאסי, וזו תקופת הזוהר בעבודתו. לימד בשיעורי ערב וכן מקצועות עבריים בגמנסיה הרומנית. הוא חיפש דרך אל היהדות הרומנית. ההרצאות לא משכו את לבם. הקים את אגודת "המכבי" שהיתה ביסודה אגודה ציונית. לבסוף הוגלה ב"קרון המפורסם", ניצל בנס ועלה ארצה לפני 20 שנה. התחילו התלאות. עבד בבתי ספר שונים והקים משפחה. גם כאן שימש מזכיר לאגודת יוצאי חוטין באורך הרוח האופייני לו.

(מתוך "הד החינוך" מס' כ', תשכ"ד, לשלושים לפטירתו)

1968/5728 - ידיעון - צייטשריפט


חוטין

NOTICIARIO
BULLETINE

ארגון יוצאי חוטין (בסרביה) והסביבה
בישראל ובתפוצות

HOTIN (Bessarabia) and Environs
Fellows Association in Israel and Diaspora

P.O.B. T.A. 25070	ת. ד. ת"א 25070
Post bank T.A. 24605	בנק הדאר ת"א 24605
P.O.B. Haifa 9508	ת. ד. חיפה 9508
Post bank Haifa 13894	בנק הדאר חיפה 13894



KRUZHOK

קורא יקר!

הרשני לפנות אליך להדברות מלב אל לב!

תתפלא שפתאום החלטנו להוציא ידיעון. אולי ואתה שואל למי זה נחוץ? אולי אתה אפילו אינך יודע על קיומינו?

מלהבת העולם השניה והשואה שבאה בעקבותיה השמידה את קהילתנו והחריבה את עירנו חוטין.

קהילתנו הקדושה והעיר חוטין התקיימו במשך מאות בשנים. מהוית דרמאטיים־היסטוריים התרחשו בגבולותיה וכעת העיר והקהילה אינם קיימים עוד. פוזרנו לכל קצות תבל והרוב בינינו (כ־600 משפחות) חיים חיים חדשים במדינתנו הישנה־חדשה והשלמה — מדינת ישראל.

כהורים נשאלתם לא פעם ע"י ילדיכם מה היו חייכם בחוטין? איך נראו מוסדות הציבור ועסקניה, מי היו הורינו, זקנינו וקרובינו שנפלו על קדוש השם? מבינים אנחנו שאלות אלו, במידה ונשאלו הבינו אותך. ובאם לא נשאלו ע"י ילדיך הרי אתה בעצמך רצית לא פעם לספר להם על העבר.

רב הרצון להנציח זכר קהילתנו וקדושיה. אנו שנשארנו בחיים ושזכינו לשוב למולדתנו לקחנו על שכמינו את החובה הקדושה הזו — להנציח ולא להשכיח.

ספר זה, שאתה תקרא יכיל פרקים ומגוונים מהעבר ההיס־טורי הרחוק והמפואר, מעבר הקהילה, מחיי התרבות, מהפולקלור היהודי החוטינאי, חיי הקהילה, חיי החברה, חיי הציבור, אנשים ומוסדות.

צעדנו הראשון כבר הושלם! הוקמה מצבה במרתף השואה על הר ציון שבירושלים בירתנו הנצחית.

צעדנו השני הוא איסוף חומר לספר הזכרון.

אתה יכול, צריך, מוברח, חובה עליך לעזור לנו להנציח את קדושינו, יקירינו, יקיריך!

שלח לנו חומר על חוטין, על הקהילה, על משפחתך.
שלח לנו תמונות, מסמכים וכו'.

אם ברצונך, נחזיר לך את כל המסמכים, אחרי עיון בהם.

אנו הדור האחרון מבני חוטין חייבים חוב זה לקדושינו.
— ואם לא עכשיו אימתי?

נסיים בדברי הסופר הדגול ויקטור היגו: „המתים אינם נראים, אבל בינינו נשארים לעד"

שלום

אם ברצונך לדעת יותר עלינו, על ארגוננו, על חוטינאים שנמצאים במדינה, על גורל בני משפחתך, על גורל ידידיך ומכירך, — כתוב לנו. נשמח לעזור לך.

✶

אם ברצונך לעזור לנו ולתרום לקרן „הוצאת ספר הזכרון לקדושי חוטין" תבוא עליך ברכה.

את התרומות אפשר לשלוח אלינו באמצעות צ'קים. או להעביר על חשבון מס' 11035 של בנק הפועלים תל־אביב, סניף בוגרשוב.

✶

אם ברצונך להקדיש דף או חלק של דף בספר הזכרון לקדושיך — כתוב לנו ונענה לך בקשר לתנאים.

Dear reader!

Do permit me to have with you a heart-to-heart talk!

May be this bulletin is an astonishment to you. May be you'll ask who needs such a thing? May be you even don't know that we exist?

The Second World War and the massacres due to it annihilated our community and destroyed our city **Hotin**. Hundreds of years existed our holy community and city. Dramatical and historical happenings took place through centuries, between the city walls, and now there is no city and no community. We were dispersed to all the world corners and most of us (approx. 600 families) are living a new life in our old-new and entire country, **The State of Israel.**

As parents you were asked not once by your children how was your life in Hotin? Who were our parents, our grandfathers and grandmothers, our relatives, who died for goodness' sake (Al Khidush Hashem)? How was our community and who were her leaders? And so asked probably you couldn't answer them. And if not asked, probably you would have liked not once to tell them the story about the past.

Great is our desire to perpetuate the remembrance to our **Holy Community**. We, the one who were left to live and return to our native country took on our shoulder the holy duty to remember and not to forget.

The **Book** which you will read shall comprise interesting chapters from the distant, exceptional, historical, past, the Community past, the cultural life, the Jewish folklore, the Community life, the society life, the population life, persons and institutions.

Our **First Step** has been performed! A Memorial Monument has been erected in **Iad Vashem** on **Mount Zion**, in our eternal capital **Jerusalem.**

Our **Second Step** is the collection of literature and material for the **Memorial Book.**

You can, must, shall, it is your **Duty** to help us to eternise our saints, our loved, **Your Loved!**

Send us material on **Hotin**, on the Community, on your family, your relatives, your acquaintances.

Send us pictures, documents etc.

If it is your wish, after studying them **we'll send them back to you.**


We are the last generation of Hotin. **We** owe this duty to our saints, **and if not now than when?**

Let us end with the words of Victor Hugo "We cannot see the deads, but they are between us, for ever."

Shalom

ידיעון של הארגון

כָּאטִין



דער שלאָס אין כאָטין

כאַטין - אַ שטאָט אין בעסאַראַביע

ראשי פּרקים פון דער כאָטינער געשיכטע

אַ פּינקטלעכע דאַטע ווען כאָטין איז געגרינדעט געוואָרן — איז ניט באַוווּסט. מ'איז זיך משער אַז ס'האָט זי מייסד געווען דער אָנפירער פון די דאַקן, קאָטיזאָן (אָדער כאָטיזאָן), אין 6־טן יאָרהונדערט, און נאָך אים הייסט טאַקע די שטאָט. אַזוי איז מען זיך אויך משער אַז בעסאַראַביע נעמט זיך פון "בעסער", אַ נאָמען פון די טראַקישע וואַנדערער פון 7־טן יאָרהונדערט.

אין יאָר 278 זענען די רוימער אַוועק פון דאַקיע, נאָך דער אינוואַזיע פון די מערבדיקע גאָטן אין דער געגנט פון בעסאַראַביע. בעת דער פעלקער־וואַנדערונג זענען אַדורכ־געגאַנגען פאַרשיידענע שבטים, אָבער זיי האָבן ניט איבער־געלאָזט קיין שום סימן אין לאַנד.

אין 7טן יאָרהונדערט האָבן די סלאַוון, וואָס האָבן געלעבט אין דער צפון־זייט פון די קאַרפּאַטן־בערג, זיך אָנגעהויבן אויסצושפּרייטן און מיט דער צייט האָבן זיי זיך באַזעצט אויפן גאַנצן שטח פון די סטעפּן, אין צפון פון שוואַרצן ים, ביז צו דער פינישער בוכטע. זיי האָבן דורכ־געשניטן אָט די שטחים, די באַדעקטע מיט אורוועלדער, שווימענדיק אויף רחוותדיקע טייכן, וואָס זענען נאָך הונדער־טער יאָרן געבליבן די איינציקע וועגן פון האַנדל אין יענער געגנט. קיִעוו איז געוואָרן די הויפּטשטאָט פון דער וואַר־יאַגישער מלוכה און דער גרויסער קיִעווער פירשט האָט גע־הערשט איבער דער גאַנצער געגנט, וואָס האָט אים געצאָלט שטייערן: פעלן, תבואה, האָניק, וואַקס און שקלאַפן. כאָטין איז געווען אַ סלאַווישע פעסטונג, און אין 10־טן יאָרהונדערט איז זי איינגעשלאָסן געוואָרן אין קיִעווער רוסלאַנד, ווי די איבעריקע טיילן פון בעסאַראַביע.

אין 12טן יאָרהונדערט האָבן זיך די רוסן צוריק־געצויגן קיין צפון, אונטערן דרוק פון די אינוואַדירנדיקע פעלקער און זענען אַריינגעדרונגען אין פוילן און ליטע. אַן אַנדער טייל האָט זיך באַזעצט אַרום מאָסקווע. נאָווגאָראָד איז געוואָרן דער וויכטיקסטער צענטער פון דער צפונדיקער רוסישער מלוכה. ווען די קיִעווער מלוכה איז זיך פאַנאַנדער־געפאַלן, איז די שטאָט כאָטין געוואָרן אַ טייל פון גאַליציע (גאַליציע־וואָלין) און צוגלייך אַ וויכטיקער צענטער פון האַנטווערק און מסחר.

אין 13טן יאָרהונדערט, אין יאָר 1240, האָבן די זין און אייניקלעך פון גינגיס־כאַן פאַרנומען קיִעוו. זיי האָבן פאַרטריבן די טערקן ביז קיין אונגאַרן און די מאָנגאָ־לישע רייטערס האָבן דערגרייכט אין יאָר 1241 ביז קיין איטאַליע און ביז צום אַדריאַטישן ים. די אייראָפּייער האָבן זיי אָנגערופן טאַטאַרן (אָדער טאַרטאַרן). די דאָזיקע טאַטאַרן האָבן אינוואַדירט פוילן און זייער דרומדיקער פליגל האָט זיך אויסגעשפּרייט איבער דער מיזרחדיקער מוסולמענישער וועלט, איינגענעמענדיק כאַלעב, באַגדאַד און דמשק. אָבער נאָך 1243 האָבן די מאָנגאָלישע חיילות זיך בהדרגהדיק צוריק־געצויגן אין די אַסיאַטישע סטעפּן. נאָר אין רוסלאַנד איז געבליבן די מערבדיקע מאָנגאָלישע מלוכה (די גאָלדענע האָרדע) ביזן 15־טן יאָרהונדערט.

אין 13־טן יאָרהונדערט איז שוין כאָטין אַ היסטאָרישער פאַקט, באַקאַנט ווייט און ברייט ווי די כאָטינער פעסטונג. די פעסטונג אַליין האָבן מסתמא אויפגעבויט די גענאָוועזער, נאָך דעם ווי זיי האָבן איינגענומען די שטאָט און זי פאַר־וואַנדלט אין אַ האַנדל־צענטער ביים ברעג פון דניעסטער.

די פעסטונג האָט געדינט ווי אַ שיץ פאַר יעדער מאַכט וואָס האָט פאַרנומען די שטאָט. ווען כאָטין איז איבערגעגאַנ־גען צו מאָלדאַוויע האָט דער פירשט שטעפאַן טשעל מאַרע, אין סוף 15־טן יאָרהונדערט, פאַרברייטערט די פעסטונג, ווי אַ מין שילד קעגן טערקישער אינוואַזיע. נאָך זיין טויט האָבן

די טערקן פאַרנומען די פעסטונג. די כאָטינער פעסטונג האָט אויך געשפּילט אַ וויכטיקע ראָלע אין 17־טן און 18־טן יאָר־הונדערט, אין די מלחמות פון די פּאָליאַקן און רוסן קעגן די טערקן.

יאַן סאָביעסקי האָט אָנגעגריפן די טערקן, אַ דאַנק דער דאָזיקער פעסטונג און זיי גורם געווען אַ סך שאָדן. אין 17־טן יאָרהונדערט, נאָך דעם ווי דער מאָלדאַווישער פירשט דימיטריע קאַנטעמיר איז אַנטלאָפן קיין רוסלאַנד, האָבן די טערקן ווידער דעראָבערט די כאָטינער פעסטונג און זי רענאָ־ווירט מיט דער הילף פון פראַנצייזישע אינזשענירן. אין יאָר 1739 האָט מיניק איינגענומען די כאָטינער פעסטונג, אין רוסיש־טערקישן קריג. לויטן הסכם פון בעלגראַד איז די פעסטונג איבערגעגעבן געוואָרן די טערקן. אין דער מלחמה פון 1768—1774 האָבן די רוסן דעראָבערט כאָטין אָבער זיי האָבן די שטאָט צוריקגעגעבן די טערקן אין 1774, לויטן הסכם פון קוטשוק־קינאַרדזשי. אין 1787 האָבן די חיילות פון רוסיש־עסטרייכישן פאַרבאַנד פאַרנומען כאָטין, אָבער אויך זיי האָבן די שטאָט צוריקגעגעבן די טערקן, לויטן הסכם פון יאַס, אין יאָר 1791.

אין דער מלחמה פון 1806—1812 האָט מחמד־פּאַשאַ אָפּ־געטראָטן די כאָטינער פעסטונג פאַר רוסלאַנד, לויטן הסכם פון בוקאַרעשט. פון דעמאָלט איז די שטאָט אַראָפּ פון דער מדרגה און אין 1856 איז זי אין גאַנצן מבטל געוואָרן ווי אַ סטראַטעגישע פעסטונג, בלייבנדיק נאָר אַ היסטאָרישער מאָנומענט פון אַמאָליקע צייטן.

די ערשטע וועלט־מלחמה האָט ניט געהאַט קיין דירעקטע השפעה אויפן לעבן פון דער שטאָט און אין יאָר 1918 איז זי איבערגעגאַנגען, אין איינעם מיט גאַנץ בעסאַראַביע, צו דער רומענישער מלוכה. אין 1919 (פון 23־טן ביזן 31־טן יאַנואַר) איז כאָטין געוואָרן דער צענטער פונעם אויפשטאַנד קעגן די רומענער. די רומענישע מאַכט האָט אָבער דערשטיקט דעם אויפשטאַנד און באַוויזן צו באַהערשן דעם מצב.

געאָגראַפישע פּרטים

כאָטין ליגט אין צפון־בעסאַראַביע, צווישן די טייכן פּרוט און דניעסטער, 283 קילאָמעטער פון קעשענעוו און 554 קילאָ־מעטער (לופטליניע) פון בוקאַרעשט. די באַנסטאַנציע איז געווען 35 קילאָמעטער ווייט פון דער שטאָט. פון דאָרטן איז מען געפאָרן קיין יאַס, וואַסילי לופּו, בעלץ, ליפּקאַן און טשערנאָוויץ.

די פעסטונג איז געשטאַנען ווי אַ שילד ביי דער צפון־גרענעץ מיט פוילן און רוסלאַנד — דאָס איז געווען די אַמאָליקע צפונדיקע גרענעץ פון רומעניע גופא. אין דער מיזרח־זייט פון כאָטין געפינט זיך סאָראָקע, אין דרום־מיזרח — בעלץ, אין דרום — דאָראָהוי און אין מערב — טשערנאָוויץ.

דער סימבאָל פון דער כאָטינער געגנט איז געווען אַ רויטער שילד, אויף וועלכן ס'איז געווען איינגעקריצט אַ פעסטונג לעבן אַ טייך און איבער דער פעסטונג — צוויי שווערדן אין פאָרעם פון אַ קרייץ, איבער אַ זילבערנער האַלבער לבנה. דאָס בילד האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט די כאָטינער פעסטונג אויפן ברעג פון דניעסטער און די מלחמות פון די קריסטן קעגן די טערקן.

דער גאַנצער שטח (3782 קוואַדראַט קילאָמעטער) איז אַ פלאַכער. דאָ און דאָרט אַ קליין בערגל, אָדער אַ וואַלד.

די אַדמיניסטראַטיווע און יורידישע קאַרטע פון דער כאָטי־נער געגנט ווייזט אויף (לויט דער מאָדערנער רומענישער ענציקלאָפּעדיע), הונדערטער דערפער אין דער סביבה. צו דער כאָטינער געגנט האָבן נאָך געהערט פאָלגנדיקע יישובים: קעלמעניץ, קלישקאָוויץ, דינאַוץ, ליפּקאַן, סעקורען, סוליצע, בריטשען, נאָוואָסעליצע, נעפּאָראָטעוואַ, יאַנאַוץ.

לויט דער פאָלקס־ציילונג פון יולי 1937 זענען אין דער כאָטינער געגנט געווען 425.627 איינוווינער, די סאַמע באַפעל־קערטע געגנט אין גאַנץ בעסאַראַביע. 70% רומענער, 16,5% סלאַווען, 13,5% יידן.

קלימאַט: דורכשניטלעך איבערן יאָר — 8 גראַד. אין ווינטער — עטלעכע גראַד אונטער נאָל. אין זומער — 25—28 גראַד.

קיין אַנדערע טייכן, אַחוץ דעם דניעסטער און דעם פרוט זענען דאָרטן ניט פאַראַנען. דאָס וואַסער פון רעגנס און שנייען זאַמלט זיך אין אָזערעס, וואָס אַ טייל פון זיי טריקענען אויס אין זומער.

די כאָטינער געגנט האָט געלעבט בפרט פון לאַנדווירט־שאַפט. אויך די אינדוסטריע איז געווען באַזירט אויף לאַנד־ווירטשאַפט. די איינוווינער פון דער געגנט האָבן געהאַט בינשטאָקן און די פעלדער האָבן זיי פאַרזייט מיט תבואה, גרינצייג, צוקער־בוריקעס; זיי האָבן פאַרמאָגט סעדער, וויינ־גערטנער און וועלדער. אויף די לאָנקעס האָבן זיך געפּאַשעט שאָף, רינדער און ציגן. לעבן דער שטוב האָבן די פויערים געהאַלטן חזירים.

פון כאָטין האָט מען עקספּאָרטירט עסנוואַרג און פעלן. אין דער כאָטינער געגנט זענען געווען דריי בענק, וואָס האָבן געשטיצט די גאַנצע עקאָנאָמיע.

לויט דער פאָלקס־ציילונג פון 1937 זענען אין דער שטאָט כאָטין אַליין געווען 15.287 איינוווינער: 7344 מענער און 7943 פרויען.

יידן אין כאָטין

אַ סברה אַז יידישע יישובים האָבן עקזיסטירט אין מיזרח־אייראָפּע און אין די באַלקאַנישע לענדער נאָך פון הורדוסעס צייטן, פון סוף בית־שני, אָבער קיין פּרטימדיקע באַווייזן בנוגע דעם דאָזיקן ענין זענען עד היום ניט פאַראַן. אוודאי האָט אַזאַ שטאָט ווי כאָטין, ביים ברעג פונעם דניעסטער, אַ

וויכטיקער אינטערנאַציאָנאַלער האַנדלוועג אין דער אַלטער צייט, צוגעצויגן אַ סך פעלקער, וואָס האָבן זיך באַמיט צו באַהערשן די גאַנצע געגנט. בעת די שטורמישע געשעענישן, בעת די קריסטלעכע רדיפות קעגן יידן, זענען פאַרלוירן געגאַנגען אַ סך דאָקומענטן, וואָס וואָלטן געקענט אפשר קלאָר דערווייזן פון ווען יידן האָבן זיך געיאַוועט אין יענע מקומות.

אין "דברי ימי ישראל בתוגרמה" (רוזאַניס) געפינען מיר, אַז 20 יאָר איידער די טערקן האָבן פאַרנומען בולגאַריע, זענען אַהין געקומען די ערשטע יידן פון אונגאַרן. אין 1376 האָט דער מלך לודוויג דער ערשטער פון אונגאַרן אַרויסגעלאָזט אַ באַפעל אַז אין זיין מדינה איז דערלויבט נאָר די קאַטוילישע רעליגיע. די יידן וואָס לעבן אין דער מדינה און ווילן ניט אָננעמען דעם קאַטוילישן גלויבן מוזן אַזוי אַרום פאַרלאָזן דאָס לאַנד און מעגן נעמען מיט זיך זייער האָב און גוטס. זענען טאַקע די יידן פון דאָרטן אַוועק קיין פוילן און אַ טייל פון זיי האָבן געוואַנדערט ווייטער, ביז צו דער כּוזרישער מלוכה.

אַ סברה אַז נאָך אין יאָר 1467 איז פאַרבייגעפאָרן דורך כאָטין אַ גרויסער יידישער סוחר פון סטאַמבול, מיטן נאָמען דוד און מיט אים זיין אַגענט, וואָס האָט געהייסן יוסף. דער ערשטער דאָקומענט אין וועלכן ס'רעדט זיך אָבער וועגן כאָטינער יידן ווי וועגן אַ קהילה איז געשריבן געוואָרן אין יאָר 1497, ווען דער פירשט שטעפאַן פון מאָלדאַוויע שרייבט וועגן זיי צו דעם פירשט אַלכּסנדר פון ליטע.

פון 15־טן יאָרהונדערט און ווייטער האָבן יידן אַלץ מער באַנוצט דעם האַנדלוועג דורך בעסאַראַביע (אַקערמאַן, קיליאַ, רעני, איזמאַיל, כאָטין), פאַרבינדנדיק די מיזרח־לענדער, און בפרט די שטעט ביים ברעג פונעם שוואַרצן ים, מיט די צפונדיקע לענדער, בפרט מיט דעם האַנדל־צענטער פון לעמבערג. אין יענער צייט האָבן יידישע סוחרים פון דרום־מיזרח פוילן (גאַליציע) זיך אַוועקגעלאָזט אויף די יאַרידן אין בעסאַראַביע און ביסלעכווייז געשאַפן אין צפון און אין צענטער פון בעסאַראַביע יידישע יישובים. אָט די יישובים האָבן זיך אָנגעהויבן צו אַנטוויקלען, אַ דאַנק די פליטים פון גזירות ת"ח, וואָס האָבן געפונען אַ מקלט אין בעסאַראַביע.

אין 16־טן יאָרהונדערט האָט אָנגעהויבן וואַקסן די צאָל כאָטינער יידן. פון פוילן און דייטשלאַנד האָבן אָנגעהויבן קומען יידן קיין בעסאַראַביע און אַ סך פון זיי האָבן זיך באַזעצט אין כאָטין. די כאָטינער יידן האָבן דעמאָלט געצאָלט שטייערן די הערשערס פון מאָלדאַוויע.

רוזאַניס ברענגט אין זיין אויבן דערמאָנטער אַרבעט ראיות וועגן אַקטיווער מיטאַרבעט פון יידן מיט די טערקישע חיילות. יידן פון טערקיי האָבן געקעמפט אין די טערקישע מלחמות און האָבן מקריב געווען אַ גרויס פאַרמעגן כדי צו ראַטעווען אָסמאַנס אימפעריע אין אייראָפּע, ווייל אונטער זיין הערשאַפט האָבן זיי געקענט אָפּהיטן יידישקייט. די טערקישע מאַכט האָט זיי געשיצט קעגן רדיפות. יידן וואָס האָבן געדינט אין מיליטער, האָבן זיך שטענדיק אויסגעצייכנט מיט זייער ליבשאַפט צו דעם געבוירנלאַנד און עס פאַרטיידיקט קעגן די אַרומיקע שונאים.

אין יאָר 1651 האָט כמעלניצקי, דער צורר היהודים, צעשטערט דעם יידישן יישוב פון כאָטין. ערשט ווען די טערקן זענען ווידער געקומען צו דער מאַכט, האָט די שטאָט זיך פון ס'ניי אַנטוויקלט. דער יידישער קוואַרטאַל האָט זיך אויסגעבויט לעבן די מויערן פון דער פעסטונג, דאָרט וווּ ס'איז שפּעטער מיט יאָרן געוואָרן די אַלטשטאָט.

דאָס 17־טע יאָרהונדערט איז די שטאָט געווען ווייניק וואָס סטאַביל פון פּאָליטישן קוקפונקט און יידן האָבן געפילט די אָפטע ענדערונגען פון דער מאַכט. איין הערשאַפט האָט געבראַכט ייאוש און די אַנדערע האָפענונג פאַר דעם יידישן יישוב.

אין אָנהייב 18־טן יאָרהונדערט זענען שוין געווען סטאַבילע יידישע יישובים אין עטלעכע בעסאַראַבער יאַריד־שטעט און ביים סוף 18־טן יאָרהונדערט זענען שוין געווען אַ סך יידן אין די שטעט און אין אַ גרויסן טייל פון די בעסאַראַבער דערפער, וווּ זיי האָבן זיך באַזעצט לויט דער פאַרבעטונג פון אַדללייט, וואָס זענען געווען פאַראינטערעסירט צו אַנטוויקלען זייערע גיטער. (העברעישע ענציקלאָפּעדיע).

פונקט ווי די איבעריקע באַפעלקערונג, זענען אויך יידן געווען אין די הענט פונעם פירשט; וואָס ער האָט געוואָלט דאָס האָט ער געטאָן. אין יאָר 1726 זענען די יידן פון אוניצקאַן געפאַלן אַ קרבן פון אַ בלוט־בלבול. בדרך־כלל האָבן די יידן ווייניקער געליטן אין יענע מקומות וואָס זענען געווען דירעקט אונטער טערקישער הערשאַפט.

אין 19־טן יאָרהונדערט, נאָך דעם ווי רוסלאַנד האָט אַנעקסירט בעסאַראַביע (1812), האָבן יידן, לויטן רעגולאַמענט פון 1818, זיך געמוזט אָנשליסן צו איינער פון די דריי קלאַסן: סוחרים, שטאָטלער און ערד־אַרבעטער. זיי האָבן געהאַט בדרך כלל די זעלבע רעכט און התחייבותן ווי די גאַנצע באַפעלקערונג (דיסקרימינירט זענען זיי געווען נאָר וואָס נוגע אַרבעט אין מלוכישע עמטער און איינקויפן ערד פון די פּויערים). די אַלטע פּריווילעגיעס וואָס זיי האָבן באַקומען פון די מאָלדאַווישע פירשטן זענען געבליבן אויפרעכט און אַזוי אַרום האָבן בעסאַראַבער יידן געהאַט אַ באַזונדערן מצב: זיי זענען געווען באַפרייט פון די גזירות און באַגרענעצונגען, פאַר די איבעריקע רוסישע יידן. דאָס איז אַזוי געגאַנגען ביזן יאָר 1835, ווען די געזעצן קעגן רוסישע יידן זענען אַריבערגעטראָגן געוואָרן אויך אויף בעסאַראַביע. אין יאָר 1839 האָט מען פאַרבאָטן אויך בעסאַראַבער יידן צו וווינען אין די יישובים וואָס האָבן זיך געפונען 50 ווערסט (35 קילאָמעטער) פון דער מערבדיקער גרענעץ. אין 1851 האָט מען איינגעפירט אין בעסאַראַביע דעם מיליטער־דינסט פאַר יידן, פונקט ווי אין גאַנץ רוסלאַנד. אין דער צווייטער העלפט פון 19־טן יאָרהונדערט זענען די בעסאַראַבער יידן איינגעשלאָסן געוואָרן אין געזעצלעכן רעמל, וואָס איז באַשטימט געווען פאַר די יידן פון גאַנץ רוסלאַנד. (העברעישע ענציקלאָפּעדיע).

די גזירה וואָס דער צאַר ניקאָלאַי האָט אַרויסגעלאָזט קעגן יידן האָט זיי געצוווּנגען צוצושטעלן יעדעס יאָר אַ באַשטימטע צאָל זעלנערס. מ'האָט גענומען צום מיליטער אַפילו צוועלף־

Хотинъ—уѣздн. гор. Бессарабской губ., на крайнемъ ея С, на правомъ возвышенномъ и обрывистомъ берегу Днѣстра, по склонамъ двухъ холмовъ. Вслѣдствіе разбросанности построекъ, обилія садовъ и незначительнаго числа каменныхъ зданій общій видъ города напоминаетъ большую деревню; только еврейскій кварталъ съ его тѣсно скученными лачугами (по большей части безъ дворовъ) походитъ на мѣстечко. Отъ ст. Ларга (Новоселицкой вѣтви Юго-зап. жел. дор.) Х. въ 25 вер., отъ австрійской границы въ 5 в. Съ городомъ сливаются 4 предмѣстья и одинъ хуторъ. Жителей (съ предмѣстьями) 23839, безъ предмѣстій, по переписи 1897 г., 18126 (9141 муж. и 8985 женщ.). Зданій 2984, церквей правосл. 3, одна католическая часовня, 1 армяно-григоріанская црк., 1 синагога, 16 еврейскихъ молитв. домовъ. Единственную достопримѣчательность городъ составляютъ остатки крѣпости и цитадели, находящіеся въ состояніи полнаго разрушенія: болѣе или менѣе сохранились мѣстами каменныя стѣны крѣпости и высокій минаретъ. Торговля и промышленность Х. незначительны. Заводовъ гончарныхъ издѣлій 4, известковыхъ 2, кирпичныхъ 5, мыловаренный 1, маслобойныхъ 5, свѣчныхъ 2, табачныхъ фабрикъ 2, мельницъ водяныхъ 21 и вѣтряныхъ 11, винокуренный заводъ 1, вырабатывающій до 1200000 град. вина), пивоваренныхъ 3 (до 90000 вед. въ годъ), оптовыхъ винныхъ складовъ 3. Нѣсколько гипсовыхъ домовъ. 6 ярмарокъ, на которыхъ торгуютъ преимущественно хлѣбомъ и мануфактурными товарами. Ремесленниковъ 1057. 3 больницы съ 8 врачами, 2 земскихъ ветеринара, 4 ветеринарныхъ фельдшера, 3 аптеки. Х.—центральный пунктъ второго отдѣла бригады пограничной стражи. Училища уѣздное, приходское и казенное еврейское. Метеорологическая станція. Доходовъ ок. 28 тыс. руб., расходовъ свыше 27 тыс. р. Городу принадлежатъ 3447 дес. земли, въ томъ числѣ пахатной 1668 дес., сѣнокосной и пастбищной 281, лѣса 433, усадебной земли 905, неудобной 160 дес. На городской землѣ разведено до 40 табачныхъ плантацій (свыше 18 дес.). Запаснаго капитала нѣтъ, въ недоимкахъ числятся 37923 руб. Водоснабженія, освѣщенія и даже мостовыхъ (существовавшихъ при турецкомъ владычествѣ) въ городѣ нѣтъ.

Исторія. Основаніе города Х. приписывается предводителю даковъ Котизону, по имени котораго и названъ былъ городъ. Сооруженіе Хотинской крѣпости относится ко времени господства здѣсь генуэзцевъ, которые имѣли на берегу Днѣстра торговыя станціи и конторы. Когда Х. отошелъ къ Молдавіи, господарь Стефанъ Великій расширилъ крѣпость и укрывался здѣсь отъ нападеній турокъ. Послѣ его смерти турки завладѣли Х. Въ XVII и XVIII вѣкахъ Х. былъ сильной крѣпостью, игравшей огромную роль въ войнахъ русскихъ и поляковъ съ турками. Когда польскій сеймъ въ 1672 г. отказался утвердить позорный для Польши Бучачскій миръ съ турками, Собѣсскій напалъ на широко раскинувшійся лагерь турокъ около Х. и нанесъ имъ страшное пораженіе (11 ноября 1673 г.); 66 знаменъ, въ томъ числѣ зеленое знамя пророка, посланное побѣдителемъ папѣ, и 120 пушекъ попало въ руки поляковъ; 20000 турокъ пало въ бою, около 8000 чел. утонуло въ Днѣстрѣ, во время отступленія къ Каменцу, вслѣдствіе провала моста. Въ XVII столѣтіи Х. владѣли попеременно молдаване, поляки, украинскіе казаки и турки. Въ 1711 г., послѣ бѣгства молдавскаго господаря Дмитрія III Кантемира въ Россію, турки завладѣли Хотинскою крѣпостью и перестроили ее при помощи французскихъ инженеровъ. Въ 1739 г., во время войны Россіи съ Турціей, Минихъ взялъ Хотинскую крѣпость. По Бѣлградскому договору 1739 г. крѣпость была возвращена туркамъ. Во время войны 1768—74 г. крѣпость была занята русскими, но по Кучукъ-Кайнарджійскому трактату 1774 г. снова возвращена Турціи. Въ 1787 г. союзныя войска Россіи и Австріи взяли Х., который по Ясскому миру 1791 г. былъ возвращенъ туркамъ. Во время войны 1806—12 г. Мехмедъ-паша сдалъ Х. русскимъ; по Бухарестскому договору 1812 г. Х. окончательно отошелъ къ Россіи и обращенъ въ крѣпость второго разряда. Въ 1856 г. Хотинская крѣпость упразднена.

(פֿון דער ייִדישער ענציקלאָפּעדיע סט. פּעטערבורג)

יאַריקע קינדער, זיי געהאַלטן ווייט פֿון יעדן ייִדישן יישוב און זיי צוגעגרייט פֿאַרן צאַרס אַרמיי. די ייִדישע אינסטי־טוציעס האָבן געדאַרפֿט אַליין צושטעלן די געהעריקע צאָל "פּוימאַניקעס" און דערפֿאַר געוואָרן שותפֿים צו דעם כאַפּן פֿון קינדער און אָוועקשיקן פֿאַר סאָלדאַטן. באַפֿרייט פֿון מיליטער־דינסט זענען געווען סוחרים, בעלי־מלאכות מיט־גלידער אין גילדעס, מעכאַניקערס אין פֿאַבריקן און אַבסאָל־ווענטן פֿון פֿאָלקשולן. כאָטינער ייִדן האָבן אויך געגעבן אָט דעם טייערן אָפּצאָל. אויך פֿון כאָטין זענען אָוועקגעריסן געוואָרן קינדער פֿון דער מאַמעס שויס און אָוועקגעשיקט געוואָרן ווי "פּוימאַניקעס".

אין יאָר 1848 האָבן כאָטינער ייִדן ניט געפֿילט בכלל "דעם פֿרילינג פֿון די פֿעלקער". פֿון דעסטוועגן איז די ייִדישע באַפֿעלקערונג געוואַקסן און זיך פֿאַרמערט פֿיר ביז פֿינף מאָל אַזוי פֿיל.

די פֿאָלקסציילונג פֿון יאָר 1847 דערווייזט אַז אין כאָטין זענען געווען 1067 ייִדישע משפּחות, אָרגאַניזירטע אין פֿאַר־שיידענע פֿאַרבאַנדן, צווישן וועלכע דער וויכטיקסטער — "חברת עזרא". אין די ווייטערדיקע רשימות פֿונעם "ייִוואָ", וואָס מיר ברענגען מיט זיין דערלויבעניש, געפֿינען מיר די צוויי גרויסע ייִדישע צענטערן אין בעסאַראַביע: איינער אין דרום, קעשענעוו, און דער צווייטער אין צפֿון, ביים דניעסטער, לעבן דער עסטרייכישער גרענעץ. קודם־כּל ווערט געבראַכט אַן אַלגעמיינע אָפּשאַצונג פֿון דער בעסאַראַבער ייִדישער באַפֿעלקערונג, אין פּראָצענטן, פֿאַרגליכן מיט דער גאַנצער באַפֿעלקערונג:

אין יאָר 1870 זענען ייִדן 9,09% — 98.114 נפֿשות, פֿון 1.232.082 אין אַלגעמיין.

אין יאָר 1875 זענען ייִדן 11% פֿון דער אַלגעמיינער באַפֿעלקערונג.

אין יאָר 1881 זענען ייִדן 12% — 180.000 נפֿשות, פֿון 1.185.875 אין אַלגעמיין.

אין די יאָרן 81—1880 זענען כאָטינער ייִדן געווען 63%, דאָס הייסט 10.229 נפֿשות פֿון אַן אַלגעמיינער באַפֿעלקערונג פֿון 16.173 נפֿשות.

אין די יאָרן 81—1880 זענען ייִדן אין דער כאָטינער אומ־געבונג 63%, דאָס הייסט 13.871 פֿון דער אַלגעמיינער באַפֿעל־קערונג פֿון 21.858.

אין די יאָרן 81—1880 זענען ייִדן אין די דערפֿער פֿון דער כאָטינער געגנט געווען 3,5% פֿון דער אַלגעמיינער באַפֿעלקערונג.

ביי דער פֿאָלקסציילונג פֿון 1897 האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז די ייִדן זענען געווען אין כאָטין 50% פֿון דער אַלגעמיינער באַפֿעלקערונג אין שטאָט: 9291 ייִדן פֿון 18.126 איינוווינער. אין שטאָט זענען געווען 16 שולן, דריי מושב־זקנים, צוויי ביבליאָטעקן און אַ שפּיטאָל. אין דער גאַנצער שטאָט זענען געווען 2984 הייזער.

די רעוואָלוציאָנערע פּראָפּאַגאַנדיסטן פֿון יענער צייט האָבן שווער געקענט אויפֿטרייסלען דעם צוטרוי פֿון דער באַפֿעל־קערונג אין צאַר. אַנשטאָט צו פֿאַרבעסערן די לאַגע פֿון די אונטערדריקטע, צו הייבן זייער עקאָנאָמישן און קולטורעלן ניוואָ, האָט דער צאַר אויסגעלאָזט דעם כּעס קעגן ייִדן.

ניט געקוקט אויף די רדיפֿות, פּאָגראָמען, חרם, האָבן ייִדן זיך אויסגעגלייכט די פּלייצעס, סיי אונטער דער השפּעה פֿון דער רעוואָלוציאָנערער פּראָפּאַגאַנדע, סיי אונטער דער השפּעה פֿון פּאָליטישן ציוניזם. די יוגנט אין כאָטין האָט זיך ניט געפֿונען קיין אָרט אין זייער געבוירן־שטאָט און געשטרעבט אָוועקצופֿאָרן ווייט אין דער פֿרעמד. די יוגנט האָט זיך אָפּ־געריסן פֿון די עלטערן, פֿון דער היים, פֿון דער שטאָט, איז אָוועק איבער ימען, קיין אַמעריקע און קיין ארץ־ישׂראל.

די רעוואָלוציע פֿון 1917 האָט געבראַכט גלייכע רעכט אויך פֿאַר די בעסאַראַבער ייִדן. אַ נאַציאָנאַלע פֿאַרזאַמלונג פֿון בעסאַראַבער איינוווינער איז זיך צונויפֿגעקומען אין קעשענעוו אין יאָר 1917 און אויסגערופֿן בעסאַראַביע פֿאַר דער מאָלדאַווישער רעפּובליק, אין ראַמען פֿון דער רוסישער פֿעדעראַציע. אין 1917 איז אין כאָטין געשאַפֿן געוואָרן די ערשטע ייִדישע קהילה (וואָס איז אָנערקענט געוואָרן אָפֿיציעל מצד דער רומענישער מאַכט אין יאָר 1929), און דאָס ייִדישע לעבן האָט זיך גענומען אַנטוויקלען אין דעם דאָזיקן רעמל. אין יאָר 1918 איז אָבער בעסאַראַביע איבערגעגאַנגען צו רומעניע און אַזוי פֿאַרבליבן ביז 1940.

אין 1944 האָט דער ראַטן־פֿאַרבאַנד ווידער איינגעשלאָסן בעסאַראַביע אין זיינע גרענעצן און דעם גרעסטן טייל צע־געטיילט צו דער מאָלדאַווישער רעפּובליק. ייִדישע יישובים

אין בעסאַראַביע האָבן אויפגעהערט צו עקסיסטירן. זיי זענען נאָר געבליבן היסטאָרישע דערמאָנונגען.

1931 — אין כאָטין ווערט געשאַפן אַ סניף פון מכבי (18.5.1931).

1932 — אין כאָטין איז פאָרגעקומען די יובל־פייערונג פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און 30 יאָר פון גרינדן דעם קרן הקיימת לישראל.

1935 — די קהילה האָט באַשלאָסן צו געבן 30% פון די שטייערן וואָס זי האָט איינגענומען פון דער יידישער באַפעלקערונג, פאַר די פאַרהונגערטע יידן פון דרום־בעסאַראַביע.

1935 — אין כאָטין ווערט געגרינדעט דער "דעמאָקראַטישער פראָנט פון אַדוואָקאַטן", אַן ענטפער און אַ פראָטעסט קעגן "נומערוס קלאַוזוס", וועגן וועלכן מען האָט באַשלאָסן אין בוקאַרעשט (6.2.1935).

1935 — צו די וואַלן פון דער קהילה ווערן פאָרגעלייגט דריי רשימות. די ציוניסטישע רשימה האָט באַקומען צען מאַנדאַטן פון 40.

1935 — דער קהילה־ראַט האָט באַשלאָסן צו שיקן אַ פראָטעסט צו דער רומענישער רעגירונג, בנוגע אַנטיסעמיטישע באַוועגונגען.
עס ווערט צונויפגעשטעלט אַ קאָמיטעט צוצוגרייטן די פאַראייניקונג פון יידישע קהילות אין בעסאַראַביע.

1935 — די קהילה, אָרגאַניזירט זיך. עס ווערן געשאַפן נייע סעקטאָרן: עקאָנאָמיע, קולטור, צדקה, געזונט, רעליגיע, מושב־זקנים.

1936 — צוזאַמענפאָר פון דער "קולטור־ליגע" וועגן יידישע קולטור־פראָבלעמען.

כאָטין צווישן ביידע וועלט־מלחמות


פון געאָגראַפישן קוקפונקט געהערט די שטאָט כאָטין צו בעסאַראַביע, אָבער פון דעמאָגראַפישן קוקפונקט איז זי געווען, ביז צו דער ערשטער וועלט־מלחמה, געבונדן צו פאָדאָליע (אוקראַינע), היות איר הינטערגרונט איז געלעגן פון יענער זייט דניעסטער, אין דער געגנט וואָס רופט זיך אָן טראַנסניסטריע. פון דאָרט האָט די שטאָט באַצויגן כמעט איר גאַנצע פרנסה.

אויך פון עטנישן קוקפונקט איז דער רוב פון דער באַפעלקערונג געווען אוקראַינער. ביז צו דער ערשטער וועלט־מלחמה איז כמעט קיין זכר ניט געווען פון דער רומענישער שפּראַך. די שפּראַך וואָס האָט דאָרטן געוועלטיקט, סיי אָפיציעל און סיי ווי אַן אומגאַנג־שפּראַך — איז געווען רוסיש.

די כאָטינער יידן האָבן געפירט אַ רייך געזעלשאַפטלעך לעבן. די יידישע און די העברעישע שולן זענען געווען אויף אַ הויכן ניווא. די יוגנט האָט אַקטיווירט אין ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס און אַנדערע געזעלשאַפטלעכע פאַרבאַנדן. יוגנטלעכע האָבן געשטרעבט עולה צו זיין קיין ארץ־ישראל. אין שטאָט זענען געווען יידישע בענק און קאָאָפּעראַטיוון.

אין יאָר 1914 האָט כאָטין באַקומען דעם ערשטן קלאַפּ און דווקא ניט אויפן שלאַכטפעלד. דער קלאַפּ איז געקומען אין גאַנצן אומפאַרהאָפט פאַר דער יידישער באַפעלקערונג. כאָטין איז געווען אַ דורכגאַנג־פּונקט פאַר די רוסישע חיילות, וואָס זענען געגאַנגען אויפן פראָנט. די כאָטינער געגנט איז געוואָרן אַ שלאַכט־געביט און די יידן פון די אַרומיקע דערפער זענען פאַרטריבן געוואָרן פון זייערע ערטער און איבער נאַכט האָבן זיי זיך פאַרוואַנדלט אין פּליטים אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ און אָן פרנסה.

דעם צווייטן קלאַפּ האָט כאָטין באַקומען פון די חיילות



די גאַס וווּ דוד בר האָט געוווינט

גופא וואָס זענען טאָג און נאַכט געגאַנגען דורך דער שטאָט. זיי האָבן געגנבעט און געראַבעט, דער עיקר פון יידן. די זעלנער וואָס האָבן איבערגענעכטיקט אין יידישע הייזער האָבן דעם אַנדערן טאָג מיטגענומען פון שטוב וואָס זיי האָבן נאָר געקענט.

דער דריטער קלאַפּ: די קאָנפיסקאַציעס און די אָפּצאָלן לטובת דער מלחמה. עס זענען אַרויסגעגעבן געוואָרן אייגער נאָכן אַנדערן באַפעלן צו רעקווירירן פאַרשיידענע זאַכן און די זעלנער האָבן זיך שטענדיק געאײַלט אויסצופירן די באַפעלן. די מאַכט האָט געגעבן קבלות פאַר די רעקווירירטע זאַכן, לויט זייער ווערט. מען האָט צוגענומען פערד, וועגענער און כל מיני סחורות.

דערנאָך האָבן זיך אָנגעהויבן צו בייטן די הערשערס. די רוסן זענען אַוועק און עס זענען געקומען די עסטרייכער. די עסטרייכער זענען אַוועק און ס'זענען צוריקגעקומען די רוסן. צום סוף זענען געקומען די רומענער. נאָך דער מלחמה איז די שטאָט געווען צעשטערט און פאַראָרעמט.

פאַר אַלעמען האָט געליטן די יידישע באַפעלקערונג. כמעט אַלע איינוווינער — סוחרים און קליינע בעלי־מלאכות — זענען געבליבן אָן ברויט.

דער איינציקער אויסוועג איז געווען דער וואַנדער־שטעקן. יידן האָבן אָנגעהויבן אויסוואַנדערן קיין צפון־און דרום־אַמעריקע און האָבן זיך דאָרט אָרגאַניזירט אין לאַנדסמאַנשאַפטן, לויט זייערע געבוירן־ערטער.

די עמיגראַציע האָט פאַראַליזירט די יידישע געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט. מיט דער צייט האָבן די כאָטינער פון יענער זייט ים אָנגעהויבן צו שיקן געלט אַהיים.

קורץ פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט זיך גענייטיקט אין הילף אַ גרויסער טייל פון דער כאָטינער יידישער באַפעלקערונג. דער עקאָנאָמישער מצב איז געווען אין שטענדיקער ירידה. ווען רומעניע האָט זיך פאַרבונדן מיט דעם היטלערישן דייטשלאַנד און עס זענען אָנגעקומען די נאַצישע חיילות — איז אויך געקומען אַ סוף צו דעם יידישן אָרגאַניזירטן לעבן אין שטאָט.

ס'האָט ניט קיין סך געדויערט און די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג איז פאַרטריבן געוואָרן קיין טראַנסניסטריע, נאָך דעם ווי מ'האָט אַ טייל אויסגעהרגעט אין מיטן שטאָט גופא. די יידישע קהילה איז ליקווידירט געוואָרן.

נאָך דייטשלאַנדס מפּלה זענען צוריקגעקומען די רוסן און אין איינעם מיט זיי אַ קליינע צאָל יידישע משפחות, וואָס האָבן געלעבט אין דחקות און אָרעמקייט.

פון די באַשרענקטע ידיעות וואָס זענען יאָ אָנגעקומען — ווייסן מיר אַז אין כאָטין לעבן נאָך אַ קליינע צאָל יידן.

כאָטין אָנהייב 20סטן יאָרהונדערט

דאָס לעבן אין כאָטין איז געווען אָפּגעשטאַנען, צוליב דער ווייטקייט פון די קאָמוניקאַציע־ליניעס און צוליב דעם שטייפן צאַרישן רעזשים. ערשט אין די יאָרן 1903—1905 זענען אויך די ווייטע געגנטן אַרייננעריסן געוואָרן אין שטורמישן פּאָליטישן לעבן.

די פּראָפּאַגאַנדע אין וואָרט און שריפט איז געווען אַ וויכטיקער אינסטרומענט צו פאַרשפּרייטן פאַרשיידענע טעאָריעס. ס'האָבן זיך באַוויזן ביכער, בראָשורן, צייטונגען, צירקולאַרן; שליחים זענען אָנגעשפאַרט אין די פאַרוואָרפנסטע ערטער פון לאַנד. מען האָט פאַרשפּרייט פון עקסטרעם לינקע אידעען ביז עקסטרעם רעכטע, בראָש מיט די "שוואַרצע מאות". ליכט און פינצטערניש האָבן געוועלטיקט אונטער איין הימל.

אין יאָר 1904, ווען ס'איז אויסגעבראָכן די מלחמה צווישן רוסלאַנד און יאַפּאַן, איז מאָביליזירט געוואָרן כמעט די גאַנצע יוגנט. די ליבעראַלע רוסישע פּרעסע איז יעדן טאָג אַרויסגעטראָטן קעגן דער רעגירונג, מחמת די מפּלות וואָס די רוסישע אַרמיי האָט געליטן אויפן יאַפּאַנישן פראָנט, כאָטש פון קוואַנטיטאַטיוון קוקפּונקט איז דאָס פאַרהעלטעניש פון די אַרמייען געווען 1:3.

די עקאָנאָמישע לאַגע אין כאָטין איז געווען אַ שפּלדיקע. די נאָענטקייט צו דער עסטרייכישער און רומענישער גרענעץ האָט ניט געבראַכט קיין שום ניצן, ווייל די שטאָט איז געווען ווייט פון דרך־המלך און די וועגן גופא זענען געווען שלעכטע. די אינדוסטריע איז געווען שוואַך: אַ פאַבריק פון ביר און פון בראָנפן; אַ ברעטער־זעג. סיי די פּויערים, סיי די גוטבאַזיצערס האָבן געדאַרפט אָנקומען צו דעם יידישן וואָכערער, כדי אויסצוהאַלטן זייער באַלעבאַטישקייט.

די יידן זענען געווען דיסקרימינירט, פּאָליטיש און עקאָנאָמיש. אפילו די יידישע פאַבריקאַנטן האָבן ניט געוואָלט אויפנעמען יידן, פאַר מורא: וואָס וועלן זאָגן די גויים? דאָס האָט זיי אָבער ניט געהאָלפן. די אַנטיסעמיטישע פּראָפּאַגאַנדע האָט אָנגעוויזן אויף די יידן ווי אויף אַ ניט־פּראָדוקטיוון עלעמענט, וואָס לעבט אויף יענעמס חשבון און אַרבעט ניט.

אַזוי אַרום איז ניט קיין ווונדער וואָס יידן האָבן געהאַט הנאָה פון רוסלאַנדס מפּלה אין דער יאַפּאַנישער מלחמה.

די כאָטינער יידן זענען אָבער געווען וואַך לגבי אַלץ וואָס איז פאָרגעקומען אויף דער גרויסער וועלט און בפרט לגבי די געשעענישן אין דער יידישער וועלט: די באַגעגעניש פון ד"ר הערצל מיטן קיסר ווילהעלם אין ירושלים, אין יאָר 1898, זיין באַגעגעניש מיטן סולטאַן אַבדול־כאַמיד אין 1902, זיין רייזע קיין פּעטערבורג אין 1903, כדי זיך צו באַגעגענען מיטן רוסישן מיניסטער פּלעווע, דער אָפיציעלער אינטערוויו מיטן מלך עמנואל אין רוים, אין 1904, באַגעגענישן מיט קאַרדינאַלן און מיטן פּויפּס פּיוס דער 10טער.

די ציוניסטישע באַוועגונג אין כאָטין איז געווען גאָר אַקטיוו אויף אַלע געביטן. אָנגעהויבן מיטן זעקסטן ציוניסטישן קאָנגרעס האָט אויך כאָטין זוכה געווען צו שיקן אַ דעלעגירטן און ווען מען האָט געשטימט וועגן דער גורלדיקער פּראָבלעם: ארץ־ישראל אָדער אוגאַנדאַ — איז דער כאָטינער דעלעגירטער שמעון שטעפּאַנעסקאָ געווען צווישן די וואָס האָבן זיך אַנטקעגן געשטעלט דער אוגאַנדאַ־אידעע.



די גאס לעבן די פירלעך

אַזאַ שטאָט איז געווען כאָטין

די שטאָט כאָטין געפינט זיך אין דער צפונדיקער געגנט פון בעסאַראַביע. די שטאָט איז באַקאַנט נאָך פון דער וואַנדער־תקופה אין מיטלעלטער און יידן קענען אויפווייזן אַז זיי האָבן דאָרטן געוווינט אין משך פון דורות נאָך אַנאַנד.

די שטאָט איז איינגעטיילט אין צווייען: דער טייל וואָס איז געוואָנדן צום דניעסטער איז דער עלטסטער. די געסלעך זענען געווען דאָרטן שמאָלע און די הייזער אַלטע און פאַר־רויכערטע, ווי די שטעטלעך אויף די בילדער פון מאַרק שאַגאַל. בדרך־כלל האָבן די הייזער געהאַט איין גאָרן און זענען געשטאַנען ענג איינס לעבן אַנדערן. מען איז אַרויפ־געגאַנגען אויף שמאָלע טונקעלע טרעפ פון האָלץ. די צימערן זענען געווען געראָם — אַ טייל מיטן פנים צו דער גאַס, אַ טייל מ׳טן פנים צום הויף. די באַלעבאָסטעס זענען געווען בריות, ניט נאָר צוליב די גוטע מאכלים וואָס זיי פלעגן מאַכן, נייערט אויך מיט דער ריינקייט אין די שטיבער, מיט די גלאַנצנדיקע כלים פון מעש און קופּער.

די קלייטן זענען געווען טונקעלע און מ׳האָט געקענט געפינען אין זיי אויסגעמישט גאַלאַנטעריע, טעקסטיל און אַנדערע סחורות. ס׳איז געווען גענוג מע זאָל אַ קוק טאָן אין אַזאַ קלייט, כדי צו זען די אָרעמקייט אין וועלכער ס׳האָבן געלעבט די כאָטינער געוועלבערס. אָבער אין אָט דער שטיקנ־דיקער אַטמאָספער האָבן געגלאַנצט קלוגע אויגן, פון וועלכע ס׳האָט אַרויסגעשיינט דאָס ליכט פון תורה.

די יידן האָבן געלייענט מיט אינטערעס די זשורנאַלן דער איד און אונדזער צייט און פאַרשטאַנען די מאמרים וועגן די געשעענישן אין רומעניע און אין ארץ־ישראל. זיי זענען אויך געווען בקי אין דער פאָלעמיק צווישן ״בונד״ און די ציוניסטן. די יידישע מאַסן אין בעסאַראַביע האָבן נאָכגעפאָלגט מיט אינטערעס די קאַמפן אויף דער יידישער גאַס. כאָטש יעדער איינער האָט אַרויסגעזאָגט זיינע געדאַנקען אויף זיין אייגענעם אופן, האָט זיך תמיד געפילט די השפעה פון די געלייענטע אַרטיקלען אין די צייטונגען, די מסקנות פון בעל־המאמר.

אַזוי איז געווען אין אַמאָליקן כאָטין, אין יענעם טייל וווּ ס׳האָבן געלעבט די אָרעמע מענטשן, די אַרבעטער, וואָס זענען געווען פול מיט האָפענונגען און פּלענער, אויב ניט פאַר זיך אַליין, איז פאַר דער צוקונפט פון זייערע קינדער, וועלכע האָבן געוואַרט אויף די סערטיפיקאַטן צו פאָרן קיין ארץ־ישראל.

דער צווייטער טייל פון דער שטאָט איז געווען ווי כמעט אַלע רוסישע שטעט, מיט ברייטע גאַסן און טראָטואַרן, מיט טיפע בלאָטעס אין ווינטער און געדיכטן שטויב אין זומער. דאָרט האָבן געוווינט פאַרמעגלעכע יידן, אין גרעסערע הייזער אַרומגענומענע מיט סעדער. אָט די הייזער, פאַר איין משפחה אָדער פאַר צוויי זענען געווען טיפּיש פאַר דעם פּאַט־ריאַרכאַלן לעבנס־שטייגער אין רוסלאַנד און בפרט אין בעסאַ־

ראַביע. אַ גרויסער סאַלאָן, וואָס האָט געדינט אויך ווי אַן עסצימער און פון סאַלאָן — טירן צו די צימערן פון בעל־הבית, פון זיינע קינדער, פון די דינסטן און צימערן פאַר געסט.

ווי אין יעדער רוסישער שטוב פון יענע צייטן איז געשטאַנען דער סאַמאָוואַר גרייט ביז שפּעט אין דער נאַכט, און אויפן טיש איז געלעגן צוקער און טיי וויפל דאָס האַרץ האָט געגלוסט. די אַזוי גערופענע רוסישע ברייטהאַרציקייט איז געווען קענטיק אויך ביי די בעסאַראַבער יידן, וועלכע האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער הכנסת־אורחים. זייער שטוב איז תמיד געווען אָפן פאַר יעדן איינעם. אין אָט דער אַטמאָספער זענען דערצויגן געוואָרן די קינדער.

ביי דער ערשטער געלעגנהייט האָט די יוגנט פאַרלאָזט דאָס שטעטל און האָט געזוכט אַרבעט אָדער געלערנט, סיי אין דער הויפּטשטאָט, סיי אין ידער נאָנטער גרעסערער שטאָט. מע פלעגט אַהיים קומען נאָר אויף יום־טוב. פון דעסטוועגן זענען די קינדער געווען צוגעבונדן צו דעם אָרט וווּ זיי זענען געבוירן געוואָרן.

די יוגנט האָט ניט געוואָלט בלייבן אין שטעטל, וווּ מען האָט ניט געפונען קיין אַרבעט און ס'איז ניט געווען קיין רייך קולטורעל לעבן. ניט קוקנדיק דערויף איז דאָס שטעטל באַשטאַנען דורות נאָך אַנאַנד און וואָלט נאָך באַשטאַנען ביזן היינטיקן טאָג, הגם דעם שטרעבן עולה צו זיין קיין ארץ־ישראל. איז אָבער געקומען דער מבול און האָט אַלעמען פאַרשוואונקט אָן רחמנות.

אין יאָר 1919, אין דער וואָך פון ניי־יאָר, איז אויסגעבראָכן אין צפון בעסאַראַביע אַ פויערים־אויפשטאַנד און שריפות האָבן זיך פאַרשפּרייט אין די געגנטן פון כאָטין און סאָראָקע. מ'האָט געהרגעט רומענישע אָפיצירן, מ'האָט גענומען געפאַנגען רומענישע זעלנער, מ'האָט אונטערגעצונדן רומענישע אינסטיטוציעס; רויב און גזילה האָבן געהערשט אויף די וועגן און אין די שטעט פון דער געגנט. די רומענישע רעגירונג וועלכע איז נאָך ניט געהאַט צו זיך געקומען פון די געליטענע מפּלות אויפן דייטשן פראָנט און פון דער אויפטרייסלונג נאָך דעם צעפאַל פון דער רוסישער אַרמיי און דער באָלשעוויקישער רעוואָלוציע — האָט געמוזט מאָביליזירן רעזערוויסטן און זיי שיקן צו דעם אינעווייניקסטן פראָנט אין צפון בעסאַראַביע. ס'האָט געהערשט אַ מלחמה־אַטמאָספער און די ממשלה האָט געוווּסט אַז אויב זי וועט ניט מאַכן אַ סוף צו דעם אויפשטאַנד מיט אַ פעסטער האַנט, וועט ער זיך פאַרשפּרייטן אין אַנדערע טיילן פון בעסאַראַביע און אויך אין צפון בוקאָווינע. דערפאַר האָט מען געשיקט עטלעכע רעגימענטער אין דער געגנט פון אויפשטאַנד, מיטן באַפעל אים צו אונטערדריקן אָן רחמנות.

כּלפּי חוץ האָט מען געטענהט אַז דער אויפשטאַנד האָט אַ קאָמוניסטישן כאַראַקטער, אָבער אין תוך איז די אומצופרידנקייט פון די אוקראַאינישע פויערים דערמוטיקט געוואָרן פון פּראָפּאַגאַנדיסטן וואָס זענען געקומען פונעם רעכטן ברעג פון דניעסטער.

איך האָב דעמאָלט געדינט אין 37קער רעגימענט אינפאַנטעריע, ווי אַן אונטעראָפיציר. פונקט דעמאָלט בין איך געווען אויף אַן אורלויב אין דער היים, און אומקערנדיק זיך קיין צפון, קיין טשערנאָוויץ, האָב איך געדאַרפט זוכן מיין רעגימענט, וועלכער איז געווען אויפן וועג צו אונטערדריקן דעם אויפשטאַנד. ווי געזאָגט, איז דאָס געווען אין דער וואָך פון ניי־יאָר, און דער פראָסט איז דערגאַנגען ביז מינוס 20 גראַד. די גאַנצע געגנט איז געווען פאַרזונקען אין שניי און די וועגן זענען געווען פאַרשיט. אין יענער צייט פלעגט מען ניט טראַנספּאָרטירן די אַרמיי מיט אויטאָס; מיט שווערער מי האָט מען געגעבן וועגענער מיט פערד. די זעלנער און די אָפיצירן האָבן געהאַט שוואַכע קליידער, וואָס זענען ניט געווען פאַסיק פאַרן ווינטער, אַזוי אַז ס'איז געווען שווער זיך צו באַוועגן. די מאַשינען־געווערן, וואָס מ'האָט דעמאָלט אָפּגעקילט מיט וואַסער, זענען פּשוט פאַרפרוירן געוואָרן און ניט געקענט שיסן. דאָס איינציקע געווער זענען געווען די ביקסן. מיט דעם האָבן די זעלנער געדאַרפט ביישטיין די אויפשטענדלער, וואָס זענען געווען אָרגאַניזירט ווי גערילאַקעמפער.

אַ וואָך צייט איז מען פאָרויסגעגאַנגען אונטערצינדנדיק די דערפער און דערהרגענענדיק די פויערים וואָס זענען געקומען אין וועג פון די דערצערנטע רומענישע אָפיצירן. די אַפּראָוויזיאָנירונג פון דער אַרמיי איז באַשטאַנען פון געגנבעטע הינער, שאָף און חזירים.

איינס אַ זייגער ביי נאַכט איז דער רעגימענט אָנגעקומען נאָענט צו כאָטין. אין דער שטאָט האָבן געוווינט 30.000 נפשות — 50% יידן. מיטן איינעמען כאָטין האָט זיך געדאַרפט פאַרענדיקן די אַקציע פון אונטערדריקן דעם אויפשטאַנד. דער קאָמענדאַנט האָט אַרויסגעלאָזט אַ באַפעל מען זאָל ניט טשעפּען די באַפעלקערונג, אויב זי וועט ניט אָנגרייפן די אַרמיי. וועלן אָבער די אויפשטענדלער אין שטאָט פּרוּוון זיך קעגנשטעלן — זאָל מען טאָן דאָס זעלבע וואָס מ'האָט געטאָן מיט די דערפער פון דער גאַנצער געגנט.

די יידישע באַפעלקערונג איז געווען דערשראָקן און האָט מורא געהאַט סיי פאַר די אויפשטענדלער, סיי פאַר דער רומענישער אַרמיי, וואָס קומט באַצווינגען די שטאָט, כאָטש יידן האָבן ניט אָנטייל גענומען אין אויפשטאַנד און זענען אפילו געווען קעגן אים.

דער אַדיוטאַנט פון קאָמענדאַנט אויפן גאַנצן פראָנט איז געווען אַן איידעלער רומענישער אָפיציר — מאַיאָר סאָן. אַ דאַנק אים האָט קיינער ניט אָנגערירט די יידישע באַפעלקערונג בעת די אַרמיי איז אַריין אין כאָטין. ער האָט געוווּסט אַז די יידן זענען קרבנות פונעם אויפשטאַנד און האָט געוואָרנט פאַר פּראָוואָקאַציעס מצד די אויפשטענדלער.

בעת אונדזער איינהייט האָט געזוכט געווער אין עטלעכע יידישע גאַסן פון דער שטאָט, האָב איך זיך דערנענטערט צו דעם מאַיאָר און בין דערנאָך געוואָרן זיין אַדיוטאַנט. איך בין געוואָרן אַ גוטער חבר מיט אים און מיט זיין פרוי, נעמענדיק אין אַכט דעם געמיינזאַמען קולטורעלן פאָן און

דאָס גלייכע אָפּשאַצן די פּאָליטישע געשעענישן פון יענער תקופה.

אַנטקעגן דער שטאָט כאָטין, בײַם ברעג פון דניעסטער, איז געווען אַ שטעטל מיטן נאָמען זשוואַניעץ און עטלעכע קילאָמעטער ווייטער — די שטאָט קאַמענעץ־פּאָדאָלסק. מ׳האָט מען איבערגעגעבן די גרענעץ־געגנט און די מיטל־עלטערלעכע פעסטונג, פון וועלכער מען האָט געוועלטיקט איבער די וועגן, אָנהייבנדיק פון די אוקראַיִנישע לאַנדפלאַכן, ביז צו די בערגלעך פון בעסאַראַביע. איך פלעג מאַרשירן איבער די גאַסן מיט מיין אײנהייט און זינגען רומענישע מאַרשן אויף דער מעלאָדיע פון דער מאַרזעיעז. די יידישע באַפעלקערונג האָט געוווּסט אַז אין צאַרישן רוסלאַנד איז געווען פאַרבאָטן צו זינגען דאָס ליד פון דער פראַנצייזישער רעוואָלוציע, און אויב מיר זינגען אָט דאָס ליד, איז אַ סימן אַז דער קאָמענדאַנט איז אַ ייד...

נאָך דעם ווי ס׳איז שטיל געוואָרן אין דער געגנט, האָב איך אין זינען געהאַט צוויי זאַכן: זיך באַקענען מיט די יידישע אינסטיטוציעס — די קהילה, די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע, די ב״ביליאָטעק; זיך באַקענען מיט דער יידישער באַפעלקערונג גופא. איך האָב זיך טאַקע ענג פאַרבונדן מיט זיי און שפּעטער, האָב איך פון דאָרט אַראָפּגעבראַכט קיין יאַס צוויי העברעישע לערער — אהרון ווייסבערג און משה שטערן. זיי ביידע, אין איינעם מיט יעקב באָטאָשאַנסקי און יעקב שטערנבערג, וואָס זענען נאָך פריער אַריבערגעקומען קיין רומעניע, האָבן געמאַכט דעם אָנהייב פון דער יידישער באַוועגונג. אין די שולן האָט מען אָנגעהויבן צו לערנען העברעיש ווי אַ לעבעדיקע שפּראַך.

אהרון ווייסבערג, וואָס איז געווען אַ לאַנגע צייט דער מנהיג פון "מכבי" אין רומעניע, האָט נאָך זוכה געווען עולה צו זיין קיין ישראל און איז דאָ געשטאָרבן. משה שטערן איז דערהרגעט געוואָרן אין טראַנסניסטריע.

כ׳בין געקומען אין קאָנטאַקט מיט עסקנים ווי מישאַ שור, דער ראש־הקהל, יוסף אפּעלבאום — דער פּרעזידענט פון דער ציוניסטישער באַוועגונג און אויך מיט פאָרשטייערס פון יונגן דור, ווי למשל דער אַדוואָקאַט משה פעלדמאַן. ווייניק יידן זענען איבערגעבליבן פון יענער האַרציקער צייט. אַ טייל זענען געשטאָרבן בײַ זיך אין דער היים, אַ טייל איז אומגעקומען אין דער צייט פון דער מלחמה.

אין איינקלאַנג מיט דער ציוניסטישער דערציונג וואָס איך האָב באַקומען אין דער היים, האָב איך זיך באַמיט אַריבערצוברענגען וואָס מער יידן פון יענער זייט דניעסטער קיין בעסאַראַביע. אונטער מיין האַנט, בײַ דער גרענעצוואַך, איז אויך געווען די מיל ביים ברעג פון דניעסטער. דער טייך איז ניט געווען טיף און יעדע נאַכט פלעגן אַריבערקומען יידן פון אוקראַיִנע קיין כאָטין. אַ סך פון זיי זענען עולה געווען קיין ארץ־ישראל.

מען קען ניט פאַרגעסן אַזאַ מין תקופה, כאָטש זי האָט נאָר געדויערט עטלעכע חדשים. ווען איך האָב זיך אומגעקערט אַהיים און ממשיך געווען מיינע שטודיעס אין אוניווערסיטעט, האָב איך אָנגעהאַלטן די פאַרבינדונג מיט דער שטאָט כאָטין און שפּעטער מיט גאַנץ בעסאַראַביע, וואָס איז געוואָרן אַ דעצידירנדיקער פאַקטאָר אין מיין לעבן. איך האָב זיך אומגעקערט קיין כאָטין נאָך ווייניקער ווי אַ יאָר. איך בין געקומען גרינדן אַ יידישע צייטונג אין קעשענעוו; איך בין געקומען ווי אַ קאַנדידאַט צו דעם רומענישן פּאַרלאַמענט; איך בין געקומען האַלטן פאָרטראַגן אויף געזעלשאַפטלעכע און ליטעראַרישע טעמעס; איך בין געקומען זען מיינע פריינד אין בעסאַראַביע. מיט יעדן מאָל האָט זיך פאַרטיפט מיין פריינדשאַפט און מיין ליבשאַפט צו די מענטשן פון דער געגנט און ס׳זענען געקומען צום אויסדרוק מיינע ציוניסטישע געפילן. איך האָב אויך געהאַט אַ סך צרות, בפרט אין דער צייט פון די וואַלן, אין דער צייט פון די רדיפות קעגן די יעדעניצער יידן, אין דער צייט ווען מ׳האָט געהרגעט די פליטים פון סאָראָקע.

די יידישע באַפעלקערונג פון בעסאַראַביע און בפרט פון סאָראָקע און כאָטין האָט מיר אָבער געענטפערט אויף מיין פריינדשאַפט מיט אָן אַ שיעור איבערגעגעבנקייט. אָט די דערשראָקענע מענטשן, אויף וועלכע די ציווילע און מיליטערישע מאַכט האָט אָנגעוואָרפן אַ פחד, האָט ניט מורא געהאַט און געשטימט אין אַ גרויסער צאָל פאַר דער יידישער רשימה אין פאַרלאַמענט. אין אַ דעמאָקראַטיש לאַנד ווי ישראל איז שווער צו פאַרשטיין וואָס ס׳האָבן באַטייט וואַלן אין אַן אַטמאָספער פון טעראָר און רדיפות, ווען מ׳האָט געשטעלט אין סכנה די פּערזענלעכע עקאָנאָמישע אינטערעסן. די וויכטיקסטע זאַך איז אָבער געווען אַז די יידישע קאַנדידאַטן זאָלן מנצח זיין אין די וואַלן.

די שטאָט כאָטין, פּונקט ווי אַנדערע שטעט מיט אַ סך יידן, איז אַ דוגמא פאַר דעם רייכן עבר פון פאָלק אין גלות, פון זיין טיפער ליבשאַפט צו ארץ־ישראל און צו דער ציוניסטישער באַוועגונג. צי איז מסוגל דער נייער דור, וואָס איז געבוירן און אויפגעוואַקסן אין ישראל, צו פאַרשטיין דעם גרויסן בראָך פון יידישן פאָלק? צי קען דען אַלץ וואָס מען שרייבט און מען דערציילט איבערגעבן די גרויסקייט פון יענע יידן וואָס זענען פאַרטיליקט געוואָרן אין די ערטער וווּ זיי האָבן געלעבט הונדערטער יאָרן?

אַזאַ שטאָט איז געווען כאָטין און מען דאַרף זי קיין מאָל ניט פאַרגעסן!

אָנהייב מלחמה:

יידן ווערן פאַרטריבן פון זייערע ערטער

אין זומער 1914 בין איך געווען אַ לערער אין דאָרף קלינקאָוויץ, נאָענט צו דער עסטרייכישער גרענעץ, ווו ס'האָבן געווינט עטלעכע פאַרמעגלעכע יידישע משפחות. אין אַ שיינעם טאָג זענען אויסגעוואַקסן אין דאָרף אַן ערך הונדערט סאָלדאַטן. הערנדיק דעם טומל זענען יידן אַרויסגעקומען פון זייערע הייזער. איינער פון די סאָלדאַטן האָט אַ געשריי געטאָן: "יידן, האָט ניט קיין מורא, באַלד וועט איבערגיין דער צאָרן!"

די יידן האָבן אָבער געפילט אַז מ'גרייט עפּעס אַן אומגליק קעגן זיי און זיי האָבן זיך געשראָקן פאַר די פּויערים פון דער סביבה. און זיי זענען טאַקע געווען גערעכט. מיט אַ מאָל איז אַרויסגעטראָטן אַ פאָרשטייער פון דאָרף און געזאָגט צו דעם פאַרזאַמלטן המון: "נעמט נקמה אין די יידן, די שונאים פון רוסלאַנד!" און פון די רייד איז מען באַלד איבער־געגאַנגען צו מעשים. אַ גוי פון המון, ער האָט געהייסן גרישאַ, האָט זיך אַ לאָז געטאָן צו סאַני מאָרגנשטערן, איינער פון די אָרטיקע פאָרשטייערס, און אים אַ זעץ געטאָן מיט אַ שטעקן איבערן קאָפּ. מאָרגנשטערן איז אַנידערגעפאַלן און די שכנים האָבן אים תיכף אַריינגעפירט אין אַ שטוב. דער צעווילדע־וועטער המון האָט אָנגעהויבן באַרויבן די יידישע הייזער.


די יידן זענען אַנטלאָפן און איבערגעלאָזט דאָס גאַנצע פאַרמעגן. קיין איינציקער פון די גוייִשע שכנים האָט זיך ניט אָנגענומען פאַר יידן. ווער ס'האָט זיך געפּרוווט אַנטקעגנ־שטעלן, דעם האָט מען מערדעריש צעשלאָגן.

דער אויבער־קאָמענדאַנט פון דער רוסישער אַרמיי, פּרינץ ניקאָליי ניקאָלאַיעוויטש און זיין שטאַב־שעף, גענעראַל יאַנאָ־שעוויטש, דער צורר־יהודים, האָבן געזען אין די יידן אַ געפערלעכן עלעמענט, אויך צוליב דעם וואָס זייער שפּראַך, יידיש, איז ענלעך געווען צו דייטש, דעם שונאס שפּראַך. די ממשלה האָט באַשלאָסן אַרויסצוטרייבן אַלע יידן פון די ערטער נאָענטע צו דער גרענעץ און דער באַפעל איז אויס־געפירט געוואָרן אין 24 שעה.

אין די חדשים אויגוסט־סעפּטעמבער 1914 זענען גאַנצע קהילות פאַרטריבן געוואָרן פון זייערע ערטער. מיר זענען געגאַנגען צו פוס אַ גאַנצן טאָג, מענער, ווייבער, קינדער, און זענען אָנגעקומען קיין קלישקאָוויץ, אַ פּאָר קילאָמעטער נאָך קלינקאָוויץ. דאָרטן האָט מען אונדז געהאַלטן אין אַ שטאַל ביז דעם אַנדערן טאָג. די אָרטיקע יידן זענען אונדז געקומען צו הילף און די כאָטינער יידן האָבן אונדז פאַרבעטן אין זייערע שטיבער און אונדז אויפגענומען מיט אמתער יידישער וואַרעמקייט.

די פּליטים וואָס האָבן געהאַט קרובים אין כאָטין זענען איינגעשטאַנען ביי די קרובים און פאַר די איבעריקע האָט געזאָרגט אַ געשאַפענער קאָמיטעט, וועלכער האָט די מענטשן אין גיכן איינגעאָרדנט.

איך האָב מיך אומגעקערט אַהיים און מיין טאַטע, ר' זושיאַ, אַ געזעלשאַפטלעכער עסקן, האָט זיך משתדל געווען מיר צו געפינען אַ פּרנסה.



די גאַס ביים זייגער

אונטערן סימן פון גירוש און רדיפות קעגן יידן האָט זיך אָנגעהויבן די מלחמה פון 1914—1918, וואָס האָט באַשטימט דעם גורל פון אומצאָליקע יידישע קהילות.

כאָטין אין שפּיגל פון פילאַטעליסטיק

כאָטין איז אַן אַלטע שטאָט און איר געשיכטע איז ענג פאַרבונדן מיט דער רומענישער געשיכטע. זי פאַרמאָגט אויך אַ בכבודיק אָרט אין דער פילאַטעליסטיק פון רומעניע און פון אירע פילאַטעליסטישע פּרטים קען מען צונויפשטעלן אַ גרויסע און שיינע זאַמלונג.

אין יאָר 1857 דערשיינען פּאָסטמאַרקעס אין כמעט אַלע מיזרח־אייראָפּעישע לענדער, צווישן וועלכע אויך רוסלאַנד. כאָטין איז דעמאָלט געווען אונטער רוסישער ממשלה.

אין יאָר 1858 האָט מען געעפנט אין כאָטין אַ פּאָסטאַמט, ווי אין די אַנדערע פּראָווינצשטעט. לכתחילה האָט די שטאָט באַקומען אַ נומער; אין יענער צייט האָבן די רוסישע מאַרקעס געהאַט נומערן — יעדע שטאָט אַן אַנדער נומער. מיט דער צייט זענען געקומען אויפן אָרט פון נומערן שטעמפּלען מיט נעמען, אַזוי אַרום האָט זיך באַוויזן אַ שטעמפּל מיטן נאָמען "כאָטין".

די ערשטע וועלט־מלחמה, דער בירגערקריג, די אינוואַזיע פון פאַרשיידענע חיילות וואָס האָבן געקעמפט אין דער געגנט האָבן געבראַכט שטערונגען אין פּאָסטפאַרקער. ביז צו דער רומענישער ממשלה איז פון כאָטין ניט געווען קיין נאָרמאַלער פּאָסטפאַרקער, חוץ דעם פּראָוויזאָרישן דינסט, דורך פּריוואַטע שליחים, דער עיקר יידישע בעלי־עגלות. די רומענער האָבן געעפנט די פּאָסט פון דאָס ניי, לויט דעם מאָדעל פון רומעניע גופא.

אין יאָר 1928, צען יאָר נאָך דעם ווי בעסאַראַביע האָט זיך פאַראייניקט מיט רומעניע, איז דערשינען אַ סעריע פון זיבן מאַרקעס; אויף דריי פון זיי, פון פאַרשיידענע ווערטן, איז געווען אָפּגעדרוקט דאָס בילד פון דער כאָטינער פעסטונג.

אין די דרייסיקער יאָרן דערשיינט אַ סעריע אילוסטרירטע

פֿאָסטקאַרטלעך, צווישן וועלכע איינע מיט דער כאָטינער פעסטונג.

אין יענער תקופה האָט מען געמוזט אויפקלעפּן אויף יעדן בריוו, חוץ דער פּאָסטמאַרקע, אויך אַ ספּעציעלע מאַרקע, וואָס די רעגירונג האָט אויפגעצוווּנגען, כדי צו שאַפן אַ פאָנד איינצוקויפן עראָפּלאַנען. אויף די דאָזיקע מאַרקעס איז געווען אַ ראָזע פּאַס, מיטן נאָמען פון דער שטאָט פון וועלכער דער בריוו איז אַרויסגעגאַנגען. נאָך אַ צייט האָט מען אָפּגעשאַפט די דאָזיקע שיטה און מ׳האָט איינגעפירט ספּעציעלע מאַרקעס פאַר לופטפּאָסט.

לכבוד אַ קיניגלעכן באַזוך אין שטאָט, איז ווידער דערשינען אַן אילוסטרירט פּאָסטקאַרטל מיט דער כאָטינער פעסטונג און מיטן בילד פונעם מלך. דאָס קאַרטל איז אַ פילאַטעליסטישע זעלטנקייט.

אין יאָר 1940 איז בעסאַראַביע ווידער איבערגעגאַנגען צו רוסישער, ד״ה סאָוועטישער ממשלה. כאָטין איז געוואָרן צוגעטיילט צו דער טשערנאָוויצער געגנט אין דער אוקראַיינישער רעפּובליק. דער פּאָסטשטעמפּל איז געווען רוסיש. ס׳איז אויך דערשינען אַ סעריע פון פינף פּראָפּאַגאַנדיסטישע מאַרקעס, אַרויסגעגעבן אין ראַטן־פאַרבאַנד, וואָס שטעלן מיט זיך פאָר די באַפרייונג פון מערב־אוקראַינע, מערב־ווייסרוסלאַנד, בעסאַראַביע, בוקאָווינע או״א. די דאָזיקע מאַרקעס האָט מען פאַרקויפט אין דער כאָטינער פּאָסט, באַגלייך מיט אַנדערע סאָוועטישע מאַרקעס.

אין יאָר 1941 איז בעסאַראַביע באַזעצט געוואָרן פון פאַשיסטישן רומעניע. דעם 16טן יולי 1941 איז דערשינען אַ סעריע מאַרקעס געווידמעט דעם אָנדענקן פונעם קיניג קאַרל דעם ערשטן. אָט די סעריע איז פאַרקויפט געוואָרן אין כאָטינער מיליטערישן פּאָסטאַמט מיט אַ שטעמפּל ״כאָטין אין אונדזערע הענט״ אויף אַן אילוסטרירט פּאָסטקאַרטל פון דער כאָטינער פעסטונג.

נאָך אַ צייט לאַנג איז דערשינען אַ נייע סעריע מאַרקעס: ״דער הייליקער קריג קעגן באָלשעוויזם״. איינע פון די דאָזיקע מאַרקעס איז געווען איינגעטיילט אין צווייען — אויף איין זייט די פעסטונג פון כאָטין, אויף דער צווייטער — די פעסטונג פון אַקערמאַן. די סעריע האָט אויך געטראָגן אַן אויפשריפט: ״אָדעס — 16 אָקטאָבער 1941״.

אין זעלבן יאָר דערשיינען נאָך צוויי סעריעס פון 25 מאַרקעס אויף איין און דער זעלבער טעמע. פינף פון זיי זענען געווען געווידמעט דער פעסטונג פון כאָטין.

אין יאָר 1942 איז דערשינען אַ סעריע פון דריי מאַרקעס, וואָס האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט דעם קיניג מיהיי, דעם מאַרשאַל אַנטאָנעסקו און דעם אַמאָליקן הערשער פון מאָלדאַוויע — שטעפאַן טשעל מאַרע, אויפן פונדאַל פון דער כאָטינער פעסטונג.

אין יאָר 1944 איז בעסאַראַביע ווידער אַנעקסירט געוואָרן דורכן ראַטן־פאַרבאַנד און כאָטין איז פון דאָס ניי צוגעטיילט געוואָרן צו דער טשערנאָוויצער געגנט, אין דער אוקראַיינישער רעפּובליק. די סאָוועטישע פּאָסט האָט נאָך עד היום ניט אַרויסגעגעבן קיין מאַרקעס מיט דער כאָטינער פעסטונג. אין כאָטין



ווערן פאַרקויפט אַלע מאַרקעס וואָס גייען אַרויס אין ראַטן־פאַרבאַנד.

דער כאָטינער זעלבשוץ אין אָנהייב צוואַנציקער יאָר

שינאת ישראל און פּאָגראָמען גייען האַנט ביי האַנט. דראַקאָנישע גזירות האָבן צוגענומען ביי יידן דאָס רעכט צו פירן אַ נאָרמאַל עקאָנאָמיש לעבן. דער פאַקט וואָס מ׳האָט גוזר געווען אַז יידן טאָרן ניט קויפן קיין ערד, האָט זיי פאַרוואַנדלט אין פאַכטערס, אין אַרענדאַרס ביי די גויים, אָדער אין צייטווייליקע פּויערים, ניט קיין זעלבשטענדיקע. אַז אַ ייד האָט שוין יאָ געקויפט אַ שטיקל ערד, האָט ער עס געמוזט פאַרשרייבן אויפן נאָמען פון אַ קריסט, נעמענדיק אויף זיך די סכנה אַז יענער וועט אָפּלייקענען דעם גאַנצן ענין און וועט צונעמען די ערד און נאָך ברענגען אַן אומגליק אויף דער יידישער משפּחה.

ביי די יידישע ערדבאַזיצערס האָבן לרוב געאַרבעט ניט־יידישע אַרבעטער, וואָס האָבן בדרך־כלל ווייניק פאַרדינט. זיי האָבן אויסגעלאָזט דעם צאָרן אויף די יידישע ״אויסניצערס״ — לויט דער לאָזונג פון יענער צייט. ניט קוקנדיק וואָס יידישע ערדבאַזיצערס זענען געווען אַ קליינע מינדערהייט, איז די שינאה קעגן זיי געווען האַרבער ווי קעגן ניט־יידישע בעלי־בתים.

אַן אַנדערער צווייג מיט וועלכן יידן האָבן זיך בלית־ברירה פאַרנומען איז געווען לייען געלט אויף פּראָצענט.

דעם וואָכערער, דעם פּראָצענטניק, האָט מען געקריינט מיט אַלערליי צונעמען ווי: פּיאַווקע, בלוטזויגערס אויפן לייב פון די אַרבעטער, פון פאָלק וכדומה.

דער נידעריקער מאַטעריעלער ניוואָ פון דער כאָטינער באַפעלקערונג, מחמת דער ווייטקייט פון וויכטיקע קאָמוני־קאַציע־אָדערן, האָט דערוועקט קינאה און שינאה ביי דעם גוי וואָס פלעגט אַריינקומען שבת אין אַ יידישער וואַרעמער, ליכטיקער שטוב, כדי איינצוהייצן דעם אויוון, פאַר אַ שטיקל חלה. די רעגירונג האָט דערמוטיקט און אונטערגעהאַלטן אָט די קינאה און שינאה, ווייל זי איז געווען פאַראינטערעסירט אָפּצווענדן די אַרבעטער פון בונטאַרישע געדאַנקען און זיי איינרעדן אַז שולדיק אין אַלעמען זענען נאָר די יידן, וואָס ניצן אויס און באַרויבן דאָס פאָלק. די מאַסן אין וועלכע ס'האָט געברענט די שינאה זענען אויפגעהעצט געוואָרן זיי זאָלן אויסלאָזן דעם כעס צו די יידן, כדי זיי זאָלן זיך ניט צוהערן צו דער פּראָפּאַגאַנדע צו רעוואָלטירן קעגן די עקאָנאָמישע און פּאָליטישע אונטערדריקערס, אין גייסט פון יענער צייט.

נאָך אין יאָר 1887 האָט דער שונא־ישראל קרושעוואַן אַרויסגעגעבן אַ צייטונג מיטן נאָמען "בעסאַראַבעץ", אין וועל־כער ער האָט געהעצט קעגן יידן. די צייטונג איז געשטיצט געוואָרן דורך דעם וויצעגובערנאַטאָר אָסטראָגאָוו, וועלכער האָט דאָרט געדרוקט זיינע אַנטיסעמיטישע אַרטיקלען און אָפּגעווענדט דעם צאָרן פון פאָלק קעגן "די פרעמדע". ווי נאָר מען האָט דערלויבט, האָבן זיך צעשפּילט די פּאָגראָמען, אויפן ווונק פון צאַר ניקאָלאַי דעם צווייטנס משרתים. דאָס האָט זיך אָנגעהויבן אין יאָר 1902 און איז געוואַקסן באַגלייך מיט דער באַפרייערישער באַוועגונג פון רוסלאַנד. דעם גרעסטן אָפּקלאַנג האָט געהאַט דער פּאָגראָם פון קעשענעוו, די הויפּט־שטאָט פון בעסאַראַביע.

די מלוכישע באַאַמטן אַליין האָבן פאַרשפּרייט די צייטונג "בעסאַראַבעץ" אין אַלע שיכטן פון דער באַפעלקערונג. אין קורצן האָבן זיך באַוויזן סימנים פונעם סם וואָס איז פאַרשפּרייט געוואָרן. דער צורר קרושעוואַן האָט געהאַט זיינע תלמידים אויך אין כאָטין און זיי האָבן אָנגעהויבן די אַנטיסעמיטישע פּראָפּאַגאַנדע, רופנדיק צו באָיקאָטירן די יידישע סוחרים, די יידישע קלייטן. די שינאה האָט זיך צעברענט און אין דער לופט האָט זיך געפילט דער ריח פון פּאָגראָם.

חיים נחמן ביאַליקס "בעיר ההריגה", זיין פּראָטעסט קעגן קעשענעווער פּאָגראָם, האָט געמאַכט אַ גוואַלדיקן רושם אויף דער כאָטינער יוגנט. ס'האָבן זיך פאַרשפּרייט קלאַנגען אַז די כוליגאַנעס פון כאָטין גרייטן זיך אָנצופאַלן אויף יידן און אָרגאַניזירן זיך פאַר אַ באַשטימטן טאָג. אין שטאָט האָט מען ניט נאָר געפרעגט "וואָס איז צו טאָן?" נייערט אויך "ווי אַזוי דאַרף מען ענטפערן?". ביאַליקס פּאָעמע האָט באַשטימט אַ ווענדונג אין דער פּסיכאָלאָגיע פון דער כאָטינער יוגנט. ס'איז ניט מער מעגלעך געווען צו "אַנטלויפן, ווי די מייז, באַהאַלטן זיך ווי וואַנצן", ווי דער דיכטער האָט געצערנט. ס'האָט זיך געפאָדערט אויפצוהייבן אַ פויסט. ס'זענען ניט געווען קיין חילוקי־דעות אין דעם פּרט: אַלע האָבן געפאָדערט מע זאָל אָרגאַניזירן אַ זעלבשוץ מיט יעדן פּרייז. מען האָט ניט געוואָלט וואַרטן מיט פאַרלייגטע הענט ביז ס'וועט אויסברעכן דער צאָרן און ס'וועט זיין צו שפּעט. אַלע האָבן זיך געוואָלט פאַר־טיידיקן. דער גייסט פון "זעלבשוץ" האָט אַלעמען אַרומ־גענומען אין יענע טעג פון דערוואַרטונג.

די אומרוען האָבן זיך אָנגעהויבן נאָך איידער דעם טאָג וואָס איז דערויף באַשטימט געוואָרן. כמעט יעדן טאָג האָבן געדינגענע כוליגאַנעס זיך צעפירט די הענט אין דער פאָר־שטאָט, אָנוואַרפנדיק אַ פחד אויף אַלעמען. ווען די בהלה איז דערגאַנגען צו דער הויפּטשטראָז, האָט מען פאַרמאַכט אַלע קלייטן און די גאַסן זענען געוואָרן ליידיק. ס'האָבן זיך גע־טראָגן שרעקלעכע קלאַנגען: מען קוילעט שוין! אָבער ביאַליקס ווערטער האָבן דערמוטיקט מען זאָל ניט אַנטלויפן ווי די מייז. ווען די געדולד האָט געפּלאַצט, האָט מען באַ־שלאָסן זיך אַנטקעגנשטעלן די כנופיות. כדאי צו דערמאָנען צוויי פּשוטע יידן, די ברידער מאיר און ישראל קירזשנער, וועלכע זענען העלדיש אָנגעפאַלן אויף די באַנדעס און זיי צעקלאַפּט. דאָס מאָל האָבן די יידן מנצח געווען.

מיט דעם האָט עס זיך אָבער ניט געענדיקט. די באַוועגונג פון די "שוואַרצע מאות" האָט געהאַלטן אין איין וואַקסן. יעדן טאָג האָט מען גערויבט און געהרגעט. אין שטאָט איז געווען תוהו ובוהו. אַלע האָבן געציטערט, בפרט ווען ס'האָט זיך דערנענטערט דאָס גויישע ניי־יאָר. ס'איז געווען אַן אַטמאָס־פער פון פּאָגראָם. ס'האָבן זיך פאַרשפּרייט קלאַנגען אַז ס'דאַרפן אָנקומען אין שטאָט ספּעציעלע באַנדעס פון "די שוואַרצע מאות", כדי צו אָרגאַניזירן די פּויערים פון די אַרומיקע דערפער, זיי זאָלן אָנפאַלן, רויבן און הרגענען.

עס געדענקט זיך דער אָוונט ווען מע האָט באַשלאָסן זיך צו אָרגאַניזירן און פאַרטיידיקן. דאָס איז געווען אין אַ מוצאי־שבת, אין דער קצבישער שול, וואָס איז געשטאַנען אין סאַמע צענטער פון דער שטאָט. די שול איז געווען פול מיט בעלי־מלאָכות: טישלערס, שוסטערס, שניידערס, קצבים. עס זענען אויך געווען סתם בעלי־בתים. ר' משה חזן ז"ל האָט געדאַוונט מיט אַ באַזונדערער כוונה. די ווערטער "ושמור צאתנו ובואנו לחיים ולשלום" האָבן באַקומען אַ נייעם, דערמוטיקנדיקן באַ־טייט. די עמאָציע איז געווען אַזוי גרויס, אַז אפילו נאָך דעם ווי מען האָט פאַרענדיקט דאָס דאַווענען, האָט זיך קיינער ניט אויפגעהויבן פון אָרט. מיט אַ מאָל איז אָנגעקומען די בשורה: אין "הכנסת אורחים" קומט פאָר אַ ספּאָנטאַנע פאַרזאַמלונג. איידער דעם האָבן דערציילט די סוחרים וואָס זענען געקומען פון די אַרומיקע דערפער אַז די שליחים פון "די שוואַרצע מאות" העצן קעגן יידן און אָרגאַניזירן אַ פּאָגראָם. ס'איז באַשלאָסן געוואָרן איינשטימיק מיר זאָלן אָרגאַניזירן אַ זעלבשוץ, פאַרן כבוד פון מענטש און דעם כבוד פון פאָלק. ס'איז אויך באַשלאָסן געוואָרן אַז אַ דעלעגאַציע פון דער אַסיפה זאָל ברענגען פאַרן ראש־הקהל, חנא רייס, די זאָרג און די מורא וואָס הערשן אין שטאָט. דער גאַנצער עולם האָט זיך אַרויסגעזאָגט צו זיין גרייט אָנצונעמען אַלע מיטלען, כדי זיך צו פאַרטיידיקן. די רעדנערס האָבן געמאַכט פאַרשיידענע פאָרשלאָגן, ווי למשל זיך צו באַגעגענען מיט בעלי־מלאָכות, צו נעמען קאָנטאַקט מיט די פּני־העיר און אַנדערע.

כדאַי צו פֿאַרצייכענען די אַקטיוווסטע חברים וואָס האָבן אָרגאַניזירט יענע היסטאָרישע אַסיפֿה: בוזיע שרייבער, שלום שרייער, יואל שניידערזאָן, וואָס מען פֿלעגט אים רופֿן "יואל פּראָקוראָר", זיאָמע אַלפֿערין (פֿון דער באַוווסטער משפּחה אַלפֿערין — צווישן די ערשטע גרינדער פֿון דער "הדסה" אין ארץ־ישראל, אין דער צייט פֿון דער ערשטער וועלט־מלחמה), פּנחס רויזמאַן (דער זון פֿונעם כאָטינער רב ר' חיים), מאָטי (מרדכי) מילער (דער זון פֿונעם פֿאַבריקאַנט לייב מילער. אַ גרויסער עושר און אַ ציוניסטישער עסקן), א. ח. שוויגער (דער זון פֿון זרח שוויגער, אַ ייד אַ משכּיל, וואָס האָט געשמט אין שטאָט צוליב זיין קלוגשאַפֿט).

פֿון די יונגע האָבן אָנטיילגענומען: ניסן שאַטאַווסקי (ער האָט זיך פֿאַרטיפֿט אין די סאָציאַליסטישע טעאָריעס, אָבער דאָס האָט אים ניט דערוויטערט פֿונעם נאַציאָנאַלן געדאַנק, וואָס איז געווען איינגעוואָרצלט אין זיין האַרץ און ער איז טאַקע געוואָרן איינער פֿון די אָרגאַניזאַטאָרן פֿון דער גרופּע "צעירי־ציון" אין שטאָט), הרב יצחק־מאיר טיסנבוים, משה איידלמאַן (אַ פֿלאַמיקער ציוניסט) און צבי בערנשטיין, וועלכער האָט איבערגעגעבן אין נאָמען פֿון די ייִנגסטע, פֿאָלגנדיקע הודעה: "מיר, ווי פּראָגרעסיווע ציוניסטן, וואָס אין אונדזער האַרץ ברענט דער נאַציאָנאַל־רעוואָלוציאָנערער גייסט, לייגן פֿאָר דער אסיפֿה זי זאָל זיך ווענדן צו די גבירים וואָס שטייען בראָש פֿון דער קהילה, און פֿאָדערן פֿון זיי, זיי זאָלן מיט אונדז מיטאַרבעטן און אונדז געבן מאַטעריעלע הילף איינצוקויפֿן וואָפֿן. מיר שטעלן ניט קיין שום באַדינגונגען. מיר דערקלערן אַז מיר זענען גרייט צו פֿאַרטיידיקן אַלע יידן און זיך מקריב זיין אויף קידוש־השם. אָבער כּדי צו פֿאַרמינערן, אויף ווי ווייט מעגלעך, די צאָל קרבנות, דאַרפֿן מיר זיין באַוואָפֿנט מיט געווער קעגן די כוליגאַנעס. און געווער באַטייט געלט. דערפֿאַר איז דער ערשטער תּנאַי אַז די פֿאַרמעגלעכע מענטשן זאָלן זיך איינשפּאַנען אין איינעם מיט אונדז אין עול".

דער דאָזיקער פֿאָרשלאָג איז איינשטימיק אָנגענומען געוואָרן.

אין דער דעלעגאַציע וואָס מען האָט אויסגעקליבן צו פֿאַרהאַנדלען מיט די פּני־העיר איז אויך געווען דער לערער ש. שרייער. ווי אַן אַמאָליקער סאָלדאַט, וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט ביים מיליטער, האָט ער אויף זיך גענומען אויסצולערנען די יידן אומצוגיין מיט געווער. נעמענדיק אין אַכט אַז האַלטן געווער און לערנען שיסן איז געווען שטרענג פֿאַרבאָטן, האָבן מיר געפֿאָדערט ביי דער ממשלה אַ דערלויבעניש צו אָרגאַניזירן אַ פֿאַרבאַנד פֿון פֿייער־לעשערס, אונטער דער אָנפֿירונג פֿון ש. שרייער. די מושלים האָבן געקענט שרייערן ווי אַ סאָלדאַט און אויך ווי דעם דיריגענט פֿון אָרקעסטער פֿון דער תּלמוד־תּורה, וואָס האָט תּמיד געהאַט אַ גרויסן דערפֿאָלג מיט אירע אַרויסטריטן.

דאָס זענען ניט געווען קיין פּוסטע רייד. אין אַ שיינעם טאָג האָט מען אונדז פֿאַרבעטן צו שלום שרייערן אַהיים. אויפֿן טיש זענען געלעגן פֿינף און פֿופֿציק נייע, גלאַנצנדיקע רעוואָלווערן. מיר זענען געוואָרן נבהל־ונשתּומם. מיר האָבן זיך גענומען מיט אַ ברען לערנען ווי אַזוי זיך צו באַניצן מיט דעם געווער. די לערער זענען געווען ש. שרייער און י. שניידערזאָן. מען האָט צעטיילט די וואָפֿן די פֿאַראַנטוואָרטלעכסטע צווישן אונדז. פֿאַרשטייט זיך אַז אַלץ איז געווען קאָנספּיראַטיוו, בסודי־סודות. מיר האָבן זיך איינגעטיילט אין גרופּעס צו פֿינף מענטשן. איין מאָל איז שלום שרייער געקומען אין שול, אָוונטצייט און האָט אונדז געוויזן ווי אַזוי מען שיסט. דאָס האָט אויף אונדז געמאַכט אַ גרויסן רושם.

די דערלויבעניש פֿאַרן פֿאַרבאַנד פֿון פֿייער־לעשערס איז אונדז שטאַרק צו ניץ געקומען. מיר האָבן איינגעקויפֿט פֿאַרשיידענע זאַכן וואָס זענען געווען זייער וויכטיק: העק, אייזערנע שטעקנס, מעטאַלענע היטלען וכדומה. מיט דער גאַנצער אַרבעט האָט אָנגעפֿירט אַ קאָמיטעט, בראָש מיט ש. שרייער און יואל שניידערזאָן, געשטיצט פֿון מישאַ שור.

דערווייל איז געוואַקסן דער אומרו אויף דער יידישער גאַס. זונטיק און מאָנטיק, ווען ס'איז געווען יאַריד, זענען די מיטגלידער פֿון זעלבשוץ געווען באַזונדערש אויף דער וואַך. זיי האָבן זיך צוגעהערט צו אַלץ וואָס מ'האָט גערעדט אויפֿן מאַרק. מען האָט זיך גוט איינגעקוקט אין אַלע שענקן. מען האָט צוגעגרייט באַשטימטע פּאָזיציעס און מיר זענען אין משך פֿון אַ צייט געשטאַנען שטענדיק אויף דער וואַך. אַזוי אַרום איז אונדז געלונגען אָפּצוהאַלטן די אָנפֿירער פֿון די באַנדעס און צו פֿאַרמיידן אָרגאַניזירטע פּאָגראָמען. די כאָטינער יידן זענען אָפּגעקומען מיט דער שרעק.

דער דערפֿאָלג איז ניט געווען צו פֿאַרדאַנקען נאָר די חברים פֿון זעלבשוץ. מען טאָר ניט פֿאַרגעסן די שטיצע פֿון דריי מענטשן, וואָס האָבן אַלץ געטאָן אין די קוליסן, דריי מענטשן וואָס האָבן געהאַט אַ גרויסע השפּעה אויף דער יידישער גאַס — אַ וויכטיקער ענין אין אומרויִקע צייטן — וואָס האָבן געהאַט אַ השפּעה אויף דער ליבעראַלער רוסישער אינטעליגענץ און אַ חוץ דעם, האָבן זיי געהאַט ענגע פֿאַרבינדונגען מיט די גוטבאַזיצערס קרופּענסקי און קאַזימיר — די אמתע בעלי־בתּים פֿון בעסאַראַביע אין יענער צייט. די דריי מענטשן זענען געווען: חנא רייס — דער ראש־הקהל, אַן אַקטיווער פּאַרשוין, אַן איידעלער מענטש, אַן אַריינגייער אין די גרויסע סאַלאָנען פֿון רוסלאַנד; מישאַ שור — אַן אַגראָנאָם, אַ גרויסער גוטבאַזיצער, דער זון פֿונעם פּאָליטישן טוער ישראל שור; דער אַגראָנאָם בוטקאָווסקי, וואָס האָט געהאַט אַ הויכן אַמט און האָט אָנגעפֿירט אַלע לאַנדווירטשאַפֿטלעכע אינסטיטוציעס פֿון דער געגנט, ניט געקוקט אויף דעם וואָס ער איז געווען אַ ייד.

אָט די מענטשן האָבן געפּועלט ביי די מושלים זיי זאָלן באַצייטנס אָפּשטעלן דעם אומגליק.

גרויס זענען אָבער געווען די פֿאַרדינסטן פֿון שלום שרייער, וואָס האָט צוגעצויגן און צוגעגרייט אין זיין שטוב די יוגנט. ניט איין מאָל האָט מען פֿאַרטריבן פֿון שטאָט צעווילדעוועטע פּויערים, מיט די שטעקנס וואָס שרייער האָט שפּעציעל צוגעגרייט. שרייער אַליין האָט שטענדיק געטראָגן ביי זיך אַ רעוואָלווער און אַ לאַנג מעסער. דאָס זענען געווען זיינע געטרייע באַגלייטערס.

זעלבשוץ אין יאָר 1917

אין יאָר 1917 איז ניט געווען קיין סטאַבילע מאַכט. די ממשלה האָט זיך געהאַלטן אין בייטן און הוליגאַנעס האָבן זיך צעפּירט די הענט.

באַוואָפנטע גזלנים זענען געקומען אין שטאָט און האָבן אָנגעהויבן באַרויבן יידישע קלייטן. די חברים פון זעלבשוץ, וואָס האָבן זיך גראָד דעמאָלט צוריקגעקערט פון פראָנט, האָבן אָנגעגאָרט די שווערדן און אַרויסגעגאַנגען היטן די קלייטן.

די אָקטאָבער־רעוואָלוציע האָט געבראַכט פון איין זייט גלויבן און האָפענונג אין אַ בעסערער וועלט און פון אַן אַנדערער זייט — אַנטוישונגען. איין טאָג האָט מען געהערט ספּאָנטאַנע פלאַמיקע רעדעס און דעם אַנדערן טאָג איז אויסגעוואַקסן עפּעס אַ רעגימענט וואָס האָט זיך צו ערשט גענומען רויבן יידישע קלייטן.

דעמאָלט זענען אויפגעשטאַנען צוויי פון אונדזערע חברים און האָבן אַריינגעפירט אַ סדר אין שטאָט. יאַנקל גאָרנשטיין — וואָס איז ערשט געקומען פון פראָנט און אברהם־לייב נערמאַן "דער פעלדשער". זיי ביידע האָבן פאַרטיידיקט די שטאָט. יאַנקל גאָרנשטיין איז טאַקע פאַרוווּנדיקט געוואָרן אין אַ פוס. אָבער ביידע איז געלונגען צו פאַרטרייבן די רויבערס.

דיפּלאָמאַטיע און זעלבשוץ

די גוטע באַציִונגען וואָס חנא רייס, דער ראש־הקהל, האָט געהאַט מיט די ניט־יידישע אָנפירערס פון דער שטאָט איז געווען אַ גרויסע הילף אין דער דיפּלאָמאַטיע פון זעלבשוץ. כדאי צו דערמאָנען צו גוטן איינעם פון די חסידי אומות העולם, אַדוו. טאָמאַשעווסקי, וועלכער איז אַרויסגעטראָטן קעגן די באַנדעס און אפילו קעגן די מושלים.

טאָמאַשעווסקי האָט צו וויסן געטאָן דעם ראש־הקהל חנא רייס אַז די הוליגאַנעס גרייטן זיך צו קומען פון קעשענעוו קיין כאָטין.

רייס, דער אַקטיווער טוער, האָט זיך ניט געלאָזט צוויי מאָל זאָגן. ער האָט איינגעאָרדנט דריי גרופּעס פון דעם זעלבשוץ און זיי זענען שטענדיק געשטאַנען גרייט.

אין איינעם אַ טאָג האָט מען זיך דערוווּסט אַז די באַנדעס קומען אָן מיט דער באַן. בעת זיי זענען נאָך געווען אין די וואַגאָנען, האָט זיי טאָמאַשעווסקי מודיע געווען אַז די יידן אין שטאָט האָבן אָרגאַניזירט אַ זעלבשוץ. ווי זיי האָבן דאָס דערהערט, האָבן זיי זיך אָפּגעטראָגן. דאָס איז געווען אַ נצחון אָן אַ קאַמף.



פיניה רויזמאן, צבי בערנשטיין, אברהם חיים שוויגער, יצחק מאיר טיסנבוים, לייביש לודמער

די כאַטינער יידישע קהילה

חנא רייס

יעדער דור, יעדע תקופה האָט זיך אירע געשטאַלטן. דאָס איז אַ מתנה פונעם הימל. מיט וועלכן כאָטינער מען זאָל ניט רעדן — וועט ער דערמאָנען דעם נאָמען חנא. אַלע גרייסן זיך מיט אים. ער איז טאַקע געווען דער פאָרשטייער פון כאָטין אין אַ באַשטימטער צייט, ער איז געווען נח בשעתו, ווי נח הצדיק אין זיין דור.

ווער איז געווען אָט דער חנא וועגן וועלכן אַלע כאָטינער רעדן ביזן היינטיקן טאָג מיט אַזאַ באַגייסטערונג?

דער שידוך וואָס חנא רייס האָט געמאַכט איז ניט געווען קיין געראָטענער און ער האָט זיך נאָך אַ צייט געגעט פונעם ווייב. פון דעמאָלט אָן איז אָבער גאַנץ כאָטין געוואָרן זיין געליבטע און ער האָט זיך פאַר דער שטאָט מקריב געווען מיט מסירת־נפש. ער האָט זיך איינגעקויפט די גרויסע אָנער־קענונג, קודם־כל מיט אַ סך מי און איבערגעגעבנקייט, ווי אויך מיט אַ סך געלט. ער איז געוואָרן ווי אַ טאַטע פאַר די כאָטינער קינדער און זיך באַמיט זיי צו באַזאָרגן מיט אַלץ וואָס איז פאַר זיי געווען נייטיק און גוט.

חנא איז געווען אַן אויסנעם צווישן די פינף זין און טעכטער פון מענדל טשאַרנעס רייס און זיין ווייב שרה. זי, די מוטער, האָט זיך באַרימט מיטן ייחוס, וואָס זי שטאַמט פון מענדעלע מוכר ספרים.

מענדל רייס, דער טאַטע, איז געווען, ווי אַ סך אַנדערע יידן אין פאַרשיידענע צייטן, אַ חלפן. דאָס יידישע לעבן איז געווען שטאַרק באַגרענעצט, אַרומגעצוימט אין תחום־המושב, איינגעשלאָסן אין געטאָ. דאָ טאָר מען ניט גיין, דאָרט טאָר מען ניט וווינען; קיין ערד האָבן יידן ניט געטאָרט פאַרמאָגן. האָט זיך אַ ייד אַוועקגעזעצט ביי די קלייטן מיט אַ טישעלע און געוואָרן אַ חלפן, געביטן געלט.

אַדורכגייענדיק די גאַס אין כאָטין, פון אסתר פריידלס ביז צו די פורלעך, האָסטו געקענט זען ווי יידעלעך זיצן אין מיטן גאַס ביי די טישלעך, ווי די אַמאָליקע חלפנים, האַנדלען מיט מטבעות פון די שכנותדיקע לענדער, מיט עסטרייכישער וואַלוטע, מיט גאָלד און מיט זילבער און באָרגן אויך געלט אויף פּראָצענטן.

ר' מענדלען האָט דאָס מזל צוגעשפּילט און ער איז געוואָרן אַ גביר. ער האָט געטאָן ווי די חכמים האָבן געהייסן: לעולם ישליש אדם את הונו בממון, בנכסים ובמטלטלין — ער האָט צעטיילט דאָס פאַרמעגן זיינס, אַ דריטל אין געלט מזומן, אַ דריטל אין פעלדער און וועלדער און אַ דריטל אין סחורה. מאַכט זיך חלילה עפּעס אַן אומגליק, אַ קראַך, פאַרלירט מען נאָר אַ דריטל פונעם פאַרמעגן. מענדל טשאַרנעס האָט פאַר־מאָגט געלט און מילן און פעלדער און וועלדער. ער האָט אַפילו געהאַט אַ גאַנץ דאָרף — קאַרפּאַטש.

מענדלס קינדער האָבן געירשנט דעם טאַטן און זענען שוין געוואָרן באַנקירן, אָבער אין אַ גרויסן מאַסשטאַב. זיי האָבן אויך פאַרברייטערט די עסקים און דאָס פאַרמעגן מיט אייגענע כוחות, כאָטש קיין גרויסע בילדונג האָבן זיי ניט געהאַט, אַחוץ איין טאָכטער, טשאַרנע רייס, וואָס איז געוואָרן אַ פּראָ־פעסאָרין פון כעמיע אין ירושלימער אוניווערסיטעט.

חנא (קאַרל עמאַנועלאָוויטש) האָט אויך ניט געהאַט קיין אַקאַדעמישע בילדונג, אָבער ער האָט זיך אַ סך אָנגעלייענט. ער האָט פאַרמאָגט איינע פון די שענסטע ביבליאָטעקן, מיט טויזנטער ביכער, אין וועלכע ער האָט זיך פאַרטיפט מיט לייב און לעבן. ער האָט זיך אָפּגעריסן פונעם טאַטנס עסקים, ניט געגאַנגען מיטן שטראָם פון זיינע ברידער און זיך אין גאַנצן אַוועקגעגעבן דער יידישער קהילה פון כאָטין.

חנא רייס האָט זיך געשטעלט פאַר אַ ציל צו פאַרבעסערן דעם מצב פונעם כאָטינער יידישן יישוב, פונעם פּרט און פונעם כלל. ער האָט אָנגעהויבן פונעם יסוד, פון דער יוגנט. דעם אַלטן דור, דעם דור המדבר, קען מען שוין ניט פאַר־בעסערן, מחמת דעם יאָך פון חיונה און אויך אַנדערע סיבות.

חנא רייס איז געווען אי צו גאָט און אי צו לייט. ער איז געווען אַ טראַדיציאָנעלער ייִד און אַן אָפטער גאַסט אין קלויז. ער האָט געפּועלט דורך אַ פּראָצעס ביי די קעשענעווער מושלים צו באַקומען פּערציק טויזנט רובל פון "סוועטשני סבאָר". פון אָט דעם געלט האָט ער אין יאָר 1900 אויסגעבויט אַ פּרעכטיקע שול, אַנשטאָט דער אַלטער, כמעט איינגעפאַלענער שול. ער האָט אויך אויסגעבויט די "כאָרשול" מיט דער תלמוד־תורה, וואָס איז טאַקע פאַררעכנט געוואָרן פאַר איינער פון די שענסטע געביידעס אין כאָטין.

אַלץ וואָס ער האָט געזען אין אויסלאַנד, בעת זיינע יערלעכע נסיעות, האָט ער געפּרוווט אַריבערטראָגן אין זיין כאָטין: דאָס בעסטע און דאָס שענסטע. דעם "קרוזשאָק" האָט ער געפּרוווט בויען לויט דעם מערב־איראָפּעישן שטייגער, ווי ער האָט עס געזען אין בערלין. ער האָט דאָרטן געוואָלט שאַפן אַ קולטורעל־געזעלשאַפטלעכן צענטער, אַ גייסטיקן ווינקל פאַר דער כאָטינער יוגנט, און דאָס איז אים געראָטן צו טאָן. ער האָט געוווּסט ווי אַזוי מען דאַרף צוציען די יוגנטלעכע וואָס קומען אין שול. ער האָט אַראָפּגעבראַכט די בעסטע חזנים, האָט אָרגאַניזירט אַ כאָר מיט אַ גוטן דיריגענט, איינגעאָרדנט ליטעראַרישע אָוונטן און געשאַפן אַ גוטע ביבליאָטעק; אין די יאָרן 1904—1905 האָט ער אָרגאַניזירט אַ בלאָזאָרקעסטער און אַראָפּגעבראַכט פאַר אים פון לייפּציג 45 אינסטרומענטן. ער האָט געעפנט אַ שול און אַ תלמוד־תורה, ווו מ'האָט געזאָרגט די קינדער זאָלן מאַכן ספּאָרט און גימנאַסטיק; ער האָט אויך איינגעקויפט די נייטיקע כלים פאַר דעם.

די פּרימיטיווע חדרים האָבן פאַרלוירן זייער רעכט אויף עקסיסטענץ, אין אָנבליק אויף זיין אויפטו. אַלץ האָט ביי אים געקלאַפּט ווי אַ זייגער און ער אַליין איז געווען אַ ביישפּיל פאַר אַלעמען. אַלץ איז פאָרגעקומען אין "קרוזשאָק", אין קלויז, אַרום דעם אָרקעסטער, אַרום דעם כאָר, אַרום חנא רייס. דאָס איז געווען אַן איינהייטלעכע קולטורעלע קערפּערשאַפט, אין וועלכער אַלץ איז געווען עיקרדיק.

חנא רייס האָט זיך אָבער ניט אָפּגעזונדערט אין דעם ווינקעלע וואָס ער האָט געשאַפן. מען האָט אים געקענט טרעפן אויף אַלע פראָנטן פון אַרבעט לטובת דער כאָטינער ייִדישער באַפעלקערונג. ער איז געווען אַן אַפּוטרופּוס אין אַלע פילאַנטראָפּישע אינסטיטוציעס, געשטיצט דאָס שפּיטאָל, דעם מושב־זקנים, הכנסת־אורחים און אַנדערע. די סאַניטאַרע באַדינגונגען האָבן זיך פאַרבעסערט אין אָט די אַלע אַנשטאַלטן. ער פלעגט אַרומגיין פון איין שטוב צו דער אַנדערער און דאָרטן ווו די רינעס זענען געווען צעבראָכן האָט ער געשיקט בעלי־מלאכות מען זאָל פאַרריכטן. אַז ער האָט באַמערקט אַז עמעצער גייט באָרוועס אין גאַס, פלעגט ער אים צופירן צו אַ שוסטער און באַשטעלן פאַר אים אַ פּאָר שטיוול. איין מאָל אין יאָר פלעגט ער אויסטיילן פאַר די תלמידים אין דער תלמוד־תורה אַ פּאָר שטיוועלעך יעדן איינעם און אַ היטעלע; פּאַסיקע סעזאָנעווע מונדירן פלעגט ער אויסטיילן פאַר די תלמידים צוויי מאָל אין יאָר. פאַר פּסח האָט ער אין זינען געהאַט צו פאַרזאָרגן די אָרעמע־לייט מיט מצות, קאַרטאָפל און צו מאָל אפילו מיט עטלעכע רובל אין קעשענע.



פון דעסטוועגן האָבן זיך געפונען אַזעלכע וואָס האָבן אים מיאוס אָפּגעדאַנקט תיכף נאָך דער רעוואָלוציע. מענטשן האָבן אפילו געזאָגט אַז פאַר צרות, וואָס ער האָט זיך גענומען צום האַרצן, איז ער אין גיכן געשטאָרבן.

חנא רייס האָט אַרויסגעוויזן זיין געניטקייט אויך תיכף נאָך דעם ווי ס'איז אויסגעבראָכן די ערשטע וועלט־מלחמה, ווען מ'האָט פאַרטריבן ייִדן פון די אַרומיקע דערפער. ער האָט אָרגאַניזירט אַ גיכע הילף און, צוזאַמען מיטן פּעטראָגראַדער קאָמיטעט, האָט ער אין אַ קורצער צייט די געליטענע איינגעאָרדנט. חנא רייס איז אויך געשטאַנען בראָש פון דער "בלאַגאָטוואָריטעלנאָע אָבשעסטוואָ" און ביי די וואַלן צו דער ערשטער דומע איז ער אויסגעקליבן געוואָרן ווי דער כאָטינער פאָרשטייער צו דער קאָנפערענץ אין קעשענעוו, ווו מ'האָט געוויילט דעם בעסאַראַבער דעפּוטאַט.

חנא רייס איז געשטאָרבן אין יאָר 1920, אין עלטער פון 52 יאָר. זיין גייסטיקער יורש אין דער "בלאַגאָטוואָריטעלנאָע אָבשעסטוואָ" איז געווען מאיר לאַנדוויגער. זיין הויז מיט דער רייכער ביבליאָטעק איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פאַרמעגן פון כלל־כאָטין און בפרט פון ייִדישן כאָטין.

דער כאָטינער ייִדישער יישוב איז כמעט אין גאַנצן אונטערגעגאַנגען, אָבער ווו ערגעץ אַ כאָטינער ייִד אויף דער וועלט — דערמאָנט ער מיט באַגייסטערונג און דרך־ארץ די ליכטיקע געשטאַלט פון חנא רייס.

אויסצוגן פון פנקס פון די כאָטינער קהילה פאַר די יאָרן 1927—1933

די פיינטלעכע באַציִונג פון דער הערשנדיקער מערהייט לגבי דער נויטבאַדערפטיקער יידישער מינדערהייט האָט געבראַכט דערצו ס'זאָלן געשאַפן ווערן אייגענע הילפס־אינסטיטוציעס, כדי צו פאַרלייכטערן די נויט. אָן אַן אָפיציעלער באַוויליקונג, און אָן אַ געזעלשאַפטלעכן קאָנטראָל, האָט מען פאַרשוועגדט דאָס געלט אָן קיין שום תכלית. אין יאָר 1917 איז איינגעפירט געוואָרן אַ סדר, מיטן שאַפן דעם קהילה־קאָמיטעט אויף דעמאָקראַטישע יסודות, כדי צו קאָנצענטרירן די יידישע אינסטיטוציעס אונטער איין צענטראַלער אָנפירונג, לטובת דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג פון כאָטין.

דער צוועק פון דעם געשאַפענעם קאָמיטעט איז געווען: באַפרידיקן די באַדערפענישן פון די אָרטיקע יידן אויף קולטורעלן און עקאָנאָמישן געביט און רעפּרעזענטירן די יידישע באַפעלקערונג כאַר די מאַכט־אָרגאַנען.

די כאָטינער קהילה איז געווען די ערשטע וואָס האָט געענטפערט אויף דעם אויפרוף פונעם יידישן קאָנגרעס אין אוקראַינע, בנוגע שאַפן קהילה־קאָמיטעטן. תיכף איז געגרינדעט געוואָרן אַ קאָמיטעט בראָש מיט אלחנן רייס און מיט דער באַטייליקונג פון מ. שור, י. גרינבערג, י. אַפּעלבוים, אייזיק באַראַג און א. שיינבערג. מחמת שוועריקייטן איז ניט מעגלעך געווען דורכצופירן אַ נאָרמאַלע אָרגאַניזאַטאָרישע אַרבעט אויך אין דער כאָטינער סביבה.

די אַקטיוויטעט פון דער קהילה איז בייגייט געוואָרן אין יאָר 1924, לויט די תקנות וואָס זענען פאָרמולירט געוואָרן אויפן קאָנגרעס פון בעסאַראַבער עסקנים. די גרויסע באַטייליקונג פון דער באַפעלקערונג ביי די וואַלן, דערווייזט ווי גרויס ס'איז געווען דער אינטערעס פאַר דעם געשאַפענעם קאָמיטעט. ביי די וואַלן אין יאָר 1927 האָבן זיך באַטייליקט 92 פּראָצענט פון אַלע וואַלבאַרעכטיקטע יידן.

אַלע קרייזן און פראַקציעס זענען רעפּרעזענטירט געווען אין דער קהילה. ביי די וואַלן זענען געווען פאָלגנדיקע רשימות: 1) דעמאָקראַטן; 2) בעלי־מלאָכות; 3) מזרחי; 4) סוחרים; 5) ציונים; 6) אומאָפּהענגיקע.

די אַרבעט איז געוואָרן איינגעטיילט אין קאָמיסיעס: פינאַנציעלע קאָמיסיע, פּרעזידענט — מיראָן דערזשי; יורידישע קאָמיסיע, פּרעזידענט — אַדוואָקאַט ישראל באָרדייניק; גמילות־חסדים קאָמיסיע, פּרעזידענט — זושיא באָרנשטיין; געזונטהייט־קאָמיסיע, פּרעזידענט — מ. שור; חברא־קדישא, פּרעזידענט — לייבוש לודמיר (שפּעטער — ווייסאָדלער); קולטור־קאָמיסיע, פּרעזידענט — מ. שור (שפּעטער — יוסף אַפּעלבוים); קאָמיסיע פאַר רעליגיעזע פּראָבלעמען, פּרעזידענט — הרב נחום סטראַקאָווסקי.

כדי די אַרבעט זאָל גיין בעסער, זענען אויך צוגעצויגן געוואָרן פרויען אין פאַרשיידענע קאָמיסיעס: גאָלדע בראָדצקי — אַדמיניסטראַציע; חווה צימערמאַן — געזונטוועזן; שרה באַראַג — פינאַנץ; זיווע ענטעליס — קולטור; בעטיע טולטשינסקי — סאָציאַלע הילף.

סאָציאַלע הילף

די איבערגעגעבענע אַרבעט פון זושיא באָרנשטיין איז געווען דורכאויס עפעקטיוו. ער האָט ניט איינגעשפּאָרט זיינע כוחות. ווען ס'איז געוואַקסן די צאָל נויטבאַדערפטיקע און אין קאַסע איז ניט געווען גענוג געלט, פלעגט ער נעמען הלוואות פון פּריוואַטע מענטשן אויף זיין חשבון, כדי צו העלפן די וואָס זענען געווען אין אַ נויט.

אין יאָר 1929 האָט דער צענטראַלער קאָמיטעט פון קעשענעוו געשיקט אַן אויפרוף צו אַלע קהילות, זיי זאָלן העלפן די הונגער־ליידנדיקע פון דרום־בעסאַראַביע. דער פאָנד פאַר סאָציאַלער הילף פון דער כאָטינער קהילה האָט צוגעשיקט דעמאָלט 72.481 ליי, פון וועלכע 50.090 ליי פאַר דרום־בעסאַראַביע און דעם רעשט פאַר אַנדערע נויטבאַדאַרפטיקע.

מ'האָט געשטיצט די "אָזע", מ'האָט געזאָרגט צו קליידן אָרעמע קינדער און זיי לאָזן לערנען אומזיסט. דער געלט־אומלויף פונעם פאָנד אין יאָר 1929 איז געווען 1.875.108 ליי; אין 1930 — 1.195.042 ליי; אין 1931 — 1.849.761 ליי.

די מקורות פונעם פאָנד פאַר קעגנזייטיקער הילף

אין יאָר 1929 איז געשאַפן געוואָרן אַ פאָנד פאַר גמילות־חסדים אויפן נאָמען פון ראָזע גאָלדענבערג, בראָש מיט זושיאַ באָרנשטיין. פונעם כאָטינער רעליף אין אַמעריקע האָט מען באַקומען 102.365 ליי, וואָס האָבן געדינט צו העלפן הונדערטער מענטשן: קליינע סוחרים, פאַרקויפערס אויפן מאַרק, בעלי־מלאָכות, פעדלערס, מענטשן מיט פרייע פּראָפעסיעס. מען פלעגט לייען געלט אויף צוויי וואָכן, אָן ציינזן, געבנדיק אַ מעגלעכקייט צו באַנייען די הלוואה.

לויט דער איניציאַטיווע פון קהילה־קאָמיטעט איז איינגעאָרדנט געוואָרן אַ קינדער־קאָלאָניע. די הויפּט־הכנסה פון קאָמיטעט איז אָבער געווען די טאַקסע אויף כשר פלייש. די דאָזיקע הכנסה איז געוואַקסן דריי מאָל אַזוי פיל, אָן צו העכערן די טאַקסע, אַ דאַנק אַדמיניסטראַטיווע מאָסמיטלען, וואָס ס'האָט אַריינגעפירט מיראָן דערזשי, דער פּרעזידענט פון דער פינאַנציעלער קאָמיסיע.

די קהילה האָט זיך באַמיט אָפּצושאַפן די פאַרשיידענע קליינע פאָנדן, ווי למשל: מעות־חיטין, דער פאָנד פאַר האַלטן שפּיטאָל און פאַרן מושב־זקנים — און אויף זייער אָרט פאָדערן אַ בהדרגהדיקע שטייער, לויט די מעגלעכקייטן פון די איינוווינער. די שטייערן זענען באַשטימט געוואָרן פון אַ קאָמיסיע, בראָש מיט יוסף אַפּעלבוים, דער וויצעפּרעזידענט פון דער קהילה.

דער קולטור־מיניסטעריום האָט געגעבן דער קהילה אַ שטיצע פון 18.121 ליי.

דער גענעראַל־סעקרעטאַר ל. לודמיר און דער אַדוואָקאַט י. באָרדייניק האָבן איינגעפירט אַ סדר אין דער חברא־קדישא און געהעכערט די הכנסות, וואָס זענען פאַרניצט געוואָרן פאַר נויטבאַדאַרפטיקע.

אין כאָטין זענען געווען פאָלגנדיקע יידישע אינסטיטוציעס: דער יידישער שפּיטאָל, דער מושב־זקנים, הכנסת־אורחים,

חברא־קדישא, די אַלטע און די נייע באָד, די שול "תרבות", די פאָלקשול נומער 7 פאַר ייִנגלעך, די פאָלקשול נומער 8 פאַר מיידלעך.

די רעגירונג איז ניט געווען צופרידן וואָס די קהילה אַנט־וויקלט אַן אַלץ ברייטערע טעטיקייט און האָט זיך באַמיט צו באַגרענעצן איר אַקטיוויטעט נאָר אויף רעליגיעזע ענינים. אָבער ניט קוקנדיק אויף דעם באַשניידן דעם בודזשעט פון דער קהילה און דעם באַגרענעצן די רעכט פונעם קהילה־קאָמיטעט — האָט מען אַריינגעפירט שינויים אין סטאַטוס פון די קהילות און פאַרברייטערט זייער אויטאָריטעט. אַ דאַנק דער אינטערווענץ פון מ. שור, י. אַפּעלבוים, מ. דערזשי, י. באָרדייניק ,ל. לודמיר — וואָס זענען געשטיצט געוואָרן פונעם דעמאָלטיקן דעפּוטאַט אין פּאַרלאַמענט, מיכאל לאַנדאַו. די באַוויליקונג איז אָנגעקומען דעם 22־סטן מיי 1929. דעמאָלט האָט מען אויך באַשלאָסן צו פאַראייניקן אַלע ביבליאָטעקן פון דער שטאָט.

אין ראַמען פון דער ציוניסטישער אַקטיוויטעט, האָט די קהילה פון כאָטין זיך באַטייליקט אין דעם אַלגעמיינעם פּראָטעסט קעגן די געשעענישן פון תרפ"ט אין ארץ־ישראל.

אין יאָר 1929 זענען פאָרגעקומען פינף זיצונגען פון קאָמי־טעט און 33 זיצונגען פון דער אָנפירונג.

אויף פינאַנציעלן שטח

מחמת דער עקאָנאָמישער קריזע, האָט די קהילה פאַר־קלענערט די שטייערן מיט 15%. אין יאָר 1933 איז איבער־גענומען געוואָרן די "טאַקסע" — אַן איבערבלייבעניש פון די צאַרישע צייטן.

ס'איז באַשטימט געוואָרן אַ געהאַלט פאַר ר' ניסעלע פוקס (ניסן רויטמאַן), וואָס האָט אַ סך קינדער דערצויגן אין גייסט פון תורה און ייִדישער טראַדיציע.

אין יאָר 1932 האָט די קהילה געקויפט אַ שטח, כדי צו פאַרגרעסערן דעם בית־עלמין.

די קהילה האָט ניט דורכגעלאָזן קיין שום געלעגנהייט זיך אָפּצורופן אויף באַליידיקונגען קעגן ייִדן. נאָך דעם אָנפאַל אויפן דעפּוטאַט מישו ווייסמאַן, האָט אים די קהילה צוגעשיקט אַ טעלעגראַם, אים דערמוטיקט און בלאַמירט די אָנפאַלערס.


מיט דער הילף פון דער קהילה און די דעפּוטאַטן אין פאַר־לאַמענט, זענען אָנערקענט געוואָרן די לעקציעס פון ייִדישער רעליגיע אין אַלע שולן, ווי אַן אָבליגאַטאָרישער לימוד.

אין יאָר 1933 איז דער מאַטריקל־אַמט פון דער קהילה, וווּ מ'האָט פאַרשריבן נײַ־געבוירענע, חתונות און גטן, דער־גאַנגען צו אַ הויכער עפעקטיווקייט און זיינע סטאַטיסטישע דאַטן האָבן געדינט פאַר אַ יסוד אויסצואַרבעטן די פּלענער פון דער קהילה.

אין יאָר 1933 האָט די כאָטינער קהילה גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין דער חרם־אַקציע קעגן דייטשלאַנד.

מצות אויף פסח

די קהילה האָט געזאָרגט אַז אַלע ייִדן פון דער שטאָט זאָלן האָבן מצות אויף פסח. מיט די הכנסות פון די מצות פלעגט



די קהילה אויסגלייכן איר בודזשעט. געוויינטלעך פלעגט די קהילה זיך צונויפרעדן מיט די בעלי־בתים פון די מילן אין דער וואָך פון חנוכה, פאָדערן פון זיי אָפּערטעס, כדי זיך צו באַטייליקן אין קאָנקורס. נאָך דעם ווי ס'איז באַשטעטיקט געוואָרן דער באַשלוס פונעם קאָנקורס־קאָמיטעט, איז די קהילה געוואָרן דער עקסקלוסיווער קונה פון מעל פאַר מצות. דאָס באַקן מצות האָט מען איבערגעגעבן די "קבלנים", וואָס האָבן דערויף געהאַט אַ חזקה. דאָס פאַרקויפן די מצות האָט געהערט עקסקלוסיוו צו דער קהילה. מ'האָט געקענט קויפן מצות נאָר מיט דער באַשטעטיקונג פונעם קהילה־קאַסירער, אַז מ'האָט באַצאָלט די שטייערן וואָס די קהילה האָט אַרויפ־געלייגט אויף יעדן איינעם, לויט זיין הכנסה. מ'האָט קיינעם ניט בעוולט און קיינער האָט ניט געפּרוּווט זיך אָפּצוזאָגן פונעם באַצאָלן די שטייערן. אַפילו עס זענען געווען צו מאָל אַזעלכע וואָס האָבן זיך געוואָלט "אַרויסדרייען", האָט מען קעגן זיי ניט אָנגענומען קיין באַזונדערע מיטלען. פאַרשטייט זיך אַז נויטבאַדאַרפטיקע האָבן געקראָגן מצות אָן געלט. אַ סך פון זיי האָט מען צוגעשטעלט אויך ווייַן, קאַרטאָפל, בוימל און אייער אויף פסח. זאב געלמאַן, דער סעקרעטאַר פון דער סאָציאַלער קאָמיסיע און נחום רויטמאַן, וואָס האָט פרייוויליק מיטגעאַרבעט, האָבן זיך באַמיט אַריינצופירן ליכט און וואַרעמ־קייט אין יעדער ייִדישער משפחה, אין די טעג פון פסח.

שריפות אין שטאָט

דעם 25־סטן מיי 1930 איז אויסגעבראָכן אין שטאָט אַ שריפה, וואָס האָט געלאָזט 50 משפחות (200 נפשות) אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ. אַ דאַנק דער גיכער אַקציע פון דער קהילה, האָט מען צונויפגעזאַמלט 22.750 ליי, כדי תיכף אַרויס־צוהעלפן די נישרפים מיט הלוואות. ס'האָט זיך תיכף געשאַפן אַ ספּעציעלע קאָמיסיע אין וועלכער עס זענען אַריינגעגאַנגען מיכאל שור, יוסף אַפּעלבוים, זוסיא בראָנשטיין, אַדוואָקאַט ישראל באָרדייניק, לייבוש געלמאַן, בייריש גיטלמאַן, מיראָן דערזשי, חיים וואַסערמאַן, מאיר לאַנדוויגער, יוסף לאַנדוי, יעקב טוטלמאַן, מתתיהו רייס און אַדוואָקאַט משה פעלדמאַן — וועלכע האָבן זיך געווענדט צו די ייִדן פון גאַנץ בעסאַראַביע,

בוקאָווינע און טראַנסילוואַניע נאָך הילף פאַר די געליטענע. מ'האָט צונויפגענומען 156.530 ליי, מ'האָט אויך צונויפגעזאַמלט שטובזאַכן, וואָס זענען אין גאַנצן באַשעדיקט געוואָרן אין דער שריפה. און אויף דעם סמך האָט די מלוכה מוותר געווען אויף 200.000 ליי שטייערן. דער אינערן־מיניסטעריום האָט געגעבן 400.000 ליי, פון וועלכע 325.000 פאַר די כאָטינער איינגעזעסענע בירגער און 75.000 ליי פאַר צייטווייליקע בירגער, וואָס האָבן געליטן פון דער שריפה. דער אַגריקולטור־מיניסטעריום האָט צוגעשטעלט האָלץ צו בויען, אין ווערט פון 200.000 ליי. די פּאָליציי האָט געגעבן 50.000 ליי און פון דער כאָטינער געגנט האָט מען צונויפגעזאַמלט 100.000 ליי. ס'האָבן אויך געגעבן געלט פּריוואַטע מענטשן, ווי למשל די פאַמ. אַסמאַנסקי, וואָס האָט צוגעשיקט 100.000 ליי פאַר די געליטענע.

די גמילות־חסדים־קאַסע פון דער קהילה האָט געשאַפן אַ פאָנד פאַר הלוואות פון 1.445.000 ליי. די הלוואות האָט מען געגעבן אויף זיבן יאָר, מיט 4% ציגזן אַ יאָר, כדי אויפצובויען דירות און געשעפטן. אַחוץ דעם האָט מען געגעבן אַן איינמאָליקע שטיצע פון 65.000 ליי, כדי צו פאַרריכטן באַשעדיקטע הייזער.

דעם 12־טן פעברואַר 19.32 איז ווידער אויסגעבראָכן אַ שריפה אין שטאָט און 15 אָרעמע משפחות זענען געבליבן אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ. לויט די שטוב־כלים וואָס זענען באַשעדיקט געוואָרן, האָט די מלוכה מוותר געווען אויף 50.000 ליי שטייערן. דער אַגריקולטור־מיניסטעריום האָט באַוויליקט די בקשה פון דער קהילה צו געבן 472 קוביק־מעטער האָלץ פאַר בוי־מאַטעריאַל. די בקשה איז געשטיצט געוואָרן פונעם דעפּוטאַט מיכאל לאַנדאַו. די לאָקאַלע מאַכט־אָרגאַנען האָבן מנדב געווען 15.000 ליי און די משפחה אָסמאַנסקי פערזענלעך — 19.260 ליי.

מאָסמיטל קעגן טעראָר־אַקציעס

אין יאָר 1930 האָט מען זיך דערוווּסט אַז די "אייזערנע גוואַרדיע", אָנגעפירט פונעם צורר־היהודים זעליאָ קאָדרעאַנו, גרייט זיך אָרגאַניזירן אַ מאַרש איבער כאָטין און יידן וועלן האָבן דערפון צו ליידן. די כאָטינער קהילה, ווי אויך די קהילות פון אַנדערע שטעט, האָבן געוואָרנט די מאַכט בנוגע די אומרוען וואָס קאָנען פאָרקומען. דער פּרעזידענט פון דער קהילה, מ. שור, האָט געשיקט אַ טעלעגראַם צום קיניג קאַרל, אין וועלכער ער האָט אָנגעוויזן אויף דער סכנה וואָס לויערט פאַר יידן.

סוף דעצעמבער איז פאַרשטאַרקט געוואָרן די אַנטיסעמיטישע פּראָפּאַגאַנדע אין די אַרומיקע דערפער און מ'האָט מורא געהאַט פאַר אַ פּאָגראָם אין די טעג פון ווייַנאַכט און ניי־יאָר. די באַמיונגען פונעם דעפּוטאַט מיכאל לאַנדאַו און פון אַנדערע פאַקטאָרן האָבן פאַרהיט די שטאָט פון דעם אָנשיקעניש.

דעם 20־סטן פעברואַר 1931 איז די קהילה אָבער געוווירן געוואָרן אַז דעם ערשטן מאַרץ וועט פאָרקומען אין דאָרף קריוואָי, אין דער נאָענט פון ליפּקאַן, אַ רעגיאָנעלער קאָנגרעס פון די אַנטיסעמיטישע פּאַרטייען. אַ דאַנק די באַמיִונגען פונעם מיניסטער פאַר בעסאַראַבער ענינים און דעם פּרעזידענט פון דער קעשענעווער קהילה איז דער קאָנגרעס ניט פאָרגעקומען.

אין יאָר 1930 האָט די כאָטינער קהילה פּראָטעסטירט קעגן פאַרשליסן די טויערן פון ארץ־ישראל פאַר יידן, לויט די באַשלוסן פון פּאַספילדער קאָנגרעס. דער פּראָטעסט איז איבערגעגעבן געוואָרן דעם רומענישן אויסערן מיניסטער און דער ענגלישער אַמבאַסאַדע פון בוקאַרעשט.

פון די ראַפּאָרטן פון דער קהילה פון יאָר 1931 ווייזט זיך אַרויס אַז די קהילה האָט זיך אונטערגענומען מקבר צו זיין די יריעות פון ספרי־תורות וואָס זענען צעריסן געוואָרן בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען יידן זענען פאַרטריבן געוואָרן פון זייערע ערטער.

עס ווערט אויך דערמאָנט אַז די קהילה האָט זיך אונטערגענומען צוצושטעלן פאַר יידישע סטודענטן טויטע קערפּערס, ווייל די מעדיצינישע פאַקולטעט האָט זיי אַנדערש ניט דערלויבט אָנטיילצונעמען ביי די לעקציעס פון אַנאַטאָמיע.

מעדיצינישע הילף

אָרעמע קראַנקע, וואָס האָבן ניט געהאַט קיין געלט צו רופן אַ דאָקטער, האָבן זיך געוואָנדן צו די אינסטיטוציעס "לינת־צדק" און "ביקור־חולים", ווו זיי האָבן באַקומען אומזיסט



דאס אלטע מושב זקנים



אַ שטיבל לעבן "הקדש"

מעדיצינישע הילף. שווער־קראַנקע זענען אויפֿגענומען געוואָרן אָן געלט אין יידישן שפּיטאָל. אין געוויסע פֿאַלן פלעגט מען שיקן די קראַנקע קיין טשערנאָוויץ, צו אַ ספּעציאַליסט.

די ווייטער אויסגערעכנטע מענטשן האָבן זיך פֿאַרנומען אין כאָטין מיט מעדיצינישער הילף:

פעלטשערס: אברהם לייב נערמאַן, אפרים פעלטשער, מאיר פעלטשער, פֿאַניאַ שטרודלמאַן, אַ קראַנקן־שוועסטער אין יידישן שפּיטאָל, ב. אַמבראַזשעוויטש, באָקאַל, דאַמבראַוואָסקי און אַלעקסענסקי (ניט קיין ייִדן). דאַמבראַוואָסקיס זון האָט שטודירט מעדיצין און נאָך דעם ווי ער איז געוואָרן אַ דאָקטער, האָט ער געוווינט אין יידישן קוואַרטאַל.

דענטיסטן: אידאַ ראָזענצווייג, גאָלדע יקיר־בראָדצקי, עוואַ צימערמאַן, חנה וויסמאַן, ד״ר לידיאַ שור.

אַפּטייקערס: אין כאָטין זענען געווען צוויי יידישע אַפּטייקערס: גורפינקל און שעכטער.

דאָקטוירים: ד״ר ברמק, ד״ר גרייזגרוי, דער זון פונעם מאָלער גרייזגרוי, ד״ר ל. זיידמאַן, פּרעזידענט פון דער קהילה און וויצע־פּרימאַר, ד״ר חורש, ד״ר לערנער, ד״ר אהרן סטאַ־ליאַר, ד״ר קאַלפּאַקטשי, ד״ר שיינבערג און ד״ר ראַוויטש.

היבאַמען: בערטא וויסמאַן, ברכה ראבאי, ראָכיל (רחל) פעלדבערג (זי פלעגט שטענדיק אויסרופן: „נאָך אַ יידעלע געבוירן געוואָרן, נאָך אַ יידעלע אויף דער וועלט!").

דער יידישער שפּיטאָל

אין יידישן שפּיטאָל פון כאָטין, איינער פון די צוויי שפּיטאָלן אין שטאָט, זענען געווען 30 בעטן און אַ באַזונדער צימער פֿאַר אַנשטעקנדיקע קראַנקייטן. דער שפּיטאָל איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1860 פונעם יידישן מוסד־צדקה. אין שפּיטאָל האָט מען געגעבן אומזיסט מעדיצינישע הילף, כשר עסן און אַ גוטע באַהאַנדלונג. אַ סימן אַז דער ניוואָ פון שפּיטאָל איז געווען אַ הויכער און די באַהאַנדלונג אַ גוטע, איז דער פֿאַקט וואָס אויך ניט־יידישע פּאַציענטן האָבן געזוכט דאָרט מעדיצינישע הילף. די דאָקטוירים האָבן געאַרבעט פריי־וויליק אין שפּיטאָל.

אין אויסהאַלטן דעם שפּיטאָל, וואָס איז פון יאָר 1917 איבערגעגאַנגען צו דער קהילה, האָבן זיך באַטייליקט: די רעגיאָנאַלע מאַכט־אָרגאַנען, די שטאָטישע פֿאַרוואַלטונג און די קהילה. צום סוף פלעגט אויך קומען אַ וויכטיקע הילף פונעם כאָטינער רעליף אין אַמעריקע. אַ צוגאָב איז אויך געווען די הכנסה פון די פּורים־בעלער וואָס די קהילה פלעגט אָרגאַניזירן יעדעס יאָר אין זאַל פון דער רעגיאָנאַלער פֿאַר־וואַלטונג און צו וועלכע ס'פלעגן קומען אויך ניט־יידן, הויכע באַאַמטן און מיליטער־לייט.

ד״ר בערג האָט אָנגעפירט דעם שפּיטאָל פון יאָר 1900; נאָך אים איז געקומען ד״ר קאַלפּאַקשי פון דער שטאָט־פֿאַר־וואַלטונג, און נאָך זיין פּלוצעמדיקן טויט — ד״ר אַמבראַ־זעוויטש, פּרימאַר פון כאָטין, אַ קריסט אָבער אַ גוטער פריינד פון ייִדן. ער פלעגט אויך אַרבעטן פרייוויליק אין יידישן שפּיטאָל. ער איז אַזוי געווען צוגעבונדן צו דעם שפּיטאָל, אַז אפילו נאָך דעם ווי ער איז פּענסיאָנירט געוואָרן, אין 1931 האָט ער ווייטער געאַרבעט. די שטאָט־פֿאַרוואַלטונג פלעגט אים ווייטער שיקן יעדן טאָג דעם פֿאַעטאָן, אים אָפּצופירן אין שפּיטאָל. די צוויי יונגע דאָקטוירים — ד״ר זיידמאַן און ד״ר שיינבערג — האָבן אים געהאָלפן אין דער אַרבעט. אין 1935, ווען ד״ר אַמבראָזעוויטש האָט אויפגעהערט אַרבעטן, איז איבערגעגאַנגען די אָנפירונג צום ד״ר ל. זיידמאַן. ד״ר שיינ־בערג איז געווען זיין שטעלפֿאַרטרעטער.

די בעדער

אין כאָטין זענען געווען מערערע בעדער — עלטערע און נייערע. בדרך כלל האָבן זיי געהייסן נאָך זייערע בעלי־בתים אָדער די אונטערשטע באָד, די אַלטע באָד (לעבן קלויסטער), די נייע באָד (לעבן די פייער־לעשערס).

דער באַוווּסטער עסקן חנא רייס האָט געפּרוּווט אויפבויען אין כאָטין אַ מאָדערנע באָד, אָבער דער פּלאַן זיינער איז ניט געראָטן. לאַנדוויגער האָט אפילו שפּעטער געלייגט דעם יסוד, וואָס איז געבליבן אַזוי ביזן יאָר 1924.

יידן וואָס האָבן געוווינט אין דער נאָענט פון מרחץ זענען געגאַנגען שבת אין דער פרי אין מקווה.

חברה־קדישא

די נייַ געשאַפענע קהילה אין יאָר 1917 האָט זיך אונטער־גענומען קודם־כל אַרויסצונעמען די חברה־קדישא פון פּרי־וואַטע מענטשן, וואָס האָבן געטאָן וואָס זיי האָבן געוואָלט, האָבנדיק דערויף אַ מאָנאָפּאָל. קיין שום געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציע איז ניט געשטיצט געוואָרן פון דער הכנסה וואָס די חברה־קדישא האָט איינגענומען.

אַ קאָמיסיע בראָש מיט לייביש לודמיר און אַדוו׳ ישראל בורדייניק האָט פֿאַרוואַנדלט די דאָזיקע אינסטיטוציע אין אַ מקור פון הכנסה פֿאַר דער קהילה. די קאָמיסיע האָט געזאָרגט אַז די קבורה זאָל געמאַכט ווערן לויטן יידישן דין און מען זאָל אָפּגעבן דעם נפטר גלייכן כבוד, אָרעם צי רייך. די קאָמיסיע האָט אויך געזאָרגט פֿאַרן אויסזען פונעם בית־עלמין, אָפּ־היטנדיק די מצבות און זייערע אויפשריפטן. די מיטגלידער פון דער קאָמיסיע האָבן געאַרבעט עפעקטיוו ביים אויפנעמען מענטשן, צו אַ חודש צייט, אָפּלייזנדיק איינער דעם אַנדערן.

די משפחה פונעם נפטר האָט געמוזט ברענגען אָפיציעלע פּטירה־דאָקומענטן און אַ באַווייליקונג פון דער קהילה אַז מ'האָט באַצאָלט די שטייערן. מ'האָט זיך גערעכנט, פֿאַרשטייט זיך, מיט אָרעמע מענטשן. די הכנסה פון דער חברה־קדישא איז געווען אַ וויכטיקער פֿאַקטאָר אין בודזשעט פון דער קהילה, אויסצוהאַלטן פֿאַרשיידענע אינסטיטוציעס. מ'האָט גע־געבן די מעגלעכקייט צו אָפּצאָלן בנוגע דעם געפֿאָדערטן סכום פֿאַר דער קרקע. מ'האָט אויך דערמעגלעכט אויסצוצאָלן במשך פון אַ יאָר. צו מאָל האָט מען אָבער פֿאַרהאַלטן די קבורה, ווייל די יורשים האָבן זיך ניט איינפֿאַרשטאַנען מיט דער קאָמיסיע פון דער חברה־קדישא.

די מיטה פלעגט מען טראָגן אויף די אַקסלען ביז אויפן בית־עלמין. אויפן וועג פלעגט זיך די לוויה אָפּשטעלן ביי דער שול, ווו מען האָט מספיד געווען דעם ניפטר. פון דאָרט איז מען געגאַנגען ווייטער אַ מהלך פון דריי קילאָמעטער, ביז צו דעם בית־עלמין.

אין שטאָט איז געווען אַן אַלטער בית־עלמין, פון אַן ערך 1800, ווו מ׳פלעגט ניט מער באַגראָבן. פאַר ימים־נוראים האָבן זיך אָבער תמיד געפונען יידן וואָס זענען אַהין געגאַנגען אויף קבר־אבות, סיי כדי אָפּצוגעבן כבוד די ניפטרים, סיי ווייל זיי האָבן באַטראַכט די ניפטרים ווי מליצי־יושר, גוטע שליחים צו ברענגען זייערע בקשות פאַרן כסא־הכבוד, ערב ראש־השנה.

אויפן נייעם בית־עלמין פלעגן גיין אַ סך מענטשן אויף קבר־אבות. ס׳איז געווען אַ ספעציעל אָרט אויפן בית־עלמין ווו מ׳פלעגט באַהאַלטן באַשעדיקטע ספרי־תורות און שמות, געבליבענע נאָך שריפות און פאָגראָמען. לעבן אָט דעם אָרט האָט מען געלייגט נאָר חשובה ניפטרים. דאָרט האָט מען מקבר געווען, למשל, ר׳ יהושע אָרנשטיינען.

קהלה־ראט

אויסגעקליבן ביי די וואלן פון 19 אפריל 1927.

צעטל נר. 1
(דעמאָקר. בלאָק)

לייבוש נעלמאַן
יחיאל קיזשנער
דוד פאסטעלניק
שלום שעבטער

צעטל נר. 2
(בעלי־מלאכות)

אבא רזשאַווסקי
ביירוש גיטלמאַן
יוסף לאנדא
אהרן שיינמאַן
זוסיא כין
יוסף מעדניק
ראובן עפלבוים
הערש לייב נעלעה
יוסף פעקער

יצחק פארטנאי

זאב פיינמאַן

צעטל נר. 3
(ארטאדאקסן־„מזרחי“)

זוסיא ברוינשטיין

אהרן בר״ג
אברהם פסח
אפרים פסח

לוי פסח
דוד בארלאם
זלמן שאַבעלמאַן
משה שטולמאַן

צעטל נר. 4
(סוחרים־פאַרבאַנד)

מארקוס געלשטיין
שמואל חת
מיכאל קאמענעצקי

צעטל נר. 5
(פאראייניקטער ציונים־טישער בלאָק)

יוסף עפלבוים

צבי פעפערמאַן

יצחק מאיר טיסנבויב
משה רויזמאַן
לייבוש לודמיר
ישראל בר״ג
ישראל אבנר בר״ג
משה ווארטיקאַווסקי
אברהם זלמן מלמוד
שלמה פעלדמאַן
דוב ווייסאדלער

צעטל נר. 6
(אומאפהענגיקע)

מיכאל שאר
מאיר לאנדוויגער
מתתיהו רייס
מיראָן דערזשי
חיים וואסערמאַן
אדוו. ישראל בורדייניק
לייבוש בר״ג
שלמה שקאלניק
ישראל גיצים
שלום שאבעלמאַן

קאאפטירט:

גאלדע בראדסקי
שרה בר״ג
חוה צימערמאַן
זיבע ענטעלים
בעטיע טוטשינסקי

אויפשריפטן אויף די מצבות

וואָס פשוטער דער ציון איז געווען, אַלץ דערהויבענער איז ער געווען. אין דער לעצטער צייט האָט מען אָבער אָנגעהויבן איינצוקריצן אויפשריפטן מיט שבחים פאַרן ניפטר. די משפחה פון אברהם דיערזשי האָט געלאָזט אַפילו איינקריצן אַ וויינ־פעסל, אַ סימן אַז דער ניפטר איז געווען אַ ווייןסוחר אין זיין לעבן. די קהילה האָט עס אָבער געהאַלטן פאַר אַ פגם און געהייסן אויסמעקן.

אין דער צייט פון דער צווייטער וועלט־מלחמה זענען צעשטערט געוואָרן די בית־עלמינס און די מצבה־שטיינער האָבן די סאָוועטישע מושלים באַנוצט פאַר אַ פונדאַמענט אויף וועלכן ס׳איז אויפגעשטעלט געוואָרן אַ מאָנומענט.

די יידישע קהילה פון כאָטין

די כאָטינער קהילה איז די ערשטע יידישע קהילה אין בעסאַראַביע, געגרינדעט אין יאָר 1917 און אָנערקענט אויף אַ לעגאַלן אופן אין 1929.

קהלה־ראט

אויסגעקליבן ביי די וואלן פון 21 יאנואר 1932.

פרעזידיום:

מיכאל שאָר, פאָרזיצער
מיראָן דערזשי — וויצע־פאָרזיצערס
יוסף עפלבוים — וויצע־פאָרזיצערס
אדוואקאט ישראל בורדייניק — וויצע־פאָרזיצערס
משה רויזמאַן, גענעראל־סעקרעטאר
מארקום געלשטיין, געהילפס־סעקרעטאר

מיטגלידער:

הרב נ. סטראקאָווסקי
ישראל בר״ג
שלום גאלדענבערג
ישראל גיצים
ד״ר ליפא זיידמאַן
משה ווייסמאַן
שמואל חת
עדיאל יאנאָווער
אברהם זלמן מלמוד
אבא רזשאַווסקי

קלמן נודעלמאַן

דוד פעלדמאַן
נחום קיזשנער
זלמן שאבעלמאַן
זוסיא ברוינשטיין
לייבוש בר״ג
לייב באַרבאַך
גבריאל בערנשטיין

ביירוש גיטלמאַן
בערל ווייסאדלער
אלעזר זאלצמאַן
מיכאל יפה
זוסיא כין
זיידע לערנער
שלמה פעלדמאַן

לייב בלווישטיין

שמעיהו ציפערמאַן
שואל פרייבערג
מעחיל סאפאזשניק
צבי ליבאַנטשיק
דוד פאַסטעלניק
יעקב רויטמאַן
פייוויל רוכמאַן
אהרן שיינמאַן
לייבוש לודמיר

פארוואלטונג

פרעזידיום:

מיכאל שאָר, פּאָרזיצער
יוסף עפּלבוים, וויצע־פּאָרזיצער
מיראָן דערזשי, "
ליבוש לודמיר, גענעראַל־סעקרעטאר

הרב נ. סטראקאָווסקי
זוסיא ברוינשטיין
ד״ר ליפּא זיידמאַן
בערל ווייסאדלער
שלמה פעלדמאַן

שמואל הת
אבא רזשאַוונסקי
מיכאל יפה
דוד פאסטעלניק
יעקב רויטמאַן

סעקציעס:

1. פינאנס־עקאָנאָמישע ענינים:

מיראָן דערזשי (פּאָרזיצער), שלום גאָלדבערג, מ. געלשטיין, מ. יפה, ש. פעלדמאַן, מ. הייזמאַן און א. רזשאַוונסקי.

2. קולטורעלע ענינים:

יוסף עפּלבוים (פּאָרזיצער), מ. ווייסמאַן, אליעזר זאלצמאַן, ש. הת, ק. נודלמאַן ד. פעלדמאַן און נ. קיזשנער.

3. חברה־קדישא־ענינים:

ב. ווייסאדלער (פּאָרזיצער), ג. בערנשטיין, י. גיצים, ז. כץ, מ. סאפּאזשניק, ז. שאבעלמאַן און א. שיינמאַן.

4. סאניטערע ענינים:

מיכאל שאָר (פּאָרזיצער), ד״ר ל. זיידמאַן, א. ז. מלמוד, ש. פרייבערג, ש. ציפּערמאַן, ל. בארבאך און י. ש. ווארמאַן.

5. יורידישע ענינים:

אדוו. י. בורדיניק (פּאָרז.), ל. לודמיר און ל. בלווישטיין

6. צדקה־זאכן:

זוסיא ברוינשטיין (פּאָרזיצער), ב. גיטעלמאַן, ע. יאנאווער, צבי ליימאנטשיק, ז. לערנער, ד. פאסטעלניק און י. רויטמאַן.

7. רעליגיעזע ענינים:

הרב נחום סטראקאווסקי (פּאָרז.), הרב גדליהו א. סטראקאווסקי ז״ל הרב ב. שורך און זוסיא ברוינשטיין (וויצע־פּאָרזיצערס), ש. הת, צבי ליימאנטשיק, מ. סאפּאזשניק, ד. פעלדמאַן, נ. קיזשנער, ז. שאבלמאַן.

8. גמילות חסד־ענינים:

ז. ברוינשטיין, (פּאָרז.) מ. ברויטמאַן און ב. גיטעלמאַן.

צענזאָרן־קאָמיסיע: פּאָרזיצער: ישראל בר״ג
מיטגלידער: ליבוש בר״ג, פ. רוכמאַן.

איידער דעם האָבן עקסיסטירט נאָר פאַרשיידענע קאָמיטעטן, אָן שום פאַרבינדונג צווישן זיך, קאָמיטעטן וואָס זענען ניט געווען אונטער געזעלשאַפטלעכן קאָנטראָל. זיי זענען באַשטאַנען אויף תרומות און דאָס האָט געבראַכט אַ גרויסן שאָדן דער נויטבאַדאַרפטיקער באַפעלקערונג.

איצט איז די גאַנצע אַקטיוויטעט קאָנצענטרירט אין די הענט פון דער קהילה און קען לייכט קאָנטראָלירט ווערן. דער גרעסטער טייל פונעם בודזשעט קומט פון שטייערן, אין איינקלאַנג מיטן מאַטעריעלן מצב פון די באַשטייערטע.

דער קהילה־קאָמיטעט פאַרענטפערט פאַר די וויכטיקע מוסדות: מושב־זקנים, תלמוד־תורה, דריי עלעמענטאַר־שולן, די שולן ״תרבות״ און די ציוניסטישע ביבליאָטעק.

דער יידישער שפיטאָל אַרבעט ווייטער אונטער דער אָנפירונג פון ד״ר זיידמאַן. דער קהילה־קאָמיטעט שטעלט צו רפואות אומזיסט פאַר אָרעמע קראַנקע וואָס זענען ניט אינטערנירט אין שפיטאָל. יעדעס יאָר אָרגאַניזירט די קהילה זומער־קאָלאָניעס און מער ווי צוויי הונדערט אָרעמע קינדער פאַרברענגען אין זיי אין משך פון צוויי חדשים. מילשטיין, דער רעפּרעזענטאַנט פון דזשוינט אין קעשענעוו, זאָרגט פאַר די נייטיקע פאָנדן.

אַרום בית־עלמין איז אויפגעבויט געוואָרן אַ נייער פּלויט. מ׳האָט אויך געקויפט ניי אָרט כדי צו פאַרגרעסערן דעם בית־עלמין. די עלטערע מצבות, וואָס האָבן אַ היסטאָרישע חשיבות, זענען באַצייכנט געוואָרן מיט נומערן.

די קהילה זאָרגט זיך פאַרן רעמאָנטירן הייזער פון אָרעמע מענטשן. די גמילות־חסדים־קאַסע גיט הלוואות אָן ציַנזן, פאַר פּראָדוקטיווע צוועקן.

דער ציל פון דער קהילה איז זיך צו פאַרוואַנדלען פון אַ פילאַנטראָפּישער אינסטיטוציע אין אַן אָרגאַניזאַציע פון אַרבעט און שאַפן. אַנשטאָט דער טראַדיציע פון ״אויסהאַלטן״ איז געשאַפן געוואָרן אַ פאָנד פון פּענסיע פאַר די באַאַמטן פון דער קהילה, אין וועלכן עס באַטייליקן זיך גלייך אויף גלייך די קהילה און די באַאַמטן. כדאי אונטערצושטרייכן אַז 40% פונעם בודזשעט פון דער קהילה גייט פאַר קולטורעלע צוועקן.

די ביבליאָטעק איז געגרינדעט געוואָרן צוריק מיט 25 יאָר און איז היינט איינע פון די רייכסטע אין לאַנד, פאַרמאָגנדיק ביכער אויף העברעיש און אויף יידיש.

דער קהילה־קאָמיטעט באַשטייט פון: ד״ר זיידמאַן, פּרעזידענט; מאַרקוס געלשטיין, וויצע־פּרעזידענט; אַדוואָקאַט וואָלף רויטמאַן, וויצע־פּרעזידענט; וו. שטיינבערג, גענעראַל־סעקרעטאַר; י. גאָרנשטיין.

(אַרטיקל דערשינען אין אַלמאַנאַך פון דער צייטונג ״טריבונאַ עווריאַסקע״ פון יאַס, אין יאָר 1937 — תרצ״ח).

צדקה

איידער ס׳איז געשאַפן געוואָרן דער קהילה־קאָמיטעט, אין 1917, לויט די געזעצן פונעם לאַנד, איז דער ״מוסד־צדקה״ געווען די איינציקע אָרגאַניזאַציע וואָס האָט אַרומגענומען דאָס גאַנצע געזעלשאַפטלעכע לעבן, ניט האָבנדיק דערביי קיין אָפיציעלע באַזע.

דער ״מוסד־צדקה״ איז ליקווידירט געוואָרן אין 1936, בעת ד״ר זיידמאַן איז געווען ראש־הקהל. דאָס גאַנצע פאַרמעגן איז דעמאָלט איבערגעגאַנגען אין רשות פון דער קהילה.

מיטן שאַפן דעם קהילה־קאָמיטעט האָט מען ניט אויפגעהערט עוסק זיין אין צדקה. פאַרקערט — די קהילה האָט געהאָלפן די עסקנים וואָס האָבן זיך דערמיט פאַרנומען. צדקה איז געווען וויכטיק, מחמת איר לאָקאַלן און אינדיווידועלן כאַראַקטער.

עס זענען געווען כל מיני ניואַנסן פון אָרעמקייט און דלות ביי יידן, יעדער מיט זיין נאָמען, ווי למשל: אַן עני, אַן אביון, אַ מסכן, אַן עני־ואביון אד״גל. פאַר יעדן איינעם האָט מען געדאַרפט אָנווענדן אַן אַנדער מין הילף, אַן אַנדער מין גמילות־חסדים. אַ בעל־עגלה, למשל, וואָס דאָס פערד איז אים אַוועקגעפאַלן און ער האָט באַקומען אַ גמילות־חסד זיך צו קויפן אַ פערד איז ניט מער געווען קיין נויטבאַדערפטיקער; ער האָט ניט מער געהערט צו די אָרעמע־לייט מיט וועלכע ס׳האָט זיך פאַרנומען דודל פאַרבער.

עס זענען אויך געווען מענטשן וואָס זענען אַראָפּ פון דער מדרגה, זענען פאַראָרעמט געוואָרן, אָבער זענען ניט משלים געווען מיט דעם מצב און האָבן זיך ווייטער געפירט ווי גלייך ס׳איז גאָרנישט געשען. דאָס זענען געווען די שווערסטע פאַלן. אַזעלכע מענטשן זענען אויסגעגאַנגען אין דלות און קיינער האָט פון דעם ניט געוווסט. ס׳האָבן זיך אָבער כמעט תמיד געטראָפן מענטשן, וואָס האָבן אויסגעפונען די באַהאַלטענע נויטבאַדערפטיקע און מקיים געווען מתן־בסתר. אין כאָטין האָבן דאָס געטאָן משהלע מאַשיניסט און שמעון וואַסערמאַן. שלמה הירש־בערס דער וואַטנמאַכער פלעגט אויך יעדן מאָנטיק גיין איבער די כאָטינער הייזער און צונויפנעמען געלט, כדי צו צעטיילן באַהאַלטענע אָרעמע מענטשן.

טוביהלע ליטוויג פלעגט צונויפנעמען פאַר האָלץ אויפן ווינטער און צעטיילן די נויט־באַדערפטיקע, דערמאָנענדיק דערביי דעם וואָס האָט מנדב געווען. אברהם־לייב גערמאַן פלעגט צעטיילן רפואות אומזיסט פאַר די נויטבאַדערפטיקע, לויט אַ רשימה וואָס ער האָט געהאַט ביי זיך.

די כאָטינער פרויען האָבן דערוויזן מיט זייערע מעשים אַז אונדזערע חכמים זענען געווען גערעכט, ווען זיי האָבן געזאָגט: ״נשים רחמניות הן״. ס׳איז געווען וואָס צו טאָן! בעטיע טולטשינסקי האָט געטראָגן דאָס אחריות פאַר סאָציאַלער הילף אין קאָמיטעט פון דער קהילה. ז. אוסמאַנסקי האָט געגעבן גרויסע געלטער פאַרן פאָנד פון קעגנזייטיקער הילף. מינדל, דעם שוחטס ווייב, פלעגט אַרומגיין יעדן פרייטיק איבער די בעקערייען און צונויפנעמען חלות פאַר נויטבאַדערפטיקע.

הכנסת אורחים

די רוסישע יידן האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט דער מידה פון הכנסת־אורחים. די יידישע הייזער זענען געווען אָפן פאַר יעדן איינעם און מ׳האָט אַרויסגעוויזן אַ באַזונדערע פרייד ווען ס׳איז געקומען אַן אורח. אַזוי איז אויך געווען אין כאָטין. מ׳האָט געמעגט אָנשרייבן אויף די טויערן פון דער שטאָט: ״בחוץ לא ילון גר״ — אַ פרעמדער וועט ניט שלאָפן אויף דער גאַס. אין 1900 האָט מען געעפנט אין כאָטין דעם ״הקדש״ און אַז אַן אָרעמאַן איז געקומען אין שטאָט אָן אַ גראָשן אין קעשענע, האָט אים משה פּירל געעפנט דעם ״הקדש״ און געזאָרגט דער מענטש זאָל האָבן אַ געלייגער און עסן.

דעם אמת געזאָגט איז דער ״הקדש״, ״לינת־צדק״, די תלמוד־תורה און אַנדערע ענלעכע אינסטיטוציעס ניט געווען איינגעאָרדנט לויט די כללים פון היגיענע. דער מצב האָט זיך ערשט געביטן אַ דאַנק דעם אַמעריקאַנער רעליף, וואָס האָט גענומען אונטער זיין שיץ דאָס יידישע שפּיטאָל, דעם מושב־זקנים, די תלמוד־תורה און דעם מוסד הכנסת־אורחים. אין דער קיך האָט מען יעדן טאָג געגעבן וואַרעם עסן פאַר הונדערט מענטשן, נעמענדיק ביי זיי נאָר אַ סימבאָלישן פּרייז. דאָס איז חל געווען ניט נאָר פאַר אורחים פון דער פרעמד, נייערט אויך פאַר די אָרטיקע נויט־באַדערפטיקע. ביים אָנהייב האָט מען געהאַט באַשלאָסן אַז משפחות מיט אַ סך קינדער זאָלן נאָר שיקן איינס פון זיי אין קיך, דאָס האָט אָבער גורם געווען יסורים די עלטערן וועלכע האָבן געדאַרפט באַשליסן וועלעכס קינד זאָל זוכה זיין אין יענעם טאָג צו עסן אַ וואַרעם געקעכץ.

דער לאַנגיאָריקער עסקן אויף אָט דעם שטח איז געווען בוזיע שרייבער.

ביקור חולים

אין דעם מוסד ״ביקור־חולים״ האָבן געאַרבעט פריייוויליקע, וואָס האָבן געהאָלפן סיי די קראַנקע און סיי די דאָקטוירים, בפרט אין צייט פון אַ מגפה. די אַרבעט איז בדרך־כלל געווען אַ צייטווייליקע. אין יאָר 1893—1894, למשל, איז אויסגעבראָכן אַ גרויסע מגפה, וואָס האָט ניט פאַרשוינט קיין איין שטוב. דעמאָלט האָט מען אויך געמוזט דינגען מענטשן וואָס זאָלן מאַכן די קראַנקע מאַסאַזשן. פריייוויליקע האָבן זיך באַמיט צו דערמוטיקן די קראַנקע.

אין יאָר 1900 איז ווידער אויסגעבראָכן אַ וויסטע מגפה. דאָס גלייכע אין די יאָרן 1915—1916, ווען ס׳האָט געוועלטיקט אין שטאָט טיפוס און כאָליערע. די מיטגלידער פון מוסד ״ביקור־חולים״ האָבן אַלץ געטאָן כדי צו העלפן די קראַנקע און זייערע משפחות. ס׳האָט זיך אויסגעצייכנט אפרים קאָטליאַר. אָנגעפירט מיטן מוסד האָט דער זון פונעם שוסטער יאָסל באַשמאַטשניק.

לינת צדק

״לינת־צדק״ איז געווען אַ שוועסטער־אָרגאַניזאַציע פון ״ביקור־חולים״. זיי האָבן זיך ביידע פאַרנומען מיט דער זעלבער אַרבעט. מען האָט געשאַפן מער מוסדות, כדי ס׳זאָלן זיין מער פריייוויליקע וואָס זאָלן זיך באַטייליקן אין דער אַרבעט.

דער זיץ פון מוסד איז געווען אין הקדש, ווו ס׳איז אויך געווען די ״חברה־קדישא״. די מיטגלידער פון ״לינת־צדק״ זענען געווען באַזונדערש אַקטיוו בעת דער מגפה פון 1915—1916. אויסגעצייכנט האָט זיך אַ ייד וואָס האָט געהייסן שמעלקע, מיט זיין געטריישאַפט און איבערגעגעבנקייט.

הכנסת־כלה

די כאָטינער יידן זענען ניט געווען איבעריק רייך, אָבער זיי זענען געווען געבענטשט מיט גוטע הערצער. זיי האָבן זיך געזאָרגט חתונה צו מאַכן אַן אָרעמע יתומה און האָבן אויך אין זינען געהאַט דאָס יונגע פּאָרל.

חתונה מאַכן אָרעמע קינדער איז אויך געווען אַ סגולה אין צייט פון אַ מגפה. בעת דער מגפה פון 1893—1894 האָט מען געשטעלט אַ חופּה אויפן בית־עולם, מיט דער כוונה אַז דאָס לעבן זאָל אָפּשטעלן דעם טויט. גאָדל האָט דעמאָלט חתונה געהאַט מיט אַן אָרטיק אָרעם מיידל. בעת אַן אַנדערער מגפה האָט מען געשטעלט אַזאַ חופּה פאַר משהלען פון באַיאַנער קלויז און רבקהלע די יתומה. נאָך דער חופּה אופן בית־עולם האָבן די בעלי־בתים פון שטאָט אויך באַשלאָסן צו העלפן דעם יונגן פּאָרל.

באַשרייבונג פון דער כאָטינער קהילה

כאָטין איז אַן אַלטע שטאָט ביים ברעג פונעם דניעסטער. די פעסטונג אין שטאָט איז אויפגעבויט געוואָרן אין מיטלעלטער דורך איטאַליענער פון גענואַ. די מאַכט אין דער שטאָט און אין דער גאַנצער געגנט האָט זיך אָפט מאָל געביטן. ס׳האָבן געוועלטיקט דאָרטן מאָלדאַוואַנעס, פּאָליאַקן, טערקן, רוסן און רומענער. היינט איז די געגנט אַ טייל פון ראַטן־פאַרבאַנד.

ס׳האָבן געלעבט אין כאָטין 18,000 נפשות. דער עטנישער צוזאַמענשטעל איז געווען: 45% יידן; 45% אוקראַינער און 10% רוסן, פּאָליאַקן און רומענער (דאָס רוב באַאַמטן).

די יידישע קהילה אין כאָטין האָט עקסיסטירט בערך צוויי ביז דריי הונדערט יאָר. ד״ר זיידמאַן פאַרמאָגט אַ דאָקומענט פון יאָר 1814. אויפן אַלטן בית־עולם זענען פאַראַן מצבות פון גאָר אַלטע צייטן. דאָס געשריפטס אויף זיי איז ניט קלאָר. ס׳איז פאַראַנען אויך אַ נייער בית־עולם, וועלכער איז געווען אונטער דער השגחה פון דער קהילה.

די צאַרישע מאַכט האָט אין די יאָרן 1812—1918 שטרענג פאַרבאָטן די יידישע קהילה זאָל אָנגעפירט ווערן פון אַ קאָמיטעט. מיט יידישע ענינים האָט זיך פאַרנומען אַ ייד וואָס דער מושל האָט אים דערצו באַשטימט. מיט רעליגיעזע ענינים און

מיט באַשטעטיקן פאַרשיידענע דאָקומענטן פאַר יידן האָט זיך פאַרנומען אַ רב, וואָס איז אויך נאָמינירט געוואָרן פון דער ממשלה, אַ "קאַזיאָנע ראַבינער", ווי מ'האָט אים גערופן. אין יאָר 1860 האָט דער "מוסד־צדקה" געגרינדעט אַ יידיש שפּיטאָל. דער דאָזיקער שפּיטאָל איז איבערגעגאַנגען צו דער קהילה, ווען זי איז געוואָרן אַן אָפיציעלע אינסטיטוציע, נאָך דעם די רומענער זענען געקומען צו דער מאַכט. חוץ דעם שפּיטאָל, האָט דער "מוסד־צדקה" געהאַט אונטער זיין השגחה דעם מושב־זקנים, דאָס באָז' און די תלמוד־תורה. אין שטאָט איז אויך געווען אַ קולטור־קרייז מיטן נאָמען "קרוזשאָק", אַ פאָלקשול און אַ בית־כנסת. חוץ דעם זענען אין כאָטין געווען 30 בתי־כנסת.

אין יאָר 1937 האָט מען אויסגעבויט אין כאָטין אַ נייעם בנין פאַרן מושב־זקנים, מיט דער הילף פונעם כאָטינער "רעליף" פון אַמעריקע. ביז דעמאָלט איז געווען אין שטאָט אַ "הקדש", געגרינדעט אין 1900, ווו אָרעמע־לייט האָבן געקענט נעכטיקן אומזיסט. מיטן "הקדש" האָט זיך פאַרנומען משה פערל, אַן אָרעמער, אַליינשטייענדיקער ייד. ווען מ'האָט געגרינדעט דעם קאָמיטעט פון דער קהילה, נאָך דעם ווי די רומענער זענען געקומען צו דער מאַכט, זענען אַלע יידישע אינסטיטוציעס איבערגעגאַנגען צו דער קהילה. די כאָטינער קהילה האָט געהערט צו דעם פאַרבאַנד פון יידישע קהילות מיט דער צענטראַלע אין בוקאַרעשט. די כאָטינער קהילה איז געווען די ערשטע אין בעסאַראַביע, וואָס האָט באַקומען אַ לעגאַלן און יורידישן מעמד.

דער "מוסד־צדקה" האָט ממשיך געווען זיין טעטיקייט אויך אונטער דעם רומענישן רעזשים, מיט דער שטיצע פון חברים־אָפּצאָל און מיט דער הילף פון אַמעריקע (רעליף). בראָש פון דער דאָזיקער אינסטיטוציע זענען געשטאַנען אַ לאַנגע צייט באַנקירן און סוחרים פון דער משפחה רייס. קאַרל רייס, איינער פון די לעצטע אָנפירער פון "מוסד־צדקה", איז געווען אַ באַקאַנטע געזעלשאַפטלעכע געשטאַלט אין כאָטין. לויט זיין איניציאַטיוו איז געשאַפן געוואָרן דער קולטור־קרייז "קרוזשאָק", די יידישע פאָלקשול און דער יידישער יוגנט־אָרקעסטער. אַ דאַנק זיין שטיצע האָט מען דערמעגלעכט ביזן יאָר 1918 אָרעמע תלמידים, וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט ביים לערנען, ממשיך צו זיין זייערע לימודים אין קאַמענעץ־פּאָדאָלסק. נאָך אים האָט אָנגעפירט מיט דער אינסטיטוציע מיכאל שור, אַ גביר און אַ גוטבאַזיצער. ער איז געווען אַ דעפּוטאַט אין רומענישן פּאַרלאַמענט, אין דער צייט פון מאַרשאַל אַווערעסקו. אין יאָר 1936 האָט זיך דער "מוסד־צדקה" אויפגעלייזט און איז איבערגעגאַנגען צו דער קהילה. אויך דער יידישער אַרכיוו, וואָס איז געווען אין רשות פון קאַזיאָנע ראַבינער שמואל חת (Hess) נאָך פון צאַרישן רעזשים, איז איבערגענומען געוואָרן פון דער קהילה. דער רב פון דער קהילה, הרב סטראַקאָווסקי, האָט רעפּרעזענטירט די יידן פאַר דער מאַכט און האָט אָנגעהאַלטן אַ שטענדיקן קאָנטאַקט מיטן רב הכולל פון בוקאַרעשט.

דער עקאָנאָמישער מצב

דער עקאָנאָמישער מצב פון רוב כאָטינער יידן איז געווען צופרידנשטעליק. ס'איז אָבער געווען אַ געוויסער טייל אָרעמע־לייט וואָס האָבן זיך געניטיקט אין דער הילף פון דער קהילה. דער איבערגאַנג פון רוסישן רעזשים צום רומענישן האָט גורם געווען אַן עקאָנאָמישע ירידה. אַ סך יידן זענען פאַראָרעמט געוואָרן, אָבער אַ טייל איז אויך רייך געוואָרן. דער בייט פון רעזשים האָט פאַרוואַנדלט כאָטין אין אַ פאַרוואָרפענער שטאָט, אָן אַ באַן־סטאַנציע וואָס זאָל זי פאַרבינדן מיט אַנדערע געגנטן.

כמעט אַלע סוחרים און בעלי־מלאכות פון כאָטין זענען געווען יידן, וואָס האָבן פאַרזאָרגט מיט סחורות די באַפעלקערונג פון דער אומגעבונג. מיט בוי־אַרבעט האָבן זיך ניט פאַרנומען קיין יידן. אַ קלענער טייל יידן האָט גענומען ערד אין אַרענדע און זי באַאַרבעט. ס'איז אויך געווען אַ גאָר קליינע צאָל גוטבאַזיצער. צווישן יידן איז אויך געווען אַן אינטעלעקטועלער שיכט פון אַדוואָקאַטן, דאָקטוירים, אַפּטייקערס אד"גל.

קולטור־ענינים

אויך נאָך דעם ווי די רומענער זענען געקומען צו דער מאַכט, איז רוסיש געבליבן די געוועלטיקנדיקע שפּראַך ביי דעם רוב פון דער באַפעלקערונג. דער יונגער דור, וואָס האָט זיך געלערנט אין די שולן, איז גיך איבערגעגאַנגען צו רומעניש. די אַלגעמיינע שפּראַך פון דער יידישער באַפעלקערונג איז אָבער געווען יידיש, חוץ אַ מינדערהייט וואָס האָט גערעדט רוסיש. אין כאָטין האָט פונקציאָנירט דער יידישיסטישער קרייז פון דער "קולטור־ליגע", וואָס האָט געהאַט אַ ביבליאָטעק מיט עטלעכע טויזנט יידישע ביכער.

נאָך אונטערן רוסישן רעזשים איז אין שטאָט געווען אַ שול מיטן נאָמען "תרבות", ווו מהאָט געלערנט העברעיש. די דאָזיקע שול האָט ממשיך געווען איר עקסיסטענץ אויך אונטערן רומענישן רעזשים, ווי אַ ניט־מלוכישע פאָלקשול. אַ חלק פונעם בודזשעט איז געקומען פון שכר־לימוד, וואָס די עלטערן האָבן באַצאָלט און אַ חלק פון דער קהילה. דירעקטאָר פון דער שול איז געווען אַ לאַנגע צייט זלמן מלמד.

וואָס נוגע רעליגיע, זענען כאָטינער יידן ניט געווען קיין עקסטרעמיסטן. זיי האָבן אָפּגעהיט טראַדיציע, ווי דער שטייגער איז געווען אין גלות. אין כאָטין זענען געווען רבים פון פאַרשיידענע חסידישע הייף — סאַדעגערע, באָיאַן, טשאָרטקעוו און אַנדערע. האַדמו"ר טווערסקי האָט זיך געהאַט זיין בית־המדרש. יעדעס יאָר פלעגן חסידים פאָרן צו זייערע רבים. צוויי צי דריי מאָל אין יאָר פלעגט קומען דער סאַדעגערער רבי קיין כאָטין.

ס'איז שוין געווען אַ טראַדיציע צו מאַכן בעלער פורים און חנוכה. די הכנסה איז געגאַנגען פאַרן יידישן שפּיטאָל. צו דעם פורים־באַל, וואָס פלעגט פאָרקומען אין מלוכישן בנין, זענען געקומען אויך ניט־יידן. די אָרטיקע מאַכט האָט בייגעשטייערט יעדן חודש 5000 ליי פאַרן שפּיטאָל און 1000 ליי פאַר דער אַפּטייק.

פּאָליטישע באַוועגונגען

אונטערן צאַרישן רעזשים איז ניט געווען קיין שום לעגאַלע פּאַרטייִשע טעטיקייט. עס זענען אָבער געווען ליבעראַלע און רעוואָלוציאָנערע קרייזן, אין וועלכע ס'האָבן אָנטייל־גענומען אויך כאָטינער יידן און אַ סך פון זיי זענען דערפאַר אַריינגעוואָרפן געוואָרן אין תפיסה.

מיכאל שור, דער זון פונעם כאָטינער גוטבאַזיצער, איז געווען אַ מיטגליד אין אַ רעוואָלוציאָנערער אָרגאַניזאַציע, בעת ער האָט שטודירט אין פּעטערבורג, און איז דאָרטן אויך געזעסן אין טורמע. אונטער דעם רומעניש רעזשים איז ער, ווי ס'איז דערמאָנט געוואָרן, געווען דעפּוטאַט אין פּאַרלאַמענט פון דער פאָלק־פּאַרטיי פון מאַרשאַל אַווערעסקו. אין יאָר 1940—1941 האָט אים די סאָוועטישע מאַכט פאַרמישפּט צום טויט, ווי אַן עקספּלואַטאַטאָר וואָס האָט געשלאָגן זיינע אַרבעטער. דער פּסק־דין איז ניט אויסגעפירט געוואָרן, אָבער מיכאל שור האָט ניט מאַריך ימים געווען: ער איז געשטאָרבן אין תפיסה.

אין כאָטין איז געווען אַ לינקער יידישער קרייז, וואָס האָט אַקטיווירט אין אונטערגרונט. אין אָט דעם קרייז האָבן אָנטיילגענומען שמואל מילער (געשטאָרבן אין בוקאַרעשט אין 1960) און ד"ר שמואל שיינבערג. אין דער צייט פון דער באָלשעוויקישער רעוואָלוציע איז ד"ר שיינבערג געווען מאָבי־ליזירט אין דער רוסישער אַרמיי און איז פאַרוואָגלט געוואָרן מיט דער איינהייט פון גענעראַל וורענגעל אַזש קיין גריכנ־לאַנד. דאָרטן האָט ער געאַרבעט ווי אַ דאָקטער אין יידישן שפּיטאָל פון סאַלאָניקי. אַ דאַנק זיין דייטשער פרוי איז ער ניצול געוואָרן אין דער צייט פון דער היטלעריסטישער אָקו־פּאַציע. ער איז געשטאָרבן אין יאָר 1960, אין גריכנלאַנד. די מיטגלידער פונעם קרייז פלעגן זיך באַגעגענען ביי דעם יידישיסט יואל פּראָקוראָר אין דער היים און מ'פלעגט אַרומ־שמועסן פאַרשיידענע ליטעראַרישע פּראָבלעמען.

בעת דער רומענישער הערשאַפט, האָבן יידן זיך באַטיי־ליקט אין פאַרשיידענע פּאַרטייען: די ליבעראַלע פּאַרטיי, די נאַציאָנאַלע פויערים־פּאַרטיי, די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי. ס'האָט ניט עקסיסטירט קיין פּאָליטישע אָרגאַניזאַציע, אויפן סמך פון נאַציאָנאַלע מינדערהייטן.

אַדוואָקאַט ישראל באַרדייניק, ד"ר טראַכטנברויט פון בריטשען און שמואל חורש, דער דירעקטאָר פון דער באַנק "באַסאַראַביאַ" פון ליפּקאַן און ד"ר זיידמאַן — זענען געווען מיטגלידער אין רעגיאָנאַלן קאָמיטעט פון דער ליבעראַלער פּאַרטיי.

אין דער נאַציאָנאַלער פויערים־פּאַרטיי זענען געווען אויך ציונים, ווי למשל: לייבוש לודמיר, יעקב מיטלמאַן און אַנדערע.

מיכאל שור איז אויסגעוויילט געוואָרן ווי דער רעפּרעזענ־טאַנט פון דער שטאָט און דער געגנט מטעם דער פאָלקס־פּאַרטיי, אין רומענישן פּאַרלאַמענט.

אין דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי זענען געווען יידישע בעלי־מלאָכות. גיטלמאַן, וואָס האָט געהאַט אַ סקלאַד פון פאַרבן, איז באַקאַנט געווען ווי אַ קאָמוניסט, אָבער די קאָמוניסטישע פּאַרטיי איז ניט געווען לעגאַל אין רומעניע. גיטלמאַן האָט פלאַמיק באַגריסט די רוסישע אינוואַזיע אין יאָר 1940 און האָט תיכף איבערגעגעבן דער מאַכט זיין גאַנץ פאַרמעג. אין גיכן האָט ער זיך אָבער אַנטוישט פון דעם סאָוועטישן רעזשים. אין 1941, ווען די רומענער זענען צוריק־געקומען, האָט ער זיך גענומען דאָס לעבן.

אַ טייל פון דער אַרבעטנדיקער און שטודירנדיקער יידישער יוגנט איז אויך געווען אַקטיוו אין דער ניט־לעגאַלער קאָמו־ניסטישער פּאַרטיי.

די "קולטור־ליגע"

די דאָזיקע ליגע איז בעצם געוואָרן אַ קאַמופלירטער קאָמוניסטישער פאַרבאַנד. צווישן אירע אַקטיוויסטן איז אויך געווען מ. דאַנציג, וועלכן די רומענער און די נאַציס האָבן אומגעבראַכט, אין איינעם מיט 70—80 אַנדערע אויסגעוויילטע יידן. די קאָמוניסטישע פּאַרטיי איז ניט געווען אָנגעזען אין שטאָט. דער גרעסטער טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג איז געווען ווייט פון דער קאָמוניסטישער וועלטאָנשויונג.

די כאָטינער יידן האָבן אָנטיילגענומען אין די וואַלן פאַרן פּאַרלאַמענט ווי מיטגלידער פון פּאַרטייען און ניט אויף באַזונדערע רשימות. ד"ר זיידמאַן און מאַרקוס גאָלשטיין — וויצע־פּרעזידענט פון דער קהילה — זענען אויסגעוויילט גע־וואָרן אין שטאָטראַט, מצד דער ליבעראַלער פּאַרטיי. אין 1935 איז ד"ר זיידמאַן אויסגעוויילט געוואָרן פאַר וויצע־פּרימאַר. לייבוש לודמיר און יעקב מיטלמאַן זענען אויס־געוויילט געוואָרן אין שטאָטראַט מצד דער נאַציאָנאַלער פויערים פּאַרטיי.

די ציוניסטישע טעטיקייט אין כאָטין האָט זיך אָנגעהויבן נאָך אונטער דעם צאַרישן רעזשים. ביז צו דער סאָוועטישער אינוואַזיע האָבן אַקטיווירט אין כאָטין די ווייטערדיקע ציוניס־טישע אָרגאַניזאַציעס: כלל־ציוניסטן, רעוויזיאָניסטן, פּועלי־ציון און פאַרשיידענע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס. אין 1940 האָבן די סאָוועטן פאַרשיקט קיין סיביר איינעם פון די אָנפירערס פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, יוסף אַפּעלבוים, און מען האָט פון אים מער גאָרנישט געהערט.

די אָרגאַניזאַציע בית"ר האָט פאַנאַנדערגעוויקלט אַ גרויסע טעטיקייט אין כאָטין. באָבי פישער (בועז דגן) איז געווען איינער פון די גרינדער פון בית"ר אין כאָטין און אויך אַ מיטגליד אין נציבות פון בית"ר אין רומעניע. נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה איז שלמה שיטנאָוויצער געוואָרן נציב פון בית"ר אין רומעניע און אויך דעלעגאַט צו דעם ציוניסטישן קאָנגרעס.

פון צווישן די באַקאַנטע ציוניסטישע מנהיגים דאַרף מען דערמאָנען דעם אַדוואָקאַט משה פעלדמאַן (פּועלי־ציון) און מ. באַראַק (רעוויזיאָניסטן).

(אויסצוג פון אַן אינטערוויו וואָס פּסח גני האָט געהאַט מיט ד"ר זיידמאַן דעם 24־טן נאָוועמבער 1961, פאַרן "יד־ושם").

„אויפרוף צו דער כאָטינער יידישער באַפעלקערונג!
די אינקוויזיטאָרישע מעשים און אוממענטשלעכער טעראָר, וואָס ווערט אָנגעווענדעט אין דער היטלעריסטישער מדינה בנוגע דעם יידישן קבוץ אין דייטשלאַנד, די פאַרגעוואַלטיקונג פון מענטשלעכע רעכט און די בעסטיאַל׳ישע טאַטן, וואָס ווערן באַגאַנגען דורך די דייטשע „ברוינע העמדלעך”, מיטן צוועק צו פאַרניכטן און אויסראָטן אונדזערע ברידער פון דייטשלאַנד, וועלכע האָבן די גרעסטע פאַרדינסטן אויף אַלע טעטיקייטס-געביטן פונם לאַנד, וועלכע האָבן געאָפּפערט זייער לעבן באַגלייך מיט אַלע דייטשע בירגער, פאַר פרייהייט און וואוילגאַנג פון זייער לאַנד.
די מיטלאַלטערלעכע גרויזאַמע באַהאַנדלונג קעגן אונדזערע דייטשע ברידער, האָבן אַרויסגערופן אַ כוואַליע פון ריזיקע פּראָטעסט-דעמאָנסטראַציעס מצד דעם אַלוועלטלעכן יידנטום, ווי אויך מצד דער פּראָגרעסיוו-דענקענדער מענטשהייט, — רופן מיר אייך אויך זיך צו פאַראייניקן צום אַלגעמיינעם פּראָטעסט; מיר רופן אייך אַרויסצוווייזן אַ ווידערשטאַנד קעגן פרעז צו דערשטיקן אַריבער אַ האַלבן מיליאָן יידן אין דייטשלאַנד.
מיר רופן אייך צו דערווייזן אַ סאָלידאַריטעט און באָיקאָטירן אַלע דייטשע פּראָדוקטן (מעדיקאַמענטן, פאַרבן, שרייב-אַרטיקלען, גאַלאַנטעריע, מאַנופאַקטור א. א. וו.) און זאָל דער באָיקאָט דינען אַלס אַן התראָה-באַווייז פאַר דער היטלערישער חיה, אַז אונדזער לעבן איז נישט הפקר, און אין דער זעלבער צייט אַלס אן ערמוטיקונג און טרייסט פאר אונדזערע עלנטע ברידער אין דייטשלאַנד, זאָלן מיר באַווייזן כי לא אלמן ישראל!
פּרעזידיום פון כאָטינער יידישער קהלה. פאָרזיצער: מ. שאָר; וויצע-פאָרזיצערס: מ. דערזשי, י. עפּלבוים; גענעראַל-סעקרעטאַר: ל. לודמ ר.”
„אויפרוף צו אַלע כאָטינער יידישע דאָקטוירים!
מיר רופן אייך זיך צו פאַראייניקן צום אַלוועלטלעכן פּראָטעסט קעגן די אינקוויזיטאָרישע, באַרבאַרישע און מיטלאַלטערלעכע מעשים פון דעם היטלעריסטישן דייטשלאַנד קעגן יידן בכלל און קעגן יידישע דאָקטוירים בפרט און אַלס פּראַקטישער ווידערשטאַנד-מיטל, פאָדערן מיר פון אייך, צו דערקלערן אַ באָיקאָט אויף דייטשע מעדיקאַמענטן, וועלכע קענען זער לייכט פאַרביטן ווערן דורך פראַנצויזישע, שווייצאַרישע אָדער טשעכישע מעדיקאַמענטן. ס׳איז ווינטשנסווערט, אַז לויט דעם איניציאַטיוו פון די היגע יידישע דאָקטוירים, זאָל גערופן ווערן אַ פארזאמלונג פונם אָרטיקן דאָקטוירים-פאַרבאַנד, אין וועלכער ס׳זאָלן אויך אָנטייל נעמען נישט-יידישע דאָקטוירים, וועלכע מיר רעכנען פאַר פּראָגרעסיוו-דענקנדע עלעמענטן און צוזאַמען מיט זיי אויסאַרבעטן דעם באָיקאָט-פּראָגראַם אויף די דייטשע מעדיצינישע פּראָדוקטן. אויך ווערן גערופן זיך צו פאַראייניקן צום באָיקאָט, אַלע-היגע יידישע פאַרמאַצעפטן און דראָגיסטן.
פּרעזידיום פון כאָטינער ייד. קהלה. פאָרזיצער: מ. שאָר; וויצע-פאָרזיצערס: מ. דערזשי, יסוף עפּלבוים; גענעראַל-סעקרעטאַר: ל. לודמיר.”
און דאָ קומט די רעזאָלוציע פונם קהלה-ראַט, פונם 20טן יוני 1933, צום פּעלקער-בונד:
„די כאָטינער יידישע קהלה, אַלס די פאָרשטייערין פון דער גאַנצער אָרטיקער יידישער באַפעלקערונג, סאָלידאַריזירנדיק זיך מיט די יידן פון דער גאַנצער וועלט, איז שטאַרק אויפגערעגט פון די אומענטשלעכע און באַרבאַרישע מעשי-תעתועים פון דער היטלער-רעגירונג, בנוגע די יידן אין דייטשלאַנד און היינט, דעם 20טן יוני 1933, אויף דער זיצונג פונם קהלה-ראַט, וואָס איז געווידמעט דער פראַגע, טראָגט אַרויס איינשטימיק אַ שאַרפן פּראָטעסט, קעגן די מיטלאַלטערלעכע, ווילדע פאָרמען פון דער היטלער-מאַכט, צו פאַרניכטן די יידן. באַזונדערס פּראָטעסטירן מיר קעגן היסטאָרישן דאַטום, דעם 10טן מאַי 1933, וואָס איז אַ שאַנדפלעק פאַר דער גאַנצער ציוויליזאַציע, ווו אויף דעם אויטאָ-דאַ-פע, אין צענטרל פונם קולטורעלן בערלין, דורך קולטור-טרעגער פונם לאַנד, וועלכע האָבן פאַרברענט אַלע ביכער, — דאָס טייערסטע און בעסטע, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אויף דעם ליטעראַרישן, וויסנשאַפטלעכן, טעכנישן און קינסטלערישן געביט; ביכער, וואָס זענען געווען דורכגעדרונגען מיטן דייטשן גייסט און מיטגעווירקט צום דייטשן פּראָגרעס. און אָט די ביכער זענען פאַרברענט געוואָרן אויסשליסלעך דערפאַר, ווייל די אויטאָרן זענען געווען יידן.
מיר זענען שטאַרק גערירט פון דער היסטאָרישער זיצונג פונם פעלקער-בונד, פונם 30טן מאַי 1933, וואָס איז געווען געווידמעט ספּעציעל דער לאַגע פון די יידן אין דייטשלאנד, אין צוזאַמענהאַנג מיט דער פּעטיציע פון הער בערנהיים. דער ווערדיקט, פון וועלכן מיר האָבן ערוואַרטעט מיט שרעק און האָפנונג, האָט אַרויסגעוויזן, אַז דער ראַט פון פעלקער-בונד, וואָס איז פאָרגעשטעלט פון די גרעסטע מעכטע פון דער וועלט, איז דורכגעדרונגען מיט אידעאַלן און לאָזונגען פון מענטשן-ליבע און גערעכטיקייט, אין אַ מאָמענט, ווען דער קריזיס פון געוויסן און מאָראַל פאַרגרעסערט זיך פון טאָג צו טאָג. דעריבער ווענדן מיר זיך מיט אַ פּעטיציע צום פעלקער-בונד:
1. פאָרזעצן מיט איר ווירקונג צו פאַרבעסערן די לאַגע פון די יידן אין דייטשלאַנד, וועלכע האָבן געאָפּפערט מיט זייער בלוט און מח פאַרן פּראָגרעס פונם דייטשן פאָלק;
2. נעמען אויף זיך די פאַרטייטיקונג פון די מינדערהייטן בכלל און פון די יידן בפרט, אין אַלע לענדער, ווייל דער אַנטיסעמיטיזם באַקומט אַ אינטערנאַציאָנאַלן כאַראַקטער;
3. דער ראַט פונם פעלקער-בונד זאָל ווירקן אויף דער מאַנדאַטאַר-מאַכט פון ענגלאַנד, זי זאָל אויספולן אַלע פונקטן פונם מאַנדאַט אויף ארץ-ישראל, שאַפן אזעלכע פּאָליטישע, עקאָנאָמישע און קאָלאָניזאַטאָרישע באַדינגונגען, וואָס זאָלן דערמעגלעכן אַ מאַסן-אימיגראַציע, און אזוי ארום מיטהעלפן דער גרויסער מאַסע פון דייטשלאַנד, וואָס דאַרף עמיגרירן פון דאָרט, כדי ס׳זאָל פאַרווירקליכט ווערן די שטרעבונג פונם יידנשטאַט, אין די היסטאָרישע גרעניצן, אין ביידע זייטן פונם ירדן.”

די רעזאלוציע פונם קהלה־ראט פונם 20טן יוני 1933 — בנוגע די יידן אין דאטשלאנד

ר׳ זושיא בראָנשטיין

ר׳ זושיא בראָנשטיין איז געווען באַקאַנט אין כאָטין, סיי צווישן עשירים, סיי צווישן אינטעליגענטע קרייזן, סיי ביי עמך. ער האָט געאַרבעט לטובת הכלל, אויף רעליגיעזן שטח, אויף ציוניסטישן, אין דער קהילה און אין צדקה־ענינים. דער עיקר פון זיין טעטיקייט איז געווען פאַר קרן הקימת לישראל און פאַר קרן היסוד.

בראָנשטיין האָט געהאַנדלט מיט האָלץ צום הייצן. ער האָט זיך תמיד באַנוגנט מיט ווייניק פאַרדינסט און פון דעסטוועגן האָט ער תמיד געגעבן אַ סך פאַר געזעלשאַפט־לעכע ענינים.

נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה איז דער מצב פון די כאָטינער יידן געווען זייער אַ שווערער. אַ סך פון זיי האָבן גענומען הלוואות אין בענק, האָבן דאָס געלט אַריינגעלייגט אין פאַרשיידענע געשעפטן און ניט מצליח געווען. דערנאָך האָבן זיי ניט געקענט אָפּצאָלן די חובות. ר׳ זושיא איז געווען אַ מיטגליד אין דער קאָנטראָל־קאָמיסיע פון דער באַנק פאַר הלוואות און עקאָנאָמיעס. ווי ווייט ער האָט נאָר געקענט האָט ער אַרויסגעהאָלפן די בעלי־חובות. ער האָט זיי געהאָלפן מיט געלט פון דער גמילות־חסד־קאַסע און האָט אינטערוועניִרט ביים דירעקטאָר פון דער באַנק ער זאָל אָפּלייגן דעם טערמין פון אָפּצאָלן די חובות און איינטיילן דעם סכום אויף קליינע ראַטן

די כאָטינער האָבן זיך אָפּגעגעבן חשבון וועגן ר׳ זושיאס הילף ערשט נאָך דעם ווי ער איז עולה געווען קיין ארץ־ישראל און מ׳האָט ניט געקענט געפינען אַ פּאַסיקן מענטשן אויף זיין אָרט.

די כאָטינער וועלן קיין מאָל ניט פאַרגעסן די ליכטיקע געשטאַלט פון ר׳ זושיא בראָנשטיין.

לייביש לודמיר

לייביש בן שמואל לודמיר, פון דער שטאָט יעדענעץ, האָט געהערט צו איינער פון די בכבודיקסטע משפחות אין אונדזער קאַנט און ניט צוליב זיין עשירות, נאָר צוליב זיינע מעשים־טובים. זיין גאַנץ לעבן האָט ער אָפּגעגעבן געזעל־שאַפטלעכער אַרבעט. אין זיין דערציִונג האָבן זיך פאַרפלאָכטן אויף אַ געלונגענעם אופן חסידות און ציוניזם. ביי 16 יאָר איז ער שוין געווען סעקרעטאַר פון אַ ציוניסטישער גרופּע, בראש מיט ד״ר זילבערמאַן. שפּעטער איז ער געווען אַ סך יאָרן סעקרעטאַר פון דער יידישער קהילה אין כאָטין. פאַר זיין באַציִונג צו מענטשן און צו זייערע נויטן, האָט די יידישע באַפעלקערונג אים אויסגעוויילט ווי אַ וויצע־בירגערמייסטער אין כאָטין. ער איז געווען באַליבט ביי דער יידישער און אויך ביי דער קריסטלעכער אינטעליגענץ.

זיין פרוי, חנה, האָט אויך אָנטייל גענומען אין געזעל־שאַפטלעכער טעטיקייט. ביידע זענען אומגעקומען אין טראַנס־ניסטריע, בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה.

די דריי טעכטער זיינע זענען פאַרבליבן ערגעץ אין סאָוועטן־פאַרבאַנד.

לייב רויזמאַן

לייב רויזמאַן איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1886. ער האָט געדינט זיבן יאָר אין צאַרס אַרמיי און האָט געקעמפט אין דער ערשטער וועלט־מלחמה.

אין יאָר 1918 האָט ער חתונה געהאַט מיט צירל בת חזון.

לייב רויזמאַן איז געווען אַ בוי־אונטערנעמער. ער האָט געבויט בריקן, שטראָזן, בוימל־פאַבריקן.

רויזמאַן איז געווען אַ מיטגליד אין ביראָ פאַר האַנדל און אינדוסטריע און איז געווען דער כאָטינער רעפּרעזענ־טאַנט אויף די קאָנגרעסן אין יאַס און אין בוקאַרעשט. ער איז אויך געווען אַ מיטגליד אין דער אָנפירונג פון דער קהילה, און פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, און איינער פון די געשוווירענע אין כאָטינער געריכט.

רויזמאַנס פרוי האָט אַקטיווירט אין וויצאָ.

בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט ער אָרגאַניזירט די ערשטע הילף פאַר די פאַרטריבענע אין לאַגער פון סעקורען. ער איז געווען מיט זיין משפחה אין די לאַגערן פון טראַנס־ניסטריע. דאָרט איז אומגעקומען זיין פרוי און דער גרעסטער טייל פון זיינע קרובים.

אין 1944 איז ער צוריקגעקומען קיין כאָטין און אין 1946 איז ער אַוועק קיין רומעניע און האָט דאָרט ממשיך געווען זיין געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט.

אין 1951 איז ער עולה געווען קיין ישראל און נאָך עטלעכע יאָר איז ער דאָ געשטאָרבן.

מאיר לאַנדוויגער

דער נאָמען מאיר לאַנדוויגער דערמאָנט אין דער רייכער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט וואָס יידן האָבן פונאַנדגעוויקלט אין כאָטין.

באַלד נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָט לאַנד־וויגער, אין איינעם מיט אַנדערע עסקנים, ווי זושיא בראָנ־שטיין, חיים וואַסערמאַן און מאַטעס רייס, געשאַפן אַ יידישן אַנשטאַלט (בלאַגאָסלאָוויטעלנאָע אָבשטשעסטוואָ), כדי צו זאָרגן פאַרן יידישן שפּיטאָל, פאַרן מושב־זקנים, פאַר די אָרעמע שיכטן פון דער באַפעלקערונג. לאַנדוויגער האָט אין זינען געהאַט בפרט די פאַרבאָרגענע אָרעמע־לייט, וואָס האָבן ניט געהאַט פון וואָס צו לעבן, אָבער זיך געשעמט צו גיין בעטן. לאַנדוויגער האָט אויך געשאַפן די פאַרבינדונג מיטן כאָטינער רעליף פון אַמעריקע.

אין יאָר 1922 האָט זיך אָנגעהויבן צו אָרגאַניזירן אין כאָטין די קהילה און דער אַנשטאַלט וואָס לאַנדוויגער האָט געשאַפן איז אַריבערגעגאַנגען צו דער קהילה, וווּ די סעקציע אָנגעפירט פון סעקרעטאַר ד״ר געלמאַן האָט געזאָרגט פאַר אַלע נויטבאַדערפטיקע.

מאיר לאַנדוויגער האָט אָבער אויך ווייטער אין זינען געהאַט אַז די פאַרבאָרגענע אָרעמע־לייט זאָלן באַקומען די געהעריקע שטיצע.

לאַנדוויגער איז אויך געווען אַ מיטגליד אין דער אָנפירונג

פון דער יידישער באַנק "ליי און שפּאָרקאַסע", ווו ער האָט אויך געטאָן אַלץ פאַר אָרעמע־לייט. ער איז אויך געווען אַ מיטגליד אין דער כאָטינער האַנדלס־קאַמער און אַזוי אַרום געהאָלפן יידישע קליינהענדלערס און בעלי־מלאכות.

אין 1919 האָט מאיר לאַנדוויגער געגרינדעט אַ דרוקעריי אין כאָטין, ווו צענדליקער מענטשן האָבן געפונען אַרבעט און יידישע יוגנטלעכע האָבן געהאַט אַ מעגלעכקייט אויס־צולערנען די מלאכה.


בעת די גרויליאָרן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, איז לאַנדווייגער פאַרשיקט געוואָרן מיט אַלע כאָטינער יידן קיין טראַנסניסטריע ווו ער איז בלינד געוואָרן און נאָך אַ קורצער צייט אומגעקומען.

ישראל בורדייניק

דער ערשטער יידישער אַדוואָקאַט אין כאָטין, נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה איז געווען ישראל בורדייניק. ער איז געווען אַן אויסגעצייכנטער יוריסט, איינער פון די בעסטע אַדוואָקאַטן אין דער אַדוואָקאַטן־קאַמער, מיט פאַרדינסטן אויך ביי דער טשערנאָוויצער העכערער אינסטאַנץ.


צוליב פערזענלעכע סיבות איז ער ניט געווען אינקאַדרירט אין קיין שום ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, אָבער ער איז געווען אַ גוטער ייד מיט נאַציאָנאַלע געפילן. כדאי צו דערמאָנען זיין אַרויסטריט אין כאָטינער טריבונאַל בעת דער גאָגאַ־קוזאַ־רעגירונג, אין 1938—1939, ווען מ'האָט דיסקוטירט צי יידישע אַדוואָקאַטן האָבן דאָס רעכט צו פּלעדירן אין געריכט. די קריסטלעכע אַדוואָקאַטן און אַנטיסעמיטישע כוליגאַנעס האָבן רעווידירט די אַקטן פון די יידישע אַדוואָקאַטן און אַ סך פון זיי זענען אויסגעשלאָסן געוואָרן פון דער אַדוואָ־קאַטן־קאַמער צוליב פּראָצעדוראַלע סיבות.

ישראל בורדייניק האָט איינער אַליין זיך אַרויסגעשטעלט קעגן די אַנטיסעמיטן און כוליגאַנעס און אים איז געראָטן צו איבערצייגן די ריכטערס, וועלכע האָבן אַרויסגעגעבן אַ פּסק־דין לטובת די יידישע אַדוואָקאַטן.



די לייטונג פון דער רומעינישער ליבעראלע פארטיי — כאטינער אפטיילונג

פון רעכט אויף לינק — די ערשטע שורה: פייבל שטעפאנעסקו, מאטוס רייס, סענאטור ג'יורגי באצ'יאר, פראו לאנדוויגער, מאיר לאנדוויגער, דעפוטאט יאו קאזאצ'ענקו, חיים וואסערמאן, לייביש געלמאן, מירון דערז'י. די צווייטע שורה: מיכאל גורפינקעל, משה ווארטקובסקי, שעכטער, לוקא שטעפאנעסקו, ד"ר שמואל רביץ, הרב סמואל חס, פיניה אוקסמאן.



דער נייער מושב זקנים אין בויען



שטיבער אין כאָטין

קולטור און דערציאונג

נייע ווינטן

דער גייסט פון פּראָגרעס און טאָלעראַנץ איז פּאַמעלעך אַריינגעדרונגען אויך אין אונדזער געגנט און געבראַכט אַ ווענדונג אין טראַדיציאָנעלן חינוך. ווען עס זענען איינגעפאַלן די מויערן פון געטאָ, האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז יידן זענען מסוגל צו דערגרייכן גאָר הויך אויפן געביט פון אייראָפּעישער בילדונג.

אין כאָטין איז געווען אַ ייד, אַן אמתע פּערזענלעכקייט, מיטן נאָמען חנא רייס, וואָס האָט געקעמפט מיט דערפאָלג פאַר בילדונג, פאַר פּראָגרעסיוולעכע געדאַנקען.

אָן אַריינצוגיין אין אַ וויכוח מיט די קעגנערס פון מאָדערנעם חינוך, האָט ער אויפגעשטעלט צוויי קולטור־אינסטיטוציעס, כּדי צו סטימולירן דעם יונגן דור: דעם „קרוזשאָק" און די תלמוד־תורה.

די אָנהענגערס פון טראַדיציאָנעלן חינוך האָבן מורא געהאַט אַז די מאָדערנע בילדונג וועט דערווייטערן די יוגנט פון יידישקייט און וועט פירן צו אַסימילאַציע. חנא רייס האָט אָבער ניט מורא געהאַט, ווייל ער אַליין איז געווען פאַראַנקערט און פאַרוואָרצלט אין יידישקייט. ער האָט זיך באַמיט צונויפצופלעכטן אויף אַן אָריגינעלן אופן די טראַדיציאָנעלע יידישקייט און די נייע ווירקלעכקייט. ער האָט געפרווט דערווייזן אַז מאָדערנע בילדונג און תורה קענען לעבן אונטער איין דאַך, אַז איינס שטערט ניט דאָס אַנדערע, ניט געקוקט אויף די גרויסע אונטערשיידן צווישן זיי. אין זיינע רייזן אויף דער גרויסער וועלט האָט ער געזען די שינויים וואָס זענען פאָרגעקומען — שינויים וואָס האָבן גורם געווען אויך די ירידה פון יידישע ווערטן.

חנא רייס האָט אַוועקגעגעבן זיין כּוח פאַר דער יוגנט און האָט נעזאָרגט אַז אויך אָרעמע קינדער זאָלן זיך קענען אויסבילדן. ער האָט אַראָפּגעבראַכט גוטע לערערס; ער האָט אָרגאַניזירט דעם כאָר אין דער שול „קרוזשאָק" און די אָרקעסטער, אַז יוגנטלעכע זאָלן זיך לערנען מוזיק. ער האָט אויך אין זינען געהאַט די קערפּערלעכע אַנטוויקלונג און האָט איינגעקויפט מכשירים פאַר גימנאַסטיק. ער האָט איינגעפירט ביי די ספּאָרטלערס אוניפאָרמירטע קליידונג, כּדי ס'זאָל ביי זיי ניט זיין קיין חילוק צווישן אָרעם און רייך.

אין שול איז איינגעאָרדנט געוואָרן אַ ביבליאָטעק, וווּ ס'פלעגן זיך צונויפקומען סיי יוגנטלעכע, סיי דערוואַקסענע.

מען קען זאָגן אַז די ספקנים האָבן אומזיסט מורא געהאַט, מען האָט זיך ניט דערווייטערט און ניט אָפּגעפרעמדט פון טראַדיציאָנעלער און נאַציאָנאַלער יידישקייט.

די תרבות־שול

לכתחילה האָבן די ציוניסטן געעפנט די „תרבות־שול" אין אַלטן בנין פון יהושע וויינשטאָק. די ערשטע לערערס זענען געווען: זלמן מלמוד, וויינשטאָק, לייב־דוד סטאָליאַר, לאַם, ניסים קריוואָי און שפּעטער איז צוגעקומען חווה זיידלער.

צו ערשט איז דאָס געווען אַ „חדר מתוקן". אין יאָר 1923/1922 האָט מען איבערגעפירט די שול אין צענטער פון דער שטאָט און אין דעם זעלבן יאָר איז זי אָנערקענט געוואָרן פון דער רומענישער מאַכט. די באַוויליגונג האָט מען געדאַרפט באַנייען יעדעס יאָר. די שול איז געשטאַנען אונטער תלמידים האָבן געדאַרפט אָפּגעבן עקזאַמען פאַר אַ ספּעציעלער דער השגחה פון דער צענטראַלע אין קעשענעוו און די קאָמיסיע, וואָס איז נאָמינירט געוואָרן פון רומענישן דערציִונגס־מיניסטעריום.

די „תרבות־שול" איז געווען כּמעט די איינציקע שול אין וועלכער מען האָט געצאָלט שכר־לימוד. די שול האָט אויך

באַקומען תרומות אַ דאַנק די פֿאַרשיידענע אָוונטן וואָס זענען איינגעאָרדנט געוואָרן און אויך פֿון דער קהילה.

אין שול־קאָמיטעט זענען געווען: י. אַפּעלבוים (פּרעזי־דענט), מ. אַקסעלראָד, א. ברג, בערל ווייסאָדלער, א. זאַלצ־מאַן, רדכי טעלעפּוס, י. מ. טיסענבוים און הירש פּעפּערמאַן.

העברעיש איז געווען די הערשנדיקע שפּראַך אין שול. יידישע געשיכטע און עברית נאַציאָנאַל באַוווסטזיין זענען געשטאַנען אין צענטער פֿון דער לערן־פּראָגראַמע. פֿון דעסט־וועגן האָט מען אויך מקפּיד געווען אויף דער מלוכישער לערן־פּראָגראַמע.

חווה זיידלער איז געווען די אָפֿיציעלע דירעקטאָרין, כּלפּי דער מאַכט און זי האָט פֿאַרענטפֿערט פֿאַר די אַלגעמיינע לימודים; זלמן מלמוד איז געווען דער עפֿעקטיווער דירעקטאָר פֿון דער שול און ער האָט געטראָגן דאָס אחריות פֿאַר די יידישע לימודים.

„תּרבות־שולן“ זענען געעפֿנט געוואָרן אין רוב בעסאַ־ראַבער שטעט. די צענטראַלע איז געווען אין קעשענעוו, און בראש איז געשטאַנען אַדוואָקאַט שמואל ראָזענהאַופּט. פֿון צייט צו צייט פֿלעגן קומען פֿאָרשטייערס פֿון דער צענטראַלע און זיך פֿאַראינטערעסירט מיטן גאַנג פֿן די יידישע לימודים. די צענטראַלע האָט אויך אין זינען געהאַט צו באַזאָרגן יעדעס יאָר די געהעריקע באַוויליקונג פֿון בוקאַרעשט.

„בית הספר תרבות“

אין כאָטינער בית הספר תרבות איז געווען דער בית־הכּנסת פֿון די ציוניסטן, אַ שול, אַ ביבליאָטעק און אַ זאַל פֿאַר קאָנפֿערענצן און אסיפֿות. דער בנין האָט געהערט די ברידער טוטעלמאַן, זיי האָט מען געצאָלט דירה־געלט. אין די יאָרן 1935—1936 האָבן די ברידער באַשלאָסן צו פֿאַר־קויפֿן דעם בנין און די ציוניסטן האָבן זיך געקווענקלט צי זיי זאָלן אים קויפֿן. קודם־כּל האָבן זיי ניט געהאַט דאָס נייטיק געלט און שנית — האָט מען שוין דעמאָלט געזאָגט אַז בעסאַראַביע וועט אַנעקסירט ווערן צו דעם סאָוועטן־פֿאַרבאַנד און דער גאַנצער ענין איז נישט כּדאי. אמת — אייניקע האָבן געטענהט אַז אַפֿילו ווען די רוסן וועלן קומען, וועט מען דעם בנין קענען פֿאַרוואַנדלען אין אַ קולטורהויז פֿאַרן פֿאָלק און אַזוי אַרום דינען דער גאַנצער שטאָט.

אין 1940 זענען געקומען די רוסן און האָבן פֿאַרוואַנדלט דעם בית הספר תרבות אין אַ מיליטערישער קאָמענדאַטור. מ׳האָט אויפֿגעבויט אַ פּלויט אַרום און אַרום און די אַמאָליקע בעל־בתּים האָבן זיך ניט אַפֿילו דערוועגט פֿאַרבייצוגיין דעם בנין. ס׳איז מקיים געוואָרן דער פּסוק: בית תבנה ולא תשב בו...

שלום שרייער

שלום שרייער איז באַקאַנט געווען אין כאָטין ווי אַ לערער פֿון דער תלמוד־תורה „קרוזשאַק“, וואָס איז געשאַפֿן געוואָרן דורך חנא רייס. שלום האָט געהאַט אַ באַזונדערן טאַלאַנט צו מוזיק און איז געווען אַקטיוו אין שול־אָרקעסטער. אויך זיין פֿרוי, אסתּר, האָט זיך אויסגעצייכנט ווי אַ לערערין אין דער מיידלעך־שול. זי פֿלעגט אַליין פֿאַרפֿאַסן לידער פֿאַר די יום־טובדיקע פֿייערונגען אין שול.

שלום שרייער איז געווען איינער פֿון די גרינדער פֿון דער זעלבשוץ און איינער פֿון אירע מדריכים. אין תלמוד־תורה האָט ער געלערנט מיט די קינדער שפּראַכן, מוזיק און גימנאַס־טיק. יאָרן נאָך אַנאַנד איז ער געווען גבאי פֿון בית־המדרש, אין הויף פֿון דער גרויסער שול.

דוד־לייב קופּערמאַן

דוד־לייב בן יעקב־פֿישל־השוחט קופּערמאַן איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1889 און איז אומגעקומען פֿון נאַציִשע באַמבעס אין אוקראַינע, אין יאָר 1941.

דוד־לייב איז געווען אַן איידעלער מענטש, אַ תּלמיד־חכם און אַ דערציִער מיט אַ ברייטן האָריזאָנט אין וועלט־ענינים.

שטענדיק האָט ער געלערנט און געפֿאָרשט. ער האָט רעדאַגירט אַ ספֿר משניות פֿאַר אָנפֿאַנגערס, מיט דערקלערונ־גען פֿון שווערע ווערטער; ער האָט צונויפֿגעשטעלט לערן־ביכער פֿאַר אָנפֿאַנגערס. לײדער האָט ער ניט געהאַט קיין געלט די ביכער אָפּצודרוקן.

קופּערמאַן האָט פֿאַרנומען אַ בכבודיק אָרט צווישן די לערערס פֿון שטאָט. ער אַליין איז געווען לערער פֿון העברעיש אין דער שול „קרוזשאָק“. ער האָט דערצויגן אַ דור פֿון העברעיש־קענערס.

זיין לעבן־לאַנג איז דוד־לייב קופּערמאַן געווען אַן איבער־געגעבענער ציוניסט. ער האָט זיך קיין מאָל ניט פֿאַרנומען מיט אָפֿיציעלער עסקנות, אָבער ער האָט זיך שטענדיק באַמיט צו דערציִען די קינדער אין גייסט פֿון דער תּורה, פֿון געזעל־שאַפֿטלעכער התחייבות און פֿון עליה.

מלמדים און חדרים

די מלמדים זענען, בדרך כּלל, ניט געווען קיין צוגעגרייטע לערערס און מלמדות איז ניט געווען זייער פּראָפֿעסיע. דאָס איז לרוב געווען אַן אויסוועג פֿאַר אַזעלכע וואָס האָבן ניט געהאַט קיין פּרנסה און האָבן ניט מער געקענט זיצן און עסן קעסט ביים שווער. בלית ברירה האָבן זיי זיך געמאַכט אַ חדר, כּדי מפֿרנס צו זיין זייער משפּחה. אַ קליינע צאָל מלמדים האָבן פֿאַרשטאַנען ווי אַזוי אַריינצודרינגען אין דער נשמה פֿונעם קינד און דערפֿילן דעם חוב פֿון אַ לערער. אַז דער מלמד אַליין איז ניט געווען צוגעגרייט, האָט זיך דאָס אויך אָפּגערופֿן אויף דער בילדונג פֿון די קינדער, אין אַלץ וואָס נוגע תּורה און יידישקייט.

מיר ווילן דערמאָנען אייניקע פֿון די כאָטינער מלמדים.

הללקע (ר׳ שלמה צמח) איז געווען אַ דרדקי־מלמד. זיין חדר איז געווען אין אַ גרויסער שטוב ביי אים אין דער היים. אין דער זעלבער שטוב האָט אויך די רביצין געקאָכט און באַלעבאַטעוועט.

שמעלקע אהרון־מוהלס איז געווען אַ פלאַמיקער טשאָרטקאָווער חסיד. ער האָט געהאַט אַ שם אין קאָטין פאַר אַ לערנער, אַ למדן, אַ בקי אין ניגלה און אין נסתר. קודם איז ער געווען אַ נאָמען ביי דער משפחה רייס, אין זייערע וועלדער, אָבער ווייל ער איז געווען אַ מטופל מיט קינדער האָט ער זיך גענומען צו מלמדות. דאָס האָט אים געבראַכט אַ גרעסערע הכנסה.

יעקב־יוסף מלמד איז געווען אַ הוסיאַטינער חסיד, אַ בעל שיעור־קומה און אַ באַליבטער ביי מענטשן. ער האָט זיך באַמיט אויפצונעמען תלמידים פון דעם זעלבן אינטעלעקטועלן ניוואָ און אַזוי אַרום צונויפשטעלן די כיתות. ער פלעגט אויך אָרגאַניזירן פאַרמעסטן אין לערנען צווישן פאַרשיידענע כיתות. דער שרייבער יעקב פיכמאַן איז געווען איינער פון ר׳ יעקב־יוספס תלמידים.

ר׳ ישראל לערנער, וואָס מ׳האָט אים גערופן ישראלקע רב, איז געווען אַן איידעם פונעם רב, ר׳ חיים רויזמאַן. ער איז געקומען אין קאָטין פון פאָדאָליע און איז פאַררעכנט געוואָרן ווי איינער פון די בעסטע מלמדים. ער האָט צוגעגרייט זיינע תלמידים צו באַקומען סמיכה און אויך אַרויסגעגעבן אַ ריי אייגענע חיבורים.

אברהם בן שמואל־לייב שרייער האָט געעפנט אין קאָטין, בשותפות מיט נטע מיטשניק, אַ קליינע ישיבה, וווּ מ׳האָט געלערנט גמרא. צווישן זיינע תלמידים זענען אויך געווען די זין פונעם אדמו״ר טווערסקי. אייניקע פון זיינע תלמידים זענען שפּעטער אויפגענומען געוואָרן אין דער ישיבה פון לובלין.

אויפן וועג קיין טראַנסניסטריע האָט אַ גוי אים אַראָפּגעשטופּט פון וואָגן. ווען ער איז נאָכגעלאָפן דעם וואָגן, כדי זיך צו ראַטעווען דעם טלית און תפילין — האָט אים אַ זעלנער דערשאָסן און ער איז געבליבן ליגן אויפן וועג; ניט זוכה געווען אַפילו צו קומען צו קבר־ישראל.

ר׳ ניסעלע פוסק האָט צוגעגרייט תלמידים צו באַקומען סמיכה אויף רבנות. ער האָט געהאַט ווייניק תלמידים און האָט זייער מקפּיד געווען אויף זייער אויפפירונג אין טאָגטעגלעכן לעבן.

ר׳ ניסעלע פוסק האָט דערצויגן דריי דורות תלמידים.

לערערס און דערציערס

אין מאָדערנעם חינוך וואָס איז איינגעפירט געוואָרן אין קאָטין, זענען געווען פאַרשיידענע לערערס. יעדער איינער האָט געהאַט זיין אייגענע שיטה פון לערנען, ווייל קיין אַלגעמיינע שיטה איז נאָך ניט געווען. יעדער איינער האָט אָבער באַטראַכט זיין פּראָפעסיע ווי אַ שליחות, צו פאַרבעסערן די געזעלשאַפט, און ניט סתם אַ מיטל זיך מפרנס צו זיין. צווישן די לערערס זענען געווען אויך שרייבערס און געזעלשאַפטלעכע טוערס.


ד. פראַדקין איז געקומען פון דער ליטע. ער איז געווען אַן אַקטיווער מיטגליד אין ״מיזרחי״. ער האָט געקענט פּערפעקט העברעיש און רוסיש און אַליין געשריבן לידער.

חיים־הירש וויינשטיין (דער שאַטאָווער מלמד) האָט געלערנט לויט דער נייער שיטה: עברית אויף עברית. אין משך פון אַ יאָר האָבן זיינע תלמידים זיך געקענט באַנוצן מיט דער שפּראַך אין טעגלעכן לעבן. שבת פלעגן זיך די תלמידים צונויפקומען ביי אים אין דער היים, כדי צו דיסקוטירן וועגן ביכער. יעדער תלמיד פלעגט דערציילן אויף עברית דעם תוכן פונעם בוך וואָס ער האָט אָקערשט געלייענט און אַזוי אַרום האָבן זיך אַלע באַרייכערט, סיי אין וויסן, סיי אין שפּראַך־קענטעניש. אין יאָר 1910 האָט וויינשטיין געמוזט אַנטלויפן פון קאָטין, ווייל די פּאָליציי האָט אים גערודפט.

צווישן די לערערס זענען אויך געווען: **שבתי לערנער**, — אַ לערער פאַר רוסיש און העברעיש; **ציל**אַ



אַ קלאַס פון תלמוד תורה שול (קרוז׳אַק)



די תלמוד תורה

לערנער — דירעקטאָרין פון אַ ספּעציעלער שול פאַר די קינדער פון די פּליטים וואָס זענען אין יאָר 1914 אַרויסגעטריבן געוואָרן פון די דערפער; איטאַ געלער — זלמן שוחטס טאָכטער; אהרון ווייסבערג — וואָס איז אין 1919 אַוועק קיין יאַס, מיט דער הילף פון מיכאל לאַנדאַו און איז געווען אַ לאַנגע צייט דער אָנפירער פון דער אָרגאַניזאַציע "מכבי" אין רומעניע; גדליה שרייבער (ליפּינער) — וואָס האָט געעפנט אַ ביבליאָטעק אין שול; יואל פּראָקוראָר — אַ לערער פאַר יידיש; עזריאל יאַנאָווער — אַ לערער פאַר יידיש אין דער שול פאַר פּליטים (בעזשענסקי שול); ער האָט אויך געשריבן לידער; סאָניאַ באַראַג, סאָניאַ לייבמאַן.

אין שטאָט זענען אויך געווען צוויי מלוכישע מיטלשולן, גימנאַזיעס: איינע פאַר יינגלעך און איינע פאַר מיידלעך. איןביידע שולן האָט מען געמוזט לערנען אויך שבת. אין די מלוכישע שולן איז אין גאַנצן געווען איין יידישער לערער, כאָטש די יידן זענען געווען אַ דריטל פון דער באַפעלקערונג אין שטאָט.

ר' יחיאל קרעטשמער

ס'איז נאַטירלעך אַז די צייט וויקלט איין זכרונות אין אַ באַזונדער ליכט און מאַכט פאַרגעסן די חסרונות. עס זענען אָבער געווען געשטאַלטן, וואָס אַפילו אַ מאָל, ווען כאָטין איז נאָך געווען אַ יידישע שטאָט, זענען זיי געווען איינגעהילט אין אַזאַ באַזונדער ליכט. איינער פון זיי איז בלי ספק געווען ר' יחיאל קרעטשמער, דער לערער און רבי, דער ערלעכער ייד. ער האָט אויך געאַרבעט אין דער שטאָט־פאַרוואַלטונג.

צווישן די לערערס זענען אויך געווען: שבתי לער־

ר' יחיאל האָט געהאַט אַ שווערע קינדהייט, ווייל ער איז געבוירן אין אַן אָרעמער שטוב. מיט אייגענע כוחות איז ער דערגאַנגען צו אַלץ וואָס ער האָט דערגרייכט. פּלוצעם איז ביי אים שוואַך געוואָרן די ראיה. אָבער אויך דעמאָלט האָט ער ניט אויפגעהערט צו לערנען מיט אַנדערע, אַ דאַנק דעם כוח פון זיין זכרון. אויך בלינדערהייט האָט ער פאַרשפּרייט זיינע גייסטיקע אוצרות. זיין ליבשאַפט האָט זיך געשטאַרקט אין זכות פון דער תורה וואָס האָט אים געהיט און געשיצט.

ר' יחיאל האָט צוריקגעבראַכט צו יידישקייט יוגנטלעכע וואָס זענען פאַרשלעפּט געוואָרן פון פרעמדע אידעאָלאָגיעס. אָבער ס'איז קיין שום ספק ניט אַז אַפילו יענע וואָס זענען אַוועק פון יידישקייט האָבן געדענקט, אין רגעס פון אַנטוישונג, די זיסע ווערטער וואָס זיי האָבן אַמאָל געהערט פון ר' יחיאל, די רייד וועגן יידישן גייסט. דאָס האָט זיי זיכער געבראַכט אַ טרייסט פאַר דער נשמה.

יואל פּראָקוראָר

יואל שניידערזאָן, וואָס איז געווען באַקאַנט אין כאָטין מיטן צונאָמען "יואל פּראָקוראָר", איז נאָר געווען אַ לערער "אויף שטונדן". צו אַ שול האָט ער ערשט דערגרייכט אין די לעצטע יאָרן, אין טשערנאָוויץ.

יואל מלמד האָט געהאַט קנאַפּ פּרנסה, אָבער ער מיט זיין ווייב האָבן געהאַט אַן אָפן האַרץ פאַר יעדן איינעם. בפרט האָבן זיי ליב געהאַט די יוגנט. טעג און נעכט פלעגן יונגע לייט פאַרברענגען אין שטוב ביי יואל מלמד. עס פלעגן צו אים אַריינקומען אויך קריסטלעכע יוגנטלעכע, וואָס האָבן געזונגען יידישע לידער אין איינעם מיט אונדזער יוגנט. צווישן זיי איז געווען איינער אַן אַדוואָקאַט, שילין, וואָס איז שפּעטער געוואָרן פּרעפעקט אין כאָטין.

צוליב אָט די יוגנט־פאַרזאַמלונגען האָט דער איספּראַווניק טאַקע געהאַט אַן אויג אויף יואלס שטוב און ניט איין מאָל איז די פּאָליציי געקומען ניוכען און נישטערן.

די יונגע־לייט האָבן ניט נאָר גערעדט און געזונגען, נאָר אויך געגעסן און געטרונקען מכל הבא ליד, פון אַלץ וואָס ס'האָט זיך געפונען אין שטוב, פאַרשטייט זיך, אויף יואלס חשבון. און אַז מ'האָט געדאַרפט הירש־בער אייזנבערג אויס־לייזן פון דער תפיסה, האָט יואל פראָקוראָר פאַרזעצט זיין טכוירענעם טולעפּ און באַפרייט דעם בחור.

אין די דרייסיקער יאָרן איז יואל אַוועק קיין טשערנאָוויץ און דאָרטן האָט אויפגעשיינט זיין מזל. ניט נאָר ער האָט געהאַט פרנסה בכבוד, ווי אַ לערער אין אַן אמתער שול, נאָר מען האָט אים אויך גערופן "פּראָפעסאָר".

דעם אמת געזאָגט איז אים טשערנאָוויץ געבליבן פרעמד; ער האָט זיך דאָרטן געפילט עלנט און דער טיטל "פּראָפעסאָר" האָט ניט געוואַרעמט זיין נשמה. ווען ער האָט זיך פאַרבענקט נאָך אַ ביסל היימישער וואַרעמקייט, האָט ער זיך אַריינ־געכאַפּט קיין כאָטין, פאַרברענגען מיט זיינע אַלטע חברים.

ישראל גויכבערג — לערער און דיכטער

ישראל גויכבערג איז געווען אַ זעלטענער לערער, וואָס האָט תמיד פאַרוואַנדלט די שול אין אַ היכל, אפילו ווען ס'איז אים אויסגעקומען לערנען אין אַ קעלער. דער צופאַל האָט עס געוואָלט ער זאָל אַרבעטן כמעט תמיד אין אָרעמע קוואַרטאַלן. אַ סך יאָרן איז ער געווען אַ לערער אין וויליאַמס־בורג און אין בראָנזוויל. ווער ס'איז אָבער אַריינגעקומען צו אים אין קלאַס האָט געפילט אַז ער געפינט זיך אין אַ מקום קדוש. ישראל גויכבערג איז געווען געבענטשט מיט טאַלאַנט: ער האָט געשריבן פּאָעזיע, ער האָט שיין געזונגען, ער האָט געמאָלן און רעזשיסירט.

גויכבערג האָט געזען אין לימוד אַ מין נאַציאָנאַלע שליחות, אַן עבודת הקודש. אַ דאַנק זיין דערציערישן טאַלאַנט האָט ער געהאַט אַ גרויסע השפעה אויף דער יוגנט און אויך אויף די דערוואַקסענע. די תלמידים האָבן אים ליב געהאַט, ווייל זיי האָבן אַרויסגעפילט זיין פשטות און זיין קלוגשאַפט.

אַ דאַנק זיין לערן־שיטה האָבן זיך די תלמידים צוגעוויינט צו רעדן און צו לייענען יידיש. ער פלעגט אַליין אויסקלייבן דעם לייען־מאַטעריאַל פאַר זיי, לויט דעם נסיון פון יעדן איינעם. ווען ער פלעגט אָרגאַניזירן אַ פייערונג אין שול, פלעגט ער האָבן אין זינען דאָס זאָל געפינען אַן אויסדרוק אין בילדער, אין געשריבענע אַרבעטן, אין דער גאַנצער אַטמאָספער.

י. גויכבערג איז געווען אַ דיכטער מיט אַ טיפן מוזיקאַלישן געפיל, מסתמא ווייל ער האָט געשטאַמט פון אַ משפחה חזנים. ער האָט געשריבן דידאַקטישע שירים, כאַראַקטעריסטישע פאַר אַ לערער, וואָס ווייס פּינקטלעך וואָס ער וויל זאָגן און דריקט דאָס אויס מיט קלאָרקייט, אָן רמזים און אָן סימבאָלן. צו זיינע לידער דאַרף מען ניט קיין שליסל. ער האָט געשריבן פאַר קינדער און פאַר יוגנטלעכע. ער האָט אָבער ניט געוואָלט אַז מען זאָל אים האַלטן נאָר פאַר אַ שרייבער פאַר קינדער און ער איז געווען גערעכט.

ישראל גויכבערג האָט איבערגעלאָזט אַ רייכע גייסטיקע ירושה: געזאַנגען פון אונדזער דור — לידער וועגן דער גרוי־סער אַמעריקאַנישער שטאָט באָסטאָן, וווּ גויכבערג האָט זיך באַזעצט נאָך זיין קומען אין אַמעריקע, אין יאָר 1913. דאָרטן האָט ער אויך אָנגעהויבן זיין אַרבעט ווי אַ לערער. ווייטער דערמאָנען מיר די קינדער־לידער גוט מאָרגן און די דער־ציילונגען אין פערזן קמצא און בר קמצא; די לידער־בענדער ווערטיקאַלן און נעמיראָוו (אַ כראָניק אין פערזן). גויכבערגס לעצטע צוויי ביכער — מיט לייב און לעבן און מיט אַ שמייכל — זענען דערשינען אין 1963, אין י. ל. פּרץ־פאַרלאַג פון תל־אביב.

ישראל גויכבערג האָט געהאַט אַ גרונטיקע יידישע און אַלגעמיינע בילדונג. קודם האָט ער געלערנט אין כאָטין אין "חדר מתוקן" און שפּעטער האָט ער פאַרענדיקט אַ מיטלשול



די בז'נסקי שוהל

אין קאַמענעץ־פּאָדאָלסק. אין די יאָרן 1921—1917 האָט ער געלערנט אין איובא און איז געוואָרן אַן אינזשעניר.

אין זיין לעצטן בוך מיט לייב און לעבן געפינען מיר טאַקע אַ סך לידער מיט אַן אינטימען פאַמיליע־כאַראַקטער, אָבער זייער פּאָעטישער אינהאַלט האָט אַ השפעה אויף יעדן לייענער. אַ טייל פון זיינע לידער האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין פאָלקס־לידער, וואָס מען ווייס אפילו ניט ווער ס'איז זייער מחבר.

ישראל גויכבערג האָט דערציילט אַז בעת ער איז געווען אין ישראל האָט ער באַזוכט אַ שול און איז גראָד געווען אויף אַ לעקציע פון געזאַנג. די קינדער האָבן געזונגען אין עברית גויכבערגס ליד „שלושה זאטוטים" און דער לערער האָט ניט געוווסט ווער ס'האָט דאָס ליד געשריבן. ער איז געווען איבער־ראַשט צו הערן אַז דער מחבר איז טאַקע גויכבערג אַליין.

אַ סך קאָמפּאָזיטאָרן האָבן געשריבן מוזיק צו גויכבערגס לידער.

אַ סך קינדער־לידער האָט גויכבערג געשריבן אונטער דער השפעה פון זיינע אייגענע צוויי קינדער, וואָס האָבן אים אינספּירירט. מיט פּשוטע ווערטער איז אים געראָטן אַריינ־צודרינגען אין דער נשמה פון קינד. זיינע לידער זענען אַריינ־גענומען געוואָרן אין אַלע לערנביכער.

אין יאָר 1948 איז דערשינען אַ באַנד קינדער־לידער מיטן נאָמען די גאָלדענע פּאַווע, — טעקסטן און מוזיקאַלישע נאָטן — רעדאַגירט פון ישראל גויכבערג. דאָס בוך הייבט זיך אָן מיט גויכבערגס ליד געווידמעט די חלוצים פון ארץ־ישראל, אַ ליד וואָס ווערט דעקלאַמירט אין אַלע שולן און איז אויך אַריינגענומען געוואָרן אין די מאָדערנע הגדות פאַר פסח.

מער ווי 45 יאָר איז ישראל גויכבערג געווען פּרעזידענט פונעם פּעדאַגאָגישן קאָמיטעט פון די שלום־עליכם־שולן. ער האָט דאָרטן אויסגעאַרבעט לערן־פּראָגראַמעס, רעדאַגירט קינ־דער־זשורנאַלן און אַליין געווען אַ לערער בחסד עליון.

ישראל גויכבערג איז געשטאָרבן אין עלטער פון 76 יאָר.

לייב־דוד ב"ר נחמן סטאָליאַר

מען פלעגט אים רופן לייבעלע סטאָליאַר, ווייל אַלע, די משפחה, חברים און סתם באַקאַנטע, האָבן אים ליב געהאַט פאַר זיינע גוטע מעלות. ער איז געווען אי אַ תלמיד־חכם, אי אַן איידעלער מענטש, מיט אַ גוט האַרץ.

ער איז געבוירן אין זוואַניץ, פּאָדאָליע. אין שטעטל איז געשטאַנען הויך דער געדאַנק פון שיבת־ציון און פון אויפלעבן די העברעישע שפּראַך. אַזוי איז דערצויגן געוואָרן דער יונגער דור, ובתוכו לייבעלע סטאָליאַר.

געגרינדעט געוואָרן פון דעם פלאַמיקן ציוניסט, דעם לערער געגרינדעט געוואָרן פון דעם פלאַמיקן ציוניסט. דעם לערער שלום אַלטמאַן ז"ל. נאָך דעם ווי לייבעלע האָט פאַרענדיקט די שול, האָט אים זיין פרומער טאַטע געשיקט אין ישיבה קיין קאַמענעץ־פּאָדאָלסק. אַחוץ גמרא האָט ער אויך געלערנט מאָדערן העברעיש מיט דקדוק און אויך מאָדערנע העברעישע ליטעראַטור.

אין יאָר 1914 האָט ער זיך באַזעצט מיט זיין משפחה אין כאָטין. לייב איז געוואָרן אַ לערער אין דער „תרבות־שול" און ס'האָבן אים ליב באַקומען סיי די קינדער און סיי די עלטערן פון די קינדער. ער האָט חתונה געהאַט מיט נעסיע שוסטער און האָט זיך איבערגעפירט אין שטעטל דאָנדוזשען, ווו ער האָט ווייטער געאַרבעט אין שול.

אין יאָר 1937 איז ער אַוועק מיט דער פרוי קיין קאָלומביע. דאָרטן האָט ער שווער געאַרבעט כדי זיך מפרנס צו זיין, אָבער פון דעסטוועגן האָט ער צונויפגענומען גרופּעס דערוואַקסענע און מיט זיי געלערנט אומזיסט העברעיש.

שפּעטער איז ער געקומען אין ישראל, אָבער נאָך אַ קורצער צייט איז ער קראַנק געוואָרן און געשטאָרבן (כ"ד אייר תשכ"ה).

כאָטינער פען־מענטשן

כדאי צו דערמאָנען די נעמען פון כאָטינער פען־מענטשן, אין תחום פון פּאָעזיע און פּראָזע, ווי אויך אין תחום פון רעליגיעזער ליטעראַטור.

הרב ר' שאוליקל, האָט געשריבן אַ פּירוש אויף בבא מציעא און בבא קמא און אַ ניט פאַרענדיקטן פּירוש אויף בבא־בתרא.

שלמה שקאָלניק, אַ לערער אין תלמוד־תורה, האָט געשריבן אַ פּירוש אויף תהלים. ער האָט געשטאַמט פון אַ משפחה חזנים און האָט אויך געשריבן אייגענע חזנישע קאָמפּאָזיציעס.

שלום שרייער האָט אַרויסגעגעבן אין כאָטין אַ ספר מיטן נאָמען דער בין הזמנים אין אַלע אופנים (1893). ער באַשרייבט דאָרט די פּיין פון מלמדים, וואָס יאָגן זיך צו באַקומען נייע תלמידים.

שבתאי לערנער (1913—1879) האָט פאַרבראַכט די קינדער־יאָרן אין בעלץ. ער איז געווען אַ לערער פון העברעיש און רוסיש און האָט אויך געשריבן פאָלקסלידער און פאַר־פאַסט צו זיי ניגונים. ער האָט אויך געשריבן פּיעסעס און אַליין געשפּילט טעאַטער. אַחוץ דעם, האָט ער איבערגעזעצט לידער פון דייטש און פון רוסיש. מיר דערמאָנען פון זיינע שאַפונ־גען: „אין דער פרעמד", און „די יידישע טאָרבע". ער איז געשטאָרבן פון טובערקולאָז.

עזריאל יאַנאָווער (1938—1875) איז געקומען אין כאָטין ווי אַ לערער, אין 1895. ער האָט אָנגעשריבן אַ פּיעסע — די פאַרשטערטע ליבע — וואָס איז אויפגעפירט געוואָרן אין כאָטין. ער האָט מיטגעאַרבעט אין דער צייטונג אונדזער צייט.

שמחה מלמוד פון כאָטין האָט פאַרעפנטלעכט אין 1923 אַ בוך לידער און דערציילונגען. ער האָט געהערט צו דעם אַמעריקאַנער „אַרבעטער־רינג".

היינעך אַקערמאַן איז געבוירן געוואָרן אין 1901 אין מאַלעניץ, לעבן כאָטין. זיין ערשט ליד האָט ער געדרוקט אין דער מאָרגן, וואָס איז דערשינען אין קעשענעוו. אין

1920 איז ער אַוועק קיין אַמעריקע און האָט דאָרטן געדרוקט לידער אין אַ סך יידישע פּובליקאַציעס. ער האָט אויך פאַרעפנטלעכט אַרטיקלען אונטערן נאָמען "אַ מאַלעניצער". אין איינעם מיט משה שטאַרקמאַן און זעליג דאָרפמאַן האָט ער אַרויסגעגעבן אין אַפּריל 1932 דעם זאַמלבוך רעפלעקסן.

אליהו ליפּינער, געבוירן אין כאָטין, געלעבט לאַנגע יאָרן אין בראַזיל און זיך דערנאָך באַזעצט אין ישראל. זיין שאַפן פאַרנעמט צוויי געביטן: די געשיכטע פון יידן אין דער תקופה פון דער אינקוויזיציע, אויפן סמך פון ביז איצט אומבאַקאַנטע דאָקומענטן, וואָס ער האָט געפונען אין אַרכיוון פון דער אינקוויזיציע; די געשיכטע פון אלף־בית. פון זיינע ביכער: ביי די טייכן פון פּאָרטוגאַל (ייוואָ, 1949); אידעאָלאָגיע פון יידישן אלף־בית (ייוואָ, 1967); עסייען אין פּאָרטוגעזישע צייטשריפטן און אין די גאָלדענע קייט; צווישן מאַראַנענטום און שמד (י. ל. פּרץ־פאַרלאַג 1973).

גרשון קירזשנער — אַ געבוירענער אין כאָטין. ער איז געבליבן אין ראַטן־פאַרבאַנד. אין 1935 האָט ער אַרויסגעגעבן אין טשערנאָוויץ אַ באַנד לידער מיטן נאָמען היינט און מאָרגן.

משה גיציס איז געבוירן געוואָרן אין 1894 אין כאָטין. אין 1909 איז ער אַוועק קיין אַמעריקע. שפּעטער איז ער צוריקגעקומען און בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט ער געדינט ביים מיליטער. אין 1922 פאָרט ער ווידער קיין אַמעריקע. ער איז געווען אַ שרייבער, אַן אַקטיאָר און אַ רעזשיסאָר. זיינע שאַפונגען: גלאָקן (דראַמע) — 1926; דערציילונגען (1932); די זון אין מיזרח (1936); אַמעריקאַנישע ראַפּסאָדיע (1939); בטחון (1939); דער וועג צום באַרג (1945). אין די יאָרן צווישן 1943 און 1948 האָט ער רעדאַגירט ליטעראַרישע בלעטער און פאַרעפנטלעכט אַ ריי דערציילונגען.

דער אָרקעסטער

דאָס מזל האָט צוגעשפּילט דער שטאָט כאָטין דווקא אין אַ שווערער תקופה, אין די יאָרן 1904—1905. דעמאָלט זענען צוריקגעקומען פון אויסלאַנד אַ צאָל יונגע דאָקטוירים, אַדוואָקאַטן, כימיקער און האָבן בייגעטראָגן צו דער געזעלשאַפטלעכער אויפלעבונג פון דער שטאָט. זיי האָבן צוגעצויגן צו קולטורעלער טעטיקייט אויך אַנדערע עלעמענטן.

מענדל רייס, איינער פון די גרעסטע גבירים אין כאָטין, האָט געהאַט עטלעכע זין. כמעט אַלע זענען געוואָרן באַנקירן, ווי זייער פאָטער, חוץ איינעם, חנא רייס, וואָס איז געווען אַ יוצא מן הכלל. ער האָט ניט געטויגט צו זיין אַ באַנקיר און אויך ניט קיין סוחר. חנא האָט זיך געגעט מיטן ווייב און זיך



דער ארקעסטער

די קינדער מיט כאנע רייס, שלמה שקאלניק, חיים וואסערמאן, שלום שרייער און דער מוזיק לערער פרידמאן.

פאַרנומען נאָר מיט געזעלשאַפטלעכער אַרבעט. יעדער יאָר פלעגט ער פאָרן קיין דייטשלאַנד, צי קיין עסטרייך און קומען פון דאָרטן מיט נייע פלענער פאַר דעם קרייז ("קרוזשאָק") וואָס ער האָט געשאַפן אין כאָטין.

חנא רייס האָט געגרינדט אַן אָרקעסטער פון בלאָז־אינסטרומענטן, וועלכער האָט צוגעצויגן דעם עולם, ממש ווי אַמאָל דאָס בית־המדרש. דער אָרקעסטער איז געשאַפן געוואָרן אין יאָר 1904 און איז פון דאָס ניי אָרגאַניזירט געוואָרן אין יאָר 1910. די 45 מיטגלידער פון אָרקעסטער האָבן געשפילט פרייוויליק. חנא רייס האָט געבראַכט אינסטרומענטן פון לייפּציג און אַ דיריגענט, אַ יודע־מנגן, פון קיעוו. דער אָרקעסטער האָט באַקומען אַ שם און ווען דער צאַר איז געקומען, אין יאָר 1915 קיין קאַמענעץ־פּאָדאָלסק האָט מען אַרויסגעשיקט די כאָטינער מוזיקערס זיי זאָלן שפּילן פאַרן מלכות.

פיר מאָל אַ וואָך האָט דער אָרקעסטער געגעבן קאָנצערטן און האָט צוגעצויגן אַ סך יוגנט. מ'קען זאָגן אַז דאָס איז געווען איינער פון די בעסטע אָרקעסטערס אין בעסאַראַביע. וועגן זיין פּראָפעסיאָנעלן ניוואָ איז כדאי צו ברענגען אַן עדות דעם גענעראַל דרעקסלער, דער דירעקטאָר פון סאַראַטאָווער קאָנסערוואַטאָר. ער איז צו יענער צייט געווען דער פּרעזי־דענט פון רוסישן רויטן קרייץ. בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה איז ער געווען אין כאָטין און דער אָרקעסטער האָט אויף אים געמאַכט אַ גרויסן רושם. דער גענעראַל האָט צו־געזאָגט אַז די מוזיקערס פון "קרוזשאָק" וועלן באַקומען אַ סטיפּענדיע אין סאַראַטאָווער קאָנסערוואַטאָר.

מחמת די אומשטאַנדן זענען דעם גענעראַלס הבטחות געבליבן אָן אַ קיום. ער אַליין איז אַוועק פון רוסלאַנד נאָך דער מלחמה און האָט געאַרבעט ווי אַ קעלנער אין אַ רעסטאָ־ראַן אין בערלין.

אַ סך יידן האָבן זיך געראַטעוועט אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, אַ דאַנק דעם דערמאָנטן אָרקעסטער. ס'איז אַראָפּגעקומען קיין כאָטין אַ גענעראַל און האָט געפאָ־דערט אַ רשימה פון אַלע מוזיקערס אין שטאָט, כדי זיי צו מאָביליזירן פאַר זיין דיוויזיע. מען האָט צונויפגעשטעלט די רשימה און פאַרשריבן וואָס מער יונגע־לייט מיט דער כוונה זיי צו ראַטעווען פון שווערד. צווישן זיי זענען געווען אויך אַזעלכע וואָס האָבן קיין מאָל ניט געהאַלטן אין זייער האַנט קיין אינסטרומענט. דער גענעראַל האָט זיי אַלע אָנגענומען און נאָך צוויי יאָר האָבן זיי זיך אומגעקערט געזונטערהייט אַהיים.

טעאַטער אין כאָטין


אין די יאָרן 1909—1910 האָט מען זוכה געווען אין כאָטין צו האָבן אַן אַמאַטאָרן־טעאַטער, אָנגעפירט פון בנימין חלפון, יאָסל גיימאַן און א. באַביטש פון זוואַניץ.

צוויי יאָר נאָך אַנאַנד האָט מען אויפגעפירט מיט דערפאָלג עטלעכע ספּעקטאַקלען, צווישן וועלכע צוויי אָפּערעטן פון אברהם גאָלדפאַדן: "שולמית" און "בר־כוכבא". אין די הויפּט־ראָלן האָט געשפּילט סאָניא גיציס, ישראל חריפס פּרוי.

ניט געקוקט אויף דעם גרויסן דערפאָלג, האָט דער אַנסאַמבל ניט אָנגעהאַלטן מער ווי צוויי יאָר. נאָך אַ לענגערן איבער־רייס איז געשאַפן געוואָרן אַן אַמאַטאָרן־טעאַטער פון דער יוגנט: משה גיציס און אבנר באַראַק האָבן אויפגעהאַלטן דעם דראַמאַטישן קרייז ביזן יאָר 1920. זיי האָבן געבראַכט אויף דער בינע ווערק פון יעקב גאָרדין, פּרץ הירשביין, שלום־עליכם ("צעזייט און צעשפּרייט") און אַנדערע. ס'האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער שפּיל בפרט אבנר באַראַק און מאַניע זעלדמאַן. די הכנסות פון טעאַטער זענען געהייליקט געווען פאַר דער "יידישער ביבליאָטעק".

דאָ און דאָרט האָבן געפּרוווט אויך די "בונטאַרן" צו ברענגען אויף דער בינע פאָרשטעלונגען אין זייער גייסט. געלונגען איז זיי אָבער נאָר איין ספּעקטאַקל.

אַ צייט לאַנג פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט זיך געשאַפן אַ טעאַטער מצד דער לינקער "קולטור־ליגע". דער אַנסאַמבל פון אַן ערך 20—30 אַקטיאָרן איז געווען רעזשיסירט פון יאַנקל באַראַק. די מאַכט האָט שטענדיק חושד געווען די אַקטיאָרן אין קאָמוניזם און זיי אָן אַ שיעור גערודפט. דערפאַר האָבן זיי טאַקע ניט געקענט פאַנאַנדערוויקלען אַ כסדרדיקע


דער דראַמאַטישער פעראיין פין חאטין
„קונסט אונד לעבען" מיט גרויס בעדאורען
אין פנים פין די מיטגלידירען אין הברתה
מרים זעלדמאהן פערליערט די היינגסט אי-
בערגעבענע שפּיעלערין אויף דער אידישע
ביהנע וועלכע האט כמעט 5 יאהר ניט אויפ-
ערענדיג געארבייט לטובה דעם פעראיין אין נאך
מעהן לטובה די ארימע לייט, קראַנקע שוהלעס
אין א.ז.וו.
די חברים פין „קונסט אונד לעבען" בעהט די חברתה
זעלדמאהן צינעהמען פין זיי דעם ביליגען פרעזענט
אין שווערען אז דער בילד פין דער טייערער אין
ליעבער מרים וועט אויף שטענדיג פערבליי-
בען טיעף אין זייערע הערצער.

אַרבעט. די אָפטע אַרעסטן פון אַקטיאָרן האָבן גורם געווען איבעררייסן און שטערונגען. צווישן די אַקטיאָרן זענען געווען סאָניאַ גרינבערג, אסתרקע גרינבערג און ראָזאַ גיציס. ר׳ ישׂראל חריף, ראָזאַס פֿאָטער, איז גאָר ניט געווען צופֿרידן פון זיין טאָכטערס חברה. ער האָט איר טאַקע געהייסן מאַכן אַ סוף צו דעם גאַנצן עסק.

ישׂראל גיציס, וועלכן מ׳האָט גערופֿן ר׳ ישׂראל חריף, האָט געשטיצט מיט לייב און לעבן די טעאַטראַלע טעטיקייט אין כאַטין. ער האָט גערירשנט פון זיין טאַטע אַ גבֿירישע שטוב, וועלכע איז שטענדיק געווען אָפֿן, סיי פֿאַר יידן און סיי פֿאַר קריסטן. ס׳פֿלעגן אַריינקומען אַהין וואַלד־סוחרים, באַאַמטן, גוטע פֿריינד. דער טשאָרטקעווער רבי פֿלעגט אויך איינשטיין ביי אים, ווען ער פֿלעגט קומען קיין כאַטין.

ישׂראל גיציס אַליין איז געווען גבאי אין דער גרויסער שול. זיין פֿרוי, סאָניאַ, האָט זיך אויסגעצייכנט מיט איר שפּילן אין דראַמאַטישן קרייז, ווי אַ פּרימאַדאָנע אין גאָלדפֿאַדנס אָפּערעטעס. דער זון זייערער, משה גיציס, האָט אַליין פֿאַר־פֿאַסט דראַמעס, אָרגאַניזירט און רעזשיסירט ספּעקטאַקלען. די טאָכטער, ראָזאַ גיציס, האָט זיך פֿאַרבונדן, ווי מיר האָבן דערמאָנט, מיט דער "קולטור־ליגע", ווו זי האָט זיך אויס־געצייכנט מיט איר זינגען, שפּילן און טאַנצן.

אין יענע יאָרן האָט מען זיך אין כאַטין אָנגעהויבן אַרומ־קוקן אויף דער גרויסער וועלט און נאָכפֿאָלגן די געשעענישן. די גימנאַזיסטן און די סטודענטן האָבן זיך אָרגאַניזירט אין קרייזן און האָבן איינגעאָרדנט ליטעראַרישע אָוונטן, רעצי־טאַציעס, געזאַנג און דראַמאַטישע פֿאָרשטעלונגען.

די איניציאַטיוו האָבן געהאַט משה גיציס און זיין חבֿר איציק געטיאַ. זיי האָבן אָנגעפֿירט די רעפּעטיציעס און צו־געגרייט די פֿאָרשטעלונגען אויף רוסיש. די אַרויסטריטן האָבן געהאַט אַ גרויסן דערפֿאָלג.

די ערשטע וועלט־מלחמה האָט איבערגעריסן די טעטיקייט, אָבער נאָך אַ צייט האָבן מיר זיך דערנענטערט צו די דראַמאַ־טישע קרייזן וואָס האָבן געשפּילט אויף יידיש. דאָרטן האָבן מיר זיך באַגעגנט מיט אבנר באַראַק, אַ גאָר טאַלאַנטירטער בחור און מיט ישׂראל באַראַק, וועלכער איז געווען אונדזער שטענדיקער סופֿליאָר. כדאַי צו דערמאָנען אויך די וווּנדער־לעכע אַקטריסע רבֿקה מיקעלמאַן קודריניעצקי.

די פֿאָרשטעלונגען אויף יידיש האָבן געהאַט אַ גרויסן דער־פֿאָלג אין זומער־טעאַטער. דער כאָטינער עולם איז געווען זייער פֿאַראינטערעסירט מיט אונדזערע פּראָגראַמען און האָט זיך תּמיד געאיילט צו קויפֿן קאַרטן אין טעאַטער. דאָס האָט אָנגעהאַלטן ביזן יאָר 1920, ווען איך בין אַוועק פון כאָטין און זיך אָפּגעטיילט פון דער בינע. מיט דעם האָט זיך פֿאַר־ענדיקט מיין פֿאַרבינדונג מיטן כאָטינער טעאַטער. אָבער דאָס וואָס איך האָב אויפֿגעטאָן אין כאָטין איז געווען פֿאַר מיר אַ גוטע שול פֿאַר די קומענדיקע יאָרן, ווען איך האָב אָנגעהויבן שפּילן אין טשיקאַגאָ.

די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס האָבן אויך געהאַט זייערע דראַמאַטישע קרייזן. צווישן די חבֿרים וואָס האָבן אָנטייל־גענומען אין אָט דער טעטיקייט איז כדאַי צו דערמאָנען: אינזשעניר יוסף זעלצער, בערל וויסאָדלער, לייזער ווייזער, פֿישל גיטלמאַן, הירש ווייסמאַן, יענטע קריזשנער, דער אַקטיאָר און רעזשיסאָר נחומאָוויטש.

די הכנסות פון די פֿאָרשטעלונגען האָבן געדינט צו העלפֿן אָרעמע מענטשן.

דער "שניידערמאַן"־זאַל

דער אַלטער זאַל "שניידערמאַן", באַקאַנט אַ לאַנגע צייט ווי דער זאַל פון יונה זילבערמאַן, איז געווען דער קולטורעלער און קינסטלערישער צענטער פון דער שטאָט כאָטין. אויף דער בינע אין שניידערמאַן־זאַל זענען אַרויסגעטראָטן די גרעסטע אַקטיאָרן פון יידישן טעאַטער, און אויך ניט יידישע אַקטיאָרן.

אין שניידערמאַן־זאַל זענען אויך אַרויסגעטראָטן מיט רעדעס ציוניסטישע מנהיגים, דאָרטן זענען פֿאָרגעקומען פּאַרטיי־פֿאַרזאַמלונגען, ליטעראַרישע אָוונטן, סימפּאָזיאָנען, חנוכּה־און פּורים־פֿייערונגען. דאָס איז אייגנטלעך געווען דער כאָטינער זומער־טעאַטער. מען פֿלעגט אים אָבער אויסניצן ביז שפּעט אין האַרבסט.

דער שניידערמאַן־זאַל איז געווען אין מיטן שטאָט, אַרומ־גערינגלט מיט אַ שיינעם גאָרטן, מיטביימער. ביי סיי וואָס פֿאַר אַ געלעגנהייט פֿלעגן כאָטינער יידן אָנפֿילן דעם זאַל. זיי האָבן ליב געהאַט טעאַטער, האָבן ליב געהאַט צו הערן אַ גוטן רעדנער און פֿלעגן אויך קומען אויף אַ ציוניסטישן מיטינג, וואָס פֿלעגט זיך, אגבֿ, צו מאָל ענדיקן מיט אַ שלעגעריי.

ווען ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן די רעגנס, איז דער זאַל ניט מער געווען באַקוועם: ס׳איז געווען קאַלט, נאַס און אַ סכּנה מ׳זאָל זיך אויסגליטשן ביים אַריינגיין; פון דעסטוועגן האָבן מיר ליב געהאַט דעם זאַל; ער איז געווען אונדזערער, אונדזער טעאַטער. מען האָט קוים געוואַרט צו הערן פֿרימע דעם טרעגער אויסרופֿן אין גאַס וואָס ס׳וועט זיין אין אָוונט אין טעאַטער.

יינגלעך פֿלעגן וואַרטן ס׳זאָל צופֿאַלן די נאַכט און זיך באַהאַלטן צווישן די ביימער אַרום דעם שניידערמאַן־זאַל. דאָרט האָט מען געציטערט און געוואַרט: ווען ס׳האָט שוין געהאַלטן ביים אָנהייבן די פֿאָרשטעלונג זענען חבֿרה אַריבער־געשפּרונגען דעם הויכן פּאַרקן און זיך אַריינגעכאַפּט אין זאַל. ס׳זאָגט זיך נאָר אַזוי. ניט תּמיד פֿלעג זיך איינגעבן דער פּלאַן. אָפּט מאָל האָט זיך אַזאַ אַוואַנטורע געענדיקט מיט צעריסענע הויזן, אָדער מיט אַ צעדראַפּעט פּנים. אַלץ איז אָבער געווען כדאַי כדי אַריינצוגיין אין טעאַטער אָן אַ בילעט.

אַנדערע טעאַטער־ליבהאָבערס האָבן געוואַרט ביים אַריינ־גאַנג ביז קנאַפּ פֿאַרן אָנהייב. דעמאָלט פֿלעגן זיי זיך נעמען דינגען מיט די בעלי־בתּים פון טעאַטער, כדי צו קויפֿן ביליגער די קאַרטן. דאָ און דאָרט האָט זיך איינער אַריינגעכאַפּט מיט אַ צעבראָכן בענקל אין די הענט, ווי גלייך ער וואָלט געווען "פון דער טרופּע".

דער שניידערמאַן־זאַל מיט זיין בלאָטיקער פּאָדלאָגע, מיט אַלע זיינע חסרונות איז געווען אונדזער שטאָלץ. דאָרטן האָבן מיר זיך אויסגעלעבט קולטורעל, אין דער תקופה צווישןביידע וועלט־מלחמות. מיר זענען דעמאָלט געווען אָפּגעריסן פון דער רוסישער וועלט און נאָך ניט צוגעבונדן צו דעם רומענישן רעזשים, וואָס האָט אָנגעהויבן צו הערשן אין בעסאַראַביע. דער אַנטיסעמיטיזם איז אָבער געקומען פון ביידע צדדים: פון די אָרטיקע אוקראַינער און פון די צוגעקומענע רומענער.

די ביבליאָטעק א"נ פון חנא רייס

אין באַנק־בנין איז געעפנט געוואָרן אַ ביבליאָטעק, וואָס האָט געטראָגן דעם נאָמען פון איר איניציאַטאָר, פון קולטור־טוער חנא רייס. זיין אייגענע פּריוואַט־ביבליאָטעק איז געווען אַ גוטער פונדאַמענט, מחמת דער גרויסער צאָל ווערטפולע ביכער וואָס האָבן זיך אין איר געפונען. אויפן סמך פון אַט דעם עזבון פון חנא רייס האָט זיך אַנטוויקלט, טאַקע אין זיין הויז, אַ געהעריקע ביבליאָטעק, מיט אַ לייענזאַל.

אין דער ביבליאָטעק האָבן געאַרבעט אומזיסט באַאַמטן פון דער באַנק. מיטן קאָמיטעט פון דער ביבליאָטעק האָט אָנגע־פירט מיראָן דערזשי; ביבליאָטעקערין איז געווען עטקא שיטנאָוויצער (שמידט). מיט דער צייט האָט מען צוגעצויגן נאָך אַ ביבליאָטעקערין — מיליאַ באַראַק (יוריסט). די יוגנט און די סטודענטן האָבן אַ סך געהאָלפן אין דער טאָג־טעג־לעכער אַרבעט פון דער ביבליאָטעק.

די ביבליאָטעק האָט געהאַט 500 שטענדיקע לייענער. יעדן טאָג זענען געקומען בייטן די ביכער אַן ערך 120 לייענער. די ביבליאָטעק האָט צוגעצויגן אַ סך יוגנטלעכע לייענער, אַ דאַנק דער גרויסער צאָל ווערק פון דער קלאַסישער ליטע־ראַטור, בפרט פון דער רוסישער ליטעראַטור.

די ביבליאָטעק האָט פאַרמאָגט ביכער אין יידיש, העברעיש, רומעניש און רוסיש. צווישן די לייענער זענען אויך געווען אַ סך קריסטן, וואָס האָבן דאָרט געפונען אַלץ וואָס זיי האָבן געוואָלט.

די ביכער פלעגט מען באַשטעלן פון וואַרשע, ריגע און אַנדערע ערטער.

דער לייענזאַל איז תמיד געווען פול, ווייל מענטשן האָבן דאָרט געפונען אַלע צייטונגען און צייט־שריפטן. די ביבליאָ־טעק איז געווען אַ קולטור־צענטער, אַן אָרט וווּ ס׳פלעגט זיך צונויפטרעפן די אינטעליגענץ און די יוגנט. דאָס האָט אַזוי אָנגעהאַלטן ביז די סאָוועטן האָבן פאַרנומען בעסאַראַביע.

יהודה־חנא אַקסעלראָד

יהודה־חנא אַקסעלראָד איז געווען איינער פון די איידעלע יונגע־לייט אין זיין תקופה. ער האָט זיך ניט געוואָלט מאַכן פון דער תורה אַ פּרנסה און האָט געאַרבעט ווי אַ בוכהאַלטער אין פאַרשיידענע פאַבריקן. ער האָט זיך באַמיט אומעטום אַז די אַרבעטער זאָלן באַקומען דעם געהאַלט צו דער צייט און ניט קעקריוודעט ווערן. דערפאַר האָבן זיי אים אַלע ליב געהאַט. ער האָט זיך בדרך כלל אַריינגעלייגט אומעטום וווּ ס׳איז געווען עפּעס אַ סיכסוך און געמאַכט שלום צווישן מענטשן. אַלע האָבן אים געקענט און אים געהאַלטן פאַר אַ באַשיידענעם מענטשן און פאַר אַ רודף־צדק.

ער האָט קיין מאָל ניט געהאַט גענוג פּרנסה פאַר זיין הויזגעזינט, פאַר זיינע אַכט קינדער, אָבער ער איז געווען אַ שמח בחלקו און האָט אַלץ אָנגענומען פאַר ליב.

די אַלע גוטע מידות האָט ער איבערגעלאָזט בירושה די קינדער זיינע.

יהודה־חנא אַקסעלראָד איז געווען איינער פון די גרינדער פון דער "תרבות־שול". די "תרבות־שול" איז געווען דער שטאָלץ פון די כאָטינער יידן און האָט געבראַכט אַ סך נוצן דער יידישער באַפעלקערונג.

זלמן מלמוד

זלמן מלמוד איז, בלי ספק, געווען איינע פון די בולטסטע געשטאַלטן אין קולטורעלן און דערציערישן לעבן פון כאָטין. ער האָט אַ סך געטאָן פאַר דער "תרבות־שול" און אַריינ־געפירט דאָרטן די מאָדערנע העברעישע שפּראַך. אַחוץ דעם האָט ער אויך אָרגאַניזירט, סיי אין די מאָרגן־שעהען, סיי נאָכמיטאָג, העברעישע קורסן פאַר יידישע תלמידים פון די מלוכישע שולן.

ער האָט געהאַט אַ פּעדאַגאָגישן צוגאַנג צו די קינדער און זיך גערעכנט מיט דעם כאַראַקטער פון יעדן איינעם. אויך אין די יאָרן ווען ער איז ניט געווען דער דירעקטאָר פון דער "תרבות־שול", האָט אים די גאַנצע שטאָט געהאַלטן פאַר דעם גייסטיקן אָנפירער און דעם וויכטיקסטן מענטש אין שול.

זלמן מלמוד האָט פאַרשטאַנען ווי אַזוי צונויפצופלעכטן די לימודי־קודש און די לימודי־חול, צונעמענדיק די אויסגע־טראַכטע מחיצות צווישן זיי. ער אַליין איז געווען אַ פרומער ייד, אַ בעל־קורא און אַ בעל־תפילה אין שול. ער האָט געאַר־בעט פאַרן „קרן הקימת לישראל" און איז געווען דער סעקרע־טאַר פון "מיזרחי".

ער האָט אין זיך געהאַט אַ טיפע בענקשאַפט צו ארץ־ישראל, אָבער ער איז ניט זוכה געווען עולה צו זיין. ער איז געשטאָרבן אין יאָר 1941, אין לאַגער פון סעקורען, אַן עלנטער און פאַרלאָזטער. קיינער האָט אים ניט באַגלייט אויף זיין לעצטן וועג.

די כאָטינער יידן דערמאָנען אים מיט אַכפּערונג און אָפּשיי.

חיים וואַסערמאַן

חיים בן יעקב וואַסערמאַן איז געבוירן געוואָרן אין כאָטין אין יאָר 1877 און איז באַקאַנט געווען ווי אַ לערער און ווי דער דירעקטאָר פון דער שול "קרוזשאָק". פּרנסה האָט ער באַצויגן פון פּריוואַטע שטונדן. ער האָט געעפנט אין כאָטין אַן עלעמענטאַר־שול און שפּעטער אַ לערער־סעמינאַר.

מער ווי פערציק יאָר האָט ער געאַרבעט ווי אַ לערער, ביז די נאַציס און זייערע העלפערס האָבן אים געהרגעט, בעת דער שחיטה פון 9טן יולי 1941 אין כאָטין. ער איז אַלט געווען 64 יאָר.

גדליהו ליפינער



געבוירן דעם 9־טן אויגוסט 1876 — געשטאָרבן אין כאָטין דעם 11־טן מאַי 1933. געווען מלמד און לערער אין חדרים און שולן פון כאָטין, און געגעבן פּריוואַטע לעקציעס. גע־שריבן דער עיקר קינדער־מעשיות, לידער און משלים, וועלכע זיינען, ווי־זט אויס, ניט פאַרעפנטלעכט געוואָרן. אַלע שריפטן זיינען פאַרלוירן געגאַנגען נאָך זיין טויט בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווען די אָרעמע כאַטע פון זיינע בני־בית — ווי אַלע איבעריקע הייזקעס מיט די גאַניקלעך פון דער יידי־שער גריוויצאַ־גאַס אין כאָטין — זיינען דורך נאַצי רומענישע באָמבאַרדירונגען פאַרברענט געוואָרן. בלויז איין העפט איז נאָך פון פריער ניצול געוואָרן, און פון דאָרטן ברענגען מיר איי־ניקע מוסטערן. צווישן די שורות קוקט אַרויס די פיגור פון מחבר: אַ זיידענער משכיל וועלכער בענקט און הונגערט נאָך שיינקייט און וויסן, נאָך גערעכטיקייט און נאָך ברויט.

אַ שטערן

כ׳קוק אין פענצטער און זע אַ שטערן —
אַ שיינעם הימל־פּרינץ,
וויל איך אים מיין האַרץ דערציילן
ווי מען לעבט ביי אונדז:

אַ קויטיק ערדל, נשמות קאַלטע,
הערצער קרעמען־אייזן,
גיי און זוך אַ מענטש מיט ליכט —
קאָנסט עס ניט דערווייזן.

און דער אמת מיטן יושר
טיף אין דר׳ערד באַגראָבן,
פאַרמאָגסטו אוצרות און אַ שווערד
ווערסטו מאַכט דאַן האָבן!

אויך די חכמה מיט דער בילדונג
פון די פיס צעטראָטן —
ביסטו קלוג נאָר און געלערנט
ווערסטו ברויט דאַן בעטן.

פאַרשטייט דער שטערן מיין מחשבה
און ער טוט אַ ציטער:
כ׳ווייס, כ׳ווייס, אָ, עלנט קינד,
ווי דיר איז שוואַרץ און ביטער!

וואָלסטו מיך געקאָנט באַזוכן
באַקומסטו אַ נייעם נאָמען —
״גליקלעכער״ וואָלסטו געהייסן,
געטראָטן אויף גאָלד און בלומען.

מיט האָניק, מילך און בוימל־קוואַלן
וואָלסטו זיך געזעטיקט,
און פון הימלס זיסער שפע
וואָלסטו זיך געפעטיקט.

דיין מחשבה פריי צום דענקען,
און דיין מויל צום רעדן,
ביי מיר איז מען דאָס ניט מקפיד —
אַ רויקער גן־עדן!

בלייב געזונט, אָ עלנט קינד,
איך מוז דיך שוין פאַרלאָזן —
די פורפר־שיינע טאָג־פּרינצעסין
הייבט זיך אָן באַווייזן.

בלייב געטרייסט, אָ, בלייב געטרייסט
אין דיין פינצטער וועלטל —
דו ווערסט דו אַמאָל געפינען
אין אייביקן געצעלטל...

גדליהו ליפּינער

דריי משלים

דער משל מיטן מחבר

— גיי אַרום דיר מיין משל איבער דער וועלט
וו שלעכט נאָר דער סדר איז אַוועק נאָך געשטעלט
(האָט אַמאָל דער מחבר דעם משל באַפוילן)
אפשר וועסטו פאָרט ביי מענטשן דאָרט פועלן
צו ווערן אַ ביסעלע בעסער און פיינער,
ווי ס'איז דער רצון מיינער!

— דו שיקסט מיך, מחבר, נאָר פוסטע אַרום
(ענטפערט דער משל)
ווייל די וועלט איז פון קאָפּ ביז פיס
איין בעל־מום!
ווער הערט מיך? ווער זעט מיך? ווער וויל מיט מיר רעדן?
זיי זאָגן אַז איך גיי זיי אַרום נאָר באַרעדן,
אַיעדן קריטיקירן, בייסן און שטעכן,
די צונג אַרויסרייסן, די ציין זיי צעברעכן;
און דערויף זיינען מענטשן גאָר קליינע בעלנים:
צו זיין מיטן יושר און אמת מחותנים
און זיך שפּיגלען אין משל אַז זיי זיינען נאַראָנים.
דאָך וועל איך מיין שליחות
גיין אומגעפוילט —
הלוואי וואָלסטו ביי מענטשן אַזוי גיך
ווי ביי מיר אויסגעפּועלט!

די כּפּרה און דער חוטא

ערב יום־כּיפּור איז ביי יידן אַ מינהג מקדמונים
אַז ס'קויפן זיך איין כּפּרות אַ סך קונים —
נו, האָט ר' גרונם אויך פאַר זיך אַ כּפּרה געקויפט
און ווי ער גייט אַזוי מיט דעם עוף און לויפט,
פרעגט אים דער האָן געבונדן, פול צרות:
— וואָס דאַרפסטו מיך, ר' גרונם?
(ענטפערט ער) — אויף כּפּרות!
— וואָס האָב איך דען געזינדיקט (בעט זיך דער האָן)
וואָס איך זאָל אומזיסט און אומנישט
דאָ טאַנצן אין קאָן?
אַז דו האָסט עובר געווען ווי נאָר אַן עבירה
דאַרף אויף מיר ניגזר ווערן אַ טויט־גזירה?
ס'איז, דאַכט זיך, פאַר מענטשן
זייער נידריק און קליין,
איך קאָן עס גאָר מיט מיין האָנישן מוח ניט פאַרשטיין!
— דו ביסט טאַקע אפשר גערעכט
(ענטפערט ר' גרונם און פינטלט מיטן אויג)
נאָר וואָס קאָן מען דען טאָן אויב די וועלט
איז זיך פאָרט אַזוי נוהג?...

דער הונט און דער חזיר

ס'איז אַמאָל אָנגעפאַלן דער הונט אויפן חזיר
און שטאַרק אים געביסן אין די אויערן אַריין.
— וואָס האָסטו צו מיינע אויערן?
(צעגרילצט זיך דער דבר־אחר)
— דאָס רעד'ך (ענטפערט דער הונט) אין אויער דיר אַריין
אַז דו זאָלסט קיין חזיר ניט זיין!

— ווייסטו, הונט איינער, ווען איך וועל ווערן אויס חזיר
(קוויטשעט ביטער דער דבר־אחר)
נאָך ניט אַצינד,
סיידן ערשט דעמלט
ווען דו וועסט ווערן אויס הונט!

מענדאַלע נערמאַן

מענדאלע נערמאַן — אַ הויכער צאַרטער בחור — אַביסל געבויגן — און נישט ווייל האָרבעוואַטע, נאָר פון גוטקייט, פון עניוות און פון זיין לירישן געמיט!

ווער האָט נישט געקענט מענדאלע נערמאן אינעם אונ־טערשטן טייל פון כאָטין... אַ מילגראם מיט מעשיות סודות־דיקע, און אויך אין קול — הארציק סודותדיק, — פלעגט ער זיך אַוועק זעצן אויף די טרעפּלעך, אויפן מיידאָן — ביי גערשנס קלייט, אָוונט צייט און פלעגט דערציילן אַזוי ביז אין די שפּעטע נאַכט... די גאָר גאָר שפּעטע נאַכט, האָט אויפ־געוואַרט ווען ער פלעגט ענדיקן דערציילן... פון וואַנען, פלעגט זיך יעדער פרעגן, האָט דער יתום אַזויפיל צו דערציילן?

ער האָט געאַרבעט ביי דאָדל פאַרבער— אַ גוטע נשמה... דאָדל פאַרבער האָט געהאַלטן מענדאָלען נישט אַזוי פאַר זיין אַרבעט ווי פאַר דעם וואָס ער, מענדאלע, פלעגט אַזויפיל קענען דערציילן און לייענען זיינע האַרציקע לידער אין דריי שטראָפקעס זיי האָבן דערמאָנט אין יענער השתפכות הנפש וואָס פאַרכשופט מענטשן

ער האָט געהאַט אָפּגעדרוקט אייניקע לידער אין "אונדזער צייט". ער איז געפאַלן העלדיש אין דער צווייטער וועלט מלחמה קעגן פאַשיזם...

מענדאלע נערמאַן אַ סאָלדאַט? יאָ... מענדאלע האָט אויך געהאַט דאָס האַרץ פון יענער היסטאָרישער הויך, ביים יידישן פאָלק, וואָס ווערט ווי אַ ריז ווען מען מוז...

מענדל נערמאַן

לידער וועגן שקיעה און וועגן האַרבסט

א.

שליסט דער טאָג די מידע אויגן
און ערגעץ גייט ער אָפּ פאַרטראַכט,
צו עמעצנס מזל גייט דער טאָג אָפּ
און מיינע איז די בלינדע נאַכט.

פאַלט דער בעכער צו עמעצנס ליפּן
און דאָרשטיק טרינקט ער דאָרט און לאַכט,
דער טאָג איז איינעמס אַ באַגלייטער
און מיינע איז די בלינדע נאַכט.

ביי איינעם איז אַ גאַסט דאָס לעבן
און איינער האָט זיין גליק געזען,
ס'שליסט מיין טאָג די מידע אויגן
און מיינע איז די נאַכט אַליין...

כ'האָב אַ לאַנד מיר אויסגעזוכט
און קיין קיניג האָט עס ניט,
נאָר אַ לעבן וואָס איז געל —
ניט קיין דיכטער ניט קיין ליד.

איז די זון דאָרט אויפגעגאַן
און פאַרנאַכט איז זי אַראָפּ —
און פון דעמלט איבערן לאַנד
פליט אַרויס אַ שוואַרצע טויב.

ב.

האָט דאָס לאַנד קיין מלך ניט,
ניט קיין מלכה פול מיט חן,
ניט קיין רויזן, ניט קיין גראָז,
נאָר אַ שוואַרצע טויב אַליין.

און אין יענעם טויטן לאַנד
שטייט אַ טעמפּל אויפן פעלד —
און אַ שטול פון שוואַרצן גאָלד
עמעצער האָט אויפגעשטעלט.

גייט די זון אין דער פרי דאָרט אויף
און פאַרנאַכט גייט זי אַראָפּ
און איבער אויפגאַנג און פאַרגאַנג
פאַלט אַ שטאַרבנדיקע טויב.

ג.

אויף דער מיטה ליגט דער טאָג אַ האַלבער מת
און די נאַכט זי נייט מלבושים אים מיט שוואַרצע פינגער —
אין דער נשמה רינט אַ קוואַל מיט שקיעה־ליכט
וואָס לעקט אַראָפּ אויך מיין טאָג מיט שטעכעדיקע צינגער.

ביינאַנד מיט שקיעה גייט אַרום דער האַרבסט אין וואַלד
און ביידע שעלטן זיי דעם בוים וואָס פלעכט מיט גאָלד
די גרינע לאָקן —
אין האַרץ שטייט, ווי אין אַ פוסטע פעלד, אַ חרוב טעמפּל
וואָס ביינערדיקע פינגער האַלטן איין דאָס ליד פון זיינע
גלאָקן.

און שליאַכן ליגן רויט פאַרנאַכט, מיט בלוטיק זאַמד
און עמעצער דאָרט גייט און טראַכט אַז אייביק וועט ער
ניט דערגיין —
אַזוי אויך איז מיין האַרץ אַ שליאַך מיט בלוטיק־רויטן זאַמד
וואָרום פון שקיעה צו זאַריען איז ווייט אַזוי צו גיין...

אליהו ליפּינער

געבוירן אין כאָטין, דעם 23־סטן פעברואַר 1916. געלערנט אין די חדרים, תרבות־שול און גימנאַזיע פון שטעטל, און דער עיקר ביי זיין פאָטער ר׳ גדליהו ליפּינער. אויסגעוואַנדערט אין יאָר 1935 קיין בראַזיל וווּ ער האָט שטודירט אויף אדוואָקאַט. פאַרעפנטלעכט לידער, דערציילונגען, עסייען און פאָרשונגען, אין יידיש, העברעיש און פּאָרטוגעזיש, אין די באַקאַנטסטע פּעריאָדישע אויסגאַבעס פון בראַזיל, אַרגענטינע, כּאַראַייניקטע שטאַטן און ישראל. דער יידישער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט פון אַרגענטינע האָט אין יאָר 1949 אַרויסגעגעבן זיין בוך ביי די טייכן פון פּאָרטוגאַל (קאָמענטירטע איבערזעצונג פון ר׳ שמואל אושקיס פּאָרטוגעזישן בוך אַ טרייסט צו די ליידן פון ישראל) און אין יאָר 1967 זיין ווערק אידעאָלאָגיע פון יידישן אלף־בית. פאַרלאַגן פון בראַזיל האָבן אויך אַרויסגעגעבן צוויי ביכער זיינע אין פּאָרטוגעזיש. פּראַקטיצירט ווי אַן אַדוואָקאַט אין בראַזיל און אין ישראל.

מיר דרוקן איבער פון פּאַריזער העפטן (נומער 2, 1968) אַן אָפּהאַנדלונג פון דעם ליטעראַטור־קריטיקער מאיר קוטשינסקי וועגן זיין דערמאָנטן בוך אידעאָלאָגיע פון יידישן אַלף־בית.

מאיר קוטשינסקי

די פילאָסאָפיע פון יידישן אַלף־בית

״די אידעאָלאָגיע פון יידישן אלף־בית״ פון אליהו ליפּינער, פאַרלאַג פון אַרגענטינער ייוואָ — בוענאָס־איירעס 1967, 600 זייטן.

דאָס ענציקלאָפּעדישע ווערק ״די אידעאָלאָגיע פון יידישן אלף־בית״ איז דאָס דריטע בוך פון אליהו ליפּינער. דאָס ערשטע, ״אותיות דערציילן״, איז אַרויס מיט אַן ערך 25 יאָר צוריק; דאָס צווייטע, „ביי די טייכן פון פּאָרטוגאַל״, אויסגעצייכנט מיט דער ל. למד־פּרעמיע, דערשינען אויך דורכן אַרגענטינער ייוואָ־פאַרלאַג, מיט אַכצן יאָר צוריק. דורך דער גאַנצער צייט, צווישן בוך און בוך, פאַרעפנטלעכט ליפּינער, אין די אָנגעזעענסטע אויסגאַבעס פון דער יידישער און פּאָרטוגעזישער פּעריאָדיק זייער וויכטיקע און אָריגינעלע עסייען אויף היסטאָרישע טעמעס, וואָס זענען, פון קינסטלערישן שטאַנדפּונקט, אייגנטלעך בעלעטריסטישע שילדערונגען אויפן יסוד פון דורך אים אויפגעזוכטע און דורך אים איינגערעמטע כראָניקעס. בעסער געזאָגט: דאָס, וואָס וואָלט ביי אַנדערע היסטאָריקער געווען בלויז טרוקענע כראָניקעס, ווערט ביי ליפּינערן שפּרודלדיקע לעבנס־בילדער, מיט אַלע דראַמאַטישע און ליידנשאַפטלעכע, אָפּט ראָמאַנטישע, אַנטוויקלונגען. זיי זענען אָבער תמיד געטריי די היסטאָרישע פאַקטן.

מיט אייניקע יאָר צוריק איז אים געלונגען צוצוקומען צו די אַרכיוון פון דער אינקוויזיציע אין ליסאַבאָן. אונזער פלייסיקער געלערנטער, וואָס באַהערשט אויסגעצייכנט די אַלטע פּאָרטוגעזישע שפּראַך און איז נאָך דערצו אַ פּראָפעסיאָנעלער יוריסט, און פאַרשטייט זיך אויף די קונציקע און געדרייטע יוריסטישע מאַכינאַציעס פון אָט דעם רשעותדיקן טריבונאַל, האָט אַהיימגעבראַכט אַ קאָלאָסאַלן מאַטעריאַל, און זייט דעמאָלט איז דאָס שאַפונגס־פעלד פון אליהו ליפּינער די שפּאַנישע און פּאָרטוגעזישע עפּאָכע פון דער יידישער מאַרטיראָלאָגיע, דער קידוש־השם פון די גולי־ספרד, די אנוסים און די אינקוויזיציע, וואָס האָט זיך אַריבערגעטראָגן אין די נייע אַמעריקאַנישע צענטערס. עס איז אים געלונגען צו דעשיפרירן אַ ריי פּערסאָנאַלע טראַגעדיעס פון אָן אַ שיעור אינקוויזיציע־פּראָצעסן און ערשט איצט, 400 יאָר נאָך דער נאַציאָנאַלער דראַמע, באַקומען זיי אַ תיקון אין דער יידישער ליטעראַטור דורך אליהו ליפּינער.

צוטרעטנדיק צו דער ״אידעאָלאָגיע פון יידישן אלף־בית״ זענען מיר זיך גלייך מתנצל, אַז אַ געהעריקן אַנאַליז פון אָט דעם פאַרצווייגטן, ברייט און טיף פאַרמאָסטענעם ווערק, איז אימשטאַנד אַדורכצופירן אַ מומחה־לינגוויסט, צי גאָר רעליגיעהיסטאָריקער, צי גאָר אַ ספּעציאַליזירטער קבלה־פאָרשער. הגם דער טיטל איז כלומרשט פון אַן אַרומגעצוימטער טעמע — דער אלף־בית — איז עס אַ בוך אַ וואַלד!

אין אַן אַנדערער שפּראַך, ביי אַן אַנדער פאָלק, איז גאָר נישט געמאָלט אַזאַ טיטל: ״די אידעאָלאָגיע פון אלף־בית״. אַן אַלפאַבעט האָט נישט קיין אידעאָלאָגיע. נו טאַקע וואָס קענען ווערן בוכשטאַבן? זיי זענען דאָך בלויז גראַפישע מיטלען, וואָס פאַרקערפּערן קלאַנגען און מער נישט. יאָרן איז אָנגעגאַנגען, און גייט נאָך אָן, אַ וויכוח צי איז אַ שפּראַך בלויז אַ טעכנישער אינסטרומענט צי עפּעס מער: אַן אָפּשפּיגלונג פון דער נשמה פון אַ פאָלק. אָבער די בוכשטאַבן איז קיין מאָל און אין ערגעץ נישט צוגעשריבן געוואָרן מער ווי זייער טעכנישע פונקציע. פאַר אַ גוי, האָבן מיר מורא, איז דער טיטל פון ליפּינערס בוך לגמרי נישט פאַרשטענדלעך. אָבער ווי אַנדערש איז עס פאַרן ייד!

אויך מיר קענען נישט גלאַט מסכים זיין מיטן טיטל. אדרבא, מיר וואָלטן אים נאָך מער פּרעטענציעז פאָרמולירט, דהיינו: די פילאָזאָפיע פון יידישן אלף־בית. מיר מיינען אַז דער תוכן פון אָט דער אַלזייטיקער און אַרומנעמענדיקער שאַפונג קען נאָר טיטולירט ווערן מיט אַן אַלגעמיינעם און מעטאַפיזישן נאָמען. אַזוי צי אַזוי איז דער טיטל מרמז אַז די אותיות פון אונזער לשון זענען נישט געוויינטלעכע כלים, נאָר טראָגן אין זיך אַ שליחות, צי זענען גאָר אַזעלכע מיסטישע כוחות, עמאַנאַציעס, וואָס באַוועגן אַנדערע צו טון אַ שליחות. אין דעם קאַבאַליסטישן לשון, וואָס איז שפּעטער

אַריבערגעגאַנגען אין חסידיזם, הייסן זיי „אצילותן".

דער יסוד פון ליפינערס שאַפונג איז די קבלה־ליטעראַטור, יענע דערשיינונג אין דער יידישער אמונה, וואָס איז נעגירט געוואָרן סיי דורך די בעלי־הלכה און סיי דורך די בעלי־השכלה, הגם די קבלה איז געווען הונדערטער יאָרן אַ פּאַראַלעלע באַגלייטונג צו דער אָפיציעלער רבנישער ליטעראַטור און אייניקע באַרימטע הלכה־אויטאָריטעטן זענען אויך געווען מקובלים, ווי למשל דער געזעץ־געבערישער יוסף קארו (שולחן ערוך). די קבלה איז נישט בלויז געווען פאַרשלאָסן פאַרן ברייטן עולם צוליב איר תרגום־שפּראַך און אין אירע קאָמפּליצירטע „געהיימע" ספּעקולאַציעס פון אותיות, ווערטער און פסוקים, נאָר אויך פאַרזאָגט, פאַרבאָטן. די קבלה־ליטעראַטור איז געווען אַרומגערינגלט אין רזי־דרזין. צווישן לומדים האָט מען תמיד גערעדט וועגן איר מיט אַ שושקעניש, מיט אַ שטיקל פּחד, מיט שטילער ציטערניש. צו אַ קבלה־ספר האָט מען מורא געהאַט זיך צוצורירן און ביי מאַנכע האָבן זיי זיך נישט געטאָרט געפינען אין ספרים־אַלמער. עפּעס ווי עס וואָלט פון זיי אויסגעשטראַלט אַ מאַגישע קראַפט. ממש אַ סכנה פאַרן געוויינטלעכן בשר־ודם. מחמת דעם זענען אָט די קבלה־ספרים געבליבן ווי אין אַ מין גניזה און אַרומגערינגלט מיט לעגענדעס וועגן זייער אָפּשטאַם און ווער עס זענען זייערע מחברים, ווי למשל דער ספר יצירה און דער סאַמע זוהר.

דעם זוהר האָט אַ מאָל איבערגעזעצט אויף יידיש דער נחלת צבי (צבי הירש כאטש), אָבער צוליב די זעלבע טעמים איז ער געבליבן אַ פאַרשלאָסן ספר און האָט נישט דערגרייכט די פּאָפּולאַריטעט פון דער צאינה וראינה, הגם ער איז געשאַפן געוואָרן דורך די זעלבע כוונות.

אליהו ליפינער, דורך זיין „אידעאָלאָגיע פון יידישן אלף־בית" האָט געעפנט די פאַרשלאָסענע טויערן פון דער אָ מיסטעריעזער וועלט און עס האָט פאַר אונדז אַ בליץ געטון אַ פאַנטאַסטישע שיינקייט, אַ פּראַכט ווי פון אַ „מאור הגנוז", פון פאַרבאָרגענע וועלטן, און מיר שטוינען הלמאי אַלערליי ראַציאָנאַליסטן האָבן געקענט פאַרשטויסן סתם, נישט אַריינדרינגנדיק אין איר וועלט, די קבלה, און זי געהאַלטן ווי פינצטערע האַלוצינאַציעס, איבערגלויבערישער כישוף און נישט דערזען אַז דאָ איז דאָך דער אייביקער דראַנג פון פאַרלוירענעם יחיד אין דעם אין־סופיקן אוניווערס.

און אָט די פאַנטאַסטישקייט איז געקנופּט און איינגעקנעטן אין אונזער אלף־בית. עס געלונגט ליפינערן אַרויסצורופן אפילו ביי קריטיש־דענקנדע און ראַציאָנאַליסטישע לייענער התפעלות פאַר דער דיכטערישקייט, וואָס שטראַלט אַרויס בתמימות פון די בעלי־קבלה, פאַר זייער טראַגיש געראַנגל צו אונטערדריקן און דערשטיקן אין זיך די סטרא אחרא און זייער אָנקלאַמערן זיך ממש פאַרצווייפלט מיט דעם יוצר און דער יצירה.

אונזער אלף־בית איז געווען אַ „קדמון", אַן אורשפּרונג פון דער קאָסמישער אנטשטייאונג. אין דער פילאָזאָפישער חקירה איז עס אַ ניואַנס, אַ וואַריאַציע, פון יענער שיטה, וואָס אַנערקענט די געטלעכע פּריאָריטעט און אַז מען דערטראַכט זיך ווייטער, איז עס אַן איבערגאַנג צום שפּינאָזיסטישן פּרינציפּ אַז נאַטור און גאָט איז חד־הוא. אויך גייסט און פאָרם. און אפשר האָט דער אַמסטערדאַמער גאון, אין זיינע אַסקעטישע נעכט, מעיין געווען אין קבלה?..

דער מחבר פאָרשט אויס די גאַנצע קבלה־ליטעראַטור, וואָס טייטשט אויס יעדן אות, יעדע תנועה, יעדע נקודה, און אפילו יעדן תג. אויך די נגינה. אַלע זענען זיי, בקבלה, אצילותן פון דער יצירה. פון נאָך פאַר ששת ימי בראשית... אוודאי איז עס אַן אָביעקטיווע ראַציאָנעלע פאָרשונג פון אַ געלערנטן פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, חלילה וחלילה נישט קיין בטלנות, אָבער זיין פאַרליבטקייט אין דער טעמע, אין דעם פּאָעטישן שווונג, אין דער קאָסמישער גוזמא פון די „בעלי סוד", ווי ער רופט זיי אָן, אין זייערע קאָמפּליצירטע און מוח־ברעכערישע מאַניפּולאַציעס און ספּעקולאַציעס די צירופים, נוטריקון, די פאַנטאַסטישע ספירות. ער פאַרוואַנדלט די וויסנשאַפטלעכע אָביעקטיוויטעט אין אַ מין „פּאָעטישער אָביעקטיוויטעט"...

עס איז נישט די שיינקייט פון אמת, אלא דער אמת פון דער שיינקייט...

דאָ קומען מיר צו, נאָך אונזער שטאַנדפּונקט נאָך, צום סודותדיקן כוח פון בוך, דאָס הייסט צו אליהו ליפינערס שרייבערישער קראַפט, מיט וועלכער ער האָט אויפגעבויט אַזאַ קאָמפּאַקטן און קאָמפּליצירטן אַרכיטעקטאָנישן בנין!

מיר גלויבן אַז די „אידעאָלאָגיע פון יידישן אלף־בית" וועט דינען פאַר אַ סטודיע פון יידיש־פאָרשערס, סיי צוליב דער פּיאָנערישער טערמינאָלאָגיע פון אַ שלל קבלה באַגריפן און די איבערגיסונג פון שפּאָרע טעקסטן, סיי צוליב דער פאַנטאַסטישקייט פון דער שפּראַך, וואָס איז ביי ליפינערן ווי נאָכאַמאָל געבוירן און האָט נישט אין זיך קיין פּיצל פּסולת. אין דעם כישוף־ים פון דער קבלה, וואָס איז לרוב אין דעם אַראַמישן לשון, ווו דער מחבר ווייזט אַרויס ממש גאוניש בקיאות, ווערט געבוירן אַ יידישער תרגום פון קבלה־תרגום און מיר ווילן דאָ נישט פאַרוועגן פאַרגלייכונגען צום תרגום־יהואש, וואָס נעמט אַרום דעם גאַנצן תנ"ך, אָבער בלויז אָנווייזן, אַז בעת יהואש האָט געהאַט פאַר זיך די מלמדישע טראַדיציע, האָט אונזער מחבר געהאַט בלויז זיין אייגענע עסטעטישע אינטואיציע און ער האָט געשאַפן פון זיך אַן אייגן לשון און אַן אייגענעם סטיל.

עס איז באמת אַ ווערק, איבער וועלכן מען דאַרף מאַכן אַ ברכה. אַזאַ בוך דערשיינט נאָר איין מאָל, סיי אין פאַרנעם, סיי אין דער גרינטלעכקייט און אויסגעשעפּטקייט. עס איז פון די העכסטע דערגרייכונגען פון דער יידישער ליטעראַטור און פון דער יידישער שפּראַך. ליפינער האָט געוואָרפן אַ בריק איבער אַלע עפּאָכעס, אויסגעפונען דעם שייכות פון דער קבלה התפעלות פון אלף־בית, וואָס גייט, דורך די קאַנאַלן פון אַנאָנימען פאָלקלאָר, ביז צו דער אידעאַליזירונג און פאַרליבטקייט פון אונדזער דור, אַ פאַרליבטקייט וואָס שטעקט אין אונז אַלעמען און וואָס ליפינער האָט זי געפאָרשט און דעפינירט.

מיר צווייפלען צי אַט דאָס ווערק וואָלט געקענט געשריבן ווערן אין אַן אַנדער און צוליב אַן אַנדערער שפּראַך. צוליב כמה וכמה טעמים איז די "אידעאָלאָגיע פון יידישן אלף־בית" באַשערט צו דערפילן איר שליחות דווקא אין יידיש.

אָבער דאָס איז נאָר אַ מאָמענטאַלער איינדרוק. אין תוך, אידעאָלאָגיש הייסט עס, איז ליפינערס ווערק נישט געבונדן מיט קיין שום אָפּגעשלאָסענער עפּאָכע. אדרבא, עס פליסט אַרויס דער זיסער געדאַנק, פון אַלע 600 זייטן, אַז אונזערע אותיות מרובעות זענען געווען און געבליבן שותפים צו דער וועלט־יצירה און זענען איינגעשלאָסן און איינגעקנעטן אין אירע יסודות, און כל זמן די וועלט וועט האָבן אַ קיום, וועלן האָבן אַ קיום אונזערע כ"ב אותיות.

גרשון קירזשנער

כ אָ ט י ן

שטאָט בית־עלמינדיקע, היים מיינע כאָטין,
טויטע שטייען ביי דיר אויף דער וואַך,
ניט לאַנג ערשט אָפּגעשיידטע,
מ'זאָגט ס'האָט דאָ אַ מאָל געשפּרודלט לעבן,
איך קען ניט גלייבן.

ווי טויט פון לעבן אָפּגעזונדערט
און פאַרגעסן פון אַ גאַנצער וועלט,
ליגסטו שאָט כאָטין
ווי אַ בית־עלמין.

שלאָפסט אַ לאַנגן ווינטער,
אין דיין עלנט,
אין דיין נויט,
אַלע וועגן, אַלע שטעגן
האָט מיט שניי פאַרשאָטן ווינט.

זיי זשע מוחל מיר, כאָטין,
וואָס איך וועק דיך מיט מיין ליד.

כאָטין,
פעסטוגן פונעם טערק
און מאָלדאַוואַן
פאַרבליבענע,
מיט בלוט באַשריבענע,
דער דניעסטער ווייסט אַזוי פיל צו דערציילן!
ער טראָגט אין זיינע טיפענישן
אַזוי פיל סוד פאַרבאָרגן,
ווייטיק הערט זיך
אין זיין שטילן מורמלען.

("הײַנט־מאָרגן", 1935)

עזריאל יאַנאָווער

עזריאל יאַנאָווער איז געבוירן געוואָרן אין 1876 אין טשימאָראָוויץ — פּאָדאָליע. ער איז שפּעטער געוואָרן אַ לערער אין פאָלקס־שול און זיך דערנאָך באַזעצט אין כאָטין. ער איז געווען אַ לערער פון יידיש אין דער שול פאַר מיידלעך („ביע־זשענסקי שול״), וואָס איז געווען אונטער דער השגחה פון חנא רייס. שפּעטער ערב דער צווייטער וועלט־מלחמה, איז פאַרבאָטן געוואָרן פון דער רומענישער רעגירונג צו לערנען יידיש.

עזריאל יאַנאָווער האָט געטאָן געזעלשאַפטלעכע אַרבעט אין שטאָט, בעיקר אין ראַמען פון די הילף־אינסטיטוציעס, ווי למשל אין דער אָרגאַניזאַציע „אָזע״ איינגעאָרדנט פון ד״ר חורש.

ער איז געווען אַקטיוו אין „פּועלי־ציון״ און אין דער „באָראָכאָוו־יוגנט״. ער פלעגט אויך שרייבן לידער אין יידיש און דרוקן אין טשערנאָוויצער בלעטער, אויפגאַנג און אַנדערע פּובליקאַציעס. זיין פּיעסע די פאַרשטערטע ליבע האָט מען עטלעכע מאָל אויפגעפירט אין כאָטין. עזריאל יאַנאָווער איז געווען אַ ידיד פונעם גרויסן משלים־דיכטער אליעזר שטיינבאַרג און פון דוד פּינטשעווסקי. אויך דער דיכטער איציק מאַנגער איז ביי אים איינגעשטאַנען ווען ער האָט געדינט אין כאָטין ביים רומענישן מיליטער.

עזריאל יאַנאָווער איז געשטאָרבן אין 1938, אין עלטער פון 62 יאָר.

שווער צו לעבן

שווער צו לעבן, שווער צו לעבן
אויף דער וועלט אויף דער געמיינער
ווו מענטשן זענען שונאים
און מ׳איז עלנט ווי די שטיינער

ווו מען מוז זיך שטענדיק היטן
און כסדר נאָר זיך שרעקן
טאָמער כאַפּט אויס יענער אַלעס
און ס׳וועט פאַר דיר ניט קלעקן.

שווער צו לעבן, שווער צו לעבן
און כסדר נאָר צו שטרייטן
ווען דו ווייסט דער שונא לאָקערט
און ער צילט פון אַלע זייטן.

און די נעגל זענען שאַרפע,
און די ציין דיך גרייט צו בייסן
וו ס׳איז גרייט דיך אָנצופאַלן
און אויף שטיקער דיך צערייסן.

שווער צו לעבן, שווער צו לעבן
אויף דער וועלט פון שקר, שווינדל
ווו מען טוט די ערגסטע זאַכן
און מען תענוג׳ט דאָס געזינדל.

ווו מע האָט איינגעטיילט דאָס לעבן:
„דיינס״ און „מיינס״ און „פרעמד״ און „אייגן״
און מען וויל פאַר זיך וואָס מער אלץ
און קיין טראָפּ פאַר יענעמס וועגן.

שווער צו לעבן, שווער צו לעבן
און דאָס בייזע צוצוקוקן
ווי מען נוצט אויס אַלע כוחות
אויף דעם שוואַכן צו דערשטיקן.

אַך, ס׳איז שווער, ס׳איז שווער צו לעבן
אויף דער וועלט אויף דער געמיינער
ווו מען שטרייט פאַר ברעקלעך נחת
ווי די יאַטקע־הינט פאַר ביינער...

הארבסט־נאכט

טריבע וואָלקן אויבן שוועבן
און פאַרפינצטערן דאָס לעבן
ערגעץ אין דער טיפער נאַכט,
ווו אַ שוואַרצער שטן לאַכט.

ס׳ברומט דער בייזער ווינט אַ קאַלטער
ווי אַ ווילדע חיה שאלט ער
און ער יאָמערט און עס שרעקט
ווי די וועלט וואָלט זיך געעקט.

צווישן ערד און הימל־גרענעץ
טוט בי נאַכט אַ פוילן גענעץ
ווייזט אַ שטראַל זיך פון אַ בליץ.
— — — — — — — — — —
ס׳מאַכט דער שטן זיך אַ וויץ...

איך בין זיך מודה

נו, איך גיב מיך אונטער, איצטער
איך בין מודה: כ׳האָב פֿאַרשפּילט!
ס׳האָבן מיינע ווערטער־פּיילן
ניט געטראָפֿן וווּ געצילט...

און ער פֿרעגט: וווּ איז דיין חלום,
אָט די שיינע, זיסע וועלט,
וואָס דו האָסט פֿאַר איר געטומלט,
ווי אין שלאַכט דער גרעסטער העלד?

כ׳האָב אומזיסט מיין כּוח געפּטרט,
און פֿאַרשעמט געבליבן שטיין.
און דאָס שלעכטע, אומגערעכטע
איז געבליבן ווי געווען...

כ׳בין זיך מודה: כ׳האָב פֿאַרשפּילט שוין.
שלום מאַך איך מיטן פֿיינד
און די גאַנצע כּלי־מלחמה
ביז צו ענד פֿאַרברען איך היינט.

ניט געבליבן גאַנץ מיין האַרץ און
ניט געבליבן גאַנץ מיין לונג.
איצטער, ווי אַ שוואַרצער שאָטן
שטייט און ווייזט אַ לאַנגע צונג...

איך וועל הערן, זען און שווייגן.
שאָקלען יעדן מיטן קאָפּ,
זאָגן "אמת" דאָרט וווּ שקר,
"איידל" — דאָרט וווּ מיאוס און גראָב.

ס׳וועט די וועלט מיך ליב באַקומען
ווי אַ דימענט, ווי אַ שאַץ...
איך פֿאַרבייט מיין אַלטע ראָלע...
כ׳ווער פֿון היינט אָן אַ פּאַיאַץ!

אפרים רויטמאַן

געבוירן אין כאָטין אין יאָר 1910, דעם 12־טן נאָוועמבער. געלערנט אין די חדרים ביי לייב־דוידן, יעקב־יוסין און ניסעלע פוקס. געענדיקט די תרבות־שול אין כאָטין און די שטאָט־גימנאַזיע אין 1933. געלערנט אויפֿן אוניווערסיטעט פֿון טשערנאָוויץ, אין הומאַניסטישן פֿאַקולטעט. אין יאָר 1937 אַרויסגעגעבן זיין ערשט לידער־ביכל "פֿינגער און ליכט". אונטער דער רוסישער הערשאַפֿט האָט ער געדרוקט לידער און עסייען אין "שריפֿטן" און "פֿאָלקסשטימע" (פּוילן), "יידישע קולטור" (ניו־יאָרק), "סאָוועטיש היימלאַנד" (מאָסקווע), און אַנדערע אויסגאַבעס. געווען פֿאַרטראָטן מיט לידער אין דער אַנטאָלאָגיע פֿון די סאָוועטיש יידישע פּאָעטן "האָריזאָנטן". אין יאָר 1972 עמיגרירט קיין ישראל וווּ ער לעבט היינט, און וווּ ער אַרבעט מיט אין די אָרטיקע אויסגאַבעס.

ביים דניעסטער

פייגע רויטמאַן — מיין מוטער און אַנדערע
אומגעבראַכטע פון די דייטשע רוצחים.

דער נדיעסטער רוישט, סע הילכט ווייט
פון באַרגזייט אָפּ דער פּליעסק אין שטיין,
איך בין אַ קינד נאָך — כ׳האָב קיין צייט,
אַלץ וואָס איך זע, — איז שיין און שיין!
מיין ראָזיק גופל שפּרינגט און שרייט
צום טייך וואָס הערט ניט אויף צו גיין!

מיין זיידע קומט אַראָפּ פֿאַר נאַכט.
מיין זיידנס שפּיצבערדל איז גראָ.
ער באָדט זיך אָפּ, קוקט אויף דער שעה
און זאָגט מיר: זע, אַבאַלד איז נאַכט,
די ניינטע שעה! דו האָסט געטראַכט?
ס׳איז צייט אַהיים! — זיין בערדל לאַכט,
גלייך ער וואָלט אויך געבליבן דאָ.

איך טו מיר אָן דאָס העמד און ברוגז
זאָג איך: איך גיי! גוואַלד, שוין גיין!
מקנא בין איך דאָ דעם שטיין
וואָס בלייבט ביים ברעג... איך גיי, איך ווייס!
דער זיידע זאָגט: ס׳איז גוט! ווי הייס
געווען דער טאָג! און ווישט ווי שווייס
די טראָפּנס פרישקייט... "גיין איז גיין!"

און באַרגאַרויף — זיגזאַגן־טרעפּ.
דער טייך ברויזט קאַלט און פּאַטשט דעם ברעג.
מיין רוקן ציט אַרויף און שלעפּט
די לופֿט פֿון טייך, ווי אַ בלויען קרעפּ.
איך קוק אויף צוריק און שריי און וועק
דעם זיידנס שמייכל צו דעם וועג,
נאָר אינעם שווערן באַרגאַרויף
זיין שמייכל וויינט...

1946

שפעט־זומער אין כאָטין

מענדל רויטמאַן — מיין פאָטער און אַנדערע
אומגעבראַכטע פון די רוסישע פאַשיסטן.

גלייך אָפּגעשלאָסן איז דער הימל דאָ.
דיינע אויגן זוכן ווייטער און קיין ווייטער איז ניטאָ!
וויגט דער דניעסטער זיך אַ פוילער צווישן באַרג און שלאָס.
קעגן אים זיך שלענגלט, איינס ווי איינס,
פון גאַנעקלעך אַ גאַס.
אויגן מידע, מידע טריט.
און אַ פּייערזון אין מיט...

און די קינדער אין די סטענדלעך ערב־נאַכט —
שפילן, לויפן ביז דער מערב־וואַנט, — מען לאַכט.
און צו אָוונט צו, זיך עפנט אויף דער שליאַך —
אַלע אויגן וואָס געשלאָפן ווערן וואַך!
בלויז די אויגן פון די מיידלעך, — שאַרף פאַרקלעמט,
גלייך זיי טוליען זיך צום אָוונט אין איין העמד.

נאַכט... די אויגן שוועבן פון די גאַנעקלעך אַוועק...
קומען שטיפעריש אַרויס צוםברייטן וועג,
יונגען, שארן זיך אין דער שפּעטער שעה.
ווילינגערישע יונגען — גלייך זיי ווינען גאָרנישט דאָ.

און סע ווערט אויף איינמאָל ברייט און ווייט דער שליאַך.
און עס זעצט זיך אויפן גאַנעק צו דער דאַך.
און דער הימל ווערט פון גאָרער טיפקייט שווער.
און אין רעדן עפנט ער זיך מער און מער...

ביז סע סקריפּעט־אויף אַ טיר און טרייבט אַוועק
פ:ן די גאַנעקלעך — די "פּוסטע פלודערזעק".

1957

אין חדר

דעם רבינס קול איך הער עס נאָך
אַרומגיין צווישן די בענק.
נאָר העכער קלינגט פאַנאַסיעס שטים
וואָס גיסט זיך אָן אין שענק.

איך הער עס נאָך, דעם רבינס קול —
איך זיץ מיר אויפן בוים
און ציליעווע דודעס נאָך דער ריי
און סע גליסט זיך ערשט אַ פלוים.

איך וויס שוין וואָס סע וואַרט מיך דאָרט,
ווען ס'וועט מיין טאַטע זען
דעם רבין קראַצן זיך די באָרד —
"אין חדר ניט געווען".

און ס'וועט דער טאַטע גיבן מיר
דאָס צענדליק פעטש... ער קען!
און ס'וועט מיין באָבע ציילן פאַלש:
"נו שוין, נו שוין... שוין צען!"

נאָר מאָרגן וועל איך הערן קלאָר
דעם רבינס קול אַליין.
דערפאַר וועט בליען דער דודעבוים
אין דער סדרה וואָס איך לייען...

און וועט דער רבי טאָן אַ פאַטש
דעם תלמיד לעבן מיר —
וועל איך אַראָפּ פון דודעבוים
און לויפן צו דער טיר...

העלען גיטעלמאַן

דער גורל פון אַ מענטש איז אַן אייגנטימלעכער כוח וואָס איז שווער צו דערקלערן. דער גורל האָט אַריבערגעפירט אונדזערע אַ בת־עיר, אַ טאָכטער פון דעם כאָטינער סוחר גיטעלמאַן, קיין בעלגיע. דאָרט איז העלען געוואָרן אַ דיכ־טערין, ניט אויף מאַמע־לשון, נאָר דווקא אויף פראַנצייזיש, די שפּראַך פון איר נייער היים.

עס זענען ביז איצט דערשינען דריי זאַמלביכער פון אירע לידער. אין איינעם פון די ביכער ברענגט זי אויך אַ ליד וואָס הייסט "אָדע פאַר מיין שטאָט", אין וועלכן זי באַזינגט אין נאָסטאַלגישע פערזן די שטאָט כאָטין.

די הקדמות צו אירע ביכער האָבן געשריבן מענטשן מיט אַ שם אין דער ליטעראַרישער וועלט, מיטגלידערס אין דער בעלגישער און אין דער פראַנצייזישער אַקאַדעמיע.

ODE A MA VILLE

à Sarita de Pinto

Immortelle, dans mon cœur enfouie, Hotin, ma petite ville !
Du recoin des temps couve en moi ta flamme éternelle
Comme le feu sous la cendre attend que l'on attise sa braise.
Hotin, si petit que les gratte-ciel y paraîtraient insolites,
Si humble que les fusées sembleraient surgir des pages de Jules Verne.

Berceau de mes jours dans le décor du Violon sur le Toit,
Fleurs de soleil des toiles de Van Gogh sur un fond de ciel d'émeraude,
Dans une mer d'églantines, isbas et maisonnettes aux perrons,
Les épis de maïs - coupes d'or dans un paysage surréaliste -
La chienne Belka avec sa langue mouillée dans la chaleur torride de juillet
Au pied du prunier grouillant de charançons
Quand les acacias embaumaient les sentiers tordus aux taches ensoleillées
Et l'ete dardait ses mille feux sur mon enfance enchantée.

Hotin, ma petite ville endormie sous le cafetan blanc de l'hiver,
Pareille a une carte givrée de Noël sous les flocons ouateux de neige,
Je revois tes plaines sous un suaire immaculé brillant de diamants
Lorsque fusaient les rires d'enfants aux joyeux manèges,
Les troïkas glissaient au son de clochettes sur la neige gelee
Et l'air avait un goût de caramel plus jamais égalé.

Je me rappelle ton sommeil léthargique quand s'allumaient les réverbères
Et lentement se posaient sur les toits les étoiles magiques.

La lune de la Nuit d'Ukraine de Gogol - nulle part au monde il n'y en a une pareille -

A pas de velours, me suivait muette, du fond de son mystère.
Le monde sommeillait alors dans la paix bénéfique.
O Hotin, ma petite ville, ton minaret, ta synagogue, ton ciel de Bessarabie,
Et le ravin aux halliers, complice de nos rencontres émerveillées,
Il me semble entendre encore les orgues de Barbarie,
Je revois les marronniers des confins de nos étés !

Je ne t'ai pas trahie, ville aimée, ô temps de narcisses et de capucines,
O mon port d'attache, mon emblème, mon étape prochaine !
Vous, qui me lirez de ce côté du monde et qui n'avez pas gambade sous nos mûriers
Et n'avez pas vu en rêve une ville où s'amoncellent les ruines
Comment comprendriez-vous comment - les larmes de ma peine ?
J'ai franchi l'estuaire au repaire des éperviers.

Sachez qu'il existe une petite ville au bord du grand Dniester
Où rôdent mes chères ombres en haut des promontoires.
La reverrai-je avant que m'emporte le cavalier solitaire ?
Voici venir l'heure des départs aléatoires...

Sachez que j'y ai laissé mon âme et mes élans de jouvence,
Et que je m'en souviens au pays devenu mien.

עמנואל רייס

עמנואל רייס — פּראָפעסאָר פון רוסישער ליטעראַטור און פילאָסאָפיע אין פאַריזער אוניווערסיטעט, מיטגליד אין פראַנצויזישן מלוכישן פאָרשונג־אינסטיטוט, אַן אויסגעצייכנ־טער קענער פון רוסישער פּאָעזיע און פון פּאָעזיע בכלל.

געבוירן אין כאָטין (בעסאַראַביע) אין 1909, שטודירט אין בוקאַרעשט, ווין און פאַריז. אַרויסגעגעבן אין 1947 אַן אַנטאָ־לאָגיע פון רוסישער פּאָעזיע אויף פראַנצייזיש און איצט צוגעגרייט צום דרוק אַ נייע אַנטאָלאָגיע אויף רוסיש. פאַר־עפנטלעכט הונדערטער עסייען אין פראַנצייזישע און רוסישע ליטעראַרישע זשורנאַלן. געשריבן אַריינפיר־שטודיעס צו אויס־גאַבעס פון רוסישער פּאָעזיע, אַרויסגעגעבן אין מערב־אייראָפּע. איבערגעזעצט אויף פראַנצייזיש (אין איינעם מיט ד. יאַסין) צען פּאָעמעס פון מ. ל. האַלפּערן און אַרויס־געגעבן (1955) אין Edition des poétes מיט האַלצשניטן פון פנחס שער.

עמנואל רייס איז אַ פריינד פון יידיש און פון דער יידישער ליטעראַטור.

(די גאָלדענע קייט)

בתי כנסת און כלי קודש

שולן און בתי־מדרשים אין כאָטין

אַ שול און אַ בית־מדרש, אָדער אַ קלויז איז טאַקע ניט איינס און דאָס זעלבע; מיט דער צייט זענען אָבער פאַרווישט געוואָרן די תחומים און די מחיצות צווישן אָט די צוויי באַגריפן. דער בית־מדרש איז באַשטימט געווען לכתחילה ווי אַ מקום וווּ מ׳לערנט תורה, ווען מ׳האָט אָבער אויפגעהערט צו לערנען, מחמת דאַגות פרנסה, איז געוואַקסן דאָס חשיבות פון דער שול, ווי אַ מקום־תפילה.

די שול האָט פאַרנומען אַ וויכטיק אָרט אין געזעלשאַפטלעכן און גייסטיקן לעבן פון יידן, אָנגעהויבן פון געבוירן־טאָג, ביז צום טויט. איז אַ פרוי שווער געגאַנגען צו קינד, איז מען געלאָפן אין שול און מ׳האָט תפילה געטאָן; איז געבוירן געוואָרן אַ זון, האָט מען אים געבראַכט אין שול ביים ברית; איז געבוירן געוואָרן אַ טאָכטער, האָט מען דעם טאַטן אויפגערופן צו דער תורה ביים געבן דעם נאָמען. איז דאָס יינגל געוואָרן בר־מצווה איז ער עולה געווען לתורה, מיט דער גאַנצער צערעמאָניע; איז ער אַ חתן געוואָרן — האָט מען געשטעלט די חופה אין שולהויף; האָט זיך אַ מענטש געראַטעוועט פון אַ סכנה, איז ער געלאָפן דערנאָך אין שול, בענטשן גומל; איז אַ מענטש אַוועק פון דער וועלט, האָט מען אים געבראַכט צו דער שול און מען האָט אים מספיד געווען.

אַחוץ דעם אַלעמען איז באַשטאַנען אַ שטענדיקע פאַרבינדונג צווישן יידן מיט דער שול — אין דער פרי און אויף דער נאַכט איז מען געגאַנגען דאַווענען.

אין כאָטין זענען געווען קרוב צו דרייסיק שולן, וואָס האָבן ניט געדינט נאָר ווי בתי־תפילה, אלא אויך ווי ערטער וווּ מ׳פלעגט זיך באַגעגענען, מ׳פלעגט אָפּהאַלטן אסיפות און אויסהערן פאָרלעזונגען. פאַרשטייט זיך אַז ס׳האָבן ניט געפעלט קיין מחלוקתן אין רעליגיעזן לעבן פון דער קהילה, אָבער דאָס איז ניט קיין פגם אין אַ מענטשלעכער געזעלשאַפט. די שול איז געווען אַן אָרט פון נאַציאָנאַלער שעפערישקייט, דאָרטן פלעגן זיך באַגעגענען יידישע מנהיגים, יידישע עסקנים און פאָרשטייערס פון יידישן גייסט.

▼

אין דער סאַדעגערער שול האָבן געדאַוונט אַן ערך הונדערט כאָטינער בעלי־בתים. גבאי איז דאָרטן געווען ר׳ לייבוש בוקאַרעצקי. ער איז טאַקע ניט געווען קיין לערנער, אָבער דערפאַר איז ער געווען אַ ייד מיט אַ גוט האַרץ. ר׳ לייבישן האָט געהערט די ביר־פאַבריק אין כאָטין און ער האָט געהאַט אייגענע צען טעכטער און זין. ער איז געווען אַ שטרענגער גבאי און ס׳איז אים געלונגען אַז די אַרבעטער פון דער פאַבריק זאָלן אים שטיצן אויך אין שול־ענינים.

שמש אין דער סאַדעגערער שול איז געווען ר׳ איציק דיוק, אַ ייד אָן קינדער, אַליין אַן אָרעמאַן וואָס האָט קוים געהאַט פרנסה.

די צענטראַלע געשטאַלט אין דער סאַדעגערער שול איז געווען דער רב, רבי ישראל־מרדכי סטראַקאָווסקי, איינער פון די פייעריקסטע סאַדעגערער חסידים.

▼

דער באָיאַנער קלויז איז געווען אויסגעצירט מיט צייכענונגען, מיט שטערן און סימבאָלן פון די שבטים, געצייכנט פון שלום פאַרבער (לערנער). די אַן ערך הונדערט בעלי־בתים פון קלויז האָבן געהאַלטן שטאָל און אייזן צו דעם גבאי, משה־איציק הירש דיקטאַטאָר, וואָס האָט געפירט די שול־ענינים מיט תקיפות. ער האָט זיך מפרנס געווען פון מלמדות און די מענטשן האָבן געהאַלטן צו אים ווייל ער האָט זיך תמיד געזאָרגט פאַר אָרעמע־לייט. ווער וואָלט זיך געווען דערוועגט אים אַראָפּצוּוואַרפן פונעם בענקל?... משה־איציק אַליין פלעגט האַקן האָלץ פאַר אָרעמע־לייט. אין דער דאָזיקער מלאכה האָט אים געהאָלפן ר׳ נחמן שטולמאַן, אַ סאַדעגערער חסיד, וואָס איז געווען בעל־שחרית אין קלויז, כאָטש ער האָט ניט געהאַט קיין וואַזשנע קול. ר׳ נחמן איז געווען אַ

לערנער, אָבער ער האָט ניט געוואָלט לעבן פון מלמדות. ער האָט געלעבט פון דעם וואָס זיין ווייב האָט פאַרקויפט קאַל און גיפּס.

▼

פרויקע (אפרים) פסח בר׳ אברהם־חיים האָט אַלע יאָר פאַרענטפערט פאַרן עירוב אין כאָטין. ער איז געווען אַ יי אַן עושר און פלעגט אויך צעטיילן האָלץ אויפן ווינטער פּאַ אָרעמע־לייט. זיינע פינף טעכטער זענען עולה געווען קיי ארץ־ישראל און איינע פון זיי, חווה, איז טאַקע געווען פון ד ערשטע עולות פון כאָטין. זי איז שטאָלץ געווען וואָס מי דער שיף וואָס זי איז אַרויסגעפאָרן פון אָדעס, איז אויך עולו געווען משה שרת ז״ל.

▼

ניסעלע (ניסן) פּוסק איז געווען מפורסם אין דער גאַנ צער סביבה מיט זיין קענען לערנען. ער האָט אויך אָנ געפירט אַ מין העכערן ראַבּינער־סעמינאַר און אַ סך פון זיינ תלמידים האָבן באמת געקריגן סמיכה. ער פלעגט זיך נוה זיין אויפצונעמען נאָר קינדער מיט גוטע קעפּ אין זיין ישיבה. דער שכר־לימוד איז געווען אַ הויכער פאַר יענער צייט צוואַנציק רובל פאַר אַ זמן, דהיינו פאַר אַ האַלב יאָר.

און אחרון אחרון חביב, אין דער מיזרח־וואַנט פון באָיאַ נער קלויז איז געזעסן הרב ר׳ שאוליקל, וועגן וועלכן מיו זענען מאריך אין קאַפּיטל וועגן כאָטינער רבנים.

דאָס מחלוקת בנוגע די שוחטים האָט צעשפּליטערט די באָיאַנער חסידים און אַ טייל פון זיי זענען אַריבערגעגאַנגען אין סאַדעגערער שול.

▼

טשאָרטקעווער חסידים. דער לעצטער טשאָרט־קעווער אַדמו״ר, ר׳ דוד־משה בר׳ ישראל פון רוזשין, אַן אור־איניקל פונעם מעזריטשער מגיד, האָט געהאַט אַ פיינעם ייחוס־בריוו. פונקט ווי דער אדמו״ר פון נאַזאַרניץ האָט ער געצויגן זיין ייחוס פון ר׳ נחומקע טשערנאָבילער.

און אָט זענען די בולטע געשטאַלטן אין בית־מדרש פון די טשאָרטקעווער חסידים אין כאָטין: ר׳ זוסיא בראָנשטיין, איינער פון די אָנפירערס פון ״מזרחי״ אין כאָטין, אַ רודף־צדק און אַ בכבודיקער עסקן אין דער קהילה; ר׳ יאָסעלע סופר, אַ ירא־שמים, וואָס האָט אָפּגעהיט די מינדסטע מיצווה, האָט עוסק געווען אין עבודת־הקודש און האָט זיך געטובלט לויטן דין ביים שרייבן אַ ספר־תורה; דער מלמד ר׳ יעקב יוסף איז געווען בעל־קורא; שלמה דער רויטער איז אויך געווען אַן איבערגעגעבענער טשאָרטקעווער חסיד. זיין ווייב איז אַוועקגעפאָרן קיין אַמעריקע און ער האָט איר ניט געוואָלט נאָכפאָרן, פאַר מורא ער זאָל חלילה ניט נכשל ווערן. זיין אייניקל, לייב חלפן, איז געוואָרן אַ קאָמוניסט, כאָטש שפּעטער האָט ער זיך אָפּגעזאָגט דערפון; דער גבאי, ר׳ מאיר פערלמאַן, אַ פּשוטער ייד, אָבער זייער אַ פרומער, פלעגט דאַווענען שחרית אין ימים־נוראים, אין איינעם מיט ר׳ יצחק טענענבוים און ר׳ שלמה דעם רויטן; משה באַטלמאַן, ר׳ אלישע באַטלמאַנס זון, איז שוין געווען אַ מאָדערנער ייד. ער פלעגט פאָרן קיין אָדעס און ברענגען פון דאָרט תבואה.

מעזשיבאָזשער קלויז. שבת און יום־טוב האָבן דאָרטן געדאַוונט 50—60 יידן און אין דער וואָכן — ניט מער ווי צוויי־דריי מנינים. ר׳ ישראלקע, דער רבי, פלעגט דאָרטן דאַווענען בעת ער פלעגט קומען קיין כאָטין, פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה. נאָך דער מלחמה פלעגט קומען קיין כאָטין זיין זון, ר׳ אברהמעלע פון טאַרנאָפּאָל. ער פלעגט איינ־שטיין ביי ר׳ יהושע שענקער. שבת האָט ר׳ אברהמעלע גע־דאַוונט אין דער גרויסער שול, ווי געהויבענע געסט, אָבער דעם טיש האָט ער געפּראַוועט אין בראַזשניקס קלויז, אין צענטער פון דער שטאָט.

קריגערייען זענען געווען אַ גאָר אָפטע זאַך און צו מאָל פלעגט עס דערגיין צו אַ שלעגעריי. בדרך כלל איז דאָס געווען איבער אַ מחלוקת וואָס איז פאָרגעקומען מאָנטיק אויפן מאַרקפּלאַץ. ס׳האָט זיך געטראָפן אַז איין ייד האָט אויס־געכאַפּט ביים אַנדערן עפּעס אַ מציאה פון אַ גוי און דער באַעוולטער האָט זיך באַקלאָגט שבת, אין שול. אין דער אמתן איז דאָס געווען אַ גוטע זאַך, ווייל מ׳האָט קיין עוולות ניט פאַרשוויגן. דאָס האָט געהאַט אַ פּאָזיטיוון געזעלשאַפטלעכן כאַראַקטער.

אין יאָר 1919 איז געקומען צו גאַסט אין שטאָט גבריאל בערנשטיין פון קאַמענעץ־פּאָדאָלסק. ווען ער האָט זיך דער־ווּוסט וועגן די קריגערייען אין שול האָט ער באַשולדיקט די גבאים: משה־יאָסל קירזשנער, שלמה צמח, ישעיה כץ און נפתלי איידלמאַן. ער האָט געהאַלטן אַז ס׳איז פאַראַן נאָר איין אויסוועג: אויסקלייבן אַנדערע גבאים, וואָס זענען מסוגל אויסצומיידן אַ מחלוקת. ווי זאָגט מען? אַ גאַסט קומט אויף אַ ווייל און זעט אויף אַ מייל...

מ׳האָט צונויפגעשטעלט אַ דעלעגאַציע און געשיקט צו דעם קאַזיאָנע רב, שמואל חת פאָרלייגנדיק נייע וואַלן אין קלויז. דער רב האָט איבערגעפירט די בקשה קיין בוקאַרעשט און ווען ס׳איז געקומען די באַשטעטיקונג האָט מען דורכ־געפירט וואַלן אונטער דער השגחה פונעם קאַזיאָנע רב און צוויי־דריי פּאָליציי־לייט. מ׳האָט אויסגעקליבן פאָלגנדיקע גבאים: גבריאל בערנשטיין, חיים גיימאַן, אברהם־אַלטער וואַסערמאַן. תיכף נאָך דעם איז מען זיך נוהג געווען צו רופן די פּאָליציי וואָס זאָל אַכטונג געבן מען זאָל אויספירן די באַפעלן פון די גבאים, אָבער מיט דער צייט האָבן זיך די מענטשן איינגעשטילט און מ׳האָט זיך מער ניט גענייטיקט אין קיין פּאָליציי.

די נייע גבאים זענען ניט געווען צופרידן וואָס אַכט ספרי־תורה זענען אַרומגעוויקלט מיט אַ באַזונדערן אבנט — אַ סימן אַז זיי זענען פסול און מ׳האָט נאָר געלייענט פונעם נייַנטן ספר. מ׳האָט באַשלאָסן צו פאַרריכטן די פסולע ספרים. גבריאל בערנשטיין האָט אַראָפּגעבראַכט פון טשערנאָוויץ אַ סופר סת״ם און אים געהאַלטן ביי זיך, אויף זיין אייגענעם חשבון. ס׳האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן אַז דווקא דאָס ספר־תורה פון וועלכן מ׳האָט געלייענט איז געווען פסול.

אויף אַן אַלגעמיינער אסיפה האָט מען באַשלאָסן צו זאַמלען 15.000 ליי, כדי צו פאַרריכטן אַלע ספרים. אין יענער צייט איז געקומען קיין טשערנאָוויץ פון ווין דער טשאָרט־

קעווער רבי און די חסידים האָבן געגומען שטראָמען צו אים. ר׳ גבריאל וואָס איז געווען אַ טשאַרטקעווער חסיד, איז אויך געפאָרן צום רבין און האָט אים דערציילט אַז ער איז געוואָרן גבאי און אַז ער האָט באַשלאָסן צו פאַרריכטן די פּסולע ספרי־תורה. ער האָט געבעטן דעם רבי ער זאָל אים געבן אַ גאָלדענע מטבע פאַר אַ סגולה און די מטבע זאָל מען פאַרקויפן אויף אַ לאָטעריע, כדי צו שאַפן דאָס געלט פאַר דער עבודת־הקודש. דער רבי איז מסכים געווען, מיטן תנאי אַז די מטבע זאָל ניט זיין אַ רוסישע. ר׳ גבריאל האָט געקויפט אַ גאָלדענעם נאַפּאָלעאָן פאַר 850 ליי און דער רבי האָט געבענטשט די מטבע.

מען האָט פאַרקויפט אין כאָטין 600 לאָטעריע־בילעטן צו 20 ליי, כדי צו געווינען די גאָלדענע מטבע וואָס דער רבי האָט געבענטשט. דער ערשטער האָט דוד מאָרגנשטערן גע־קויפט צען בילעטן. ניט ווילנדיק האָט ער אַרויסגעצויגן עלף בילעטן און אַז ער האָט זיי שוין געהאַט אין זיין האַנט, האָט ער ניט געוואָלט מוותר זיין אויף דעם עלפטן. האָט זיך אַרויס־געוויזן אַז פּונקט יענער בילעט, דער עלפטער, האָט געוווּנען. פאַר גרויס שמחה האָט דוד מאָרגנשטערן נאָך מנדב געווען טויזנט ליי צו פאַרריכטן די ספרים.

▼

דער מעזשיבאָזשער קלויז איז געווען אַ פּשוטער מקום־תפילה, אָן אַ רב און אָן אַ דרשן. דער גבאי האָט געטאָן אַלץ וואָס מ׳האָט געדאַרפט טאָן. אַפילו ימים־נוראים האָט מען ניט אויפגענומען קיין באַצאָלטן חזן. בעלי־קוראס זענען געווען צוויי: גבריאל בערנשטיין און יאַנקל אַנאַדאָלער. מ׳האָט אים גערופן „אַנאַדאָלער" צוליב זיין אַרבעט אין אַנאַדאָל, ביי דער ציגל־פאַבריק, לעבן דניעסטער.

אין קלויז האָט מען כמעט ניט געמאַכט קיין בריתן און חתונות, אַחוץ דריי סעודות: שבת פאַר סליחות, הושענא־רבה און שמחת־תורה. די סעודות פלעגט מען מאַכן ביי ר׳ גבריאל בערנשטיין אין דער היים, אויף זיין אייגענעם חשבון, ניט פון דעם קלויז־פאָנד. די הכנסות פון די נדרים האָבן קוים געקלעקט מפרנס צו זיין דעם שמש, אַ מטופל מיט קינדער. דעם גבאיס שטוב איז אָבער תמיד געשטאַנען אָפן פאַרן שמש און פאַר זיינע בני־בית.

יאַטקע־קלויז. דעם נאָמען האָט זי באַקומען, מחמת די יאַטקעס וואָס זענען געווען אויף יענער גאַס. נאָך דער גרויסער שול — איז די יאַטקע־קלויז געווען דאָס גרעסטע בית־תפילה אין שטאָט. דאָרט האָבן געדאַוונט מיינסטנס קליינע סוחרים און בעלי־מלאָכות, וואָס האָבן געוווינט אין יענער סביבה. אין שול זענען אין גאַנצן פאַרמישט געוואָרן די גרענעצן צווישן פאַרשיידענע קלאַסן. דאָרט זענען אַלע יידן געווען גלייך. אין יאַטקע־קלויז האָט אויך געדאַוונט דער רב, ר׳ חיים רויזמאַן.

אין יאַטקע־קלויז זענען געווען פיר גבאים: אלקנה שאַבל־מאַן, איסר עפּלבוים, דוד וואַסערמאַן און הירש ווינבערג. די רייכע משפחה שאַבלמאַן האָט פאַרזאָרגט די קלויז מיט וואָס ס׳איז געווען נייטיק און זיך באַמיט זי זאָל אויסזען וואָס שענער.


די קלויז האָט געהאַט צוויי באַצאָלטע שמשים. ביים עולה זיין צו דער תורה האָט מען אין יאַטקע־קלויז ניט מנדר געווען קיין נדרים. די קלויז האָט געהאַט צוויי באַשטענדיקע חזנים פאַר שבת און יום־טוב. דאָרט איז געווען אויך אַ כאָר. מיר דערמאָנען: משה חזן און מאיר דער רויטער (דער צווייטער חזן). ס׳זענען אָבער געווען אַ סך יידן וואָס האָבן ליב געהאַט צוצוגיין צום עמוד.

איין מאָל האָט זיך געטראָפן אַ טרויעריקער פאַל. דער חזן אלתר שטיפל, אַ יונגער מענטש מיט אַ שיין קול, איז צו־געגאַנגען אין אַ יום־כיפור צום ארון־קודש און ווי ער האָט אויסגעזונגען דעם פּסוק „השיבנו ה׳ אליך ונשובה" פון דער תפילה „שמע קולנו", איז ער אַנידערגעפאַלן אַ פאַרחלשטער און נאָך דריי טעג איז ער געשטאָרבן, אין עלטער פון 48 יאָר. אויף זיין מצבה האָט מען אויסגעקריצט די ווערטער: „השיבנו ה׳ אליך ונשובה".

▼

אין דער יאַטקע־קלויז האָבן די בעלי־בתים ליב געהאַט צו דאַווענען פאַרן עומד. ראש־השנה אין דער פרי פלעג מענדל וואַסערמאַן מיט אַ יום־טובדיקן ניגון אָנהייבן אדון עולם...

אין דער קלויז האָבן אויך געדאַוונט אהרן פסח, אַ בעל־קורא און דער בעל־תוקע שלום סופּנבוים, שמואל קריץ, משה שטיפל, משולם וויינראב, יוסף סופּנבוים א.א.



די קרושאַק־שול האָט אויך געהייסן תלמוד־תורה און "כאָר־שול". גבאים זענען דאָרטן געווען: חנא רייס, חיים וואַסערמאַן (דער דירעקטאָר פון דער תלמוד־תורה) און אברהם ברק. חנא רייס, וואָס האָט ניט געהאַט ניט קיין ווייב און ניט קיין קינדער, האָט זיך אָפּגעגעבן זיין גאַנץ לעבן מיט קהלישע ענינים און בפרט מיט דער שול. ער איז געווען דער איינ־ציקער אין זיין רייכער משפחה וואָס האָט זיך ניט פאַרנומען מיט באַנק־ענינים. ער פלעגט אַרויספאָרן קיין דייטשלאַנד און קיין עסטרייך און אַהיימקומענדיק קיין כאָטין, האָט ער זיך באַמיט אַריינצוברענגען אַ נייעם סטיל אין לעבן, אַ מאָדערנעם. אויך אין דער שול קרושאָק, וואָס איז אויפגעבויט געוואָרן אין די יאָרן 1905—1908 איז קענטיק געווען די השפּעה פון מערבדיקער, מאָדערנער בויקונסט.

חנא רייס האָט אויך אַראָפּגעבראַכט די בעסטע חזנים קיין כאָטין, ווי למשל דעם ליטוואַק גויכבערג, מאיר שטיינבערג, ישראל סיראָטאַ. מיט דעם כאָר וואָס חנא רייס האָט אָרגאַ־ניזירט, האָבן אָנגעפירט זאַנוול מילער און שפּעטער — שפּיזל און דוד מאַזער.

אין דער קרושאָק־שול האָבן מייסטנס געדאַוונט עשירים, צווישן וועלכע אויך אַסימילירטע יידן. חנא רייס האָט זיך באַמיט צוצוציען די יוגנט און דערפאַר האָט ער געשאַפן לעבן דער שול אויך קולטור־אינסטיטוציעס. אַחוץ קולטורעלע אָוונטן — פאָרלעזונגען, קאָנפערענצן, לעקציעס — האָט ער אויך אין זינען געהאַט צו אָרגאַניזירן טאַנץ־אָוונטן. זיין הויפּט־אויפטו איז געווען דער אָרקעסטער פון בלאָז־אינסטרומענטן, מיט זיינע כמעט 40 מיטגלידער, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין יאָר 1904. דער דאָזיקער אָרקעסטער האָט מקבל פּנים געווען דעם פּראָפ' חיים ווייצמאַן, ווען ער איז געקומען קיין כאָטין אין 1918.

▼

בראַזשניקס שול, קעגן איבער הירש ראָזענבערגס בעקעריי (חינקע די בעקערין), איז געווען אַ מקום־תפילה פאַר יעדן איינעם. ס'האָבן דאָרטן געדאַוונט עטלעכע מנינים אין טאָג און ווער ס'האָט געהאַט יאָרצייט האָט געוווסט אַז ער האָט ווו אַריינצוגיין זאָגן קדיש. גבאי און חזן איז געווען שמעון רויכוואַרגער.

▼

דוד־שמואל־יפה־שול איז געווען איינע פון די עלטסטע שולן אין כאָטין. דאָרטן האָבן געדאַוונט דאָס רוב משכילים. אין דוד־שמואל יפהס משפחה זענען געווען אַפילו משומדים. זיינס אַן אייניקל איז געווען דעפּוטאַט אין דער "דומאַ" (דער רוסישער פּאַרלאַמענט), מצד די ליבעראַלן.

▼

איציק איסערס שול איז געשטאַנען אויף דער שניידערישער גאַס, און ס'האָבן דאָרטן געדאַוונט פּשוטע פאָלקסמענטשן, אַן ערך אַכט מנינים. גבאים זענען געווען משה לאַנדאַ און יעקב וואַסערמאַן. בעל־תפילה איז געווען משה מאָלער (פישבערג).

▼

ר' אַלטער־בערישס שול. אין ר' אַלטער־בערישס שול האָבן געדאַוונט אַ פּאָר הונדערט יידן. ר' אַלטער איז געווען ר' זוסיא בראָנשטיינס זיידע. אויף דער עלטער איז ער עולה געווען קיין ארץ־ישראל און איז געשטאָרבן אין צפת.

▼

יידל פון דער ברעטער־שול האָט אַזוי געהייסן ווייל זי איז געווען אין גאַנצן פון האָלץ.

▼

יעקב סיטשקאַרניקס שול. ר' יעקב איז געווען אַ תבואה און בהמה־סוחר, אָבער ימים־נוראים פלעגט ער דאַווענען פאַרן עמוד און אַ גאַנץ יאָר איז ער געווען בעל־קורא.

▼

דעם רבינס שול, אָדער דעם רב טווערסקיס מנין, איז טאַקע געווען ביים רבין אין דער היים, אין הויז פון בוזי פעלדמאַן. דער רבי ר' ישראל־מרדכי טווערסקי, פון דער טשערנאָבילער גזע, איז געקומען קיין כאָטין אין יאָר 1925. ווען ס'איז אויסגעבראָכן די מלחמה איז ער אַלט געווען 60 יאָר. ער איז געהרגעט געוואָרן אין איינעם מיט זיין זון, ר' אַהרעלע. די רביצן איז געשטאָרבן אין לאַגער. זיין זון ר' יאַנקעלע איז געראַטעוועט געוואָרן פון לאַגער און איז אַוועק קיין אַמעריקע. די טאָכטער מלכהלע איז אויך אַוועק קיין אַמעריקע און האָט דאָרטן חתונה געהאַט מיט אַ שוועס־טער־קינד. די טאָכטער סאָניע האָט נאָך אין כאָטין חתונה געהאַט מיט אַן אַדוואָקאַט און איז שפּעטער אַוועק קיין אַמעריקע.

▼

בית הכנסת תרבות האָט שוין אָפּגעשפּיגלט די נייע צייט. די אַטמאָספער איז דאָרטן געווען אַ ארץ־ישראלדיקע און דערפאַר האָט מען זי טאַקע גערופן די ציוניסטישע שול. דער "עונג־שבת" איז געוואָרן אַ וויכטיק געשעעניש אין קול־טורעלן לעבן פון דער גאַנצער שטאָט.

מיט די ענינים פון דער שול האָט זיך פאַרנומען אַ קאָמיטעט בראש מיט בערל ווייסאָדלער. אין דעם קאָמיטעט זענען אויך געווען שלמה פעלדמאַן, משה ווייסמאַן און אלעזר זאַלצמאַן. זלמן מלמוד איז געווען אי חזן אי בעל־קורא. אַחוץ דעם איז ער געווען אַ געזעלשאַפטלעכער טוער און אַ קאַסיר פון קרן הקימת לישראל. ער איז געשטאָרבן אין 1941, אין לאַגער. דעם זון זיינעם האָבן דערהרגעט די קאָמוניסטן, ווייל זיי האָבן אים געהאַלטן פאַר אַ טראָצקיסט.

▼

די גרויסע שול איז איבערגעבויט געוואָרן אין יאָר 1900 און זי האָט געהאַט אַן ערך טויזנט פּלעצער. אַפּוטרופּוס פון דער שול איז געווען חנא רייס, וועלכער איז אַרויסגעפאָרן בשעתו קיין קעשענעוו, האָט דאָרטן געקריגן אַ באַוויליקונג צו בויען און אויך דאָס נייטיקע געלט. די בויאַרבעט האָט איבערגענומען הירש פּאָדריאַטשיק.

גבאים זענען געווען: ישראל גיציס (סטאַראָסטאַ), הירש

סטעלמאַך (לימאַנטשיק) און משה־יונה ווינאָגראַדסקי. די גרויסע שול איז פאַרברענט געוואָרן אָנהייב 1944. לעבן דער גרויסער שול איז אויך געווען אַ בית־מדרש און דאָרטן איז געווען גבאי שלום שרייער. אין הויף פון דער גרויסער שול איז נאָך געווען וועלוועלע בעקערס שול, מיט איר גבאי יאָסל פערלעס.

▼

בעל־עגלה־שול.

מאַידאַן — זיידע לערנערס קלויז.

די קירזשנערישע שול. גבאי: זיידע רזשאַוועסקי.

יאַנקל רויטמאַנס שול. גבאי: יאַנקל רויטמאַן, דעם אַדוואָקאַט רויטמאַנס פאָטער.

קוני־טבלס שול. (נייער פלאַן).

מאיר עזריאלס קלויזל.

שרה אהרנס־שול, אויפגעבויט אין גאַנצן פון מרת שרה אהרנס געלט. גבאי איז געווען ר׳ קירזשנער.

לייב־יאַנקלס שול. גבאים: לייב יוקל, און פיניע ליטמאַן.

חיריקס קלויז. גבאי — זוסיא כ״ץ.

▼

בעת די נאַציס, און אונטער דעם סאָוועטישן רעזשים זענען חרוב געוואָרן אַלע שולן אין כאָטין. געבליבן זענען נאָר דער חיריק־קלויז און די כאָר־שול. די סאָוועטן האָבן פאַרוואַנדלט די שולן אין תבואה־שייערס. אַלע בקשות מען זאָל אָפּגעבן דער קהילה אירע שולן זענען אָפּגעוואָרפן געוואָרן. מען פלעגט צונויפשטעלן אַ מנין סיי אין דער וואָכן, סיי שבת, ביי בערל ראָזנבערג אין דער היים.

אין איינעם מיט די שולן זענען פאַרברענט געוואָרן אויך די ספרי־תורה. אין דער נאָענט פון דער גרויסער שול האָט געוווינט אַן אָרעמער גוייִשער שוסטער. ווען ער האָט געזען אַז מען האָט אונטערגעצונדן די שול, איז ער אַרויס פון שטוב און מיט סכנת־נפשות געראַטעוועט פון די פלאַמען אַ ספר־תורה און עס באַהאַלטן ביי זיך אין דער היים. ער האָט עס געהיט ווי די אויגן אין קאָפּ. מורא האָבנדיק פאַר די שכנים, האָט ער דעם ספר איינגעמויערט אין אַ וואַנט און פאַרקאַלכט פון דרויסן, מ׳זאָל גאָרנישט דערקענען. ווען יידן האָבן זיך צוריקגעקערט פון די לאַגערן און מ׳האָט אָנגעהויבן דאַווענען ביי ר׳ בערל ראָזנבערג (קלישקעוויצער) אין דער היים, האָט דער שוסטער אָפּגעגעבן דעם ספר־תורה. ער האָט פאַר קיין פאַל ניט געוואָלט נעמען געלט פאַר דעם וואָס ער האָט געטאָן.

דער כאָטינער רבי ר׳ מאָטעלע

מיט ר׳ מאָטעלעס, דעם נאַזאַריניצער רבינס משפחה, בין איך געווען פאַרבונדן נאָך פון מיינע קינדער־יאָרן. פון מאָגילאָוו ביים דניעסטער שטאַמט אונדזער ידידות.



דעם רבינס הויף האָט געגרענעצט מיט מיין זיידנס שטוב — און ביידע זענען געשטאַנען אויף אַ באַרג אין מיטן שטאָט... ווינטער איז דאָרט געווען סכנות נפשות, מחמת דעם גליטש און די שליטלעך וואָס האָבן זיך געיאָגט פון אויבן. זומער איז געווען אַ ליבע שטילקייט, מיט גן־עדנדיקע ריחות און אַ געזאַנג פון פייגל.

צופוסנס פון באַרג איז געלעגן דעם רבינס הויף, מיט זיינע געביידעס, שטיבלעך, חדרים און דעם בית־מדרש.

דער רבי מיט זיין משפחה האָבן געוווינט אין אַ הויז מיט אַ גאָרן, ביים סאַמע ראַנד, מיט די פענצטער צו דער גאַס. פאַרבייגייער פלעגן זיך דאָרטן פאַרהאַלטן, פאַרכאַפּטע פון מתיקותדיקן דאַוונען, פון חסידישע ניגונים און דביקותדיקן לערנען, וואָס האָט זיך אַרויסגעטראָגן אויף דער גאַס דורכן אָפענעם פענצטער.

די קינדער־יאָרן זענען געווען אויסגעמישט מיט ביטער־ניש. די רעוואָלוציע האָט מיט זיך געבראַכט דאָס אָפטע בייטן פון אכזריותדיקע ממשלות: פעטליורע, דעניקין, העטמאַן און אַנדערע. יידן זענען אַראָפּ פון דער מדרגה; הפקר האָט געוועלטיקט אין דרויסן און חשכות האָט זיך באַזעצט אין די הערצער.

ווער ס׳האָט עפּעס פאַרמאָגט, האָט געטראַכט ווי אַזוי צו אַנטרינען. דער דניעסטער איז געלעגן פאַר די אויגן און געמאַניעט. אין די צוואַנציקער יאָרן איז אָנגעגאַנגען אַ קאָנ־טראַבאַנדע קיין רומעניע און פאַר גרויס געלט האָבן זיך אַ פאָר בעלי־בתים געראַטעוועט.

אָט זיצט מען שוין אויף די רענצלעך אין שכנותדיקן אַטאַקי, אין בעסאַראַביע. מען איז געווען "בעזשעניצעס", פול מיט זאָרג ווי ערגעץ אויפצושטעלן אַ נייע היים.

דעם רבינס משפחה האָט זיך אויך געפונען צווישן אונדז, אַרומגערינגלט פון זעק און פעק. חסידים האָבן געזאָרגט

מיט מסירת־נפש פאַר דער גרויסער צאָל ספרים, פאַר די זילבערנע חפצים — די ירושה פון הייליקע זיידעס. צווישן דעם געפעק זיצט דער רבי גאַנצע טעג אין טלית און תפילין, פאַרדביקעט אין דאַוונען, פאַרטראָגן אין אַנדערע וועלטן... און דאָ וואַרטן יידן, אָפּגעבן שלום, נעמען אַ ברכה, זיך פראַוועז.

ס׳האָט זיך כהרף־עין פאַרשפּרייט די ידיעה אַז דער נאַזאַ־ריניצער רבי ר׳ מאָטעלע איז אויף דער זייט און ער האָט בדעה זיך צו באַזעצן אין בעסאַראַביע. ווי אַזוי ס׳איז געפאַלן דער גורל אויף כאָטין — איז אַ ווונדער. פאַר וואָס גאָר כאָטין? אַ שטאָט אָן אַ באַן, ווייט, אין אַ העק, און דערצו נאָך ביי דער גרענעץ פונעם לאַנד וואָס מען האָט עס אָקערשט איבערגעלאָזט אין שרעק.

נאָר אַזוי איז עס געווען. דער נאַזאָריניצער רבי ר׳ מאָטעלע האָט שוין איצט געהייסן דער כאָטינער רבי; דער נוסח טשערנאָביל האָט זיך אָנגעהויבן איינגעסטיקן און באַקומען השפּעה אין דער שיינער, ברייטער שטאָט.

דאָס לעבן איז דאָ ניט געווען גרינג. ווייט פון אַ באַן, האָט מען זיך געדאַרפט טרייסלען שעהענווייז אויפן וועג. אויטאָ־מאָבילן זענען אַריינגעפאַלן אין גריבער און אַרויפגעטאַנצט אויף שטיינער, מען איז געוואָרן אָפּגעמאַטערט ביז מען איז אָנגעקומען קיין כאָטין. אַ פרעמדער ייד, אַ חסיד, וואָס האָט געגאַרט צו זיין ביים רבינס טיש, האָט געהאַט אַ סך מניעות.

דערפאַר אָבער האָט עס געליכטיקט אין יעדן ווינקעלע און פרייד האָט אַרומגענומען דאָס גרויסע הויז, וואָס איז געשטאַנען אויף דער גרענעץ צווישן אָרעמע און פאַרמעג־לעכע, צווישן שטאָט און מאַרק. יידן זענען געקומען און געגאַנגען: ווער נאָך אַן עצה אין אַ נויט, ווער נאָך אַ ברכה פאַר אַ רפואה, פאַר אַ ישועה און בעיקר — צו זיין ביים פראַוועז אַ טיש.

ווער ס׳האָט געזען ימים־טובים ביים רבין און די שכינה וואָס האָט גערוט אויף אַלעמען, ווער ס׳האָט געהאַט די זכיה צו זיין ביי אַ סדר ביים רבין — דער האָט עס שוין אַ גאַנץ לעבן געדענקט און געטראָגן אין האַרצן ווי אַ שמירה.

מלכותדיק איז געווען זיין אויסזען אין קיטל מיט דער זילבערנער עטרה און דעם ברייטן סויבלענעם שטריימל. פון סדר־טיש האָבן געבלישטשעט די זילבערנע חפצים — ירושה פון זיידעס. די גרויסע רערנדיקע, געפלאָכטענע לייכטער, די גרויסע געשניצטע זילבערנע בעכערס, זילבערנע קאַראַ־פינעס און קרוגן און אין דער מיט — די זילבערנע קערה — אַ זילבערנער פּאַלאַץ.

ווער רעדט נאָך פון דער פרייד און דער פריילעכקייט אין אַ שמחת־תורה! די גאַנצע שטאָט איז זיך צונויפגעלאָפן. מען איז געהאַנגען אויף די באַלקאָנס פון די באַלקאָנען, אויף די געזימסן פון די פענצטער, כדי צו זען דעם רבין ווי ער איז זיך משמח מיט דער תורה. דער רבי האָט געטאַנצט פייערדיק, שטורמיש, פול מיט אימפּעט האָט ער געהויבן די תורה אין דער הייך, פול מיט הכנעה האָט ער זיך געבויגן צו דער טיף.

▼

די בוקאָווינער און די גאַליציאַנער חסידים האָבן געהאַט גרויס אָפּשיי פאַרן רבין און זיי האָבן זיך באַמיט אַריינצו־נעמען אין זייער מיט אַ יורש פון דער גרויסער טשערנאָבילער גזע. שפע איז דאָרטן געווען עד בלי די.

ס׳געדענקט זיך מיר ווי היינט: ס׳איז געווען אין די לעצטע דרייסיקער יאָרן. דער רבי איז געווען אונטערוועגנס, זענען אין אַ טאָג, אָנגעפאָרן עטלעכע אויטאָמאָבילן מיט אָנגעזעענע בוקאָווינער בעלי־בתים און האָבן ביי דער רביצין געוואָלט פועלן זי זאָל משפּיע זיין אויפן רבין ער זאָל זיך אַריבער־ציען אין זייערע מקומות. ווי פאַררוקט מען זיך אין אַזאַ העק, אַז אַ חסיד זאָל ניט קענען זיך יעדעס מאָל דורכפאָרן צום רבין, הנאה האָבן פון אַ יום־טוב און סתם זיך אַראָפּרעדן פונעם האַרץ?

דאָס זעלבע איז אויך געווען מיט רומענישע שטעט. ס׳האָט שוין אַפילו געהייסן אויף זיכער אַז דער רבי וועט זיך באַזעצן אין יאַס. ס׳איז דאָרטן אַלץ געווען גרייט פאַר אים.

ס׳איז אָבער געווען באַשערט אַז דווקא אין כאָטין זאָל געבראַכט ווערן אַ געהויבענער קרבן, אַ הייליקער ייד.

דער חורבן האָט זיך אָנגערוקט. פריער האָבן די רוסן, אויף זייער שטייגער, אַרויסגעריסן גאַנצע משפּחות און זיי פאַרשיקט און פאַרטיליקט. דערנאָך זענען צוריקגעקומען די רומענער. איידער זיי האָבן אויסגעריייניקט די גאַנצע שטאָט פון יידן און זיי געטריבן קיין טראַנסניסטריע האָבן זיי אַרויסגענומען די שענסטע בעלי־בתים, די פּני פון דער שטאָט, מיטן רבין ר׳ מאָטעלע בראש, און זיין זון ר׳ אהרעלע, און איינעם נאָכן אַנדערן דערשאָסן. ס׳איז געווען באַשערט אַז דער זון וואָס האָט געלעבט מיט זיין משפּחה אין פוילן, זאָל ניט לאָזן דעם פאָטער אויף זיין לעצטן וועג אַליין — ער האָט אים באַגלייט אין טויט אַריין.

די רביצין, מרת שבעלע, די אלמנה, איז מיט די קינדער פאַרטריבן געוואָרן קיין טראַנסניסטריע, צו גלייך מיט אַלע יידן. זי האָט אויסגעהויכט איר נשמה ערגעץ ווו אויפן וועג. די קינדער זענען געבליבן אַליין און זיך דערשלעפּט ביז יאַמפּאָלי. און אַז ס׳איז באַשערט דאָס לעבן — זענען זיי ניצול געוואָרן.

די עלטערע שוועסטער, סאָניע רויטמאַן, די פרוי פון כאָטינער אַדוואָקאַט רויטמאַן, איז געוואָרן דער ראש פון דער משפּחה, די אמתע מאַמע.

די טעכטער זענען אַוועק קיין אַמעריקע. דער איינציקער פאַרבליבענער זון, ר׳ יעקב, דער יורש פון דער גרויסער גזע, איז געוואָרן אַ מפורסם אין ניו־יאָרק — אַן איידעם פון באַרימטן קאָפּיטשיניצער רבי, ר׳ אַברהמעניו ז״ל.

פיר דורות רבנים אין כאַטין

הרב ר' ישׂראל־מרדכי סטראַקאָווסקי

ר' ישׂראל־מרדכי איז געבוירן געוואָרן אין כאַדאָרקאָוו לעבן קיעוו. ער איז געווען פון די גרויסע סאַדעגערער חסידים. מ'דערציילט, מפּי ר' ניסעלע פּוסק, אַז ווען דער רב ר' שייקע איז געקומען פון כאַטין אין יאַס און איז אַריינגעגאַנגען צום סאַדעגערער רבי, ר' אברהם־יעקב, האָט אים דער רבי געראָטן ער זאָל איבערגעבן די רבנישע שטול אין כאַטין ר' ישׂראל־מרדכין, זאָגנדיק דערביי: תוכו אינו כברו — דאָס הייסט אַז זיין פּנימיות שטייגט אַריבער זיין חיצוניות.

ר' ישׂראל־מרדכי פלעגט שטענדיק דאַווענען מיט די סאַדעגערער חסידים; נאָר איין מאָל אַ יאָר, הושענא־רבה, פלעגט ער דאַווענען מיט אַ באַזונדערן מנין אין בית־המדרש, לעבן דער גרויסער שול.

איין מאָל האָט דער סאַדעגערער רבי געזאָגט צו אַ כאַטינער חסיד: איר דאַרפט אין גאַנצן ניט פאָרן צו מיר, איר האָט דאָך דאָרטן, אין כאַטין, ר' ישׂראל־מרדכין.

הרב ר' שאוליקל סטראַקאָווסקי

ר' שאוליקל האָט איבערגענומען דעם כּס־הרבנות אין כאַטין, נאָך ווען זיין פאָטער, ר' ישׂראל־מרדכי, האָט געלעבט. נאָך דעם ווי דער פאָטער איז געשטאָרבן, איז ער שוין פאַרבליבן אויף זיין אָרט. די שטאָט האָט אים ליב געהאַט און אים אָפּגעגעבן כּבוד. דערפאַר האָט מען אויך פאַרצויגן זיין נאָמען און אים גערופן ר' שאוליקל. ער איז געווען אַ באַיאַנער חסיד און געדאַוונט אין באַיאַנער קלויז. קיין דרשות האָט ער ניט געהאַלטן און אויך ניט געזאָגט קיין מוסר. ער האָט אָבער אַלעמען געוווּנען מיט זיין שטראַלנדיקער פערזענלעכקייט. ער האָט מקיים געווען דעם פּסוק "והגית בה יומם ולילה" און געווען אַ גדול אין תורה. אָבער דער עיקר איז ער געווען זייער אַ ליבער מענטש.

אין ענינים פון דת פלעגט ער ניט מאַכן קיין שום פּשרות מיט די שוחטים און זיך סומך זיין נאָר אויף דער הלכה. ער האָט ליב געהאַט מענטשן און פלעגט זיך ניט וועלן צוהערן צו רכילות.

איין מאָל האָבן די דאָקטוירים געפונען אַ געשווילעכץ אויף זיינע יאַסלעס און האָבן געהייסן מאַכן אַן אָפּעראַציע. ר' שאוליקל האָט אָבער ניט געוואָלט הערן דערפון ביז ער האָט ניט באַקומען די הסכּמה פונעם רבין.

הרב ר' חיים רויזמאַן

ר' חיים איז געווען רב אין כאַטין אין צוויי מחזורים: איין מאָל אין איינעם מיט ר' שאוליקל און שפּעטער אין איינעם מיט ר' נחומען. ר' חיים איז געווען אַ מתנגד און געדאַוונט האָט ער אין יאַטקע־קלויז. ער איז געווען אַ גרויסער לערנער, בקי אין אַלע וועגן און שטעגן פון הלכה. זיין טאָכטער האָט חתונה געהאַט מיט ר' ישׂראל לערנער, איינער פון די בעסטע מלמדים אין שטאָט. ר' חיימס זון, מיכאל, איז געוואָרן אַ מוהל.

הרב ר' נחום סטראַקאָווסקי

ר' נחום איז געווען אין די יונגע יאָרן אַ סוחר און ערשט שפּעטער איז ער געוואָרן רב אין כאַטין, אין איינעם מיט זיין פאָטער, ר' שאוליקל. ר' נחום איז געווען אָנגעזעען סיי ביי יידן און סיי ביי ניט־יידן. אַ סך קריסטן האָבן פאַרגעצויגן צו קומען מיט אַ סכסוך צום רב, ווי איידער צו גיין זיך משפּטן אין געריכט. ווען מענטשן פלעגן קומען מיט עפּעס אַן ענין צו דער פּאָליציי, פלעגט מען זיי פרעגן: צי זענט איר שוין געווען ביים יידישן רב זיך מיט אים האַלטן אַן עצה? ער איז געווען באַקאַנט מיט זיין שאַרפן חוש, אָבער ער האָט קיין מאָל ניט געוואָלט זיין איין און איינציקער בורר אין סיי וואָס פאַר אַן ענין.

ר' נחום איז געווען אַ רודף־שלום און דערפאַר זענען טאַקע ניט געווען קיין סך גטן אין זיין צייט. יעדעס יאָר אויף שבועות פלעגט ר' נחום פאָרן צו דעם באַיאַנער רבי.

ר' נחום האָט געוואָלט דערגרייכן אַ מיזוג צווישן דת און וועלטלעכער דערציונג. ער אַליין האָט געהאַט יסורים וואָס ער האָט ניט געקענט רעדן מיט די מאַכטהאָבערס און האָט זיך געניייטיקט אין אַ פאַרטייטשער. כדי זיין טאָכטער זאָל קענען לערנען אין גימנאַזיע, האָט זיך דער רב געווענדט צו דער כאַטינער דעפּוטאַטקע אין פּאַרלאַמענט, זי זאָל פועלן מ'זאָל דאָס קינד באַפרייען שבת פון לימוד.

הרב ר' גדליה סטראַקאָווסקי

ר' גדליה, ר' נחומס ברודער, איז אויך געווען אַ חסיד פונעם באַיאַנער. ער פלעגט אָבער ניט פאָרן צום רבין אויף שבועות, כדי די עדה זאָל ניט בלייבן, חלילה, אָן אַ פּאַסטעך. ער איז געווען בקי אין ש"ס און פּוסקים און בטבע איז ער געווען אַ שטילער, געדולדיקער מענטש. ר' גדליה איז געשטאָרבן יינגערהייט און האָט ניט איבערגעלאָזט קיין קינדער.

הרב ר' בנימין לייוואַנדמאַן

ר' בנימין האָט חתונה געהאַט מיט דבורהן, ר' נחומס אַ טאָכטער. ער האָט געלערנט אין דער מאַרמאַרעשער ישיבה און האָט באַקומען סמיכות פון רב ר' משולים ראָט פון טשערנאָוויץ. ער האָט אויך פאַרענדיקט די גימנאַזיע ווי אַן עקסטערניסט. אין אים איז וויל מקוים געוואָרן דער מיזוג צווישן אַלט און ניי. ער איז געווען בקי אין וועלט־פּראָבלעמען, געקענט יידישע געשיכטע און זיך באַנוצט מיט זיין וויסן אין זיינע דרשות. די באַאַמטן און אָפיצירן זענען תמיד נתפּעל געוואָרן ווען דער רב איז אַרויסגעטראָטן ביי אָפיציעלע פייערונגען. ר' בנימין האָט געקענט אויך רומעניש. בעת די רוסן זענען אַריינגעקומען, אין 1940, האָבן זיי דעם רב ניט געטשעפּעט, אָבער ווען די רומענער און די דייטשן זענען צוריקגעקומען, אין 1941, האָבן זיי אים געשאָסן, אין איינעם מיט די אַנדערע פאָרשטייערס פון דער יידישער אינטעליגענץ.

הרב מטעם (קאַזיאָנע רב) שמואל חת HESS

דער קאַזיאָנע רב, אַן איבערבלייבעניש פון די צאַרישע צייטן, האָט ווייניק וואָס געהאַט צו טאָן מיט דעם וויכטיקן

אָרט וואָס אַ רב האָט פֿאַרנומען אין יידישע קהילות. ער האָט זיך בדרך־כלל פֿאַרנומען נאָר מיט טעכניש־אַדמיניסטראַטיווע ענינים. רעליגיעזע מענטשן האָבן זיך קיין מאָל ניט געוואָנדן צו אים אין ענינים פֿון דת. שפּעטער איז די פֿונקציע פֿון רב מטעם געוואָרן לחלוטין איבעריק. דער קאַזיאָנע רב האָט געפּרוווט באַקומען אַ דערלויבעניש צו געבן חופּה וקדושין און אַז ער האָט ניט באַקומען, איז ער געבליבן נאָר מיט זיין טעכניש־אַדמיניסטראַטיווער אַרבעט.

ווען די רומענער האָבן אַרויסגעגעבן דעם באַוווּסטן באַפֿעל אַז יידן מוזן דערווייזן דורך דאָקומענטן אַז זיי זענען רומענישע בירגער, האָט ד"ר זיידמאַן, דער ראש־הקהל פֿון כאָטין, געגעבן דעם רב מטעם אַן אולטימאַטום ער זאָל אַריבערפֿירן דעם אַרכיוו פֿון מאַטריקל־אַמט אין דער קהילה. דער קאַזיאָנע רב האָט ניט געהאַט קיין ברירה, ווייל קיינער האָט אים ניט געשטיצט, און האָט איבערגעגעבן דעם אַרכיוו. און באמת, ביי קיין שום כאָטינער ייד האָט מען ניט צוגענומען די בירגערשאַפֿט.

▼

נאָך דער פּטירה פֿון רב ר' גדליה איז אַנגעקומען אין כאָטין אַ רב פֿון אונגאַרן. ער האָט געהייסן אַשכנזי. זאָט פֿון אַרומוואָגלען נע־ונד, האָט ער באַשלאָסן צו קאַנדידירן פֿאַר רב אין כאָטין און דאָס האָט גורם געווען צו אַ האַרבן מחלוקת אין דער קהילה.

זיינע פּלוצימדיקע חסידים, בפּרט פֿון צווישן די בעלי־מלאכות, האָבן איינגעלייגט א וועלט מען זאָל אים אויפֿנעמען. די אָנפֿירערס פֿון דער קהילה האָבן זיך אָבער אַנטקעגנגעשטעלט, הן צוליב פֿינאַנציעלע טעמים, הן צוליב פּרינציפּיעלע. זיי האָבן געטענהט אַז מען קאָן ניט אויפֿנעמען אַ רב וואָס האָט ניט קיין סמיכה.

דער גאַסט האָט זיך אין דערווייל פֿאַרנומען מיט שחיטה באַהאַלטענערהייט. איז מען אים נאָכגעגאַנגען מען זאָל אים דערטאַפּן בשעת־מעשה און אים באַשולדיקן אַז ער נעמט צו די הכנסה פֿון דער קהילה. דאָס מחלוקת איז אַזוי געגאַנגען ביז די סאָוועטן זענען אַריינגעקומען, אין 1940. זיי האָבן צו דעם מחלוקת געמאַכט אַ סוף: זיי האָבן אין גאַנצן געמאַכט אַ סוף צו דער קהילה.

ווען די רומענער און די דייטשן האָבן ווידער פֿאַרנומען די שטאָט, אין 1941, האָבן זיי געגעבן אַ באַפֿעל אַז אַלע שטאָט־מנהיגים זאָלן זיך יאָווען אין זאַל פֿון גימנאַזיע. צוויי דייטשן האָבן אַרויסגערופֿן אַלע אינטעלעקטואַלן און בתוכם די רבנים און שוחטים. הרב אשכנזי האָט זיך אויך אַוועקגעשטעלט צווישן זיי און איז מיט אַלע אין איינעם געגאַנגען אויפֿן לעצטן וועג. דעם 7טן יולי 1941, זייגער פֿיר ביי טאָג, האָט מען אַלע דערשאָסן.

כאָטינער שוחטים

אין כאָטין זענען געווען זיבן שוחטים. דאָס איז געווען אין איינקלאַנג מיט די באַדערפֿענישן פֿון דער קהילה. כמעט אַלע שוחטים האָבן אויסגעקליבן די דאָזיקע מלאכה, נאָר צוליב פּרנסה.

צווישן די כאָטינער שוחטים זענען געווען פֿרומע יידן, לערנערס, אָרנטלעכע מענטשן, מיט גוטע מידות. די קהילה האָט געזאָרגט פֿאַר זיי. דעריבער זענען טאַקע ניט געווען קיין סכסוכים צווישן שוחטים און קצבים. די בהמות וואָס זענען טריף געוואָרן ביים קוילען האָט מען פֿאַרקויפֿט פֿאַר גויים און די קצבים האָבן ניט געהאַט קיין טענות.

כשרות איז געווען אַ נאַטירלעכע זאַך אין כאָטין. דערפֿאַר קענען מיר פֿאַרשטיין דעם כאָטינער ייד, וואָס איז אָנגעקומען אין ישראל און האָט זיך שטאַרק פֿאַרוווּנדערט ווען ער האָט דערזען אַ יאַטקע מיט אַ שילד אויף וועלכן ס'איז געווען אָנגעשריבן מיט קידוש־לבנה־אותיות: "בשר כשר". ווי אַזוי איז דאָס מעגלעך אַז אין ארץ־ישראל דאַרף מען מודיע זיין ברבים אַ זאַך, וואָס אין גלות האָט יעדער פֿאַרשטאַנען פֿון זיך אַליין? — האָט געפֿרעגט דער ייד.

מ ע נ ד ל ש ו ח ט איז געזעסן אין שול לעבן רב ר' ישראל־מרדכי. זיין ווייב, מינדל, האָט זיך אויך פֿאַרנומען מיט עניני־דציבור.

ש ל מ ה ש ו ח ט האָט זיך נוהג געווען צו קומען ערב יום־כיפּור צום רב, כדי צו קוילען די כפּרות. זיין זון, פֿייביש, איז אויך געווען שוחט. אויך זיין איידעם פֿון בערדיטשעוו.

ז ל מ ן ש ו ח ט און ר א ו ב ן ש ו ח ט האָבן נאָר געקוילעט עופֿות. א י צ י ק ש ו ח ט מיט זיינע ניין קינדער איז געקומען אין כאָטין אין יאָר 1923. ער האָט געהאַט אויך סמיכה אויף רבנות און דערפֿאַר האָט מען אים ניט געוואָלט אויפֿנעמען פֿאַר אַ שוחט. מ'האָט מורא געהאַט ער זאָל ניט וועלן שפּעטער אויך דעם כס־הרבנות. אַז מען האָט אָבער געזען זיינע גוטע כוונות, האָט מען אים אויפֿגענומען פֿאַר אַ שוחט און אַ מוהל. ער האָט זיך אויך פֿאַרנומען מיט בוררות און מענטשן האָבן געהאַט צוטרוי צו זיין שכל־הישר. אפֿילו קריסטן פֿלעגן קומען צו אים מיט זייערע סכסוכים.

נאָכן טויט פֿון י אַ נ ק ע ל ע ש ו ח ט האָט זיך זיין אַלמנה באַמיט אַז איר איידעם, מ ש ה ש ו ח ט, זאָל קומען אויפֿן שווערס אָרט. משה איז געווען אַ זינקיווער חסיד. איר מי איז אָבער געווען אומזיסט. ס'איז געקומען צו אַ מחלוקת, אַז ס'האָט זיך געמוזט אַריינמישן די פּאָליציי. ס'איז געגאַנגען אַזוי ווייט אַז די זינקיווער האָבן זיך ניט געוואָלט משדך זיין מיט כאָטינער.

ר' איציק שוחט (געלער)

ר' יצחק שוחט, וואָס אַלע האָבן אים גערופֿן ר' איציק, איז געווען אַ באַקאַנטע געשטאַלט אין כאָטין. ער איז געווען אַ שיינער, איידעלער ייד, וואָס האָט ניט ליב געהאַט זיך צו פֿאַרשפּאַרן אין זיינע ד' אמות פֿון חסידות. ער האָט זיך באַמיט צו געפֿינען אַ וועג צו דעם יונגן דור, וואָס האָט איינגעזאַפּט אין זיך דעם נייעם גייסט פֿון יענער צייט.

איציק, ר' יוסף־בערישס זון, איז געבוירן געוואָרן אין כאָטין און געלערנט אין בית־המדרש. ווען ער איז אַלט געוואָרן 18 יאָר האָט ער חתונה געהאַט מיט ר' מאיר שוחטס

טאָכטער און איז אַוועק עסן קעסט ביי זיין שווער אין זוואַניץ. דאָרטן האָט ער געוווינט ביזן יאָר 1907, דאָרטן זענען אויך געבוירן געוואָרן זיינע זיבן קינדער.

די כאָטינער חסידים וואָס פלעגן פאָרן צום רבין קיין באָיאַן, פלעגן איינשטיין ביי ר׳ מאיר שוחט, וואָס איז באַקאַנט געווען ווי אַ גרויסער מכניס־אורחים.

ר׳ איציק האָט זיך דערנענטערט צו זיין שוואָגער ראובן, אַ תלמיד פונעם גאון הרב צירלסאָן, און איז פאַרכאַפּט געוואָרן, ווי אַ סך פון זיין דור, פון דער נייער העברעישער ליטעראַטור. ער האָט צוגעצויגן חברים פון בית־המדרש, כדי אין איינעם צו שמועסן וועגן געלייענטע ביכער. ר׳ איציק האָט זיך צוגעפּאַסט צו דעם אופן טראַכטן פון דער דעמאָלטיקער יוגנט, ער האָט זיך צוגעהערט צו אַלע וויכוחים און געזוכט אַן ענטפער פאַר יעדער זאַך.

אין 1907 איז ער געוואָרן שוחט, חזן און רב אין שטעטל קאָרנעשט, אָבער ער האָט זיך ניט געקענט אַקלימאַטיזירן דאָרטן, ווייל ער האָט ניט געהאַט קיין קולטורעלע סביבה. אין 1919 איז ער געקומען אין כאָטין און איז אויפגענומען געוואָרן ווי אַ שוחט און אַ מוהל. חוץ דעם האָט ער אָנגעפירט מיט לערן־קרייזן ביי זיך אין דער היים און אין שול. ער איז געווען אַ געלאַסענער, גוטער מענטש און תמיד פלעגט ער זיך צוזינגען אַ לידל, גייענדיק אין גאַס.

ער האָט דערצויגן זיינע קינדער מיט פאַרשטענדעניש פאַרן יונגן דור און זיינע נטיות.

אין דער יידישער וועלט איז דעמאָלט אָנגעגאַנגען אַ וויכוח אַרום דעם פסוק פון ישעיהו (ס׳ כ״ב) ״בעתה אחישנה״. די קעגנער פון ציוניזם האָבן געטענהט: ״לא זכו — בעתה״. ווער זענען מיר, אַז מיר זאָלן זוכה זיין? מ׳דאַרף וואַרטן משיח זאָל קומען. די ציוניסטן האָבן געטענהט: ״אחישנה״ — און טאַקע באַלד. ר׳ איציק האָט געהאַלטן מיט די ציוניסטן.

זיין שנור, די פרעזידענטין פון וויצ״ו אין בעסאַראַביע, האָט געוווינט אין קעשענעוו. איר פאָטער האָט איר בפירוש געהייסן עולה זיין קיין ארץ־ישראל. ר׳ איציקס קינדער האָבן זיך איינגעוואָרצלט אין אַ סך יישובים אין לאַנד: אין שער־העמקים, גבעת־חיים, מעברות, חיפה און אַנדערע.

ר׳ איציק אַליין האָט ניט זוכה געווען עולה צו זיין. ווען די סאָוועטן האָבן זיך צוריקגעצויגן פון כאָטין, אין 1941, האָט ער געזאָגט מיט צער צו זיינע בני־בית: איצט איז געקומען אַ סוף צו אונדזער לעבן... איך האָב ניט קיין כוח צוצוקוקן די יסורים.

ר׳ איציק האָט נאָך זוכה געווען צו קומען צו קבר־ישראל, עטלעכע טעג פאַר דער גרויסער שחיטה איבער די כאָטינער יידן, ווען די דייטשן זענען אַריין אין שטאָט.

תשליך אין כאָטין

ווער קען פאַרגעסן דאָס בילד, ווי אַזוי מען איז געגאַנגען תשליך אין כאָטין? ס׳איז דאָך געגאַנגען די גאַנצע שטאָט, קינד און קייט! אַלץ איז אַוועק צום ״קרעפּאָסט״, צו דער באַרימטער פעסטונג פון כאָטין.

געגאַנגען זענען טאַקע אַלע, אָבער דער דרך איז ניט געווען ביי אַלע גלייך, חסידים זענען פאַרבייגעגאַנגען דעם ״קרעפּאָסט״, געגאַנגען צום טייך, געזאָגט די תפילות און אַריינגעוואָרפן די חטאים אין וואַסער אַריין. דערנאָך, מיט אַ גרינגער האַרץ, איז מען אַוועק צום גבאי, געטרונקען לחיים און פאַרפירט אַ שמועס וועגן קהל־זאַכן אָדער דערציילט מעשיות פונעם רבין. די מעשיות האָבן דערוואַרעמט די נשמה און זי דערהויבן ביזן הימל.


די אַפּיקורסים זענען אויך געגאַנגען תשליך — ס׳איז דאָך געגאַנגען די גאַנצע שטאָט — אָבער זיי האָבן ניט אָפּגעהיט די גאַנצע צערעמאָניע. זיי האָבן זיך באַנוגנט מיט שכר־הליכה. די גאָר פרייע יונגע־לייט זענען פשוט אַוועק צום קרעפּאָסט פאַרברענגען — כאָטש געהייסן האָט עס מען גייט תשליך.

שיין איז געווען צו קוקן אויפן רבין ווען ער פלעגט גיין תשליך, אין איינעם מיט זיינע חסידים. מען איז געווען מלא התלהבות, מ׳האָט זיך אָנגעשיכורט מיטן רבינס ווערטער און מ׳האָט פאַרגעסן די צרות און די דאגות. ס׳איז געווען אַ וועלט פאַר זיך.

טייל מאָל כאַפּט אָן אַזאַ בענקעניש נאָך יענעם יידישן יום־טוב פון אַ מאָל, נאָך דעם יידישן לעבן פון אַ מאָל, נאָך אַלע מינהגים, מיט זייער אַמאָליקן גלאַנץ. ס׳טוט פשוט וויי דאָס האַרץ וואָס אונדזערע קינדער וועלן מער ניט זען אַזעלכע ימים־טובים. אַ שאָד!



ביים פארטיילן ווינטער קליידער פאר די קינדער פון חדר. אין דער מיט: יעקב שמעון וואסערמאן



דוד שמואל'ס קלויז

די ציוניסטישע באַוועגונג

השומר־הצעיר

אין יאָר 1917—1918 איז געשאַפן געוואָרן אין כאָטין די סקויטן־אָרגאַניזאַציע, לויטן מאָדעל פון דער רומענישער אָרגאַניזאַציע. עטלעכע חברים פון אָט דער אָרגאַניזאַציע האָבן געגרינדעט אין יאָר 1922 דעם "השומר־הצעיר", בראש מיט אבא ווייסאָדלער, דער זון פונעם באַקאַנטן ציוניסט בערל ווייסאָדלער. סעקרעטאַר איז געווען מוניאַ ראָטשטיין. אין דער אָרגאַניזאַציע זענען געווען 70 ביז 80 חברים. דער כאָטינער סניף האָט געהערט צו דער טשערנאָוויצער צענטראַלע, ווי אַלע סניפים פון בעסאַראַביע און בוקאָווינע.

די ערשטע הכשרה איז געווען אין קעשענעוו. אין זומער האָט מען געאַרבעט אין ווייַנגערטנער און אין ווינטער ביי האַקן האָלץ צום הייצן. שפּעטער זענען אויפגעקומען אַנדערע הכשרה־ערטער פאַר לאַנדווירטשאַפטלעכער אַרבעט, אין יאַס, ביי אַ מלוכה־פאַרם. אַהין זענען געשיקט געוואָרן כאָטינער מיטגלידער פון השומר־הצעיר, דורך דעם "החלוץ".

נאָכן קומען אין לאַנד, זענען זיי געשיקט געוואָרן אין קיבוץ ג׳ קיין עפולה (קיבוץ א׳ — בית־אלפא; קיבוץ ב׳ — משמר־העמק; קיבוץ ג׳ — חיפה. אויך דער קיבוץ מרחביה און דער רוסישער קיבוץ, וואָס איז דערנאָך אַריבערגעגאַנגען קיין אפיקים, זענען דעמאָלט געווען אין חיפה).

מוניאַ ראָטשטיין איז דעמאָלט געווען סעקרעטאַר פון קיבוץ ג׳. ער האָט געשריבן צו יצחק בן־אהרן, פון דער אָנפירונג אין טשערנאָוויץ און אים געוואָרנט בנוגע דער צעשפּליטערונג וואָס גרייט זיך אין דער באַוועגונג.

די באַוועגונג השומר־הצעיר אין כאָטין

איינע פון די אַקטיווסטע ציוניסטישע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס אין כאָטין איז געווען דער השומר־הצעיר. זיין כוח איז ניט באַשטאַנען אין דער צאָל חברים, נאָר אין זייער קוואַליטעט. דאָס איז געווען אַ באַוועגונג מיט דערהויבענע רעוואָלוציאָנער־ציוניסטישע אידעען, וואָס האָט גוט איבערגעקליבן אירע חברים און אויפגענומען אין אירע רייען לרוב שטודירנדיקע, אינטעליגענטע יוגנטלעכע. די אויספלוגן, טענץ, געמיינזאַמע דיסקוסיעס און קן, ווי אויך די גאַנצע אַקטיוויטעט האָט געהאַט אַ גרויסן צוציונג־כוח.

דער השומר־הצעיר איז טאַקע געווען אַ לעגאַלע, אָנערקענטע ציוניסטישע באַוועגונג אין לאַנד, אָבער די רעגירונג האָט געקוקט אויף איר מיט אומצוטרוי און זי חושד געווען אין קאָמוניזם. די באַגעגענישן זענען פאָרגעקומען בסוד, אָדער קאַמופלירט דורך לערן־גרופּעס, ווייל דער רוב חברים זענען געווען תלמידים אין דער מלוכישער גימנאַזיע. אָבער דווקא דער סוד וואָס האָט אַרומגענומען די באַגעגענישן האָט נאָך מער פאַראייניקט די חברים. מ׳האָט זיך געקענט אויף זיי פאַרלאָזן, אַז אויב די פּאָליציי וועט זיי געפינען וועט זיך קיינער ניט איינברעכן, וועט קיינער גאָרנישט אויסזאָגן. די ווערטער פונעם מדריך זענען געווען הייליק פאַר די חברים. כאָטש ס׳האָט געהערשט אַ חברישער גייסט צווישן די ייִנגערע און עלטערע מיטגלידער, האָט מען אָפּגעגעבן באַזונדערן כבוד דעם מדריך, ווי דעם אידעישן פאָרשטייער.

מ׳האָט געדאַרפט זיין שטאַרק געוואָרנט, כדי ניט אויסגעשלאָסן צו ווערן פון דער שול פאַר אומלעגאַלער אַקטיוויטעט. איין מאָל האָבן די חברים פאַרטיילט איינלאַדונגען צו אַ ציוניסטישער פאַרזאַמלונג. די פּאָליציאַנטן, וואָס האָבן ניט געקענט לייענען ניט יידיש און ניט העברעיש, האָבן געמיינט אַז דאָס איז קאָמוניסטישע פּראָפּאַגאַנדע, און ביז דער ענין האָט זיך אויסגעקלאָרט, האָט מען אַלע געפירט צו דער פּאָליציי. דער קאָמענדאַנט איז ניט געווען, אַזוי אַז מען האָט זיי פאַרהאַלטן אַ גאַנצע נאַכט. ד"ר אריה ניצן (צאַנקער), וועלכער איז דעמאָלט געווען צווישן די אַרעסטירטע, דער־

ציילט אַז ער האָט געהאַט ביי זיך אַ כמעט רעוואָלוציאָנערן מאמר, ווי מען פלעגט שרייבן דעמאָלט אין השומר־הצעיר. אַ גאַנצע נאַכט האָט ער געריסן שטיקלעך פּאַפּיר, זיי צעקייט און אַראָפּגעשלונגען, כדי ער זאָל ניט אַריינפאַלן אין די הענט פון דער פּאָליציי.

די עלטערן האָבן זיך באַצויגן אויף פאַרשיידענע אופנים צו דער טעטיקייט פון זייערע קינדער: אַ טייל זענען געווען קעגן, אַ טייל האָבן געשטיצט דעם געדאַנק און אַ טייל האָבן פשוט צוגעמאַכט אַן אויג. די ערשטע האָבן מורא געהאַט פאַר דער מאַכט און האָבן געציטערט מען זאָל די קינדער ניט אַרויסוואַרפן פון דער שול. די מדריכים זענען געווען פאַראינטערעסירט אַז די קינדער זאָלן ענדיקן די גימנאַזיע און זיך שטעלן צו דעם באַקאַלאַורעאַט, אָבער גלייכצייטיק האָבן זיי ניט געהאַט קיין טענות ווען איניקע האָבן איבערגעריסן די לימודים, פון איבערצייגונג אַז זיי דאַרפן זיך צוגרייטן צו לעבן אין קיבוץ, ווו די בילדונג איז ניט געווען דער ווייכטיקסטער גורם. עס זענען אויך געווען פאַלן ווען קינדער האָבן איבערגעריסן דאָס לערנען, כדי זיך צו פאַרנעמען מיט דער באַוועגונג, קעגן דעם ווילן פון די עלטערן.

אין דער באַוועגונג זענען אויך געווען נגידישע קינדער, וואָס האָבן אויפריכטיק געזוכט שלמות אין לעבן. ס׳זענען אויך געווען קינדער פון רעליגיעזע עלטערן, וואָס זענען געקומען אין דער באַוועגונג באַוווסטזיניקערהייט.

דאָס געפיל אָנטיילצונעמען אין אַ יוגנט־באַוועגונג וואָס קעמפט פאַר אַ בעסערער צוקונפט האָט באַרייכערט דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן. דער אינטעלעקטועלער ניווֹאָ פון די יוגנטלעכע האָט דערמעגלעכט ערנסטע שמועסן אויף פאַרשיידענע טעמעס, עפנטלעכע פראָצעסן, וואָס האָבן צוגעצויגן אַ סך עולם, סיי פון אַנדערע יוגנט־באַוועגונגען, סיי פון דער ברייטער באַפעלקערונג.

די חברים פון השומר־הצעיר האָבן זיך ווייניק וואָס געחברט מיט יוגנטלעכע פון אַנדערע באַוועגונגען, אָבער עס זענען אויך געווען בשותפותדיקע שמחות, דער עיקר שמחת־תורה. דעמאָלט פלעגן די כלל־ציונים און די דערוואַקסענע פון אַנדערע באַוועגונגען איינאָרדענען אַ פייערונג, ביי וועלכער ס׳האָבן זיך באַטייליקט אַלע יוגנט־באַוועגונגען, כולל דעם השומר־הצעיר, וואָס האָט אַ סך בייגעטראָגן צו דעם אַלגעמיינעם דערפאָלג.

עס איז ניט געווען קיין שטענדיקער קאָנטאַקט מיט די חברים פון אַנדערע מקומות, מחמת די שלעכטע פאַרקערס־פאַרבינדונגען. פון דעסטוועגן האָט מען אָנגעהאַלטן אַ קאָנטאַקט מיט די חברים פון די נאָענטע שטעט און, פון מאָל צו מאָל אויך מיט די חברים פון טשערנאָוויץ, ווו דער השומר־הצעיר איז געווען אַ שם־דבר. מען האָט זיך פאַרבונדן אויך מיט חברים פון אַנדערע שטעט אין רומעניע. ס׳איז געווען אַ קענטיקער אונטערשייד אין דער דערציִונג אין די פאַרשיידענע ערטער. בפרט וואָס נוגע פאַרבינדונגען צווישן מיידלעך און ייִנגלעך.

די באַציִונגען אין גימנאַזיע צווישן יידישע און ניט־יידישע תלמידים זענען בדרך כלל געווען קאָרעקטע, פון דעסטוועגן האָבן זיי ניט באַהאַלטן צו מאָל זייערע אַנטיסעמיטישע געפילן. פון צייט צו צייט האָט מען פאַרשפּרייט אין שטאָט קלאַנגען אַז אַנטיסעמיטישע גרופּעס גרייטן זיך אָנצוגרייפן יידן. דעמאָלט האָבן אַלע, עלטערע און יונגע, געטראַכט ווי אַזוי זיך צו פאַרטיידיקן אין פאַל ס׳וועט עפּעס פּאַרקומען.

פאַמעלעך האָט אַ טייל פון די חברים עולה געווען און אַן אַנדערער טייל איז אַרויסגעפאָרן קיין אייראָפּע ממשיך זיין דאָס לערנען. די יוגנט וואָס איז צוריקגעבליבן, האָט געפילט אַז זי האָט מער ניט קיין צוקונפט אין שטאָט.

אַ גרויסער טייל כאָטינער חברים פון השומר־הצעיר איז געגאַנגען אין קיבוץ, תיכף נאָך דעם אָנקומען אין לאַנד. פאַרשטייט זיך אָבער אַז ניט אַלע זענען געגאַנגען ביזן סוף; צו מאָל, מחמת דער שטייפקייט פון דער באַוועגונג אין יענער צייט, וואָס האָט שטאַרק באַגרענעצט די מעגלעכקייטן פון די חברים זיך אויסצובילדן לויט זייערע פעיקייטן.

בלי שום ספק האָט זיך אָבער די דערציִונג פון השומר־



הצעיר טיף איינגעקריצט אין זייער האַרץ און זיי זענען געבליבן געטריי דער אידעע פון ציוניזם און סאָציאַליזם.

די יוגנט אין פועלי־ציון

אַדוואָקאַט משה פעלדמאַן, עזריאל יאַנאָווער, הערשל רויכוואַרגער, חיים שווייגער און אַנדערע האָבן געגרינדעט אין כאָטין דעם "פועלי־ציון־ימין", וואָס האָט געהאַט די צענטראַלע אין קעשענעוו. כדי צו פאַרזיכערן די אַנטוויקלונג פון דער באַוועגונג, האָט מען באַשלאָסן צו גרינדן אויך אַ יוגנט־אָרגאַניזאַציע, אין וועלכער מען זאָל צוציען יוגנטלעכע פון די אָרעמע שיכטן פון דער באַפעלקערונג. די יוגנטלעכע האָבן אַקטיווירט אין קרן־הקיימת לישראל, אין "החלוץ" און הכשרה.

מ'האָט באַשלאָסן צו מאָביליזירן די יוגנט אין די רייען פון פועלי־ציון, כדי זיי צו ראַטעווען פון די קאָמוניסטן, וואָס זענען געווען זייער אַקטיוו. מ'האָט געדאַרפט דערציען די יוגנט סיי אין גייסט פון ציוניזם, סיי אין גייסט פון סאָציאַליזם. די מיטגלידער אין דער באַוועגונג זענען זייער געוואָרנט אויסגעקליבן געוואָרן. יעדן אָוונט זענען פאָרגעקומען אין קלוב פאָרלעזונגען, ליטעראַרישע פראָצעסן, אָבער אויך טענץ און געזאַנג. אַ סך חברים זענען דורכגעגאַנגען אַ חלוצישע הכשרה, איידער זיי זענען עולה געווען קיין ישראל.

גרויס אינטערעס האָט מען אָפּגעגעבן דעם פּריוואַטן לעבן פון די יונגע חברים, כדי זיי אַרויסצוהעלפן סיי מאַטעריעל, סיי געזעלשאַפטלעך.

לויט דער איניציאַטיוו פון ד"ר חורש, האָט עזריאל יאַנאָווער צונויפגענומען דרייסיק יוגנטלעכע וואָס האָבן געליטן פון בלאָטערן און איז מיט זיי געפאָרן קיין טשערנאָוויץ, ווו זיי זענען אַלע אויסגעהיילט געוואָרן. דאָס איז נאָר איין ביישפּיל פון אַ סך, בנוגע דער טעטיקייט פון דער באַוועגונג.

אין שטאָט זענען געווען שאַרפע וויכוחים צווישן די מיטגלידער פון פועלי־ציון און די מיטגלידער פון צעירי־ציון, וועלכע מען האָט חושד געווען אַז זיי לייגן ניט גענוג דעם דגש אויף דעם ציוניסטישן צד פון זייער אַקטיוויטעט.



מענטשן וואָס האָבן בייגעטראָגן צו דער ציוניסטישער ביבליאָטעק אין כאָטין: זיצן פון רעכטס: פּ. פּעקער, י. ברג, אַדוואָקאַט ז. רויטמאַן, ע. יאַנאָווער, ד. ראָטשטיין. שטייען פון רעכטס: ש. יאַנאָווער, א. טאַנצער, א. בראָנשטיין, א. זאַלצמאַן, א. וואלקאָוו.

בית"ר און די רעוויזיאָניסטישע פּאַרטיי

די אַנטוויקלונג פון דער נאַציאָנאַלער ציוניסטישער באַוועגונג אין כאָטין און איר טעטיקייט שטעלן מיט זיך פאָר אַ רייכן און וויכטיקן קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון דער שטאָט. אין די רייען פון דער ציוניסטישער רעוויזיאָניסטישער אָרגאַניזאַציע און "בית"ר" זענען צוגעקומען דערוואַקסענע און יוגנטלעכע פון אַלע שיכטן פון דער באַפעלקערונג, וואָס האָבן געזען אין ציוניזם, לויט זייער איבערצייגונג, גלויבן און פאַרשטענדעניש, אַ מקור פון באַגייסטערונג און שטענדיקער צוגרייטונג זיך צוריקצוקערן אין לאַנד פון די אבות.

דער ציוניזם האָט אויפגעהערט צו זיין אַן איבערחזרונג פון דעפיניציעס און פּרינציפּן, בעת מען שטייט אויף דעם זעלבן פּלאַץ, נאָר ער האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ נייעם גורם מיטן ענדלעכן ציל צוריקצוברענגען דאָס יידישע פאָלק קיין ארץ־ישראל. די איזאָלירונג פון דער שטאָט און די מאַטעריעלע ענגשאַפט האָבן דערפירט צו אַ קער אין טראַכטן פון דער באַפעלקערונג.

מחמת דעם דאָזיקן שינוי, זענען פון סוף צוואַנציקער יאָרן, לאָקערער געוואָרן די באַציונגען מיט דער אָפיציעלער ציוניסטישער באַוועגונג אין שטאָט, אויף אָרגאַניזאַטאָרישן און גייסטיקן געביט, ביז ס'איז געקומען צו אַ פולשטענדיקן איבעררייס; גלייכצייטיק האָבן זיך אַנטוויקלט און זענען אויסגעוואַקסן די נוקלעען פון דער רעוויזיאָניסטישער אָרגאַניזאַציע און "בית"ר". דער ציוניסטישער געבאָט האָט גורם געווען אַ בהדרגהדיקע דערווייטערונג, טעאָרעטיש און פּראַקטיש, פון אַלע פאַרבינדונגען מיטן לעבן אין גלות. די מיטגלידער פון "בית"ר" האָבן אָן אויפהער געשטורעמט, אַריינגעבראַכט אַ דינאַמישן תוכן אין די ציוניסטישע שטרעבונגען, אַרויסווייזנדיק אַ מוטיקע שטעלונג אין די וויכוחים מיט אַלע קרייזן, אָנהייבנדיק מיט די אַסימילאַטאָרישע רעכטע און לינקע און פאַרענדיקנדיק מיט פאַרשיידענע פּשרותניקעס, כולל די וואַקלענדיקע ציוניסטן.

ווי אַ פּועל־יוצא פון אָט דער איינדייטיקער אידענטיפיצירונג מיט דעם ציוניסטישן געבאָט האָבן זיך געביטן דאָס וועזן און די מענטאַליטעט פון די מיטגלידער פון דער באַוועגונג. יעדער איינער איז געווען דורכגעדרונגען פון דער איבערצייגונג אַז ער האַלט זיך אין באַפרייען פון די גלותדיקע קאָמפּלעקסן, פון דער צעשפּאַלטונג פון זיין פערזענלעכקייט, קומענדיק צום אויספיר אַז דער אימפּולס צו אַקטיווירן נעמט זיך פון דער דעפיניציע פון "שיבת ציון". דאָס האָט באַטייט אַן אויסגלייכן די פּלייצע, אַ באַפרייונג פון ספקות, כדי פאָרויסצוגיין אַנטשלאָסן צו דעם ציל.

די קאָטינער, מער ווי יידן פון אַנדערע ערטער, זענען געווען שטאָלץ מיט זייערע דערגרייכונגען. און באמת, די אָנפירונג פון דער באַוועגונג און אירע צענטראַלע אינסטיטוציעס האָבן ניט געשפּאָרט קיין שבחים. גלויבן און באַגייסטערונג זענען געווען כאַראַקטעריסטיש פאַר אַלע מיטגלידער פון דער באַוועגונג. באַגלייך מיטן פאָרמולירן די אידעאָלאָגישע טענדענצן און דעם קריסטאַליזירן די פלענער פון דער אַרבעט, זענען אויך באַשטימט געוואָרן די אָרגאַניזאַטאָרישע רעמען פון דער רעוויזיאָניסטישער אָרגאַניזאַציע און "בית"ר" אין קאָטין.

אין דער פּאָליטישער אָרגאַניזאַציע פון די רעוויזיאָניסטן האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער טעטיקייט: אַדוואָקאַט ברק, שלום גאָלדענבערג, הײנעך סאַדאָווניק, יאַנקל ווערדיגער, יעקב טוטלמאַן, לייביש לודמיר, קילימאַכער, אַדוואָקאַט פישלער, שלמה פורמאן (דער רויטער). פון די סימפּאַטיזאַנטן דאַרף מען דערמאָנען: ד"ר זיידמאַן, ד"ר חורש, נ. יקיר.

דער בית"ר אין קאָטין איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1927 מיט דער באַטייליקונג פון געציילטע חברים: פרויקע רויטמאַן, שמעון ווייסבערג, יהודה יוריסט, יצחק רויטמאַן, וואַליע זאַלצמאַן, שמעלקע ווייסבוך, שלמה פורמאַן, יוסף זילבערמאַן א. א.

אַלס ערשטער מפקד איז באַשטימט געוואָרן פרויקע רויטמאַן וועלכער צוזאַמען מיט די איבעריקע חברים האָבן געפירט אַ פעסטע אַקטיוויטעט וואָס האָט געבראַכט צו זייער גוטע רעזולטאַטן.

נאָך אַ יאָר פון טעטיקייט האָט מען פאַרגרעסערט דעם מועדון און אויסגעוויילט אַ נייע מפקדה: אדוו' מאַרק באַראַק אַלס ערן־מפקד, פרויקע רויטמאַן — מפקד און מיטגלידער פון מפקדה די חברים: שמעון ווייסבערג, יצחק רויטמאַן, יהודה יוריסט און יענטע שטריקמאַן.

אַ דאַנק דעם ד"ר זיידמאַן, דער פּרעזידענט פון דער קהילה, האָט די רעוויזיאָניסטישע אָרגאַניזאַציע און דער "בית"ר" באַקומען, נאָך אַ לאַנגער צייט פון נע־ונד, אַ קלאַס אין דער "תלמוד־תורה", פאַר אַ סימבאָלישן אָפּצאָל, איינשליסיק דאָס רעכט צו באַנוצן דעם גרויסן הויף פון דער שול. דאָס איז געווען דער ערשטער פּלאַץ ווו מ'האָט געקענט קאָנצענטרירן און פּלאַנירן די אַקטיוויטעט אויף מער ווי איין אָדער צוויי חדשים. מ'האָט אָנגעהויבן אַ רעגולערע קלוב־טעטיקייט און אין הויף האָט מען אָרגאַניזירט ספּאָרט־פּראָגראַמען און אָפּגעהאַלטן גרויסע פאַרזאַמלונגען. דאָס האָט געשטאַרקט די באַוועגונג פון אָרגאַניזאַטאָרישן און רעפּרעזענטאַטיוון קוקפונקט. דער מפקד פון קן אויפן געביט פון פּראָפּאַגאַנדע, אַדוואָקאַט פישלער, איז געשטיצט געוואָרן אין זיין ענערגישער אַרבעט פון די חברים אין דער אָנפירונג: שמעון ווייסבערג, יהודי יוריסט, אברהם קירזשנער, מענדל עלבירט, דוד שיינמאַן, אברהם גרינאָוועצער, אפרים רויטמאַן, שלמה שיטנאָוויצער, סיאָמאַ באַקאַל, יהודית שוחט, מרדכי גוטערמאַן, דבורה קירזשנער, שרה וואַסערמאַן, טשאַרנע קירזשנער, צבי קירזשנער.

רייך און אַרומנעמענדיק איז אויך געווען די אַקטיוויטעט פון אדוואָקאַט ברק, דער פּרעזידענט פון דער רעוויזיאָניסטישער אָרגאַניזאַציע אין קאָטין. אים איז געראָטן אַריינצופירן צווישן די מיטגלידער פון דער באַוועגונג די פּאָליטישע דיסציפּלין פון נאַציאָנאַלן ציוניזם. אים האָבן געהאָלפן די עלטערע און איבערגעגעבענע מיטגלידער, ווי למשל: שלום גאָלדענבערג, לייביש לודמיר, הײנעך סאַדאָווניק, אַלטמאַן און אַנדערע.


אַ באַזונדערע באַטייטונג האָט געהאַט דאָס צוציען אַ גרופּע גימנאַזיסטן: איזיע קאַמינעצקי, משה לערנער, יעקב דערזשי, שלמה איידלער, בושקאַ גאָלדענבערג, מאטיע גאָרגון, יצחק קויפמאַן, א. פרענק, וואָלאָדיאַ רויזמאַן און אַנדערע.

נאָך דעם ווי ס'האָט זיך אויסקריסטאַליזירט די אָרגאַניזאַטאָרישע רעם און ס'איז געוואַקסן די געזעלשאַפטלעכע השפעה — האָט זיך פאַרברייטערט די אייגנטלעכע טעטיקייט פון דער נאַציאָנאַלער באַוועגונג אין קאָטין, אויף פּאָליטישן און חלוצישן תחום. כדאי צו דערמאָנען אייניקע געשעענישן וואָס הייבן אַרויס דעם אימפּולסיוון כוח און די פּראָפּאָרציעס וואָס ס'האָט אָנגענומען די השפעה פון דער באַוועגונג.

דאָס ערשטע גרויסע געשעעניש איז געווען דאָס עולה זיין פון "בית"ר"־מיטגלידער, אין יאָר 1931: שושנה פסח, יענטאַ שטריקמאַן און יוסף זילבערמאַן. לויט דער בקשה פונעם מפקד האָבן שושנה און יענטאַ צוגעשיקט, יעדע איינע אין אַ באַזונדערן בריוו, צוויי מאַראַנצן־בלעטער, וואָס זענען אָנגעבייט געוואָרן אויף דער נאַציאָנאַלער פאָן, וואָס איז געהייליקט געוואָרן אין קן.

די ביתריסטקעס אסתר בערי, ציליאַ ווײנגאָלד, טשאַרנע און דבורה קירזשנער און יהודית שוחט האָבן אויסגענייט מיט געניטשאַפט די סימבאָלן און געצייכנט די לאָזונגען, אונטער דער הדרכה פונעם מפקד, אַדוואָקאַט פישלער און אַ ספּעציעלער קאָמיסיע, אין וועלכער ס'האָבן אָנטייל גענומען יהודי יוריסט, שמעון ווייסבערג און דוד שיינמאַן. דער אדמו"ר טווערסקי האָט מסכים געווען, לויט דער בקשה פונעם מפקד פון קן, צו הייליקן די פאָן אין הויף פון זיין בית־מדרש. נאָך לאַנגע ראַנגלענישן איז ער דערגאַנגען צו אַ פשרה צווישן די פּרינציפּן פון דער הלכה און דעם ווילן צו העלפן: ער האָט באַשלאָסן אַז די פאָן, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ מין אויסגענייט טישטוך, זאָל זיין אויסגעשפּרייט אויפן שולחן אין שול, בעתן לייענען. די צערעמאָניע פון הייליקן די פאָן איז פאָרגעקומען אין אַ שבת, חודש ניסן תרצ"ג (1933), ערב דעם 18טן ציוניסטישן קאָנגרעס. די מיטגלידער פון "בית"ר" זענען געקומען צו דער הייליקונג. אַלע האָבן געשווירן ביי דער פאָן און ביי דעם וואָס זי סימבאָליזירט, אַז זיי וועלן זיין איבערגעגעבן.

אין יענעם יאָר איז פאָרגעקומען אין שטאָט די קאַמפּאַניע פאַר די וואַלן צו דעם ציוניסטישן קאָנגרעס. נאָכן איבערציילן די וואַל־צעטלעך, אין אויגוסט 1933, האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז די נאַציאָנאַלע באַוועגונג האָט זוכה געווען אַ גרויסע מערהייט, אַן ערך 50% מער ווי אַלע אַנדערע אָרגאַניזאַציעס אין איינעם. דאָס האָט אַרויסגערופן אַ סך באַגייסטערונג ביי אַלע מיטגלידער פון דער באַוועגונג.



אַ גרופּע פון בית״ר
אין דער מיט צבי עמינצח (קיז׳נער)

ווען שלמה בן־יוסף הי״ד איז געהאַנגען געוואָרן דורך דער מאַנדאַטאָרישער מאַכט אין ארץ־ישראל איז פאָרגעקומען אין דער שול פון דער תלמוד־תורה אַן הזכרה, וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט מיט יראת־הכבוד און קדושה. פאַרן ארון־קודש איז אויפגעשטעלט געוואָרן דאָס בילד פונעם העלד, אין אַ שוואַרץ רעמל און פון ביידע זייטן האָבן געברענט ליכט. אַן ערנוואַך פון ביתריסטן האָט זיך געביטן יעדע האַלבע שעה. מען האָט פאַרבעטן צו דער הזכרה פאָרשטייער פון דער שטאָטישער פאַרוואַלטונג און דעם קאָמאַנדאַנט פונעם מיליטערישן רעגימענט אין שטאָט. זיי זענען געקומען אין גאַלאַ־קליידער און האָבן אויסגעהערט מיט יראת־הכבוד די תפילות. דאָס האָט פון ס׳ניי דערוויזן אַז די געשעענישן אין ארץ־ישראל האָבן אַ שטאַרקן אָפּקלאַנג אין גלות.

די אַקטיוויטעט פון דער רעוויזיאָניסטישער אָרגאַניזאַציע און בית״ר אין כאָטין האָט זיך פאַנאַנדערגעוויקלט אין די יאָרן 1938—1939 אונטערן סימן פון פּאָליטישן ציוניזם, לויט דער לאָזונג: פאַרשטאַרקן דעם קאַמף פאַרן באַפרייען דאָס היימלאַנד! די וויכטיקסטע מדריכים זענען געווען: אַדוואָקאַט ברק, וואָס איז צוריקגעקומען פון אַ וועלט־קאָנגרעס פון דער רעוויזיאָניסטישער אָרגאַניזאַציע — וואָס איז פאָרגעקומען אין ווין און אדוואָקאַט פישלער, וואָס איז צוריקגעקומען פון אַ וועלט־צוזאַמענפאָר פון בית״ר, וואָס איז פאָרגעקומען אין קראָקע. די אַקטיוויטעט האָט זיך קאָנצענטרירט אויף צוויי געביטן: א) עליה ״אף על פי״; ב) אצ״ל — ארגון צבאי לאומי.

די אַקטיוויטעט און דאָס אָרגאַניזאַטאָרישע אחריות זענען געווען אַ שווערע מאַטעריעלע לאַסט פאַרן כאָטינער קן. מ׳האָט אָבער פיבערדיק געאַרבעט, אונטערן דרוק פון דרויסן און פון אינעווייניק. אַדוואָקאַט פישלער האָט זיך אין גאַנצן איבערגעגעבן דער אַרבעט, די באַגעגענישן מיט רעפּרעזענטאַנטן פון בוקאַרעשטער בית״ר און שליחים פון לאַנד בנוגע עליה־פּראָבלעמען. ער האָט אין גאַנצן אָפּגעלאָזט זיינע פּריוואַטע ענינים.

אין כאָטינער קן האָט מען זיך אָנגעהויבן פאַרשרייבן פאַר עליה און פאַר קאַמף־גרופּעס. כדי צו זאַמלען געלט, האָט מען אָרגאַניזירט בעלער וואָס האָבן, אגב, געבראַכט אַ קליינע הכנסה, ניט קוקנדיק אויף די באַמיונגען פון אַדוואָקאַט ברק.

אין ווינטער 1939 איז עולה געווען די ערשטע גרופּע: אברהם קירזשנער, צבי קירזשנער און סאָניאַ לערנער. דער אַדוואָקאַט פישלער האָט מיטגעגעבן אַברהם קירזשנערן צוויי רעוואָלווערן, ער זאָל זיי איבערפירן קיין ארץ־ישראל.

אויך יוגנטלעכע פון אַנדערע אָרגאַניזאַציעס האָבן זיך געוואָלט אָנשליסן צו די גרופּעס פון עולים ״אף על פי״. אין די ווייטערדיקע גרופּעס האָבן עולה געווען מרדכי גוטער־מאַן, נחום רויטמאַן, חנה טעלעפּוס, שלמה איידלער, שלמה קירזשנער, שרה וואַסערמאַן, צילאַ ווײַנגאָלד. אַדוואָקאַט פישלער האָט באַגלייט צו דעם האַפן אין קאָנסטאַנצאַ די לעצטע גרופּע וואָס איז עולה געווען אָנהייב פרילינג 1940. אויפן וועג צוריק האָט מען אים געהייסן אָרגאַניזירן גרעסערע גרופּעס. ער האָט איבערגעגעבן דעם באַפעל דער אָנפירונג פון קן וועלכע האָט אָנגעהויבן צו אָרגאַניזירן די ״עוואַקואַציע״ פון אַלע מיטגלידער, אונטער דער הדרכה פון שמעון ווייס־בערג, דוד שיינמאַן, סיאָמאַ באַקאַל. שמעון ווייסבערג איז באַשטימט געוואָרן ווי דער ממלא־מקום פונעם מפקד פון קן.

דער פּלאַן איז אָבער צונישט געוואָרן. אין יוני 1940, צוויי שעה איידער די סאָוועטן זענען אַריין אין כאָטין, האָט דער אַדוואָקאַט פישלער באַשלאָסן צונויפצונעמען עטלעכע חברים און צו אַנטלויפן... די גרענעץ־וואַך און די פּאָליציי האָט אָבער פאַרבאָטן די באַוועגונג אין שטאָט, און בפרט דעם צוטריט צו דעם אונטערשטן טייל, ווו ס׳האָבן געוווינט דער רוב איינוווינער. נאָך דעם ווי ס׳איז אים געלונגען זיך צו באַגעגענען מיט דוד שיינמאַנען און אים איבערצוגעבן די פאַרבינדונגס־אַדרעסן, איז פישלער אַליין אַוועק פון שטאָט און מיטגענומען מיט זיך די פאָן פון קן, כדי זי איבערצופירן קיין ארץ־ישראל.

מ׳יר ווילן דערמאָנען די נעמען פון פאַרשטאָרבענע בית״ר־מיטגלידער וואָס האָבן אַקטיווירט אין כאָטינער קן איידער די סאָוועטן זענען אַריינגעקומען: אברהם (בושקא) גאָלדענ־בערג, אברהם פרענק, מרדכי (מאָטיע) גאָרגון. זיי האָבן געהערט צו דעם נוקליי פון אצ״ל אין כאָטינער בית״ר. פון כאָטינער קן זענען אויך געקומען אין לח״י די ביתריסטן אברהם קירזשנער (שוהם) און צבי קירזשנער (עמי־נצח). יעקב דערזשי (ירדני) איז אויך געווען אַ מיטגליד אין אצ״ל.

צווישן די מיטגלידער אין כאָטינער קן איז אויך געווען שלמה שיטנאָוויצער, אַ לאַנגע צייט דער מפקד פון ״יונגן בית״ר״ אין כאָטין און שפּעטער — דער לעצטער נציב פון בית״ר אין רומעניע. נאָך זיין עולה זיין — פאָרזיצער פון דער אָרגאַניזאַציע פון כאָטינער אָפּשטאַמיקע אין ישראל. ער איז געווען אַן אסיר־ציון און האָט מיט מוט פאַרטיידיקט דעם כבוד פון פאָלק און פון היימלאַנד, ווי איינער פון די אָנ־געקלאָגטע אין פּראָצעס קעגן דער ציוניסטישער באַוועגונג פון רומעניע, וואָס מען האָט באַשולדיקט אַז זי האָט כלומרשט אַטענטירט קעגן דער רעגירונג און קעגן דעם רעזשים.

◆

1929. ווען עס איז אָנגעקומען די ידיעה וועגן די געשעענישן אין ישראל האָט שוין עקזיסטירט דער בית״ר און דער מפקד איז געווען פרויקע רויטמאַן מיט זיין מפקדה און די חברים שמעון ווייסברג, יהודה יוריסט און יצחק רויטמאַן וועלכע האָבן מיט זייער פעסטער ענערגישער איבערצייגונג געפאָדערט צו מאַכן אַ מאַסן־פאַרזאַמלונג און אַלע ציוניסטישע פאַרטייען זענען בייגעווען און אויסגעדריקט די פאַרביטרעונג קעגן דער מאַנדאַטאָרישער מאַכט אין יענער צייט.

דער בית״ר האָט געפירט אַ שאַרפע אויפקלער־פּראָפּאַגאַנדע צו איבערצייגן די אומשולד פון סטאַווסקין. ווען דער אמת האָט געזיגט און עס איז געקומען דער אורטייל, אַז די חברים זענען ניט שולדיג — האָט דער בית״ר גערופן אַ מאַסן־פאַרזאַמלונג און האָט באַוויזן דער עפנטלעכער מיינונג אַז די גאַנצע פרשה איז געווען אַ פאַלשע.



פעילי קרן היסוד

שוכבים קדימה מימין : זלצמן אליעזר, י. אבנר ברג.

יושבים למטה מימין : סטרקובסקי מ., סטרקובסקי צבי, מילמן מנדל, ... אזרחי (זק) מוני, סטוליאר איתמר, דובשטר .... שלמה.

יושבים באמצע מימין : אפלבוים יוסף, ויינשטוק מנדל, מילר מוטי, ד״ר שורצמן, ברלנד, הרב מדובריבן, מילר סמואל, וייסודלר דב, טליפוס מרדכי, סופנבוים מנדל.

עומדים מימין : ברנשטין צבי, שניידרזון יואל, ריינס נתן, וייסמן משה, י. אהרון לם, מלחי (זלצמן) דבורה, גב׳ ויינשטין, רויזמן משה, קורמנסקי ש., רכטר נ. ב. ....

צעירי־ציון

דער פאַרבאַנד צעירי־ציון איז געגרינדעט געוואָרן אין כאָטין אין יאָר 1915, אין אַ געדונגענעם זאַל ביי צייטל גיציס, די מוטער פון ישראל גיציס. די גרינדער זענען געווען: אברהם בראָנשטיין — פאָרזיצער, משה שטערן — סעקרעטאַר. אין פאַרבאַנד זענען געווען 60 מיטגלידער. צוויי מאָל אין דער וואָך זענען פאָרגעקומען פאָרלעזונגען וועגן העברעישער און ציוניסטישער ליטעראַטור. איינער פון די אַקטיווסטע רעדנערס איז געווען משה שטערן, אַן ענערגישער יונגער־מאַן, וואָס האָט אַקטיווירט אויף אַ סך שטחים. ער איז אומגעקומען אין די היטלער־יאָרן, אין רומעניע.

צווישן די אַקטיוויסטן פון צעירי־ציון זענען אויך געווען דוד גאָרנשטיין, און אלעזר זאַלצמאַן.

"התחיה" און "גורדוניה"

די אָרגאַניזאַציע "התחיה" האָט געפירט אַ פאַרצווייגטע און פרוכטיקע טעטיקייט אויף אַלע שטחים פון ציוניסטישן לעבן. די אַקטיוויסטן זענען געווען: אברהם וואָלקאָוו, אבנר בר"ג, אסתר גאָפמאַן, פערעלע (פנינה) פעקער, אַדוואָקאַט רויטמאַן, צבי ראָזענבערג און זלמן שניידער.

די אָרגאַניזאַציע "התחיה" איז געגרינדעט געוואָרן אין 1920—1921 ביי יצחק־מאיר טיסנבוים אין שטוב. די גרינדער זענען געווען: זלמן מלמוד, אבנר בר"ג, אלעזר זאַלצמאַן און משה רויטמאַן. ביים אָנהייב זענען נאָר געווען 20—25 חברים. דאָס איז געווען אַ נוקליי פון הויכער קוואַליטעט, וואָס האָט צוגעצויגן חברים פון אַנדערע אָרגאַניזאַציעס.

▼

די אָרגאַניזאַציע "גורדוניה" איז געשאַפן געוואָרן אין כאָטין פון אַ טייל חברים וואָס זענען געווען אַקטיוו אין "התחיה". זיי האָבן אַקטיווירט אויף אַלע שטחים פון ציוניסטישן לעבן און בפרט אויף קולטורעלן שטח. ס'איז געווען אַ חילוק צווישן ניוואָ פון דער יוגנט וואָס איז געקומען פון אַרבעטער־קלאַס און דעם ניוואָ פון דער יוגנט פון השומר־הצעיר, וואָס איז געקומען פון אינטעלעקטועלע שיכטן.

אין "גורדוניה" האָט מען זיך באַמיט צוצוגעוווינען די חברים צום לייענען. אַ באַזונדערן אַקצענט האָט מען געלייגט אויף חלוצישע ווערטן און אויף דעם לעבן אין קבוצה. אַ סך פון די חברים זענען עולה געווען.

זלמן שניידער איז געשטאַנען בראש פון "גורדוניה" אין כאָטין, פון יאָר 1931. זיינע חברים אין דער אָנפירונג זענען געווען: צבי בירנבוים, צבי ראָזנבערג, חיים זאָנענשיין און סאָניאַ האָראָוויץ.

אַדוואָקאַט רויטמאַן און אברהם וואָלקאָוו האָבן זיך אויסגעצייכנט אין זייער אַרבעט. די וויכטיקסטע טעמעס פון די דיסקוסיעס זענען געווען: חלוציזם, ציוניזם און סאָציאַליזם. אַ וויכטיק אָרט אין דער אַרבעט האָט פאַרנומען דער קרן הקיימת לישראל און די קולטורעלע דערציונג.



גורדוניה

"דרור" און אַריה פיכמאַן

זאָרגנדיק פאַרן דור־ההמשך, האָט די באַוועגונג פועלי־ציון געשאַפן אין יאָר 1934—1935 אַ יוגנט־אָרגאַניזאַציע מיטן נאָמען "דרור", וואָס האָט געציילט אין כאָטין כמעט 200 חברים. בראש זענען געשטאַנען: מוניאַ ראַפּאַפּאָרט, יודל וואַסערמאַן און אברהם וואַסערמאַן (די דייטשן האָבן ביידע אומגעבראַכט).

אַ סך חברים פון דער אָרגאַניזאַציע האָבן געמאַכט הכשרה אין גוראַ־הומאָרולוי (בוקאָווינא), און זענען עולה געווען קיין ארץ־ישראל.

אריה פיכמאַן האָט געשפילט אַ צענטראַלע ראָלע אין דער באַוועגונג. זיין זיידע, מצד דער מוטער, איז געווען אַ באַיאַנער חסיד און דער פאָטער, צבי פיכמאַן, איז געווען אַן אַקטיווער ציוניסט אין שכנותדיקן ליפּקאַן.

אין דער יוגנט איז אריה פיכמאַן, ווי דער רוב קינדער פון פאַרמעגלעכע עלטערן, געווען אין "הנוער־הציוני", אָבער אין גיכן האָט ער זיך איבערצייגט אַז זיין אָרט איז צווישן אַרבעטנדיקע און ער איז געוואָרן אַ מיטגליד אין "דרור". ער איז געווען אַ פאַנאַטיקער לגבי די ווערטן פון דער באַוועגונג און האָט זיך אַנטקעגנגעשטעלט יעדער פשרה. ער האָט געפאָדערט פון זיך און פון אַנדערע די פאַרווירקלעכונג פון די אידעען.

ווען דער רעזשים אין רומעניע האָט זיך געביטן און דער בעסאַראַבער צווייג פון דער באַוועגונג האָט געמוזט אַראָפּנידערן אין אונטערגרונט, איז אריה פיכמאַן (זיין נאָמען אין אונטערגרונט איז געווען "לייבו") געווען דער גייסט פון דער באַוועגונג און זיינע באַזוכן אין די סניפים האָבן אַרויסגערופן באַגייסטערונג. אויף איינער פון די גורלדיקע זיצונגען פון דער צענטראַלע פון "דרור" האָט ער שאַרף פאַראורטיילט די ליקווידאציע־פאָרשלאָגן וואָס זענען געמאַכט געוואָרן דורך איינעם פון זיינע בעסטע חברים. אַ דאַנק זיין אַנטשלאָסנקייט און זיין איבערצייגונגס־כוח איז דעמאָלט די באַוועגונג געראַטעוועט געוואָרן פון ליקווידאַציע.

ווען מ'האָט אין רומעניע פאַרמאַכט עטלעכע הכשרה־

ערטער פון "החלוץ" זענען די חברים פון "דרור" געשיקט געוואָרן צו די פאַרמען פון "הבונים" אין טראַנסילוואַניע. די איינציקע וואָס האָבן געהערט צום קיבוץ־המאוחד. ס'איז געווען אַ גרויסער חילוק וואָס נוגע די שפּראַך און דאָס באַוווסטזיין, צווישן די חברים פון ביידע באַוועגונגען. די חלוצים פון "הבונים" האָבן גערעדט צווישן זיך נאָר אונגאַריש און די חברים פון "דרור" האָבן גערעדט רומעניש און יידיש. די טראַנסילוואַניער האָבן זיך געהאַלטן ווי צענטראַל־אייראָפּייער און די חברים פון "דרור" האָבן זיך געהאַלטן ווי באַלקאַנער. אריה פּיכמאַן האָט באַזייטיקט די מחיצות צווישן די צוויי גרופּעס און דערנענטערט די הערצער.

כדי עולה צו זיין, האָט זיך אריה פּיכמאַן פאַרשריבן פּיקטיוו אין העברעישן אוניווערסיטעט פון ירושלים און האָט באַקומען אַ סערטיפיקאַט פון דער מאַנדאַטאָרישער רעגירונג. ער איז עולה געווען אין 1939 און צוגעשטאַנען צו דער קבוצה פון מגדיאל. דערנאָך איז ער אַריבערגעגאַנגען צו דער קאָלאָניזירונג פון די וועלדער אויפן כרמל און געווען צווישן די גרינדער פון בית־אורן. ער האָט געאַרבעט ביים אויסבויען דעם שאָסיי אין עתלית און שפּעטער ביי נייבוי.

דער קיבוץ האָט אים געשיקט קיין ירושלים ווי אַ מדריך און ווען ס'איז אויסגעבראָכן די צווייטע וועלט־מלחמה האָט זיך אריה פּיכמאַן פרייוויליק איינגעגלידערט אין דער ענגלישער אַרמיי, אין די יידישע איינהייטן. ווען ס'איז אויפגעקומען דער געדאַנק זיך אַראָפּצולאָזן מיט פּאַראַשוטן אויפן שונאס שטח, האָט זיך אריה פרייוויליק געמאָלדן און האָט דורכגעמאַכט אַ קורס פאַר פּאַראַשוטיסטן. אין אָקטאָבער 1944 איז ער אַרויסגעפלויגן קיין רומעניע אין איינעם מיט ליאָווא גאָקאָווסקי, כדי צו דערמוטיקן די יידן וואָס האָבן זיך געפונען אונטער נאַצישער הערשאַפט. די פּילאָטן האָבן אָבער געהאַט אַ טעות און ביידע בחורים אַראָפּגעלאָזט אין מיטן שטאָט, וווּ זיי זענען אַרעסטירט געוואָרן פון דער רומענישער פּאָליציי.

די רומענישע אויספאָרשערס האָבן ניט געקענט פון אריהן אַרויסבאַקומען קיין וואָרט און האָבן אים איבערגעשיקט קיין דייטשלאַנד, אין אַ לאַגער פון דער היטלערישער לופטוואַפע, לעבן פראַנקפורט. דאָרט האָבן אים אויסגעפאָרשט דייטשישע אָפיצירן פון דער אַוויאַציע און פון געסטאַפּאָ, אין משך פון דריי וואָכן, אים געפּייניקט און אויסגעהונגערט. מ'האָט אָבער פון אים ניט אַרויסגעצויגן קיין וואָרט. נאָך דער אינטערווענציע פון אינטערנאַציאָנאַלן רויטן קרייץ, האָט מען אים צוריקגעשיקט קיין רומעניע, אין אַ לאַגער פון געפאַנגענע. דאָרט איז אים געראָטן זיך צו פאַרבינדן מיט ליאָוואַן, וואָס איז געלעגן אין אַ מיליטערישן שפּיטאָל, אין דער זעלבער שטאָט. מען האָט אריהן געכאַפּט בעת ער האָט געפּרוּווט אויסגראָבן אַ טונעל כדי צו אַנטלויפן און אים אַוועקגעשיקט אין אַ שטראָף־לאַגער. ווען ער איז פון דאָרט צוריקגעקומען, האָט ער שוין ליאָוואַן געטראָפן אין לאַגער. ביידע האָבן אָנגעהויבן צוצוגרייטן אַ נייעם פּלאַן צו אַנטלויפן פון געפאַנגענשאַפט און האָבן זיך פאַרבונדן מיט דער חלוצישער באַוועגונג אין לאַנד. ווען רומעניע האָט זיך אונטערגעגעבן, איז אריה אַריבערגעפירט געוואָרן קיין בוקאַרעשט. אויפן באַפעל פון זיין מיליטערישער איינהייט איז ער פון דאָרט אַרויסגעפאָרן און אָנגעקומען אין לאַנד דעם 18טן אויגוסט 1944.

אריה האָט זיך צוריקגעקערט צו זיין אַרבעט אין קיבוץ און איז אַ שטיק צייט געווען מרכז (צענטראַליזאַטאָר). מ'האָט אים געשיקט צו אַ סעמינאַר קיין עין־חרוד, כדי זיך אויסצובילדן אין קיבוץ ענינים און נאָך אַ צייט איז ער אַליין געוואָרן דער פאַראַנטוואָרטלעכער פון דעם סעמינאַר.

ביי אַ פאַרזאַמלונג וואָס איז פאָרגעקומען דעם 29סטן יולי 1954 אין מעגן, לזכר דעם פּאַראַשוטיסט פרץ גאָלדשטיין ז"ל, איז אַראָפּגעפאַלן אַן עראָפּלאַן אויפן פאַרזאַמלטן עולם און דערהרגעט 17 מענטשן. צווישן זיי איז אויך געווען אריה פּיכמאַן.

געהייליקט זאָל זיין אויף אייביק זיין אָנדענק.

וויצ"ו און קרן הקימת לישראל

די וויצ"ו האָט אַקטיווירט אין כאָטין אויף מערערע שטחים: אין די שולן "תרבות", אין שפּיטאָל, ביי סאָציאַלער הילף און בפרט אין קרן הקימת לישראל.

בראש פון דער אָרגאַניזאַציע איז געווען טובע אַפּלבוים. מען דאַרף נאָך דערמאָנען: מאַניאַ פּעפּערמאַן, חוה ווייסמאַן, צירל רויזמאַן און קלאַראַ וואַרטיקאָווסקי. אַלע האָבן געאַרבעט מיט איבערגעגעבנקייט, יעדע איינע לויט אירע פעיקייטן.

ס'האָט זיך אויסגעצייכנט אין איר אַרבעט גאָלדע שוט. זי האָט מצליח געווען אין אַלץ וואָס זי האָט זיך אונטערגענומען. ווען בעסאַראַביע איז באַזעצט געוואָרן פון דער סאָוועטישער מאַכט, איז זי, אין איינעם מיט איר גאַנצער משפּחה, פאַרשיקט געוואָרן קיין סיביר צוליב איר ציוניסטישער אַקטיוויטעט. מ'האָט זי געפאָרשט און געפּייניקט און אויף אַלץ האָט זי געענטפערט: "איך בין געווען און בין געבליבן אַ ציוניסטין. דערפאַר האָט מען מיך פאַרשיקט קיין סיביר. ווייטער וועט איר מיך שוין ניט באַווייזן צו שיקן".

ווען זי און איר מאַן האָבן ניט מער געקענט אויסהאַלטן די יסורים, האָבן זיי ביידע געפּרוּווט זיך פאַרסאַמען, אָבער מען האָט זיי געראַטעוועט. זיי זענען ביידע געשטאָרבן נאָך אַ קורצער צייט, פון די גרויסע יסורים.

אין דער אָנפירונג פון וויצ"ו זענען געווען פאָלגנדיקע מיטגלידער: רבקה אַקסעלראָד, חוה זיידלער, פאַניאַ טיסנבוים, איטאַ לערנער, דבורה סטאַרקאָווסקי, באַיאַ גלאָזגאָלד און שרה סטאָליאַר.

יוסף אַפּלבוים

יוסף אַפּלבוים (דער זון פון אפרים און ביילה אַפּלבוים) איז געבוירן געוואָרן אין כאָטין דעם 15טן דעצעמבער 1889. צו ערשט האָט ער געלערנט אין חדר און דערנאָך אין גימנאַזיע. מחמת דעם "נומערוס קלאַוזוס" האָט ער ניט געקענט אַריינקומען אין אוניווערסיטעט. ער האָט געקענט אויסגעצייכנט העברעיש.

צו די 18 יאָר האָט ער אָנגעהויבן, אין איינעם מיט אַנדערע יוגנטלעכע, צו אַקטיווירן אויפן געביט פון ציוניזם. אונטערן צאַר האָט ער אַקטיווירט באַהאַלטענערהייט, דער עיקר לערנענדיק העברעיש מיט אַנדערע.

נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען די רומענער זענען געקומען צו דער מאַכט, איז אָנערקענט געוואָרן די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע. איר כאָטינער אָנפירער איז געווען יוסף אַפּלבוים. ער האָט אויסגעברייטערט די ציוניסטישע טעטיקייט מחוץ כאָטין, אין בריטשען, נאָוואָסעליץ, סעקורען, יעדענעץ, ליפּקאַן. יוסף אַפּלבוים האָט זיך באַמיט צונויפצוזאַמלען געלט אין דער גאַנצער געגנט פאַר דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און אירע אינסטיטוציעס. ער האָט אויך אַריינגעלייגט אַ סך אַרבעט אין תחום פון דערציונג אין יידישן גייסט און אין יאָר 1933 האָט די שול "תרבות" זוכה געווען צו האָבן אַ נייעם בנין.

יוסף אַפּלבוים האָט זיך באַמיט אַריינצוברענגען ציוניסטישע רעפּרעזענטאַנטן אין די מוניציפּאַלע אינסטיטוציעס פון כאָטין און איז געשטאַנען אין פאַרבינדונג מיט יידישע ניט־ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס. ווען די ציונים פון רומעניע האָבן באַשלאָסן, אין יאָר 1929—1930, צו שאַפן אַ יידישן פּאָליטישן בלאָק, וואָס זאָל רעפּרעזענטירן די יידישע מינדערהייט אין רומענישן פּאַרלאַמענט איז, אַ דאַנק די באַמיונגען פון יוסף אַפּלבוים, אויסגעוויילט געוואָרן אַ יידישער רעפּרעזענטאַנט פון דער כאָטינער געגנט.

אויף דער ערשטער אַסיפה, נאָך דער רעוואָלוציע פון 1917, ווען אַלע יידישע ענינים זענען איבערגענומען געוואָרן פון חנא רייס, איז יוסף אַפּלבוים געווען צווישן די וואָס האָבן געפאָדערט אומאָפּהענגיקייט פאַר דער יידישער קהילה, כדי אַרויסצורייסן די יידישע ענינים פון מענטשן וואָס האָבן זיי געהאַלטן פאַר זייער מאָנאָפּאָל.

נאָך דעם ווי ער איז צוריקגעקומען פון דער קעשענעווער אַסיפה, ביי וועלכער ס'האָבן אָנטייל גענומען רעפּרעזענטאַנטן פון דער גאַנצער געגנט, האָט ער אויפגעשטעלט די קהילה אויף נייע יסודות, זאָרגנדיק זיך פאַר דעם רעליגיעזן, קולטורעלן און געזעלשאַפטלעכן לעבן פון דער יידישער באַפעלקערונג.

כאָטש ער איז ניט געווען קיין יוריסט, האָט ער צונויפגעשטעלט דעם סטאַטוט פון דער קהילה, מיט דער הילף פון אייזיק באַראַג און לייבוש לודמיר. ער האָט זיך באַמיט אויסצולערנען די יידישע באַפעלקערונג צו באַצאָלן שטייערן פאַר דער קהילה.

תמיד ווען ער פלעגט זיך אומקערן פון קעשענעוו, פלעגט ער דערציילן די כאָטינער יידן וועגן די געשעענישן אויף דער יידישער און ציוניסטישער וועלט.

▼

אין די יאָרן 1919—1922 זענען געקומען אין כאָטין אַ סך פּליטים פון ראַטן־פאַרבאַנד, צווישן וועלכע אַקטיווע ציוניסטן. די כאָטינער ציוניסטן, בראש מיט יוסף אַפּלבוים, האָבן געשאַפן אַ קאָמיטעט און האָבן זיך באַמיט איינצואָרדענען די



ויצו און קרן קימת קרייז — פון רעכטץ אויף לינקס שטייען: אקסעלרוד רבקה, הלמאן גיטל, לערנער איטה, ברק רבקה, ווייסמאן חוה ז"ל. זיצן: גליוזגאלד באיה ז"ל, ראטשטיין בת־שבע ז"ל, אפעלבוים טובה, ווארטקובסקי קלארה ז"ל, שאבעלמאן פוליה ז"ל. זיצן אונטן: גיטליס סטראקובסקי דבורה, ניצאן מניה, שרגאי (שטייף) פנינה.

פליטים אויפן אָרט, אָדער העלפן זיי עולה זיין קיין ארץ־ישראל.

דעם 20סטן יוני 1940 איז יוסף אפּלבוים אַרעסטירט געוואָרן, אין איינעם מיט אַנדערע ציוניסטישע מנהיגים פון כאָטין. די סאָוועטישע מאַכט האָט אים אַ גאַנץ יאָר געפּאָרשט וועגן זיין ציוניסטישער אַקטיוויטעט און צום סוף אים פאַר־מישפּט אויף פינף יאָר שווערע אַרבעט אין סיביר. ער האָט זיך פון דאָרטן ניט מער אומגעקערט.

די חברים וואָס זענען געווען מיט אים אין איינעם אין סיביר האָבן דערציילט אַז ער האָט זיך ניט מתייאש געווען און האָט ניט פאַרלוירן די האָפענונג אַז יידן וועלן זיך אומ־קערן אין זייער לאַנד.

פאַמיליע ראָטשטיין

די עלטערן אונדזערע האָבן אונדז ניט איבערגעלאָזט קיין אוצרות פון גאָלד און זילבער, ניט קיין פעלדער און ניט קיין וויינגערטנער. דער רוב איז געווען צופרידן אַז מען האָט זיי געלאָזט אַרבעטן, זיך מפרנס זיין און דערציען די קינדער צו חופּה און מעשים־טובים, אין יענע אָרעמע ד׳ אמות, וואָס די גויים האָבן זיי איבערגעלאָזט.

אין דער אומעטיקער וואָכעדיקייט פון נויט און דחקות איז אָבער אַרויסגעוואַקסן דאָס ליכט פון שבת און זיין נשמה־יתירה.

דעם אמת געזאָגט: ניט אַלץ איז געווען מרה־שחורהדיק אין גלות. מיר האָבן זיך געפרייט מיט די זיסע קינדער־יאָרן, מיט די זומערדיקע בשמימדיקע ריחות, מיט די פאָעט׳שע האַרבסטן און מיט דער ציכטיקער ווייסקייט פון ווינטער.

אין די קאַלטע, פּראָסטיקע ווינטערס האָט מען געזען שימערירן דאָס ליכט אין די באַשיידענע יידישע הייזער, אָן לוקסוס, אָן פּראַכט, אָבער פול מיט חן וואָס איז ביזן היינטיקן טאָג פאַרבליבן אין אונדזער זכרון.

איינס פון אָט די הייזער, אויף דער מיידאַן־גאַס, האָט געהערט צו דער משפּחה ראָטשטיין. דאָס ליכט און דער חן פון דער דאָזיקער שטוב איז געווען גרעסער און שטאַרקער צוליב דעם טאַטן — בנציון, און דער מאַמען — בת־שבע. פון זייער פּנים האָט געשיינט די איידלקייט פון בני־מלכים, כאָטש זיי זענען פאַרטריבן געוואָרן פון זייער פאָטערס טיש...

אַלע האָבן ליב געהאַט דאָס פּאָרל ראָטשטיין, פאַר זייער גרייטקייט צו העלפן מענטשן און פאַר זייער צוגעלאָזנקייט. פשטות און פאָלקסטימלעכקייט האָט געשטראַלט פון זייער פּנים מיט אַ וווּנדערלעך ליכט. זייער באַשיידענע שטוב איז תמיד געשטאַנען אָפן פאַר וועמען ס׳האָט זיך געניייטיקט. דאָרט פלעגן זיך צונויפקומען יונגע־לייט און עס פלעגן געפונען אַ מקלט מענטשן וואָס זענען געווען אין אַ צרה.

ווען די זין און טעכטער זענען עולה געווען קיין ארץ־ישראל און דאָס הויז איז געבליבן איינגעהילט אין דער בענקשאַפט, האָט זיך אויפגעהיט די איידלקייט זיינע, ביז,



די ערשטע ציוניסטישע קאנפערענץ פון דער אומגעבונג בריטשאני תרפ״א

סוף־כל־סוף, אין 1936, זענען די עלטערן אויך עולה געווען און געקומען מיט זייער באַזונדערן שיין באַלויכטן דעם קיבוץ אין וועלכן ס׳האָבן זיך געפונען זייערע קינדער.

די פאַמיליע ראָטשטיין איז ניט פאַרשוינט געבליבן פון דער שואה. אין 1945 האָט מען זיך דערוווּסט אַז די טאָכטער מאַניע מיט איר מאַן נוח גורוויץ זענען אומגעקומען אין אוישוויץ. אין יענעם יאָר איז אויך געשטאָרבן ר׳ בנציון ראָטשטיין. די פרוי זיינע, בת־שבע, האָט נאָך געלעבט ביזן יאָר 1955.

בערל ווייסאָדלער — אַן אמתער עסקן

ס׳איז אַ גרויסער חילוק צווישן אַן עסקן פון אונדזערע צייטן, וואָס גייט מער אָדער ווייניקער אויף אַן אויסגעטראָ־טענעם וועג און אַן עסקן פון צוריק מיט פערציק אָדער פופציק יאָר, אין אָנהייב פון אונדזער קאַמף.

די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע אין כאָטין איז געווען אויפ־געבויט אויף געזונטע יסודות. יעדע פאַרטיי האָט געהאַט אירע אָנפירערס, עסקנים, אידעאָלאָגן און מענטשן וואָס האָבן געשטיצט די פאַרטייען אין דער תקופה צווישן ביידע וועלט־מלחמות.

בערל ווייסאָדלער איז ניט געווען אָפיציעל קיין ציוניס־טישער מנהיג אין כאָטין, אָבער אין דער אמתן איז ער געווען די נשמה פון ציוניסטישן לעבן אין אונדזער שטאָט.

מיר געדענקען ניט אַפילו אין וועלכער פאַרטיי ער איז געווען, אפשר ביי די כלל־ציוניסטן, אָבער דעמאָלט איז דאָס בכלל ניט געווען וויכטיק.

בערל ווייסאָדלער האָט געגלייבט אין ציוניסטישן געדאַנק און איז געוואָרן איינער פון די ערשטע ציוניסטישע מנהיגים אין כאָטין. ער האָט ליב געהאַט די יוגנט און האָט פיינט געהאַט כבוד. ער אַליין איז געווען אַ דוגמה פאַר אַלע.

ווייסאָדלער איז ניט געווען פשוט אַן עסקן נאָר אַן אינ־סטיטוציע פאַר זיך, וואָס האָט געדינט דעם ציוניסטישן לעבן אין כאָטין.

ער האָט אויך געהאַט אידעאָלאָגישע קעגנער, נאָר פון דעסטוועגן, האָבן אַלע אין אים געזען אַן איבערגעגעבענעם ציוניסט און האָבן געשאַצט זיינע אויפטוען ווי אַן עסקן.

בערל ווייסאַדלערס שטוב

שמחת־תורה פלעגט בערל ווייסאַדלער פאַרבעטן צו זיך אין שטוב אַלע בעלי־בתים פון דער שול "שערי־ציון".


אין יאָר 1921—1922, שמחת־תורה, ווען יידן זענען געווען רעכט פריילעך, זענען אַריינגעפאַלן צו בערלען אין שטוב צוויי יידן — מתתיהו סגל און מוניאַ זאַק (מיזרחי) — פון קאַמענעץ־פּאָדאָלסק, וואָס האָבן זיך נאָר וואָס אַריבער־געגנבעט די גרענעץ. זיי זענען געקומען צו בערל ווייסאַדלער, ווייל זיי האָבן געוווסט אַז ביי אים וועלן זיי געפונען אַן אמת יידישע און ציוניסטישע אַטמאָספער.

סימאַ, בערלס פרוי, האָט זיך אויך תמיד באַמיט צו העלפן אָרעמע־לייט. יעדער האָט געוווסט אין שטאָט וועגן אירע מעשים־טובים. אַז ס'פלעגט קראַנק ווערן איינע פון די פרויען וואָס האָבן געבאַקן ברויט און פאַרקויפט אין מאַרק, פלעגט סימאַ זיך פאַרקאָטשען די אַרבל, פאַרקנייטן און אָפּבאַקן דאָס ברויט, כדי די אָרעמע פרוי זאָל ניט בלייבן אָן פרנסה.

בערל ווייסאַדלער איז עולה געווען מיט זיין פרוי קיין ארץ־ישראל און אויך ווייטער אויפגעהאַלטן די פאַרבינדונג מיט די יידן וואָס זענען געבליבן אין כאָטין.

יוסף זעלצער

יוסף זעלצער איז געבוירן געוואָרן אין קלישקאָוויץ און דערצויגן געוואָרן אין כאָטין. ביי זיינע עלטערן, שלום און צירל זעלצער, האָט ער אין זיך איינגעזאַפּט יידישע און ציוניסטישע אַטמאָספער. פון זיין זיידע, ר' ראובן בוים, אַ גרויסער למדן מיט אַ ברייטן האָריזאָנט, האָט ער געצויגן עכט־יידישע וואָרצלען. ער האָט דערגאַנצט זיין בילדונג אין



דער שטאָטישער ביבליאָטעק, לייענענדיק די צייטשריפטן "הזמן", "הצפירה", "השילוח" און שטודירנדיק די העברעישע ליטעראַטור. אויפוואַקסנדיק אין אַ משפחה פון אַרבעטנדיקע מענטשן, האָט ער זיך דערנענטערט צום סאָציאַליסטישן ציוניזם.

ווען ס'איז אויסגעבראָכן די רעוואָלוציע אין 1917, האָט ער זיך אָפּגעגעבן מיט לייב און לעבן דער יידישער געזעל־שאַפטלעכקייט און איז געווען איינער פון די גרינדער פון צעירי־ציון אין כאָטין. אויך אין אויסלאַנד, ווו ער האָט שטו־דירט, האָט ער ממשיך געווען זיין ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע טעטיקייט, אַרויסווייזנדיק מוט און ווערדע אין קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם.

יוסף איז שטאָלץ געווען מיט זיין שוועסטער רבקה און זיינע ברידער עזרא און אליהו, וואָס זענען געווען צווישן די ערשטע כאָטינער חלוצים, וואָס זענען עולה געווען קיין ארץ־ישראל. ער האָט אויך געחלומט עולה צו זיין, אָבער ער איז יונג געשטאָרבן.

ישראל געלער


ישראל, ר' איציק שוחטס זון, איז דערצויגן געוואָרן אין כאָטינער השומר־הצעיר אין די יאָרן 1924—1929. אין יענער תקופה זענען געווען אין דער באַוועגונג אַן ערך 150 חברים, צווישן 13 און 19 יאָר, וואָס האָבן געמאַכט הכשרה און זיך געגרייט צו עליה.

אַ דאַנק זיין אַקטיווער טעטיקייט, איז ישראל געלער געשיקט געוואָרן אין 1926 אויף הכשרה קיין ניפּאָלאָקאָוויץ, נאָענט צו דער פּוילישער גרענעץ. ווי אויף אַלע הכשרה־ערטער, האָט מען געאַרבעט ביי אַ גוטבאַזיצער און ביי אַ זעג. נאָך דער הכשרה איז ישראל געשיקט געוואָרן קיין קעשענעוו, ווו ער האָט געאַרבעט אין דער אָנפירונג פון השומר־הצעיר און אין דער צענטראַלע פון "החלוץ". אין 1928 איז ער געווען "מרכז" פון דער באַוועגונג איבערן גאַנצן לאַנד. אין 1929 איז ער עולה געווען און אַריין אין קיבוץ א'.

ד"ר יעקב (יאַשאַ) לערנער

ד"ר לערנער איז געווען אַ בכבודיקע פערזענלעכקייט אין געזעלשאַפטלעכן לעבן פון כאָטין, אין דער כאָטינער ציוניס־טישער באַוועגונג. ער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין באַ־שיידנקייט, מיט זיין פשטות און זיין איבערגעגעבנקייט, אפילו אין ענינים וואָס האָבן ניט געהערט צו מעדיצין.

יעקב (יאַשאַ) לערנער האָט זיך באַקענט מיט זיין באַשער־טער, איטאַ פעלדמאַן, אין די צוואַנציקער יאָרן, אין ציוניס־טישן קרייז. זיי האָבן דעמאָלט ביידע שטודירט. זי האָט פאַר־ענדיקט די פאַקולטעט פאַר אַגריקולטור. נאָכן פאַרענדיקן די אוניווערסיטעט, האָבן זיך ביידע אומגעקערט אין כאָטין, מיטן געדאַנק אין גיכן עולה צו זיין. אין 1939 איז איטאַ לערנער געפאָרן אויף אַ באַזוך קיין ארץ־ישראל, זיך צו באַקענען מיטן



לאַנד ווו זיי האָבן זיך געוואָלט באַזעצן. אין צווישן זענען געקומען די סאָוועטן און פון זייער פּלאַן איז גאָרנישט געוואָרן.

בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה, אין טיומען (סיביר), האָב איך זיך מיט שווערער מי אָנגעפרעגט אויפן אַדרעס פון ד״ר לערנער. ער האָט געוווינט אין עפּעס אַ חורבה מיט צעבראָכענע טירן און פענצטער. אַ וואָך צייט האָב איך פאַר־בראַכט אין זיין סביבה, צווישן די כאָטינער וואָס זענען פאַר־שיקט געוואָרן קיין סיביר. זיין טיר איז געשטאַנען אָפן פאַר יעדן — ייד צי ניט ייד. זיין פרוי, איטעלע, האָט מקיים געווען מיט ליבשאַפט די מצווה פון הכנסת־אורחים.

ד״ר לערנער איז פאַרשיקט געוואָרן קיין סיביר פאַר זיין ציוניסטישער טעטיקייט אָבער בפרט ווייל ער האָט ניט געוואָלט ווערן אַן אַגענט פון דער ענקאַווּעדע און שפּיאָנירן די אַנדערע דאָקטוירים אין שפּיטאָל. אין יאָר 1941 האָט מען אים פאַרבעטן צו דעם פאַראַנטוואָרטלעכן איבער די שפּיטאָלן. מען האָט אים שטאַרק געלויבט פאַר דעם שטרענגן סדר וואָס ער האָט איינגעפירט אין שפּיטאָל און אים גע־זאָגט אַז ער איז ראוי צו באַקומען נאָך אַ מיסיע, דהיינו נאָכצופאָרשן די מעשים פון זיינע קאָלעגן און צו ראַפּאָר־טירן וועגן דעם דאָרט ווו מען דאַרף. דאָס איז נייטיק — האָט מען אים געזאָגט — מחמת דער „גייסטיקער היגיענע, כדי צו אַנטפּלעקן די מיקראָבן וואָס צערן אויף די נשמה פון דער מדינה". מ'האָט אים געגעבן צו פאַרשטיין אַז מען ווייסט וועגן דער ציוניסטישער טעטיקייט פון זיין פרוי און וועגן איר באַזוך אין ארץ־ישראל. מען האָט אָבער ניט געפאָדערט פון אים ער זאָל תיכף געבן אַן ענטפער.

צוויי וואָכן נאָך דעם שמועס מיטן פאַראַנטוואָרטלעכן איבער די שפּיטאָלן, האָט מען ווידער פאַרבעטן דעם ד״ר לערנער און פון אים געפאָדערט אַ באַריכט וועגן די אַנדערע דאָקטוירים. ד״ר לערנער האָט געזאָגט אַז ער האָט ניט קיין צייט פאַר אַזעלכע זאַכן און דערויף האָט מען אים געענטפערט אַז אין סיביר וועט ער שוין האָבן צייט. מ'האָט אים טאַקע באַלד פאַרשיקט אין איינעם מיט זיין פרוי, אין אַ פאַרזיגלטן וואַגאָן, אין שרעקלעכע באַדינגונגען. זיי זענען געשיקט גע־וואָרן פון איין אָרט צום צווייטן, ביז זיי האָבן זיך באַזעצט אין טיומען. זיי האָבן געאַרבעט אין וועלדער און איטאַ האָט זיך צעבראָכן אַ האַנט בעת דער שווערער אַרבעט. מ'האָט אים ניט דערלויבט צו פּראַקטיצירן מעדיצין, ווייל ער האָט ניט באַוויזן מיטצונעמען זיין דיפּלאָם. אַלע פּרוּוון אים אַרויס־צושיקן דעם דיפּלאָם פון כאָטין זענען געווען אומזיסט. מ'האָט דאָס ניט דערלויבט. סוף כל סוף איז געראָטן דעם ד״ר זיידמאַן אים אַרויסצושיקן דעם דיפּלאָם.

אין צווישן האָט ד״ר לערנער געפונען אין אַ צייטשריפט אַן אַרטיקל וועגן כאָטינער שפּיטאָל, געשריבן פון אַן אינ־ספּעקטאָרין פון דער כאָטינער געבער־אַנשטאַלט. ד״ר לערנער האָט זיך צו איר געוואָנדן און איר באַשריבן זיין מצב. נאָך אַ קורצער צייט האָט מען אים גערופן קיין טאָבאָלסק און אים איינגעאָרדנט אויף אַרבעט. מ'האָט אים אפילו געגעבן אַ נייעם דיפּלאָם.

ד״ר יעקב לערנער און זיין פרוי איטאַ זענען געפייניקט געוואָרן פאַר זייער ציוניסטישער אַקטיוויטעט און ווייל זיי האָבן ניט געוואָלט ווערן אַן אינסטרומענט אין די הענט פון דער סאָוועטישער מאַכט. דאָס איז געווען קעגן זייער געוויסן.

דער זון זייערער, וואָס האָט געלערנט מעדיצין, האָט געמוזט פאַרלייקענען זיינע עלטערן, כדי ממשיך צו זיין די לימודים. ער פלעגט זיך באַגעגענען מיט זיינע עלטערן נאָר באַהאַלטענערהייט.

ד״ר לערנער איז געשטאָרבן אין טאָבאָלסק און זיין פרוי איטאַ האָט זיך אומגעקערט קיין טיומען, צו איר זון.

ד״ר שיינבערג

ד״ר שמואל שיינבערג, אַ שוואָגער פון פיניע רויזמאַן (דעם רב רויזמאַנס אַ זון), איז געבוירן געוואָרן אין כאָטין. אין די יאָרן 1903—1904 איז ער שוין געווען טעטיק אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. זעקס חדשים אין יאָר האָט ער שטודירט אין שטראַסבורגער אוניווערסיטעט און זעקס חדשים האָט ער געקנעלט מיט תלמידים, כדי צונויפצונעמען דאָס נייטיקע געלט ווייטער צו לערנען.

ער האָט געדינט אין דער צאַרישער אַרמיי און דערפאַר האָט ער מורא געהאַט צו בלייבן אין בעסאַראַביע נאָך דער רעוואָלוציע. ער איז אַוועק אין 1918 קיין גריכנלאַנד און האָט פאַרבראַכט דאָרטן כמעט אַלע זיינע יאָרן. ער האָט זיך אַפילו קונה שם געווען ווי אַ גוטער מעדיצינער.

אין אַ העברעישן בריוו, וואָס ער האָט געשריבן צו צבי בערנשטיין, האָט ער באַוויזן אַז ער האָט ניט פאַרגעסן גירסא דינקותא און געדענקט נאָך מסכת גיטין וואָס ער האָט גע־לערנט ביי פראַדקינען דעם מלמד. לעבנדיק אין דער פרעמד, האָט ער אָפּגעהיט יידישקייט און געווען געטריי דער ציוניס־טישער באַוועגונג.

ער איז געווען עטלעכע מאָל אין ישראל, אין וויזיט ביי זיין שוועסטערקינד, די אַפּטייקערין רויזמאַן פון רחובות.

ער האָט געוואָלט אָנשרייבן זיינע זכרונות וועגן כאָטין, ווי ער האָט עס געדענקט פון די קינדער־יאָרן, אָבער ער האָט דאָס ניט באַוויזן צו טאָן.

עונג־שבת

יעדע וואָך פלעגט פאָרקומען אַן "עונג־שבת" אין דער תרבות־שול. דאָס איז געווען אַ טייל פון דער ציוניסטישער טעטיקייט אין כאָטין. אַ סך מענטשן פלעגן קומען פאַרברענגען אַ נאָכמיטאָג און אויסהערן דברי תורה וחכמה.

יצחק־מאיר טיסענבוים פלעגט אַרויסזאָגן פאַרן עולם זיינע פירושים; יחיאל קרייטשמאַר פלעגט שיטן מיט מאמרי־חז"ל; מענדל וויינשטאָק, דער לערער, פלעגט ברענגען דעם עולם ידיעות פון דער מאָדערנער יידישער וועלט.

זלמן מלמוד פלעגט דער עיקר האַלטן שיעורים וועגן נביאים און כתובים.

און אחרון, אחרון חביב — צבי שווייגער. ער האָט געלערנט מיטן עולם מדרש. ביי אים איז שטענדיק געווען פול געפאַקט. אַזוי פירט זיך שוין זינט די וועלט שטייט, ווי מיר געפינען אויך אין דער גמרא, וועגן ר' אבהו און ר' חייא. דער עולם האָט ליבער דעם מדרש ווי די הלכה.

מיט גרויס אינטערעס האָט מען אויסגעהערט אויך ידיעות וועגן ארץ־ישראל. ניט פאָליטיק — פשוט ידיעות. ס'האָט זיך געוואָלט וויסן און הערן וועגן ארץ־ישראל.

דער עונג־שבת, וואָס איז יאָרן לאַנג אָרגאַניזירט געוואָרן אין כאָטין פון ישראל־אבנר באַראַג און אליעזר זאַלצמאַן, איז געווען אַן אמתדיק גייסטיק פאַרגעניגן פאַר יעדן איינעם.



כאָטינער עסקנים מיט זאב הורנשטיין און זיין משפחה פאר זייער אָפּפאָרן קיין ארץ־ישראל



די יידישע קולטור־ליגע אין כאָטין

פון רעכטס אויף לינקס — שטייען: סאפענבוים, קאגאס, ברנה פאטקאמין, בארג, בארלאם. זיצן: אדוו' שיטנאוועצער, אדוו' שאמעס, (אונבאקאנט) אדוו' קערביס, נאקמאן, אינז' דימיטמאן.

מצות אויף פסח

די צייט פון באַקן מצות אויף פסח איז געווען אַ וויכטיק געשעעניש אין עקאָנאָמישן לעבן פון דער שטאָט. מענטשן האָבן כאָטש אַ קורצע צייט געהאַט ווו צו אַרבעטן און דאָס האָט אַריינגעבראַכט לעבן אויך אין האַנדל.

די ערשטע וואָס האָבן פאַרדינט זענען געווען די בעלי־עגלות און די טרעגערס; זיי האָבן געבראַכט דאָס מעל פאַר מצות פון די מילן. מענטשן האָבן געוואַרט כמעט אַ גאַנץ יאָר אויף די עטלעכע וואָכן. קיין סך האָט מען טאַקע ניט פאַרדינט, אָבער ס׳איז געווען גענוג אויף יום־טוב. מ׳האָט געקענט אָפּצאָלן אַ ביסל חובות וואָס האָבן זיך אָנגעזאַמלט און איינקויפן וואָס ס׳איז געווען נייטיק אין שטוב. אַזוי אַרום איז דאָס געווען אַ גוטע צייט אויך פאַר בעלי־מלאָכות: שניידערס, שוסטערס, קירזשנערס, גלעזערס או״אַ. באַזונדערש האָבן דערפילט די קלייטלעך אַז ס׳איז די צייט פון באַקן מצות: יעדער איינער איז געקומען איינקויפן אויף יום־טוב.

מיט באַקן מצות האָבן זיך ניט פאַרנומען די בעקערס פון אַ גאַנץ יאָר, נייערט קבלנים (פּאָדריאַטשיקעס), וואָס האָבן שיין פאַרדינט, כאָטש זיי האָבן גאָרנישט איינגעשטעלט, ווייל אַלץ איז געגאַנגען אויפן חשבון פון דער קהילה. אַ טייל קבלנים האָבן פאַרמאָגט די געהעריקע מאַשינען צו באַקן מצות און אַנדערע האָבן געהאַט אויוונס. אַ גאַנץ יאָר האָט מען אָפּגעהיט די מאַשינען און די אויוונס, כדי זיי זאָלן זיין כשר פאַר פסח. די פּאָדריאַטשיקעס פלעגן זיך פאַרנעמען מיט אַנדערע מלאָכות אַ גאַנץ יאָר — אָבער קיין איינער איז ניט געווען קיין בעקער.

די קבלנים וואָס האָבן געבאַקן מצות אויף פסח האָבן אויך ניט געהאַט צו טאָן מיט קיין פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, ווייל וואָס נוגע מצות — האָבן געוועלטיקט נאָר די רעליגיעזע דינים פון ״בחפזון״.

די הכנסה פון דער קהילה איז תמיד געוואַקסן אַ דאַנק דעם פאַרקויפן מצות אויף פסח, היות דער גאַנצער ענין איז געלעגן אין אירע הענט. דאָס האָט אויך אַריינגעבראַכט באַ־טייטנדיקע סכומים געלט אין די קאַסעס פון סאָציאַלע אינסטי־טוציעס. דאָס האָט דערמעגלעכט צו שאַפן פאָנדן און צו פאַרטיילן הילף פאַר נויט־באַדערפטיקע.

דער סעזאָן פון באַקן מצות האָט אין משך פון כמעט צוויי חדשים געהויבן דעם עקאָנאָמישן מצב פון דער יידישער באַפעלקערונג אין שטאָט און גורם געווען אַן אויפלעב אויף אַלע שטחים.

געאָגראַפיע און עקאָנאָמישע פּאָליטיק

לויט די געאָגראַפישע פּרטים, האָט כאָטין געדאַרפט זיין אַ וויכטיקער עקאָנאָמישער פּונקט, מיט אַ שפּעדיק לעבן, ווי אַלע שטעט וואָס ליגן לעבן דרך־המלך; זי האָט אויך געדאַרפט שטיין אויף אַ הויכן קולטורעלן ניוואָ. ס׳איז אָבער געווען אַ גרויסער מרחק צווישן די מעגלעכקייטן פון דער שטאָט און דער ווירקלעכקייט אין וועלכער זי האָט געלעבט.

שווער צו זאָגן ווער ס׳איז געווען שולדיק: צי די שוואַכע טעטיקייט פון אירע בירגער און פּרנסים, וואָס מחמת עניוּת האָבן זיי ניט געוואָלט די צענטראַלע שטאָט זאָל אויסווייזן צו פאַרקניפּט און פאַרבונדן מיט דעם אַרום, צי איז דאָס טאַקע געווען די כוונה פון דער מאַכט, צו פאַרמיידן דאָס אויסוואַקסן פון נייע צענטערס, אין קעגנזאַץ מיט דער צענ־טראַליזירונג־פּאָליטיק.

כאָטין איז טאַקע געווען אַ רעגיאָנאַלע הויפּטשטאָט פאַר די אַרומיקע יישובים, און האָט טאַקע געהאַט אַ סך אַדמיניס־טראַטיווע אינסטיטוציעס, אין וועלכע ס׳האָבן געאַרבעט אַ סך באַאַמטן, אָבער די שטאָט איז געווען אָפּגעריסן פון די אייזנ־

באַנען וואָס האָבן געפירט אין לאַנד און אין אויסלאַנד. ביז צו דער באַנסטאַנציע איז געווען אַ מרחק פון 20 קילאָמעטער. קיין גוטע שטראָזן זענען אויך ניט געווען, אַזוי אַז כאָטין איז געבליבן ווי אַ האַרץ אין דער רעכטער זייט פונעם גוף, אַנשטאָט אין דער לינקער זייט, און דאָס האָט געשטערט די נאָרמאַלע "בלוט־צירקולאַציע".

פון דעם איז געדרונגען אַז די רעגירונג־אינסטיטוציעס אין שטאָט האָבן נאָר געדאַרפט אַכט געבן אַז אין דער גאַנצער געגנט זאָל מען "חלילה גאָרנישט אויפטאָן".

מיסחר

יידישע סוחרים האָבן געפונען אַ וועג צו גרויסע שטעט, ווי אָדעס, קיִעוו, קאַמענעץ, וואָס זענען אין דער אמתן געלעגן ניט מער ווי אַ שפרונג פון כאָטין, אויף יענער זייט דניעסטער. כדאי צו דערמאָנען דעם מיסחר מיט פּירות. די שטאָט איז דאָך געווען אין גאַנצן איינגעטונקען אין סעדער. דער ריח ניחוח פון די ביימער האָט ממש פאַרשיכּורט. די סעדער האָבן זיך געצויגן מיילן נאָך אַנאַנד, אין שטאָט גופא און מחוץ איר.

דער ריח האָט זיך פאַרשפּרייט בפרט ווען ס'האָבן אָנגעהויבן אַרבעטן די לאָזניצעס (אויוונס אין וועלכע מ'האָט געטרוקנט און געבאַקן פלוימען, באַרן, עפּל און אַנדערע אויפסן, איידער מען האָט זיי פאַרפּאַקט אין קאַסטנס און אַוועקגעשיקט אין ווייטע מקומות).

די ערשטע אויטאָבוזן

כאָטין האָט ניט געהאַט קיין גוטע פאַרבינדונג מיט די אַרומיקע שטעט. דאָס פאָרן מיט פערד־און־וואָגן איז געווען אָן אַ שיעור שווער. זומער האָט מען געליטן פון דער גרויסער היץ און ווינטער פון די ברענענדיקע פרעסט. די וועגן אַליין זענען אויך געווען שלעכטע, מיט גריבער און בלאָטעס. פון דעסטוועגן איז זי געווען אַ פריילעכע, די שטאָט כאָטין, און ס'איז געווען שלום צווישן אירע איינוווינער.

אָט האָבן זיך אָבער באַוויזן די ערשטע אויטאָבוזן, וואָס האָבן געפירט פּאַסאַזשירן פון איין שטאָט אין דער אַנדערער! ס'האָבן אָנגעהויבן צו פאַרשווינדן די בעלי־עגלות, מיט זייער זאַפטיקער שפּראַך, מיט זייערע קללות און ווערטלעך. דער עולם האָט ממש געבענקט נאָך זיי און האָט זיך שווער צוגעוווינט צו די נייע אויטאָבוזן. אַ סך האָבן ניט געקענט איבערטראָגן די היץ אינעווייניק, אין פאַרמאַכטן אויטאָבוז און האָבן געחלשט. צו מאָל פלעג מען זיך אָפּשטעלן אויפן וועג און אַראָפּגיין כאַפּן דעם אָטעם.

און דאָך איז געווען בעסער; ס'איז געווען אַ קפיצת־הדרך; אַנשטאָט אַכט מיט אַ האַלבער שעה איז מען נאָר געפאָרן דריי מיט אַ האַלבער שעה.

דעם ערשטן אויטאָבוז האָט געבראַכט קיין כאָטין מאָטל־פּסחס דער בלינדער. זיין קאָנקורענט איז שפּעטער געווען שמואל חת (HESS), וואָס האָט געקויפט אַ "מערצעדעס" און געפירט פּאַסאַזשירן פון כאָטין קיין טשערנאָוויץ און צוריק. פאַרשטייט זיך אַז ניט יעדער איינער האָט זיך געקענט פאַרגינען צו באַצאָלן דעם פּרייז פון אַ בילעט.

מיט דער צייט האָט זיך דער פאַרקער פאַרבעסערט. אַ קאָנצעסיע אויף דער ליניע כאָטין—טשערנאָוויץ האָט איבערגענומען די געזעלשאַפט — "בורדייניק מיט זיינע שותּפים". מ'האָט איינגעאָרדנט באַשטימטע שעהען פון אַרויספאָרן און צוריקקומען. דער וועג האָט שוין אין גאַנצן געדויערט צוויי שעה.

דער נייער פאַרקער איז געווען לטובת דער באַפעלקערונג און לטובת דער אַנטוויקלונג פון דער שטאָט. אפילו אַז מען האָט געדאַרפט אַ דאָקטער, האָט מען זיך צו מאָל פאַרגינען אַראָפּצוברענגען אין דער גיך פון טשערנאָוויץ, כדי צו ראַטעווען אַ קראַנקן.

דער יאַריד

דער יאַריד איז בלי ספק געווען אַ וויכטיקער עקאָנאָמישער פאַקטאָר אין לעבן פון דער שטאָט. יאַריד האָט זיך געשטעלט נאָר איין מאָל אין דער וואָך, אָבער דאָס איז געווען דער מקור פון פרנסה פאַר אַ סך מענטשן אין כאָטין. דער יאַריד איז אויך געווען אַ טייל פונעם שטייגער לעבן. ער איז כמעט אַריין אין בלוט פון דער יידישער באַפעלקערונג. מען פלעגט זיך אַפילו שווערן, זאָגנדיק: גאָט זאָל מיר אַזוי העלפן אַ גוטן יאַריד, אָדער: גאָט זאָל מיך שטראָפן מיט אַ שלעכטן יאַריד.

פון האַלבער נאַכט פלעגן אָנהייבן שטראָמען יידן און גויים פון די אַרומיקע דערפער. פערד־סוחרים פלעגן ברענגען צו פירן שקאַפעס מיט לאָשיקלעך; פּויערים פלעגן קומען מיט אָנגעפּאַקטע וועגענער תבואה, גרינצייג און עופות; זיי פלעגן אויך ברענגען צו פאַרקויפן קי און קעלבלעך און חזירלעך.


פון גאַנץ פרי אָן האָט די שטאָט געקאָכט. יידן פלעגן צוגיין צו די פורן און טאַפּן די זעק. צווישן עולם האָבן זיך געדרייט פראָפעסיאָנעלע און צופעליקע מעקלערס.

קצבים האָבן געקליבן בהמות צו קוילען, זיי באַטראַכט, אַריינגעלייגט אַ האַנט אין פּיסק פון דער בהמה און דערנאָך אָפּגעווישט די פייכטקייט אויף דער פּעל.

גויים און גוייות האָבן זיך געדרייט פאַר די קלייטן, געקוקט אויף די פאַרטיקע מלבושים, העמדער, קוטשמעס. יעדער איינקויף האָט זיך געמוזט פאַרענדיקן מיט אַ "לחיים" און די שענקן אין מאַרק זענען טאַקע געווען פול. ווי לאַנג ס'האָט געדויערט דער יאַריד האָט מען אויסגעליידיקט איין פלאַש נאָך דער אַנדערער און שענקערס האָבן געהאַט פרנסה.

▼

דינסטיק אויף מיטוואָך ביי נאַכט פלעגט אַ האַלבע שטאָט זיך לאָזן אין וועג צו דעם יאַריד אין קלישקאָוויץ. דאָנערשטיק, ווען מען האָט זיך אומגעקערט אַהיים, איז די ערשטע סטאַנציע געווען אין באַנק, צו באַצאָלן די חובות, וואָס האָבן זיך אָנגעזאַמלט אין משך פון אַ וואָך אָדער צוויי. דער באַנק־



די טשערדע אויף דער טאָלעקע

דירעקטאָר, משה וואַרטיקאָווסקי, איז געווען אַ שטרענגער מענטש; ער פלעג צוזעצן די קונים וואָס האָבן פאַרשפּעטיקט אָפּצוצאָלן זייערע חובות.

אָפּט מאָל האָט זיך געטראָפן אַז גזלנים האָבן אָפּגעפּאַסט די יידן וואָס האָבן זיך אומגעקערט פון יאַריד און זיי פאַרשלעפּט אין רוקשינער וואַלד. דאָרט האָט מען ביי זיי צורויבט דאָס געלט און די סחורות; מ'האָט זיי נעבעך גוט צעשלאָגן און קוים אַרויסגעלאָזט מיטן לעבן. די פּאָליציי האָט געוויינטלעך גאָרנישט געטאָן אין אַזאַ פאַל אָבער די כאָטינער יידן האָבן זיך ניט געלאָזט אָפּהאַלטן. די אַנדערע וואָך זענען זיי ווידער געגאַנגען אויפן יאַריד, ווי גלייך ס'איז גאָרנישט געווען. יידן האָבן געדאַרפט פּרנסה און אין כאָטין אַליין איז קיין פּרנסה ניט געווען. האָט מען יעדן מיטוואָך פאַר טאָג זיך געלאָזט אין וועג קיין קלישקאָוויץ. מענטשן האָבן זיך צוגעוווינט צום גוטן און צום שלעכטן, זיי האָבן אַלץ אָנגענומען פאַר ליב און געטראָגן דעם עול פון לעבן, יעדער ווי ס'איז אים געווען באַשערט.

דער גרעסטער טייל פון די כאָטינער יידן זענען געווען בעלי־מלאכות, וואָס האָבן שווער געאַרבעט און געלעבט אין דחקות. פון ערדאַרבעט זענען יידן דערווייטערט געוואָרן און אין פאַבריקן האָט מען אויך ניט גערן אויפגענומען קיין יידן. אפילו דאָרט ווו די בעלי־בתים פון פאַבריק זענען געווען יידן — האָבן כמעט ניט געאַרבעט קיין יידישע אַרבעטער.

אַזוי אַרום האָבן ס'רוב יידן זיך גענומען צו מלאָכות. געווען משפחות אין וועלכע די מלאָכה איז איבערגעגאַנגען פון דור צו דור, אין איינעם מיט דער אָרעמקייט. די נעמען פון גאַנצע משפחות האָבן זיך גענומען פון די מלאָכות וואָס זיי האָבן געאַרבעט — שניידער, שוסטער, בלעכער.

אין כאָטין פונקט ווי אין אַנדערע שטעטלעך, איז געווען אַ באַשטימטע שפּאַנונג צווישן בעלי־מלאָכות און חשובע בעלי־בתים, אַ שפּאַנונג וואָס איז ווען און ווען געקומען צום אויסדרוק אין קהל־ענינים, בית־המדרש, גבאות און אַנדערע.

פון די כאָטינער שניידער־משפחות דערמאָנען מיר די שיינגאָלדס און די שיינמאַנס. זיי האָבן געהערט צו די "גרויסע", ווייל זיי האָבן געהאַט גענוג אַרבעט און שיין פאַרדינט.

די אַנדערע שניידערס האָבן געלעבט שווער. צווישן זיי איז געווען די משפחה אוישער, וואָס מ'האָט זיי גערופן "די ליפּקאַנער" און אויך "די פּוילישע". אָבער ניט געקוקט אויף דער שווערער אַרבעט, האָט מען יעדן שטאָך פון דער נאָדל באַגלייט מיט אַ זמרל און ס'איז געווען פריילעך.

קירזשנעריי איז געווען אַ גוטע מלאָכה און אַ סך כאָטינער יידן האָבן זיך פון דעם מפרנס געווען. די כאָטינער קירזשנערס האָבן אפילו געהאַט אַן אייגענע שול און אַז דער אדמו"ר ר' ישראל־מרדכי, פלעגט קומען קיין כאָטין, איז ער איינגעשטאַנען ביי דעם קירזשנער ר' יהושע שיינקאַר.

אין יענע יאָרן האָבן די קירזשנערס געפירט די סחורה זייערע קיין אָדעס, אין פאַרבערייען און ס'האָט ניט איין מאָל געטראָפן אַז מ'האָט באַרויבט אין די באַנען יידן וואָס זענען צוריקגעקומען פון אָדעס מיט געלט.

געווען אין כאָטין אויך יידן זעקלדרייערס, וואָס האָבן אויסגעאַרבעט זאָקן מיט אַ האַנטמאַשינקעלע און זיך דערביי צוגעזונגען אַ גאַנצן טאָג.

די שוסטערס, פונקט ווי די שניידערס, האָבן דאָס רוב געהאַט קאַרג פּרנסה פון זייער שווערער אַרבעט. אָבער אויך צווישן זיי זענען געווען אַזעלכע וואָס האָבן שיין פאַרדינט: למשל די "זאַגאַטאָווטשיקעס", ווי משה מאַשיניסט.

לאָמיר דערמאָנען אויך עטלעכע כאָטינער סטאָליערס: זרח סטאָליער, אהרן קוקריזניק, איינטשיק סטאָליער, בעריש סטאָליער. די בעסטע כאָטינער סטאָליערס זענען געווען די צוויי ברידער טאָקער. אַ טייל סטאָליערס האָבן געלעבט פון מאַכן טרונעס פאַר די קריסטן.

אַוודאי זענען אין כאָטין אויך געווען קאָוואַליעס, וואָס האָבן אפילו פאַרנומען אַ בכבודיק אָרט אין ועד־הקהילה; עס זענען געווען באָדנערס (עס געדענקט זיך דאָדי באָדנער, וואָס האָט געשמט ווי אַ למדן); עס זענען געווען בלעכערס (כדאי צו דערמאָנען בערל בלעכער (וואָס האָט, אגב, געטראָגן אויך בלעכענע שיך), און עס זענען געווען בעקערס. די באַקאַנטסטע צווישן זיי איז געווען כינקע די בעקערין. אַחוץ איר דערמאָנען מיר לייזער קאַטאַריק, משה אונטער די בריק (וואָס האָט געבאַקן גוטע זיסע בייגל), שלמה בעקער און אַנדערע.

צעכן

דער אַדוואָקאַט משה פעלדמאַן (אַ פּועלי־ציוניסט) האָט געפּרוווט אָרגאַניזירן צעכן אין כאָטין, אָבער דאָס איז אים, צוליב פאַרשיידענע סיבות, ניט געראָטן, דעמאָלט איז נאָך ניט געווען איינגעפירט קיין אַרבעטסטאָג פון אַכט שעה. מען האָט געאַרבעט פון אין דער פרי ביז שפּעט אין דער נאַכט. אַזוי אַרום איז שווער געווען אַפילו צונויפצוזאַמלען די מענטשן.

פוימע טרעגער

פוימע טרעגער, וואָס האָט געוווינט מיט זיין משפחה אין דער נאָענט פון אַלטן באָד, איז געווען באַקאַנט אין גאַנץ כאָטין. די האַלב איינגעפאַלענע הייזקע אין וועלכער ער האָט געוווינט האָט ער געהאַט באַקומען בירושה פון טאַטן; פּרנסה האָט ער געהאַט ווייניק און געווען איז ער אַן עני ואביון.

מען האָט אים אויך געקענט מיטן נאָמען פוימע דער בלינ־דער, מחמת נאָך אַ קרענק האָט ער פאַרלוירן די ראיה.

ער איז געבליבן אַ יתום פון קינדווייז און איז אויפגעוואַקסן ווי אַ ווילדער אָן דערציִונג, אָן תורה. ווען ער איז בלינד געוואָרן, האָבן די בעלי־עגלות אויף אים רחמנות געהאַט און אים אַריינגענומען אין זייער חברה.

מחמת דער נויט און דעם הונגער וואָס ער האָט געליטן קינדווייז, איז ער פאַרכאַפּט געוואָרן פון קאָמוניסטישע אידעען און האָט גערוואַרט אויפן טאָג ווען "ער וועט זיך קענען אַריינ־ציען אין דער דירה פונעם גביר שלמה זעלדמאַן און אַראָפּ־וואַרפן דעם בעל־הבית פונעם צווייטן גאָרן, מיטן קאָפּ אַראָפּ..."

סוף־כל־סוף זענען געקומען די סאָוועטן קיין כאָטין, אין 1940, ווען זיי האָבן אַנעקסירט גאַנץ בעסאַראַביע. זיי האָבן טאַקע פאַרשיקט אַ סך גבירים קיין סיביר און האָבן ביי זיי צוגענומען די דירות אָבער פוימע האָט דערפון גאָרנישט געהאַט, ער איז געבליבן אין זיין איינגעפאַלענער הייזקע, אַנטוישט וואָס דער יושר האָט ניט געזיגט אויף דער וועלט.

דער מיסחר אין שטאָט איז געפאַלן און פוימע האָט אין גאַנצן קיין פּרנסה ניט געהאַט. פאַר גרויס ייאוש האָט ער זיך גענומען דאָס לעבן.

וואַסערפירערס

אַמאָליקע צייטן האָבן מענטשן פאַרדינט און מפרנס געווען זייערע משפחות פון טראָגן וואַסער. דאָס איז געווען אַ שווערע מלאָכה, בפרט אין די גרויסע פרעסט, ווען דאָס וואַסער איז פאַרפרוירן געוואָרן אין די קאַנען.

געווען וואַסער־פירערס וואָס האָבן פאַרקויפט אויף דער קאַן און געווען אַזעלכע וואָס האָבן פאַרקויפט וואַסער נאָר פאַרן סאַמאָוואַר.

אַ טייל וואַסער־טרעגערס האָבן זומערצייט פאַרקויפט זעלצער־וואַסער, אין ספּעציעלע בודקעס, וואָס זיי האָבן אויס־געבויט תיכף נאָך פּסח.

אין אונדזערע צייטן ווייס מען שוין ניט פון אַזאַ פּרנסה ווי וואַסער־פירער, אָבער דער נאָמען איז געבליבן ביזן היינטיקן טאָג ביי אַ סך משפחות.

צו אָט דעם קאַפּיטל געהערן אויך די טשיינעס, וואָס האָבן פאַרקויפט הייס וואַסער, אָקרעפּ. אין כאָטין זענען געווען מערערע טשיינעס. מיר דערמאָנען: קעני די באָדנערין, וואָס האָט געהאַלטן אַ טשיינע, משה וואַסער־פירער, רחל די טויבע, נטע סטאָליערס.

ערדאַרבעט

לויט דער סטאַטיסטיק פון ייִוואָ ווייזט זיך אַרויס אַז אין די 70־ער און 80־ער יאָרן פונעם פאָריקן יאָרהונדערט האָבן יידן פאַרמאָגט 3,9% פונעם באָדן וואָס מ׳האָט דעמאָלט באַאַרבעט אין דער כאָטינער געגנט. אין אַרענדע האָבן זיי געהאַט 6,2%. דאָס אַליין ווייזט אויף וויפל דער ייד איז דערווייטערט געוואָרן פון ערדאַרבעט.

שלמה הללס, אַליין אַ בעסאַראַבער, שרייבט אָט וואָס וועגן דעם ענין: "די רוסן האָבן באַצווינגען די בעסאַראַבישע ערד און די רומענער האָבן זי ווידער אַנעקסירט צו זייער לאַנד אין דער צייט פון דער רעוואָלוציע און די מהומות, אין יאָר 1918. אין משך פון אַ פערטל יאָרהונדערט איז דאָס געבליבן אַ מחלוקת צווישן סאָוועטן־פאַרבאַנד און רומעניע און די יידן אין בעסאַראַביע זענען שטענדיק געווען צווישן האַמער און קאָוואַדלע, ביז צו דעם גרויסן אומקום, ווען זיי זענען פאַרטיליקט געוואָרן.

דאָס זענען געווען פּשוטע, ערלעכע יידן, פרומע און פאָלקסטימלעכע, זיך אויסגעצייכנט מיט ליבשאַפט צו פיזישער אַרבעט און טאַקע צו ערדאַרבעט. זיי האָבן געלעבט זייער לעבן און האָבן ניט אָנטייל גענומען אין לעבן פון כלל־ישראל, ביז אין די 80־ער יאָרן פונעם פאָריקן יאָרהונדערט, די תקופה פון גייסטיקער קריזע ביים רוסישן יידנטום. דעמאָלט האָבן זיך אַנטפּלעקט ביי זיי אַ סך גייסטיקע כוחות און זיי האָבן אָנגעהויבן זיך צו באַטייליקן אין דער באַוועגונג פון נאַציאָ־נאַלער און קולטורעלער יידישער אויפלעבונג". (התקופה, ל׳, ל״א, עמוד 786).

אין דאָקומענטן וועגן דעם ענין יידן און ערדאַרבעט אין דער כאָטינער געגנט (פון צענטראַלן אינסטיטוט פאַר געשיכטע פונעם יידישן פאָלק, אין ירושלים) ווערט געזאָגט:

1. מיט ערדאַרבעט ממש האָבן זיך באַשעפטיקט זייער ווייניק זעלבשטענדיק; אַ גרויסער טייל האָט זיך באַנוצט מיט באַצאָלטע אַרבעטער.

2. קיין פּיכצוכט האָט כמעט ניט עקסיסטירט און בכלל האָבן יידן געהאַט ווייניק בהמות אויף זייערעווירטשאַפטן.

3. מען האָט זיך פאַרנומען בפרט מיט טאַבאַק־קולטור און ווייַנגערטנער.

ווייטער ווערט געזאָגט:

אין דער כאָטינער געגנט זענען פאַראַן ניין גרויסע ערד־באַזיצער מיט 259 דעסיאַטין, צווישן 43 ווירטשאַפטן מיט 322 דעסיאַטין ערד. די איבעריקע 34 ווירטשאַפטן האָבן אין איינעם 63 דעסיאַטין, דאָס הייסט בערך צוויי דעסיאַטין יעדע איינע.

די לאַנדווירטשאַפט איז געווען אַ וויכטיקער צווייג אין דער כאָטינער ווירטשאַפט. געווען יידן וואָס האָבן פאַרמאָגט באָדן, פון דריי ביז דריי הונדערט העקטאַר — אַ טייל אייגענע, אַ טייל גענומענע אין אַרענדע.

נאָך דער רעפאָרמע פון 1932—1933 האָט מען איבער־געלאָזט ניט מער ווי הונדערט העקטאַר באָדן פאַר אַ באַזיצער און דעם רעשט האָט מען צוגענומען. דער גרונטבאַזיצער

ישראל שור האָט אויסגעפונען אַ געזעץ לויט וועלכן יעדער יורש האָט דאָס רעכט אויף הונדערט העקטאַר און אַזוי אַרום זענען אים געבליבן דריי הונדערט העקטאַר באָדן, פון די 2400 וויפל ער האָט פאַרמאָגט איידער דער עקספּראָפּריאַציע. מיט אָט דעם געזעץ האָבן זיך באַנוצט אויך אַנדערע יידן. אין דער משפחה באַראַג, למשל, האָט יעדער געהאַט צו 60 העקטאַר ערד. אויך שלמה זעלנער איז געבליבן מיט גרעסערע שטחים.

אַ טייל יידן האָבן גענומען ערד אין אַרענדע, סיי ביי יידישע ערדבאַזיצערס, סיי ביי גוייִשע. געווען יידן וואָס האָבן גענומען אין אַרענדע באָדן ביי מערערע ערדבאַזיצערס, דער־גרייכנדיק ביז 400 העקטאַר אַרענדירטע ערד.

יידן האָבן לרוב ניט באַאַרבעט אַליין די ערד, נייערט געדינגען אַרבעטער.

אַ וויכטיקער צווייג אין דער לאַנדווירטשאַפט איז געווען די טאַבאַק־קולטור. דאָס האָט אָבער געפאָדערט אַ סך אַרבעט און גוט באַהאַוונטע אַרבעטער. ווען די רומענער זענען אַריינ־געקומען קיין בעסאַראַביע, נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, איז דער דאָזיקער צווייג געוואָרן אַ מלוכה־ענין — "מאָ־נאָפּאָל".

אין כאָטין איז געווען אַ גרויסע טאַבאַק־פאַבריק, וואָס קלמן פעלדמאַן האָט אויפגעשטעלט אין יאָר 1889. שפּעטער איז די פאַבריק אַריבערגעגאַנגען בירושה צו זיין זון, ברוך פעלדמאַן. די פאַבריק איז פאַרמאַכט געוואָרן אין 1918, ווען די רומענער האָבן איבערגענומען די מאַכט.

האנדל און אינדוסטריע

די לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקטן האָבן געשפּילט אַ וויכטיקע ראָלע אין מיסחר פון דער שטאָט. מען האָט גע־האַנדלט מיט גרינצייג, פּירות, בהמות, עופות, מילך־פּראָ־דוקטן, פעלן. אַ טייל פון אָט די סחורות האָט מען עקספּאָר־טירט קיין פּוילן, דייטשלאַנד און אפילו קיין ארץ־ישראל. כאָטין איז געווען איינער פון די וויכטיקע האַנדלצענטערס אין בעסאַראַביע, באַגלייך מיט ליפּקאַן, בריטשען, יעדעניץ און סאָראָקע.

קיין גרויסע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען זענען אין כאָטין ניט געווען. עס דאַרפן אָבער דערמאָנט ווערן די וויכטיקסטע פון זיי.

אין כאָטין זענען געווען שטיינהאַקערייען, סיי פאַר קאַלך, סיי פאַר בוימאַטעריאַל. עס זענען אויך געווען קאַלכאויוונס ווו מען האָט געברענט די שטיינער.

געווען אויך ציגל־פאַבריקן, ביי וועלכע אַ סך יידן האָבן געאַרבעט און פאַרדינט אַ שטיקל ברויט.

אַ וויכטיקע ראָלע האָבן אויך געשפּילט די מילן. עס זענען געווען אין כאָטין פיר מילן ווו מ'האָט געמאָלן קוקורוז. דאָס זענען געווען בדרך־כלל וואַסערמילן. עס איז אויך געווען אַ גרויסע מיל, וואָס איז שפּעטער אָפּגעברענט געוואָרן. צווישן די אייגנטימער פון מילן אין כאָטין דערמאָנען מיר מענדל ליטוואַק, בוזי פעלדמאַן און שמואל טאַבאַטשניק.

כאָטין איז אויך געווען אַ צענטער פאַר אייל־פאַבריקן, בראָש פון דעם צווייג איז געשטאַנען משה לערנער. ווייטער האָבן זיך מיט דעם פאַרנומען יאַנקל איילניק, הירשל בראָנ־שטיין, הערץ רויזמאַן און יאַנקל נודלמאַן.

אין כאָטין איז געווען אַ זייף־פאַבריק, וואָס האָט געהערט צו הירשל לעמאַן און אַ ליכט־ציער (משה פון די ליכטלעך).

דאָ דאַרף אויך דערמאָנט ווערן די בירפאַבריק, ווו ס'האָבן געאַרבעט 30—40 אַרבעטער. דער אייגנטימער פון דער פאַב־ריק איז געווען לייביש בוקאַרעסקו, אַ ייד מיט צען קינדער און אַ חסיד פונעם סאַדעגערער רבי. די בירפאַבריק האָט זיך דערוואָרבן אַ שם און איז דערנאָך איבערגעפירט געוואָרן קיין טשערנאָוויץ.

האָטעלן

אין כאָטין זענען געווען די פאָלגנדע האָטעלן:

"פּאַטריאַ" — פּסח איידלער
"קאָמערטשיאַל" — גאָרענשטיין
"אייראָפּאַ" — גאָרגון
"בעסאַראַביע" — סערעברעניק
"זילבערמאַן" —

דער האָטעל "פּאַטריאַ" האָט געהערט צו דער משפחה איידלער און האָט זיך געפונען אין צענטער פון שטאָט. אַהין פלעגן קומען ציוניסטישע שליחים וואָס פלעגן באַזוכן דאָס אָרט אין זייער פּראָפּאַגאַנדע אַרבעט. מיר דערמאָנען זיך אין רב' ד"ר געוועלבער, ד"ר מ. לאַנדאַו — דעפּוטאַט אין פּאַר־לאַמענט, פאַן ווייזל א.א. וואָס פלעגן קומען זייער אָפט קיין כאָטין. אויך די יידישע טעאַטער־טרופּן ווי גאָלדפאַדן, לייבו־ביץ, סידי טאַל פלעגן זיין די געסט פון האָטעל.

אין סעזאָן פון פעלץ־מסחר (קאַראַקול) האָבן זיך דאָרטן געטראָפן סוחרים פון דער אומגעבונג וואָס האָבן זיך באַ־שעפטיקט מיט עקספּאָרט. אַנדערע געסט זענען געווען די עקסטערנע גימנאַזיסטן וואָס האָבן געדאַרפט אָפּגעבן די עק־זאַמענס אין די כאָטינער גימנאַזיעס.

ס'איז כדאי צו דערמאָנען די יידן וואָס פלעגן קומען אין האָטעל אין זוכן פאַרשידענע וועגן ווי אַזוי צו ערליידיקן זייערע פּראָבלעמען אין די מלוכה־אינסטיטוציעס ווי דער "טריבונאַל" און "אַדמיניסטראַציאַ פינאַנטשיאַראַ". בקיצור, האָטעל "פּאַטריאַ" איז נישט געווען נאָר אַ איינפאָר, נאָר אַ פּלאַץ ווו יעדער האָט געקאָנט טרעפן וועמען ער האָט געזוכט.

קצבים

יאָרן נאָך אַנאַנד איז אין כאָטין געווען איין איינציק שעכטהויז. ערשט אין יאָר 1937 האָט די קהילה אויפגעבויט אין שטאָט אַ ניי שעכטהויז פאַר כשרער שחיטה.

די כאָטינער יידן זענען לרוב געווען רעליגיעז און האָבן זייער מקפּיד געווען אויף כשרות. זיי פלעגן קויפן נאָר ביי יידישע קצבים, און ס'איז ביי זיי ניט געווען קיין שום ספק וואָס נוגע כשרות. כאָטינער קצבים זענען באמת געווען כשרע

און ערלעכע לייט. ס׳קען אַפילו ניט קומען אויפן געדאַנק אַז זיי האָבן אָפּגענאַרט דעם עולם און פאַרקויפט טריף, הגם זיי האָבן געהאַט אויך טרייפענע יאַטקעס, חוץ די כשרע. מען האָט זיך געקענט פאַרלאָזן אויף זייער ״הן״.

זיי האָבן געהאַט אַ גוטע באַציִונג צו די שוחטים און אַלץ איז צוגעגאַנגען שטיל און פרידלעך, כמעט אָן אויסנאַם.

דאָס רוב קצבים פלעגן טרייבערן דאָס פלייש אַליין, אָן אַ משגיח. פון מאָל צו מאָל פלעגט אַריינקומען איינער פון די שוחטים, כדי זיך צוצוקוקן צו דער אַרבעט.

דער ממונה אויף דער השגחה מצד דער קהילה, איז געווען ר׳ אברהם, וואָס מען האָט אים גערופן ר׳ אברם נאמן. ער פלעגט גיין פון יאַטקע צו יאַטקע און אומעטום האָט מען אים אָפּגעגעבן כבוד. חוץ אים האָט קיינער ניט אַכטונג געגעבן.

אַ טייל קצבים האָבן אויך פאַרקויפט טרייפע פלייש, וואָס מען פלעגט ניט טרייבערן. צווישן דעם כשרן פלייש און דעם טרייפענעם איז אָבער געווען אַ ווענטל, אָדער האָט מען דאָס פאַרקויפט אין צוויי באַזונדערע יאַטקעס, איינע לעבן דער אַנדערער, ס׳זאָל זיך חלילה ניט אויסמישן. די יידן אין שטאָט, און די רעליגיעזע יידן בתוכם, האָבן ניט געהאַט קיין טענות צו די קצבים וואָס האָבן געהאַנדלט אויך מיט טרייפע פיילש. אַלץ האָט זיך געפירט אויף נאמנות, אָן אַ באַזונדערן קאָנטראָל.

און אָט זענען די קצבים וועלכע מיר ווילן דערמאָנען:

מענדל גוטערמאַן מיט זיינע זין אהרון און אברהם; לעבן ״יאַטקע־קלויז״.

משה־אהרון קצבס, מענדלס ברודער, מיט זיין זון מאיר גוטערמאַן.

שלמה־אהרון קצבס, מענדל און משהס ברודער מיט זיין זון הערץ; אין שטאָט, לעבן זייגער.

יאָסל, טעמעס, קצב, אַ חסידישער ייד.

יששכר גוטערמאַן (בן דוד גוטערמאַן) מיט זיין שותף מנשה וועקסלער.

משה־יונה ווינאָגראַדסקי. ער האָט געהאַט צוויי יאַטקעס: איינע אַ כשרע, לעבן דער שטוב, אויפן אַלטן מאַרק און איינע אַ טרייפענע, אין צענטער. ער איז געווען אַ ייד אַ גביר, געהאַנדלט אויך מיט כּעלן און געדאַוונט אין דער גרויסער שול. ער איז געשטאָרבן פאַר הונגער אין סיביר.

די ברידער לייביש, מאיר און יאַנקל פּאָלאָק — ליטוואַקעס.

אברהם חנא קצב (זבריזשער).

אליק קצב.

יאַנקל פינטשי־רינטשי (סעגאַל) און זיינע זין: מלך (אלי־מלך), שמעון און גרשון.

בערל פעקער.

יאַנקל מוטשניק; בנימין מוטשניק.

טרעגערס

די טרעגערס זענען געשטאַנען אויף אַ נידעריקערער ״פּראָ־פעסיאָנעלער״ שטאַפּל ווי זייערע קאָלעגן, די בעלי־עגלות. זיי האָבן ניט געהאַט קיין געלט צו קויפן אַ פערד־און־וועגעלע און האָבן געאַרבעט מיט אייגענע כוחות. זיי פלעגן זיך טרייסטן מיט דעם וואָס אַ מענטש דאַרף זיך ניט אין גאַנצן פאַרלאָזן אויף אַ פערד און פלעגן דאַנקען גאָט וואָס זיי פאַר־מאָגן געזונטע פּלייצעס צו שלעפּן די זעק.

זיידע, נחום שוסטערס זון, איז טאַקע געווען אַ בלינדער, נאָר פון דעסטוועגן האָט ער געאַרבעט ווי אַ טרעגער און געשלעפּט די זעק מיט מעל אויף דער פּלייצע. מען דערציילט, אַז ס׳האָט אויסגעפּעלט אַ כלי־זמר אויף אַ חתונה, פלעגט מען רופן זיידען און אים געבן אַ פּאָר טאַצן אין די הענט, ער זאָל קלאַפּן דעם טאַקט.

משה דער שטומער פלעגט אָפּטראָגן קלענערע פּעקלעך אין שטאָט און אַחוץ דעם פלעגט ער אויפקלעפּן די פּלאַקאַטן פאַר יונה זילבערמאַנס טעאַטער.

די טרעגערס, פּונקט ווי די בעלי־עגלות, האָבן שווער געטראָגן דעם עול פון פּרנסה און פון דעסטוועגן געלעבט מיט אמונה און בטחון.

שמידן (קאָוועליעס) און סטעלמאַכן

פון די בעלי־עגלות האָבן געהאַט פּרנסה אויך די שמידן און סטעלמאַכן. זיי האָבן שווער געאַרבעט אָבער פאַרדינט האָבן זיי ווייניק.

משה קאָוועל, דער זון פון יאַנקל קאָוועל איז געווען אַ חשובער בעל־הבית אין שטאָט און אַ שיינער ייד. ער פלעגט ליב האָבן צו דערציילן מעשיות פון דער צייט ווען ער האָט געדינט ביים מיליטער.

אַ צווייטער שמיד איז געווען אַהרון, דער זון פון אליעזר פּאַסטערנאַק. שפּעטער איז ער געוואָרן אַן אויפזעער אין אַ גומי־פאַבריק, אין טשערנאָוויץ, און פלעגט העלפן יעדן כאָטי־נער וואָס האָט געוואָלט באַקומען דאָרטן אַרבעט.

די בכבודיקסטע סטעלמאַכן אין כאָטין זענען געווען פייבוש סטעלמאַך און יאַנקל קאַרעטניק. מען מוז אויך דערמאָנען איציק סטעלמאַך (גוטערמאַן) און ר׳ הערשל סטעלמאַך (לימאַנטשיק) — גבאי אין דער גרויסער שול. אין זייערע וואַרשטאַטן האָבן געאַרבעט אַ סך לערן־יינגלעך און געזעלן.

בעלי־עגלות

די בעלי־עגלות זענען געווען אַ באַזונדערע עדה אין שטעטל און זיי האָבן געהאַט זייער אייגענעם שטייגער אין לעבן. יעדן פרימאָרגן פלעגן זיי זיך פאַרזאַמלען אויף דעם זעלבן פּלאַץ, לעבן בערל ווייסאָדלער, אויף דער שניידערישער גאַס. אַהין פלעגן קומען קונים באַשטעלן אַ לאַסטוואָגן, אָדער אַ וועגעלע צו פירן געפּעק.

בתוך אָט דער עדה זענען געווען פאַרשיידענע גרופּעס: אַזעלכע וואָס האָבן געהאַט נאָר אַ האַנט־וועגעלע, וואַסער־פירערס, בעלי־עגלות מיט איין פערד און מיט צוויי פערד, בעלי־עגלות מיט פאַעטאָנען, וואָס פלעגן פירן פּאַסאַזשירן פון איין שטאָט אין דער אַנדערער און בעלי־עגלות וואָס פלעגן פירן סחורות.

אָבער אַלע אין איינעם זענען זיי געווען אַן עדה האָרע־פּאַשניקעס, ערלעכע מענטשן, וואָס האָבן שווער געאַרבעט פאַרן שטיקל ברויט, און איינעם מיט די פערד וואָס האָבן זיי געהאָלפן צו דער פּרנסה.

לאָמיר דערמאָנען עטלעכע נעמען פון אָט דער באַזונ־דערער עדה — די כאָטינער בעלי־עגלות.

משה קוקער (סגי־נהור, דער בלינדער). דאָס איז געווען זיין צונאָמען. ווער האָט דען ניט געהאַט קיין צונאָמען? אַ גאַנץ יאָר האָט ער געאַרבעט אין דרויסן; דערפאַר האָט ער געהאַט אין ווינטער אַ געשוואָלענע נאָז פון דער קעלט און אין זומער אַ פאַרברענט פּנים פון דער זון. געדאַווונט האָט ער ביי וועלוול בעקער. זיינע זין — שלמה און שמואל — זענען אומגעקומען אין די לאַגערן. זיין טאָכטער שרה איז געבליבן אין כאָטין. אַ צווייטע טאָכטער און אַ זון זענען אַוועק קיין אַרגענטינע.

יאָסל מעדניק, יאַנקל מעדניקס זון. ער האָט פאַר־מאָגט אַ צעבראָכן וועגעלע מיט איין פערד און פון דעם האָט ער געצויגן חיונה. ער פלעגט אַלץ טאָן פּאַמעלעך און זאָר־געוודיק. געדאַווונט האָט ער ביי וועלוולען אין קלויז. דאָס זענען געווען בעלי־עגלות בני בעלי־עגלות און די קינדער זייערע זענען אויך געוואָרן בעלי־עגלות.

משה בעבאַלע, מיטן צונאָמען "שעסטאָפּאַלעץ" — מחמת ער האָט געהאַט זעקס פינגער ביי איין האַנט. ער האָט געהאַט אַ קליין ווייס פערדל. די שולגאָס ווו ער האָט געוווינט איז שטענדיק געווען פאַרזונקען אין בלאָטע און אַז ער איז אַהיים געפאָרן האָט ער קוים אַרויסגעשלעפּט דאָס פערדל פון דער קלעפּיקער ליים. ער אַליין — משה בעבאַלע — איז געווען אַ הויכער ייד און אַ ביסל אַן איינגעבויגענער. ווען ער פלעגט נעמען אַ זאַק מעל אויף דער פּלייצע, פלעגט ער שטענדיק זאָגן: "קוקט ניט, ס'זאָלן אייך אַרויס די אויגן!"...

שלמה שערעוויצער, מיטן צונאָמען "שלמה גוי" — מחמת ער איז געווען געזונט און שטאַרק ווי אַ גוי. ווינטער־צייט פלעג ער זיצן אין שערעוויץ און זיך מפרנס זיין פון שניידעריי. זומערצייט פלעג ער זיך איבערפירן אין כאָטין און אַרבעטן ווי אַ בעל־עגלה.



שלמהס זין — יאָסל און לייב — זענען אומגעקומען.

לייבוש קאָטיק, אַן איינגעבויגן יידל, מיט אַ לאַנ־גער נאָז און אַ צעפּאַטלטער באָרד. דאָס היטל און דאָס רעקל זענען שטענדיק געווען איינגעטונקען אין מעל. תמיד פלעגט ער שלעפּן דאָס פערדל — אַנדערש האָט עס ניט געוואָלט גיין. סיי זומער, סיי ווינטער פלעגט אַרויסשטעקן עפּעס אַ שווענצל פון זיינע בגדים — און דערפאַר האָט מען אים טאַקע גערופן "קאָטיק". אין דער היים פלעגט ער זיך שטענדיק קריגן מיט די קינדער פון זיינע צוויי ווייבער — איז טאַקע געווען ביי אים פריילעך...

יאַנקל טשונטל (וויינשטיין) פלעגט דער עיקר פירן פלייש פון שעכטהויז. ער האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ באַלעבאָס און אויפן מאַרק פלעגט ער שטיין לעבן בערל ווייסאָדלער. די זין זיינע האָבן אויך געאַרבעט און שיין פאַרדינט.

אברהם בן מיכל קרעפּוסטמאַן (טאָטשאַנקאַ) איז געווען אַ ייד אַ גבר, אַ ריז. ער האָט נאָר אַ ביסל געהינ־קען. ער פלעגט שטיין מיט זיין פאַעטאָן אויף דער בירזשע־גאַס, אַקעגן דעם בולוואַר. ערב שבת פלעגט ער זיך אויספּוצן און גיין אין בית־המדרש אויפן שולהויף, אין איינעם מיט זיין טאַטע.

ער פלעגט אָנוואַרפן אַ שרעק אויף די גויים. אַז זיי האָבן זיך צעפירט די הענט איז געווען גענוג זיי זאָלן הערן אַז אברהם גייט — און אַלע זענען זיך צעלאָפן.

ישראל־הירש וואַרוואַרע, חוה־יענטע וואַרוואַ־רעס זון — אַ הויכער ייד מיט אַ שוואַרצער באָרד. ער פלעגט זיצן אויפן וואָגן ווי אַ גיבור. ערב שבת, פון פינף אַ זייגער, פלעגט ער אין ערגעץ ניט מער פאָרן. ער פלעגט זיך אָנשמירן די שטיוול מיט פישאייל און גיין אין שול אַריין, אין וועלוועלע בעקערס קלויז.

ישראליק בעל־עגלה האָט געהאַט אַ פאַעטאָן און געאַרבעט אין איינעם מיט זיין זון שלמה. געדאַווונט האָט ער אין מעזשבאָזשער קלויז.

יאַנקל פּאַטלס האָט פאַרמאָגט אַ פאַעטאָן אין שטאָט און אַ גרויסן לאַסטוואָגן, מיט וועלכן ער פלעגט פאָרן אין אַנדערע שטעט — קיין טשערנאָוויץ, ליפּקאַן, קאַמענעץ כאָדאָלסק א"א. שפּעטער האָט ער געקויפט בשותפות מיט זיין איידעם אַ לאַסטאויטאָ און פלעגט פירן סחורה אין אַנדערע שטעט. צוריקוועגס פלעגט ער ברענגען פּאַסאַזשירן. אין פרייער צייט פלעגט ער זיצן און לערנען אָדער זאָגן תהלים.

חיים־יאָסל קאַטשוק (ראָזענבערג), האָט געהאַט אַ פאַעטאָן מיט צוויי פערד. כאָטש מען האָט אים ניט געהאַלטן פאַר קיין לערנער, איז ער פאַררעכנט געוואָרן ווי אַ בכבודי־קער באַלעבאָס אין שטאָט.

משה איגערקעלע — אַזוי האָט מען אים גערופן, מחמת ער איז געווען קליין און דאַר. ווען משה איז געווען אַ קינד, האָט ער געפירט ביי דער האַנט זיין טאַטן, זיידע טרעגער, וואָס האָט געאַרבעט און געטראָגן זעק, כאָטש ער איז געווען אַ בלינדער.

די לייַ־און שפּאַרקאַסע

איינע פון די וויכטיקסטע אַנשטאַלטן אין דער כאָטינער ווירטשאַפט איז געווען די לייַ־און שפּאַרקאַסע.

די באַנק איז געווען אַ קאָאָפּעראַטיווע אַנשטאַלט, מיטן צענטער אין קעשענעוו. די צאָל חברים איז געווען צווישן ניין הונדערט און טויזנט. ביים אָנהייב איז די באַנק געגרינדעט געוואָרן פונעם דזשוינט, וואָס האָט זי אויך שפּעטער געשטיצט. דער פילאַנטראָפּ חנא רייס האָט געעפנט די באַנק אין זיין פּריוואַטן הויז און דאָרטן האָט זי טאַקע פונקציאָנירט אָנ־הייבנדיק פון יאָר 1930.

אַלע סאָציאַלע שיכטן פון דער באַפעלקערונג האָבן באַ־קומען הלוואות אין אָט דער באַנק. די רייכע סוחרים און די אָרעמע. די פּראָצענטן זענען געווען קליינע און די באַציִונג פון די מענטשן — אַ פאָלקסטימלעכע. ווער ס׳האָט באַקומען אַ הלוואה, האָט זיך אויך פאַרפּליכטעט צו געבן 60 ליי אַ יאָר פאַרן קולטור פאָנד.

די פינאַנציעלע מקורות פון דער באַנק זענען געווען: דעפּאָזיטן (פּקדונות), לייַ־און שפּאַרקאַסע, הילף פונעם דזשוינט און אַ פאָנד וואָס איז געשאַפן געוואָרן פון מיט־גלידער־בייטראָג — (300 ליי).

די באַנק האָט אויך געהאַט קריסטלעכע קליענטן וואָס האָבן געאַרבעט אויף באַשטימטע ערטער. זיי האָט ניט אינטערעסירט וואָס ס׳קומט פאָר אין אַנשטאַלט. זיי זענען געווען פּאַסיוו און האָבן זיך באַנוגנט צו זיין אינדיווידועלע קליענטן. בעת דער קריזיס איז געקומען צו דער מאַכט איז אַ קריסט אַריין אין דער אָנפירונג פון דער באַנק. דעם קאָנטראָל פון די באַנק־עסקים האָט דורכגעפירט דער אינ־דזשיניר אָסאָבקין פון קעשענעוו און מילשטיין פון דזשוינט.

אין דער זעלבער געביידע, דאָס הויז פון חנא רייס, איז אויך געווען די ביבליאָטעק. די באַאַמטן פון באַנק האָבן געאַרבעט אין ביבליאָטעק פרייוויליק. די ביבליאָטעק האָט מען אויסגעהאַלטן פון קולטורפאָנד, וואָס מ׳האָט געזאַמלט ביי די חברים פון באַנק (60 ליי אַ יאָר), פון אָפּצאָל פאַרן לייען ביכער און פאַרשיידענע סובווענציעס.

דער קאָמיטעט פון דער ביבליאָטעק איז אויך באַשטימט געוואָרן דורך דער אָנפירונג פון דער באַנק. דער אַקטיוווסטער אין קאָמיטעט איז געווען מיראָן דערזשי. די באַנק איז געווען אַ לעבעדיקער צענטער, וואָס האָט צוגעצויגן אויך אַלע געסט פון אויסלאַנד. אַהין פלעג מען זיך קומען באַגעגענען.

די אַקטיווע אָנפירער און די נאמנים זענען געווען: מישאַ שור — פּרעזידענט; מיראָן דערזשי — וויצעפּרעזידענט; די חברים פון קאָמיטעט: חיים וואַסערמאַן (אַ לערער אין תלמוד־תורה), חיים־שלום רעכטמאַן (אַ שלאָסער), זוסיא בראָנשטיין (אַ האָלץ־סוחר), חיים־לייב דערזשי — דער הויפּט־בוכהאַלטער. צווישן די אַנדערע באַאַמטן פון באַנק זענען געווען: יאַנקל לערנער, פּיניע רויזמאַן, ישראל ווייַנ־בוים (בוכהאַלטער) און שיטנאָוויצער־שמידט. גזבר — בלושטין.

די באַנק האָט געשפּילט אַ ראָלע אין אַלע געביטן פון געזעלשאַפטלעכן לעבן. יעדעס יאָר פלעג דאָרטן פאָרקומען דער גרויסער פּורים־באַל, ביי וועלכן ס׳האָבן אַקטיוו אָנטייל־גענומען די באַאַמטן פון באַנק און צו וועלכן עס פלעגן קומען מאַסן פון אַלע שיכטן פון דער באַפעלקערונג. דער באַל פלעג אַריינברענגען אַ הכנסה פון 30—40 טויזנט ליי, וואָס זענען געגאַנגען פאַרן יידישן שפּיטאָל.

די לייטונג פון דער באַנק: מאיר לאנדוויגער, ישראל ברק, הרש פעפערמאַן, זיידמאַן מוטיה, נולמאַן חיים, וואסערמאַן חיים (בוכאלטער).

די באַנק איז געגרינדעט אין יאָר 1910. הויפּט בוכאלטער איז געווען משה ווארטיקובסקי, הילפס־בוכאלטער: חיים וואסערמאן (נישט דער לערער), חיים לייב דערזשי, זאב גיימאן.

קאַסירער און מידגליד פון דער לייטונג — ישראל ווייַנ־בוים. הילפס־קאַסירער — רוליה פעלדמאן.

נאָך אַ שטיקעל צייט ווען משה וואַרטיקובסקי און חיים וואַסערמאן האָבן פאַרלאָזט די באנק איז געווען הויפּט־בוכאלטער חיים לייב דערזשי די גאנצע צייט ביז צום אריינ־קומען פון די רוסן וואָס האָבן איבערגענעמען די באַנק.

כאַטינער יידן אין די יאָרן פון חורבן

זכור תזכור!

אין יידישן כאַטין וואָס איז חרוב געוואָרן איז פֿאַראַן אַ מאַסן־קבר, אַ זכר פֿון די צעווילדעוועטע חיות פֿון דער רומענישער אַרמיי, היטלערס פֿאַרערערס און מיטהעלפֿערס.

אין ירושלים, אויפֿן הר־ציון, איז פֿאַראַן אַ סימבאָלישער ברודער־קבר, לזכר די זעקס מיליאָנען, וואָס טראָגט דעם נאָמען „מרתף השואה". דאָרטן זענען פֿאַראַן מצבות פֿאַר די צעשטערטע יידישע קהילות אין גלות. אויך די כאַטינער קהילה האָט אַ מצבה אין „מרתף השואה".

זעקס מיליאָנען יידן זענען דערהרגעט געוואָרן, געקוילעט געוואָרן, פֿאַרברענט געוואָרן, פֿאַרטיליקט געוואָרן אויפֿן גרויליקסטן אופֿן, ווי גלייך זיי וואָלטן קיין מענטשן ניט געווען.

אין אָט דעם ים פֿון טרערן און אַש איז אויך פֿאַראַן אַ טראָפּן וואָס הייסט כאַטין.

אין אַ יזכור־ספֿר וועגן איינער פֿון די פֿאַרלענדטע קהילות דאַרפֿן דערמאָנט ווערן אַלע יידן וואָס זענען פֿאַרטיליקט געוואָרן.

אייראָפּע איז געוואָרן אַ טרויעריקער בית־עלמין, אויף וועלכן עס זענען פֿאַרשפּרייט די קברים פֿון די קדושים; דער מאַסן־קבר פֿון כאַטין איז נאָר אַ רינג אין אָט דער קייט.

מיר דאַרפֿן געדענקען אַז דער אַשמדאַי האָט געוואָלט אָפּמעקן פֿון דער ערד יעדן זכר פֿון יידישן פֿאָלק.

די פֿאַרשאָלטענע חילות פֿונעם אַשמדאַי האָבן דערגרייכט ביז צו די טויערן פֿון ארץ־ישראל. די אַראַבער, היטלערס בעלי־ברית, האָבן אָפֿן דערקלערט: די אַלטע, די קינדער און די מענער וועלן מיר אויסקוילען, דאָס פֿאַרמעגן וועלן מיר צונעמען און די פֿרויען וועלן מיר פֿאַרוואַנדלען אין דינסטן.

דער אַשמדאַי איז באַזיגט געוואָרן איידער ער איז אַריינגעדרונגען אין ארץ־ישראל און אַזוי אַרום זענען מיר געראַטעוועט געוואָרן פֿון אַ דריטן חורבן. אויף דער ערד פֿון ארץ־ישראל איז אויפֿגעקומען מדינת־ישראל. די יידישע אַרמיי איז דער סימבאָל פֿון ישראלס זיכערקייט. אַ רויטער פֿאָדעם פֿאַרבינדט די דורות פֿון יהושע בן־נון, דוד המלך, די מכבייער, בר־כוכבא, די תפֿוצות, די גירושים, שיבת־ציון, דער אומקום־פּעריאָד, דער אויפֿשטאַנד אין די געטאָס, דער אויפֿשטאַנד אין ציון — ביז צו דער מדינה.

דאָ, אין מדינת־ישראל, קענען מיר מזכיר זיין אונדזערע טייערע וואָס זענען אומגעקומען. ניט אומעטום אויף דער וועלט איז פֿאַראַן אַזאַ מעגלעכקייט. מיר האָבן די דאָזיקע מעגלעכקייט אין זכות פֿון יענע וואָס האָבן געחלומט וועגן אויפֿקום פֿון ישראל, בעת דאָס רוב פֿון פֿאָלק האָט געלעבט דאָס טאָג־טעגלעכע לעבן אין גלות, בעת ס'האָבן זיך נאָך ניט געהאַט אָנגעזען די פֿאַרניכטונגס־וואָלקנס, אָדער דאָס רוב האָט זיי נאָך ניט באַוויזן צו זען. די ווייניקע וואָס האָבן געזען וואָס ס'קומט אויף אונדז, האָבן אָפּגעשטויסן אַפֿילו דעם געדאַנק פֿון „אַ רויִקן און שפּעדיקן גלות". זיי האָבן געחלומט וועגן נאַציאָנאַלן שטאָלץ און וועגן פֿרייהייט אויף ציונס ערד.

עס זענען אויך געווען אַזעלכע וואָס האָבן אַרויסגעוויזן אָפֿענע שינאה לגבי ציוניזם. מיר מיינען די יעווסעקעס, וואָס האָבן באַנוצט יעדע געלעגנהייט צו מסרן און איבערצוגעבן ציונים אין די הענט פֿון דער סאָוועטישער מאַכט. לאָמיר ניט פֿאַרגעסן די אַסירי־ציון! זיי האָבן זיך מקריב געווען פֿאַרן כבוד פֿון ישראל. אין די תפֿיסות פֿון סאָוועטן־פֿאַרבאַנד און פֿון די אַראַבישע לענדער טראָגן זיי הויך די פֿאָן פֿון ישראלישן אויפֿקום.

אויף אָט דעם נאַציאָנאַלן פֿאָן און אויף דעם פֿאָן פֿון נאַציאָנאַלער קאַטאַסטראָפֿע דאַרפֿן מיר דערמאָנען דאָס יידישע כאַטין.

אין אָט דעם ספֿר זענען מיר מזכיר כאַטין, די טייערע

אונדזערע וואָס זענען אומגעקומען, די נעענטערע און די ווײַטערע סביבה. די עלטערע צווישן אונדז געדענקען נאָך די ממשלה פון צאַר און די ייִנגערע געדענקען די רומענישע ממשלה. ביידע אין איינעם געדענקען נאָך גוט דעם סאָוועטישן "גן־עדן".

דאָרט, אין כאָטין, האָט מען גערעדט רוסיש, רומעניש און אויך יידיש, פאַרשטייט זיך. עס זענען אויך געווען אַזעלכע וואָס האָבן געלערנט עברית, וואָס איז שפּעטער געוואָרן די שפּראַך פון די וואָס האָבן געחלומט וועגן ישראלס אויפקום אין זיין פאָטערלאַנד.

אין שול האָט מען געלערנט וואָס איז אַזוינס אַ ייִד. "זשידאַן פאַרשיווי" — פאַסקודסטווע יידן, האָט מען אונדז גערופן. ווען קוזאַ־גאָגאַ זענען געקומען צו דער מאַכט איז דער האַקנקרייץ געוואָרן דער אָפיציעלער סימבאָל פון דער מדינה און איז געהאַנגען איבער אַלע גאַסן, בעת "די גרינע העמדלעך" האָבן דעמאָנסטרירט און געשריגן אַנטיסעמיטישע לאָזונגען. ווען ס'איז געוואָרן פינצטער האָבן די פאַשיסטן זיך פאַרזאַמלט אין שטאָטפּאַרק און זיך געגרייט אָנצוגרייפן, זיי האָבן אָבער באַקומען קלעפּ און זענען פאַרטריבן געוואָרן פון דער יידישער יוגנט און בפרט פון דער אַרבעטנדיקער יידישער יוגנט, וועלכע האָט פאַרשטאַנען וואָס ס'דאַרף פאָר־קומען און האָט זיך צוגעגרייט.

אָט די פרשה האָט זיך אָבער אין גיכן פאַרענדיקט און די יידן זענען ניצל געוואָרן פון פּאָגראָמען. דער קעניג קאַרל, וואָס האָט געבראַכט צו דער מאַכט די קוזאַ־גאָגאַ רעגירונג, וואָס האָט געדאַרפט קומען אויפן אָרט פון דער "אייזערנער גוואַרדיע" מיט איר אַנאַרכיע, האָט זיך אונטערגעגעבן דעם קול וואָס איז געקומען פון יענער זייט דניעסטער און האָט געמאַכט אַ סוף צו דער פאַשיסטישער ממשלה. קאָדרעאַנו, דער אָנפירער פון דער "אייזערנער גוואַרדיע" איז אומ־געבראַכט געוואָרן. פון דעסטוועגן האָבן היטלערס פאַרערערס אין רומעניע געהאָפט אַז ס'וועט נאָך קומען זייער טאָג.

נאָך דעם אולטימאַטום וואָס מאָסקווע האָט געשיקט קיין בוקאַרעשט, זענען די סאָוועטן אַריין אין בעסאַראַביע און אין רומעניע האָבן זיך אָנגעהויבן די פּאָגראָמען קעגן יידן, וואָס זענען באַשולדיקט געוואָרן אַז זיי האָבן פאַרקויפט בעסאַ־ראַביע די רוסן.

די וואָס, צוליב פאַרשיידענע סיבות, האָבן ניט געקאָנט פאַרווירקלעכן זייער חלום עולה צו זיין קיין ארץ ישראל און זענען פאַרבליבן אין בעסאַראַביע, האָבן אָנגעהויבן צו ליידן פון רדיפות; אַ טייל זענען פאַרשיקט געוואָרן קיין סיביר. אַ טייל זענען אַריינגעוואָרפן געוואָרן אין תפיסה און דער רעשט האָט געליטן פון דעם טאָג־טעגלעכן גרויען לעבן. ווען די דייטשן האָבן אָנגעגריפן דעם סאָוועטן־פאַר־באַנד, האָבן די רומענער זיך אומגעקערט קיין בעסאַראַביע און האָבן אָנגעהויבן אַ נייע סדרה פון רדיפות און גירושים. די שולן זענען פאַרברענט געוואָרן, יידישע הייזער זענען אויסגערויבט געוואָרן, בלוט און פייער זענען געווען דער יידישער גורל, טאָג און נאַכט.

בעת מיר זענען מזכיר די יידישע קהילה פון כאָטין, טאָרן מיר ניט פאַרגעסן וואָס מען האָט געטאָן אונדז און אונדזערע ברידער סיי ווו דאָס איז געווען.



די רוסן קומען אַריין אין כאָטין...

אין יענעם פּרייטיק, אַ זייגער זעקס אין דער פרי, איז די קאָמוניסטישע יוגנט אַרויס זינגענדיק און טאַנצנדיק צו דער בריק איבערן דניעסטער, מיט פאָנען אין די הענט, כדי מקבל פּנים צו זיין די סאָוועטן, די באַפרייער. די רומענער זענען אַנטלאָפן.

נאָכן אַריינקומען פון די סאָוועטן איז די שטאָט ווי פאַרשטומט געוואָרן. מענטשן זענען נעלם געוואָרן, פאַרמעגנס זענען נאַציאָנאַליזירט געוואָרן און די עקאָנאָמיע איז געגאַנגען באַרג אַראָפּ. מיט יעדן טאָג זענען לענגער געוואָרן די רייען ביים איינקויפן שפּייז. די רומענישע דאָקומענטן זענען פאַרביטן געוואָרן אויף סאָוועטישע, אין וועלכע עס זענען געווען סימנים וואָס נאָר די מאַכט האָט געוווּסט, בנוגע דער קלאַסן־צוגעהעריקייט.

דעם 13טן יוני ביי נאַכט זענען געקומען צו מיר צוויי סאָוועטישע זעלנער און האָבן ביי מיר צוגענומען מיינע דאָקומענטן. אַזוי אַרום האָב איך אין תוך אויפגעהערט צו עקסיסטירן. ווען מיר זענען אָנגעקומען אין קאָמענדאַטור האָבן מיר שוין דאָרטן געטראָפן אַנדערע יידן: צבי פורמאַן, בעריש גיטלמאַן, יוסף מעדניק, שלמה דעזשמאַן, שמואל באַראַק און זיין זון מתתיהו, שלמקע פעלדמאַן, גרשון לעווינזאָן און שבתי קליינמאַן מיט זייערע משפחות.

מ׳האָט אונדז אַריבערגעפירט קיין נאָוואָסעליץ און דאָרטן האָט מען אונדז אַריינגעזעצט אין וואַגאָנען. די משפחות זענען לרוב צעטיילט געוואָרן — מענער באַזונדער און פרויען באַזונדער. איך בין געבליבן אין איינעם מיט מיין משפחה. עטלעכע מענער האָט מען אַראָפּגענומען פון די וואַגאָנען און ביזן היינטיקן טאָג ווייס מען ניט ווו זיי זענען אַהינגעקומען.

נאָך אַ נסיעה פון צוויי וואָכן זענען מיר אָנגעקומען אויף אַן אָרט, ווו מיר זענען דורכגעגאַנגען שבעה מדורי גיהנום. אַ טייל פון אונדז זענען טאַקע דאָרטן געשטאָרבן.

קוקנדיק אויף צוריק קאָן איך אָבער זאָגן אַז די סיבירער קעלט האָט מיך געראַטעוועט פון די דייטשישע אויוונס.

ליקווידירונג פון יידישער קולטור אין כאָטין

די סאָוועטישע מאַכט וואָס האָט אונדז "באַגליקט" אין יאָר 1940 האָט זיך תיכף אַ נעם געטאָן מתקן זיין אונדזער גייסטיק לעבן. די נייע מאַכטהאָבערס האָבן טאַקע ניט געהאַלטן פון אונדזערע נביאים, אָבער דעם פסוק "לנתוש ולנתוץ ולהאביד ולהרוס", פון ירמיהו הנביא, האָבן זיי מקיים געווען אין גאַנצן. זיי האָבן געטענהט אַז צו ערשט דאַרף מען צעשטערן דאָס אַלטע און דערנאָך בויען דאָס נייע. האָבן זיי זיך טאַקע גענומען צעשטערן, מיט דער הילף פון די אָרטיקע אַקטיוויסטן.

צו ערשט האָבן זיי אַראָפּגענומען דאָס בלאָ־ווייסע שילדל פון דער ביבליאָטעק. זיי האָבן געהייסן פאַרמאַכן די שול "תרבות". זיי האָבן געפאָדערט פון די פאַראַנטוואָרטלעכע פון דער שול זיי זאָלן אומקערן דער קהילה דאָס גאַנצע געלט וואָס זיי האָבן באַקומען אין משך פון דער צייט ווי אונטערשטיצונג, הגם די קהילה איז פאַקטיש אויך ליקווידירט געוואָרן, באַשטייענדיק נאָר כדי אָפּצומאָנען די חובות.

דאָס איז נאָך ניט אַלץ. זיי האָבן געזאָגט אַז מען וועט נאָך פאָדערן חשבון פון די פאַראַנטוואָרטלעכע פון דער שול פאַר דער פאַלשער דערציִונג וואָס זיי האָבן געגעבן די קינדער. זיי האָבן עס ניט דערלעבט.

אָט די אַקטיוויסטן האָבן געמיינט אַז אַלע זייערע בריקן צו יידישקייט זענען געמאַכט פון פּאַפּיר און ס׳איז גענוג צו פאַרברענען די בריקן, כדי זיך אָפּצורייסן פון אַלץ וואָס ס׳איז יידיש. זיי האָבן זיך ניט באַנוגנט מיט "לנתוש", זיי האָבן געהאַלטן פאַר זייער חוב מקיים צו זיין אויך דעם "להאביד". זיי האָבן צעשטערט אָן רחמנות. אַלע יידישע און העברעישע ביכער פון דער ציוניסטישער ביבליאָטעק האָבן זיי אַרויסגעוואָרפן אויפן הויף, אין דער בלאָטע, ווו ס׳האָבן גענישטערט די חזירים. וואָס מיר האָבן זיך געבעטן ביי די אַמאָליקע פאָרשטייער פון דער "קולטור־ליגע": "נעמט די ביכער אַריין צו אייך, זאָלן זיי דאָרטן ליגן", "ניין — האָבן זיי געענטפערט — מיר דאַרפן ניט קיין ציוניסטישע קולטור!"

קיינער האָט זיך ניט דערוועגט אַריינצונעמען אַ ביכל אין שטוב, מען זאָל אים ניט חושד זיין, חלילה, אין ציוניזם. אַזוי איז חרוב געוואָרן די גאַנצע ביבליאָטעק.

דער קאָמיטעט האָט באַוויזן חרוב צו מאַכן, אָבער ער האָט ניט באַוויזן עפּעס אויפצובויען, ווי אונדזערע חכמים האָבן געזאָגט: אין קטגור נעשה סניגור.

די סאָוועטן ליקווידירן די יידישע קהילה

ווען די רוסן זענען אַריינגעקומען אין כאָטין, אין יאָר 1940, איז איבערגעריסן געוואָרן דאָס גייסטיקע לעבן פון דער יידישער קהילה, וואָס איז אָפּגעהיט געוואָרן אין משך פון דורות.

ס׳איז תיכף געשאַפן געוואָרן אַ קאָמיסיע צו ליקווידירן די קהילה. בראש פון דער קאָמיסיע איז געווען שאול עושר, (שוויליקל דער טענצער) אַ קרוב פונעם חזן משה עושר. ער האָט געזאָגט: אַ שאָד וואָס מיר לעבן ניט אין דער תקופה פון 1918. דעמאָלט וואָלטן מיר אויפגעהאנגען אַלע ציוניסטן אין אַלע פאַרזאָרגערס פון דער קהילה אין מיטן גאַס.

די ליקווידירונגס־קאָמיסיע האָט באַשלאָסן, צווישן אַנדערע, אַז די ציוניסטן דאַרפן צוריקגעבן די הכנסות פון דער קהילה פאַר די לעצטע יאָרן. די אָנפירערס פון דער קהילה האָבן געדאַרפט באַצאָלן 126.000 ליי — דאָס געלט וואָס מ׳האָט באַקומען ביים פאַרשרייבן אין גאָלדענעם בוך פון קרן הקימת לישראל, די הוצאות וואָס מ׳האָט געמאַכט ביים רעמאָנטירן די קהילה און דאָס געלט וואָס מ׳פלעגט געבן יוגנטלעכע אויף הוצאות קיין ארץ־ישראל.

זעקס מענטשן האָבן געדאַרפט צונויפשטעלן די סומע געלט: יוסף אפלבוים, משה ווייסמאַן, חיים ווייסמאַן, אדוואָקאַט פעלדמאַן, אברהם רובינשטיין און משה רויזמאַן. פעלד־

מאַן איז שוין געווען אַרעסטירט, אַזוי אַז די פרוי זיינע איז געווען געצוווּנגען צו געבן 21.000 ליי.

סוף־כל סוף איז די קהילה אין גאַנצן ליקווידירט געוואָרן.

אונטער סאָוועטישער מאַכט

די אַנטיסעמיטישע רעגירונג פון גאָגאַ־קוזאַ האָט טאַקע לאַנג ניט געדויערט — אין גאַנצן זעקס וואָכן — אָבער די גזירות קעגן יידן זענען געבליבן: די רומענישע שפּראַך האָט געדאַרפט זיין די איינציקע שפּראַך אין לאַנד, אַלע אינסטיטוציעס און די פּרעסע האָט געדאַרפט ראָמאַניזירט ווערן, דאָס הייסט אַז יידן זענען פון אומעטום פאַרטריבן געוואָרן. אַחוץ דעם, האָבן אַלע בעסאַראַבער יידן געדאַרפט ברענגען דאָקומענטן אַז זיי זענען רומענישע בירגער. אין מיסחר האָט זיך דווקא באַוויזן אַן אויפלעבונג, אָבער אויך אויף דעם שטח איז ביי יידן צוגענומען געוואָרן דער באָדן פון אונטער די פיס.

ביים סוף פון די דרייסיקער יאָרן זענען אין אייראָפּע פאָרגעקומען אויפטרייסלענדיקע פּאָליטישע געשעענישן. די דייטשן האָבן באַזעצט פּוילן און זענען געשטאַנען ביי די טויערן פון רומעניע; דער רוסיש־פינלענדישער קריג אד״גל.

לויט דעם הסכם צווישן ראַטן־פאַרבאַנד און דייטשלאַנד, איז בעסאַראַביע אַנעקסירט געוואָרן אין 1940 צום ראַטן־פאַרבאַנד און די בעסאַראַבער יידן האָבן זיך געמאַכט אילוזיעס אַז ס'איז פאַר זיי געקומען די אמתע פרייהייט. אין גיכן האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן אַז עס זענען פאַרשלאָסן געוואָרן די מקורות פון פרנסה. די יוגנט איז מאָביליזירט געוואָרן צו די מינעס פון דאָמבאַס, וווּהין זיי זענען געפאָרן מיט גרויס געטומל און רעש און זיך אומגעקערט שטיל־שווייגנדיק.

מסירות זענען געוואָרן אַ מין נייע פּראָפעסיע און זענען געווען אַ טראַגעדיע פאַר די כאָטינער יידן.

די באַוווּסטע כאָטינער בעל־עגלות האָבן מער ניט געהאַט קיין פרנסה. די פויערים האָבן ניט מער אַרויסגעבראַכט זייערע פּראָדוקטן אין שטאָט. דער מיסחר האָט געהינקען און די גאַנצע עקאָנאָמיע האָט סטאַגנירט. די גייסטיקע, רעליגיעזע און נאַציאָנאַלע מנהיגים זענען פאַרשיקט געוואָרן קיין סיביר. די שולן זענען געווען יידיק און דער איינציקער הערשנדיקער גלויבן איז געווען דער גלויבן אין סטאַלין.

דער פאַבריקאַנט פעלדמאַן האָט צו זיין צייט ניט פאַרטריבן דעם אדמו״ר טווערסקי פון דער דירה ווייל ער האָט ניט באַצאָלט קיין דירה־געלט, אָבער די סאָוועטישע מאַכט האָט פאַרריכט די ״עוולה״. זי האָט דאָס געטאָן מיט דער הילף פון דער פּאָליציי.

דערפאַר האָט מען אינסצענירט אַ פּראָצעס קעגן דעם אַדוואָקאַט פעלדמאַן. מאָטי באַרלאַם, דער לערער נאַקמאַן און אַנדערע חסידים פון דער נייער מאַכט האָבן אַוועקגעשטעלט פעלדמאַנען ווי אַ שונא פון פאָלק און ער איז פאַרשיקט געוואָרן קיין דניעפּראָפּעטראָווסק. ער איז געשטאָרבן שפּעטער אין טשערנאָוויץ.

דאָס איז געווען די גערעכטיקייט וואָס האָט זיך אַראָפּגעלאָזט איבער כאָטינער יידן.

טרויעריקע זכרונות פון חודש יולי 1941

די רוסן זענען אַנטלאָפן און די רומענער מיט די דייטשן האָבן זיך דערנענטערט. די שטאָט איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שלאַכטפעלד. געפאַלענע ליגן אויף די גאַסן. צווישן זיי — דאָס פאָרפאָלק אַפּלבוים, יוסף־שמעון מיט זיין ווייב, מתתיהו לערנערס אַ זון...

מענטשן האָבן געזוכט אַ וועג ווי אַזוי זיך צו ראַטעווען. אַ טייל אַנטלויפן מיט די רוסן — אָבער די קוילן דערגרייכן זיי אויף די וועגן. מיין שוועסטער ראָזע מיט איר מאַן — משה וואַרטיקאָווסקי — און די גאַנצע משפחה זענען אומגעקומען אין דעם דאָזיקן ווילדן שטראָם.

דעם 12טן יולי האָבן מיר — אַן ערך דרייסיק מאַן — זיך באַהאַלטן פאַר די באָמבעס אין אַ קאַמער, ביי מיין פאָטער. דער בנין איז געווען געבויט פון שטיין און מיר האָבן געטראַכט אַז ס'איז בעסער ווי אין אַ קעלער, וווּ מען קען פאַרשיט ווערן. מיין מאַמע האָט ניט געצויגן דאָס האַרץ צו בלייבן דאָרטן און זי האָט די גאַנצע צייט געציטערט פאַר שרעק. פּלוצעם איז אַראָפּגעפאַלן אַ גראָבער באַלקן פונעם סופיט און האָט די מאַמע דערהרגעט אויפן אָרט. לעבן איר איז אויך געהרגעט געוואָרן חיים שעפּסל טרעגערמאַן, אַ יינגל פון 18 יאָר, מיינער אַ קרוב.

די מענטשן האָבן זיך אָנגעהויבן צו צעלויפן פון דער קאַמער, אָבער מיר זענען געבליבן מיט די צוויי הרוגים. ערשט שפּעטער, ווען די שיסעריי איז שטאַרקער געוואָרן, האָבן מיר מיט ווייטיק אין האַרצן איבערגעלאָזט די טויטע און געגאַנגען זוכן אַ באַהעלטעניש. ווייט לויפן האָט מען ניט געקענט, זענען מיר אַריין צו יאַנקל צוקערמאַן אין קעלער (לעבן דער טערקישער בריק). דער קעלער איז שוין געווען פול געפּאַקט מיט מענטשן. מען איז געשטאַנען געפּרעסט ווי די הערינגן אין אַ פאַס.

די שיסערייען האָבן זיך ניט אויפגעהערט אויך דעם צווייטן טאָג. מיר האָבן באַשלאָסן, ניט געקוקט אויף דער סכנה, אַרויסצוגיין, כדי צו באַגראָבן אונדזערע טויטע. מיט גרויס מי, האָט דער טאַטע געפונען אַ מענטש מיט אַ וועגעלע. דער טאַטע און דער פאָטער פונעם געהרגעטן יינגל זענען אַוועק אויפן בית־עולם, אַליין אויסגעגראָבן די גריבער און געבראַכט די געפאַלענע צו קבר ישראל.

דריי טעג נאָך אַנאַנד האָבן געבושעוועט די רוצחים און זיך געבאָדן אין יידיש בלוט. קריסטן האָבן אָנגעוויזן וווּ יידן האָבן זיך אויסבאַהאַלטן און די רוצחים האָבן זיי פון דאָרטן אַרויסגעשלעפּט און דערשאָסן. ראובן ראָזנצווייגס טאָכטער האָט געוואָלט ראַטעווען איר פאָטער און זיך מקריב זיין פאַר אים, אָבער די מערדערס האָבן זיי ביידע דערשאָסן — דעם פאָטער מיט דער טאָכטער.

דעם 30טן יולי האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע פּרשה: לך לך! כאָטינער יידן זענען אַרויסגעטריבן געוואָרן, כדי אומצוקומען אין דער פרעמד און אויף די וועגן.

ווען די סאָוועטן־מאַכט האָט פּאַרלאָזט כאָטין...

אין די ערשטע טעג פון דער מלחמה האָט די סאָוועטישע מאַכט מאָביליזירט אַלעמען צו דער אַרמיי, אָן אונטערשייד — יידן און ניט־יידן. נאָך עטלעכע טעג איז אָבער אָנגעקומען אַ באַפעל מען זאָל יידן ניט שיקן אויפן פראָנט. ווען די רויטע אַרמיי האָט זיך צוריקגעצויגן פון שטאָט, האָט מען אונטערגעצונדן כמעט אַלע יידישע הייזער, פונעם בולוואַר ביז צו דער בריק, וווּ ס'האָבן געוווינט די בעל־עגלות.

אַלע יידישע גאַסן האָבן געברענט און מ'האָט ניט געטאָרט לעשן. בכלל האָבן דעמאָלט מענטשן געטראַכט נאָר ווי אַזוי זיך צו ראַטעווען דאָס לעבן.

הונדערטער יידישע משפחות, מיט ווייבער און קינדער, זענען געלעגן אין סאָד ביי הירש טשערקעס. אַנדערע האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אַרום דעם קליינעם קלויסטער, ביי אשר טשאָבעטע, לעבן אַלטן באָד און ביי באַקאַנטע קריסטן. די רויטע אַרמיי האָט געבושעוועט אומעטום, אונטערגעצונדן, געשאָסן, גערויבט. אַ סברה אַז זיי האָבן געוווּסט אַז די דייטשן וועלן אַרויסטרייבן אַלע יידן, האָבן זיי ניט געוואָלט איבערלאָזן קיין יידישע הייזער גאַנצערהייט פאַר די דייטשן. קריסטלעכע הייזער האָט מען ניט אונטערגעצונדן.

די סאָוועטישע מאַכט איז ניט אַוועק, חלילה, פון כאָטין מיט ליידיקע הענט. זיי האָבן מיטגענומען וואָס זיי האָבן נאָר געקענט: שפּייז, קליידער, מעבל. זיי האָבן אָנגעלאָדן פולע אויטאָס און אַוועקגעפירט. די קריסטן האָט גאָרנישט געאַרט; זיי זענען אַוועק אין די דערפער און דאָרטן איבערגעוואַרט די בהלה. יידן זענען אָבער געבליבן אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ, אָן אַ קישן, אָן אַ שטיקל ברויט — נאָך איידער די דייטשן מיט די רומענער זענען אַריינגעקומען. אַזוי האָט אויסגעזען דער סאָוועטישער יושר!

בלוטיקע טעג
די דייטשן קומען אַריין אין כאָטין

אין איינעם פון די הייזער וואָס זענען געבליבן גאַנץ נאָך דעם ווי די סאָוועטישע אַרמיי האָט אָפּגעצויגן און צוריקגעלאָזט "פאַרברענטע ערד" האָבן מיר זיך אַריינגעשטופּט מיט דער גאַנצער משפחה. מיין מומע בינע, דער מאַמעס יינגערע שוועסטער און איר שוועגערין פייגע האָבן געטענהט אַז אין שטוב איז צו ענג און זיי זענען אַרויסגעגאַנגען אין גאָס. פּלוצעם איז אָנגעפאָרן אַ מאַשין פון וועלכער ס'זענען אַראָפּגעשפּרונגען פיר דייטשן. איינער האָט געפרעגט די מומע צי זי איז אַ יידישקע. ווען זי האָט אים געענטפערט אַז יאָ, האָט ער איר געהייסן זי זאָל אים אַריינפירן אין שטוב. די דייטשן האָבן איבערגעקערט די שטוב און געהייסן אונדז אַלעמען אַרויסגיין אין גאָס. מיטן רעוואָלווער אין האַנט האָט איין דייטש געהייסן אַ טייל אַרויסגיין פון דער ריי. ער האָט די אַרויסגעגאַנגענע געפירט צו דער וואַנט פון אַ פאַרברענטן הויז און זיי איינציקווייז אַריינגעשאָסן אַ קויל אין קאָפּ. נאָר איינער איז געבליבן לעבן, ווייל ער האָט געחלשט איידער דער דייטש האָט אויסגעשאָסן און איז אַנידערגעפאַלן.

מיין פעטער און מיין מומע האָבן זיך געבעטן ביי סמעדון, דער קאָמיסאַר וואָס האָט אַלע יאָרן גענומען שוחד ביי יידן און זיך ביי זיי אָנגעפרעסן, ער זאָל דערלויבן צו ברענגען די געהרגעטע צו קבר ישראל. סמעדון האָט גערעדט יידיש ווי אַ ייד. ער האָט זיך אָבער אויסגעשריגן אויף זיי און געזאָגט אַז ער איז ניט מער סמעדו, נייערט היטלער.

מיט שווערער מי איז געלונגען צו באַקומען אַ פור און אַוועקפירן די מתים אויפן הייליקן אָרט. מיט מיינע הענט האָב איך אויסגעגראָבן אַ גרוב פאַר מיין פאָטער און אויך געבראַכט צו קבר ישראל מיינע צוויי שוועסטערקינדער.

מען טרייבט אונדז פון אָרט צו אָרט

מיר זענען פאַרטריבן געוואָרן פון די ערטער ווו מיר האָבן געלעבט פון דורות און געשיקט געוואָרן אין אומקום, נע ונד אויף פרעמדע וועגן.

אין סעקורען זענען מיר פאַרשפּאַרט געווען אין געטאָ און אַוועקגעגעבן דעם לעצטן חפץ פאַר אַ שטיקל ברויט, אָדער אַ קאַרטאָפל. אַ סך פּויערים האָבן אויסגענוצט דעם מצב אין וועלכן מיר האָבן זיך געפונען און ביי אונדז צוגענומען אונדזערע זאַכן אומזיסט.

נאָך צוויי חדשים האָט מען אונדז געשיקט ווייטער, אויפן וועג קיין מאָגילאָוו. די רומענער האָבן געזאָגט אַז ווער ס'האָט ניט קיין כוח צו גיין, זאָל אַרויפקריכן אויף אַ וואָגן, וואָס זיי האָבן אָנגעוויזן. אַ סך האָבן ניט פאַרשטאַנען דעם בייזווייליקן געדאַנק פון די שונאים. מיין מומע האָט מיט געוואַלד אַראָפּגענומען איר מאַן פון דעם וואָגן, אַניט וואָלט מען אים אויך געוועזן געשאָסן מיט די איבעריקע שוואַכע מענטשן.

ביז קיין מאָגילאָוו האָבן מיר געהאַט אַ סך קרבנות. נאָר וויבאַלד מיר זענען אָנגעקומען, האָט מען אונדז געהייסן צוריקגיין קיין סעקורען. דאָ האָבן מיר געהאַט דאָס מזל, איך און מיין קלענערער ברודער, צו געפינען אויף אַ בוידעם אַ גרויסע צאָל פּושקעס מיט פאַרב, וואָס מיר האָבן אויסגעביטן ביי פּויערים אויף קאַרטאָפל און זיך דערהאַלטן ביים לעבן.

ס'האָט קיין סך ניט געדויערט און מען האָט אונדז ווידער געטריבן אין וועג, צוריק קיין מאָגילאָוו. דאָס האָט מען אַלץ געטאָן כדי אונדז צו פאַרמאַטערן און צונעמען דעם לעצטן כוח. דאָס מאָל האָט מען אונדז אַריבערגעפירט דעם דניעסטער און געטריבן ווייטער, אין רעגן און בלאָטעס, ביז מיר זענען אָנגעקומען קיין קאָפּייגאָראָד.

נאָך אַ צייט האָט מען אונדז אויך פון דאָרטן געטריבן ווייטער, אין אַ וואַלד, לעבן דער באַן־סטאַנציע. איך געדענק אַז מיין זיידע, שמואל פוקסלער, וואָס מ'האָט אים גערופן מיטן צונאָמען שמואל אָבעלעס, האָט פאַררעכט דעם נאַטשאַלניק פון דער באַן־סטאַנציע אַ פּאָר שטיוול און דערפאַר האָט ער אונדז געלאָזט וווינען אַ צייט אין אַ שטיבל, לעבן דער סטאַנציע.

אַ סך כאָטינער זענען געשטאָרבן פאַר הונגער און קעלט אין יענעם וואַלד. איך פלעג זיך אַרויסגנבענען פון וואַלד און אַרומגיין בעטלען אַ שטיקל ברויט אין די נאָענטסטע דערפער. אַזוי אַרום האָב איך מפרנס געווען מיין משפחה. ניט איין מאָל זענען אויף מיר אָנגעפאַלן שקצים און מיר באַבראָכן די ביינער.

כאָטינער יידן אין דער שואה

בעצם האָבן די דייטשן געקענט אַריינקומען אין שטאָט אָן אַ שאָס. די סאָוועטן זענען אָפּגעצויגן און ס'האָט ניט געהאַט ווער ס'זאָל זיך אַנטקעגנשטעלן. פון דעסטוועגן זענען זיי אַריין מיט בליץ און מיט דונער. די ערשטע דייטשישע באָמבע איז געפאַלן אויפן גויישן שפּיטאָל. צווישן די קרבנות זענען דאָרטן געווען אויך אַ סך קינדער. בדרך כלל איז אָבער די צאָל קרבנות פון באָמבעס ניט געווען קיין גרויסע, ווייל די מענטשן האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין קעלערס. צווישן די געהרגעטע יידן זענען געווען שמעיה עפּלבוים מיט זיין פרוי, און זלמן לערנער.

ווען ס'האָט זיך באַוויזן דאָס רומענישע מיליטער, איז גרינגער געוואָרן אויפן האַרץ. די יידן האָבן געטראַכט אַז מיט די רומענער איז מען דאָך צוגעוווינט. מענטשן זענען אַרויסגעקראָכן פון די קעלערס. נאָר אַן ערך פופציק יידן זענען פאַרבליבן אין קעלער פון פרוי כיני, אויפן "מאַידאַן". זיי האָבן מסתמא ניט געטרויט די רומענער און האָבן טייער באַצאָלט דערפאַר. עטלעכע סאָלדאַטן האָבן זיך אַריינגעריסן אין קעלער און אַלעמען אויסגעקוילעט. אין דעם ערשטן טאָג זענען אומגעקומען אַן ערך דריי הונדערט יידן, צווישן וועלכע: נוני קירזשנער, שלמה פויגלס צוויי טעכטער, שמואל אָבעלעס דריי קינדער, דריי איידעמס צוויי שנורן און צוויי אייניקלעך.

▼

דעם 7־טן יולי 1941, י"ג בתמוז תש"א, האָט מען די כאָטינער יידן צונויפגעזאַמלט אין דער גימנאַזיע — צום ערשטן די אינטעליגענץ פון דער שטאָט. בעת מען האָט די יידן אַרויסגעטריבן פון זייערע שטיבער, האָבן די רודפים געראַבעוועט און געגזלט וויפל דאָס האַרץ האָט זיי געגלוסט. די פאָרשטייערס פון דער אינטעליגענץ האָט מען פאַררעגיסטרירט און דערנאָך אַרויסגעפירט אויף דער טאָלעקע, לעבן פוילן טייך און אַלעמען אויסגעשאָסן.

אַ טייל מענטשן האָבן די דייטשן אויסגעקליבן פאַר ערוב־ניקעס און זיי פאַרשפּאַרט אין יאַטקע־קלויז, וווּ זיי זענען געזעסן אונטער אַ שטרענגער וואַך מער ווי צוויי וואָכן. אַנדערע יידן זענען גענומען געוואָרן אויף אַרבעט: זיי האָבן געקערט די גאַסן, אָפּגערייניקט חרובע הייזער, פאַרראָכטן דעם וועג אַטאַקי—זוואַניץ—כאָטין. יידן האָבן געשלעפּט קלעצער צום דניעסטער, כדי אויפצובויען אַ פּראָוויזאָרישע בריק.

דעם 21־סטן יולי 1941, תשעה באָב תש"א, האָט מען געבראַכט וועגענער און אַלע יידן פון כאָטין זענען אַרויס־געפירט געוואָרן פון שטאָט. סאָלדאַטן האָבן אַרויסגעטריבן די מענטשן פון די שטיבער, אויפגעלאָדן צו פיר אין אַ וואָגן און... אַרויס.

אויפן וועג האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז די סאָלדאַטן, די בעל־עגלות און די גויים פון די דערפער זענען געווען יד־אחת צוצורויבן דאָס לעצטע וואָס די יידן האָבן נאָך פאַרמאָגט. נאָך אַן ערך צוואַנציק קילאָמעטער, האָט די רודפים אָנגע־כאַפּט פלוצעם אַ געפיל פון צער־בעלי־חיים און זיי האָבן געהייסן די יידן זאָלן אַראָפּגיין פון די פורן, כדי די פערד זאָלן זיך אָפּרוען. ווי אַזוי די יידן זענען אַראָפּגעגאַנגען, האָבן די פורמאַנס געטאָן אַ טרייב די פערד, און אַוועק מיט די יידישע פעקלעך. די פאַרטריבענע זענען ווייטער געגאַנגען צופוס און דערצו נאָך אין אַ גאָס־רעגן.

ביי נאַכט, אין דער פינצטער, האָבן די סאָלדאַטן משלים געווען די רויבערישע מלאָכה, געשלאָגן און געהרגעט, אַז די אָרעמע מענטשן האָבן געמיינט אַז ס'איז שוין אַ סוף צו זייער לעבן.

ביי נאַכט האָט מען זיך געבעטן ס'זאָל שוין קומען דער טאָג, אָבער ווען ס'איז געוואָרן ליכטיק און מ'האָט ווידער אָנגעהויבן גיין אין דער בלאָטע — איז ניט בעסער געוואָרן. ווער ס'איז אַרונטערגעבליבן, דעם האָט מען געשאָסן; ווער ס'האָט זיך אָפּגעשטעלט טרינקען אַ ביסל וואַסער — דעם האָט מען געשאָסן. אַזוי אַרום האָט מען זיך ווידער געבעטן ס'זאָל שוין קומען די נאַכט, מען זאָל כאַפּן דעם אָטעם. ס'איז דערפילט געוואָרן וואָס ס'שטייט אין דער תורה: "בבוקר תאמר מי יתן ערב ובערב תאמר מי יתן בוקר" (דברים, כ"ח, 67).

אונדזער רב ר' בורקע איז געווען פאַראַליזירט און ניט געקענט אַראָפּשטעלן אַ פוס, האָט אים זיין זון געטראָגן אויף די הענט. דאָס האָבן די רוצחים ניט געקענט צוקוקן און, פאַר גרויס "רחמנות",ביידע דערשאָסן.

וואַלאַך דער לעדער־הענדלער, האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי אַ ברונעם כדי צו כאַפּן אַ טרונק — האָט מען אים אויפן אָרט דערשאָסן.

פלוצעם איז אָנגעפאָרן אַ רומענישער אָפיציר און אָנגע־זאָגט די גוטע בשורה אַז מען שיקט אַלעמען צוריק אַהיים; איז געוואָרן אַ פרייד ביים עולם. אויפן וועג צוריק, האָבן מיר באַגעגנט די ליפּקאַנער יידן און זיך פון זיי דערוווּסט אַז מען האָט זיי מיט אַ וואָך פריער געטריבן ביז קיין זשמערינקע און צוריק. דער גרעסטער טייל פון זיי איז שוין געגאַנגען באָרוועס און געהאַט געשוואָלענע פיס. מיר האָבן זיי געגעבן וואָס מיר האָבן געהאַט, ווייל מיר האָבן דאָך געמיינט אַז מיר קערן זיך אום אַהיים. אַזוי איז מען ווידער אָנגעקומען קיין סעקורען. אויפן וועג זענען געלעגן אַ סך געהרגעטע יידן, וואָס קיינער האָט זיי ניט באַגראָבן. אַנדערע, אַן ערך הונדערט מאַן, האָט מען אַריינגעטריבן אין דניעסטער ווּ זיי זענען דערטראָנקען געוואָרן. צום סוף האָט מען זיך נאָך דערוווּסט אַז דער אָפיציר אויפן וועג האָט אָפּגענאַרט און פון אומקערן זיך אַהיים איז גאָרניט די רייד.

אין סעקורען איז מען אָפּגעזעסן צוויי חדשים, אין שרעק־לעכע באַדינגונגען. מענטשן זענען געשטאָרבן פאַר הונגער,

פֿאַר קעלט, פֿון טיפֿוס און פֿון קוילן. די פֿויערים האָבן גאָרנישט געוואָלט פֿאַרקויפֿן פֿאַר געלט — זיי האָבן נאָר געוואָלט בייטן אויף זאַכן: אַ העמד, אַ קלייד, אַן אַנצוג — פֿאַר אַ פֿלעשל מילך אָדער אַן איי. אַ סך מאָל האָט זיך געטראָפֿן אַז דער פֿויער איז געווען ידי־אחת מיטן סאָלדאַט וואָס האָט געהיט די פֿאַרשפּאַרטע יידן: ווי נאָר דער ייד האָט דערלאַנגט דעם פֿויער דאָס שטיקל מלבוש דורך די דראָטן — האָט זיך פֿאַיאַווועט דער סאָלדאַט און דעם פֿויער אַוועקגעטריבן... אַזוי אַרום איז מען געבליבן אָן דעם מלבוש און אָן דעם פֿלעשל מילך, צו וועלכן מ׳האָט אַזוי געגאַרט.

אין אַ שיינעם טאָג, געווען איז עס הושענה־רבה, האָט מען אַלעמען געהייסן זיך מאַכן אויפֿן וועג קיין טראַנסניסטריע. דאָס איז געווען דאָס קוויטל וואָס מ׳האָט זיך אויסגעבעטן אין יענעם יאָר.

מען איז אַרויסגעפֿאָרן אין דריי גרופּעס: פֿון דער ערשטער גרופּע זענען געפֿאַלן אויפֿן וועג זעקס הונדערט נפֿשות; פֿון דער צווייטער — אַן ערך טויזנט. די דריטע האָט געהאַט גאָר אַ טרויעריקן גורל. אויף אַ בערגל האָט געוואַרט אַ רוצח אין אַ בלאָען מאַנטל און, ווי אַ קאַפּעלמייסטער, האָט ער געמאַכט מיט דער האַנט, אָנווייזנדיק ווער ס׳זאָל גיין רעכטס און ווער לינקס. די וואָס זענען געגאַנגען אין דער לינקער זייט האָט מען טאַקע באַלד געשאָסן. ווען מען איז אַרויסגעגאַנגען פֿון סעקורען, האָט מען די אַלטע לייט פֿון מושב־זקנים געלאָזט פֿאָרן אויף וועגענער. אייניקע פֿון די ייִנגערע האָבן זיך אויך אויפֿגעכאַפּט אויף די דאָזיקע וועגענער. נאָך אַן ערך צען קילאָמעטער האָט מען זיי אָבער אַלעמען געשיקט אויף „לינקס" און קיין איינער האָט זיך ניט גערעטעוועט פֿון דער רוצחישער האַנט.

אויפֿן וועג האָבן זיך אָפּגעשפּילט שרעקלעכע סצענעס. מענטשן זענען געוואָרן פֿאַרווילדעוועט און מ׳האָט געטראַכט נאָר ווי זיך אַליין צו ראַטעווען. עלטערן האָבן איבערגעלאָזט קראַנקע קינדער אויפֿן וועג און קינדער האָבן איבערגעלאָזט קראַנקע, שוואַכע עלטערן. אין אַזאַ מצב איז מען אָנגעקומען קיין אַטאַקי...

עס זענען געווען אויך אַ סך וואָס האָבן ניט געקענט איבערטראָגן דעם מצב און האָבן זיך גענומען דאָס לעבן. צווישן זיי איז געווען אויך ד״ר העלמאַן, מאיר לוצקערס זון.

אַריבערגעקומען דעם דניעסטער, אין מאָגילאָוו, האָט מען גענומען ווייטער טרייבן. דער גאַנצער וועג איז געווען פֿאַרזייט מיט טויטע. מענטשן זענען געפֿאַלן ווי די פֿליגן. אַזוי זענען אומגעקומען ישׂראל חריף (גיציס), צבי שווייגער, חיים פּאָדקאַמין, יאַנקל דויטש, שמואל און איטע געניעס און אַ סך אַנדערע. אין שטעטל לוטשינעץ, אַריבערגייענדיק איבער אַ בריק, זענען אייניקע אַראָפּגעשפּרונגען און זיך גענומען דאָס לעבן. צווישן זיי איז אויך געווען אַניטע קאָלפּאַקשי.

אין לאַגער קאָפּייגאָראָד האָבן די גערודפֿטע יידן געהאַט אַ מין אָפּגענאַרטע אויטאָנאָמיע. ס׳איז געווען אַ יידישע מיליץ און אַ יידישער קאָלאָניע־שעף. אָט דער קאָלאָניע־שעף, מיטן נאָמען קופּפֿערבערג, איז געווען אַ שותּף פֿון די רומענער און אַ געטרייער קנעכט זייערער, וואָס האָט זיך באַצויגן מיט אכזריות צו זיינע אייגענע געפּייניקטע ברידער. ער אַליין האָט באַגנבֿעט און באַרויבט די יידן, כּדי זיך צו באַרייכערן. ער האָט צוגענומען די פּעקלעך און דאָס געלט וואָס אַ טייל מענטשן האָבן באַקומען פֿון זייערע קרובֿים פֿון רומעניע.

פּלוצעם האָט זיך געיאַווועט אין קאָפּייגאָראָד אַ דייטשישער אָפֿיציר, וואָס האָט געפּלאַנעוועט אומצוברענגען אַלע יידן פֿון לאַגער. צוליב דעם האָט ער אַלעמען אַרויסגעטריבן פֿון קאָפּייגאָראָד אין אַ וואַלד, אויף אַ שטח אַרומגענומען מיט שטאַכל־דראָט, וווּ דער הונגער און דער טיפֿוס האָט געבושעוועט און פֿאַרשניטן טאָג טעגלעך הונדערטער לעבנס *.

געראַטעוועט פֿון אָט דעם וואַלד האָט מען זיך אַ דאַנק דעם נייעם קאָלאָניע־שעף, פּ. אָרענשטיין (פֿון וויזשניץ) — אַן ערלעכער מענטש, אַן איבערגעגעבענער, וואָס האָט מיט מסירת־נפֿש זיך אָפּגעגעבן לטובֿת הכּלל. ער האָט זיך ניט איין מאָל איינגעשטעלט דאָס לעבן כּדי צו ראַטעווען מענטשן פֿון טויט, מיט אינטערווענציעס ביי דער רומענישער מאַכט, ביי דער צענטראַלע פֿון מאָגילאָוו און וווּ ער האָט נאָר געקענט דערגרייכן. אָרענשטיין האָט איבערגעלעבט די טרויעריקע תּקופֿה און איז געקומען אין ישׂראל.

סוף־כּל־סוף איז געקומען די גאולה און מ׳איז באַפֿרייט געוואָרן דורך דער רויטער אַרמיי. קודם האָט מען אַלע מענער ביז 45 יאָר מאָביליזירט, אָבער אַ גרויסער טייל איז תּיכּף באַפֿרייט געוואָרן, מחמת זיי זענען געווען קראַנק און געשוואָלן פֿון הונגער. די וואָס האָבן זיך אומגעקערט אין כאָטין זענען מאָביליזירט געוואָרן אין די קוילן־שאַכטן פֿון דאָמבאַס. דאָרט האָט מען אויך ניט געלעקט קיין האָניק און מ׳האָט אָנגעהויבן טראַכטן וועגן תּכלית פֿון דער גאולה.

אין כאָטין אַליין האָט מען זיך אויך געפֿילט פֿרעמד און אויסגעוואָרצלט. ס׳האָט זיך באַלד אַרויסגעוויזן אַז די גויים זענען געבליבן ווי זיי זענען געווען און די מלחמה האָט זיי ניט פֿאַרשאַט. אין די מאַרקטעג האָבן זיי פֿרײ געהאַנדלט מיט יידישע פֿאַרמעגנס, וואָס זיי האָבן זיך אָנגערויבט: זילבערנע לייכטער, גלאָזוואַרג, סאַמאָוואַרן, בעטגעוואַנט. קיינער האָט ביי זיי ניט געפֿרעגט פֿון וואַנעט זיי האָבן דאָס אַלץ געגזלט, קיינער האָט זיי ניט געשטערט. האָט אָבער אַ ייד ניט געהאַט קיין אַרבעט, האָט מען אים באַלד גענומען צום פֿאַרהער: פֿון וואָס לעבסטו?

אין די אָוונטן האָט מען מורא געהאַט אַרויסצוגיין אין גאַס. מען איז באַפֿאַלן און איבערגעלאָזט אָן אַ העמד. ס׳איז ניט געווען צו וועמען זיך קלאָגן, קיינער האָט זיך פֿאַר אַ יידן ניט אָנגענומען.

צוויי יאָר זענען מיר געווען אין כאָטין, ביז ס׳איז צו אונדז דערגאַנגען די בשׂורה אַז מ׳קען פֿאָרן קיין רומעניע, אַז אין טשערנאָוויץ שטייט מען אין דער ריי כּדי זיך צו פֿאַרשרייבן. צו ערשט האָט מען אַרויסגעשיקט צוויי עלטערע מענטשן —

* דער דייטש, מיטן נאָמען האַנס מייטנער, האָט געשטאַמט פֿון רומעניע (טימישאָאַראַ). אָנהייב זיבעציקער יאָר האָט מען אים אַנטפּלעקט אין מערבֿ־דייטשלאַנד און, אויפֿן סמך פֿון עדות, געמישפּט פֿאַר קריגס־פֿאַרברעכן.

צירל זעלצער און שלום קושניר — וואָס האָבן געהאַט קינדער אין ישראל, כדי צו זען צי איז די גאַנצע זאַך ניט אַן אויסגעטראַכטע. ווען זיי זענען צוריקגעקומען און דערציילט אַז מען פאַרשרייבט זיך טאַקע, האָט מען זיך אַ לאָז געטאָן קיין טשערנאָוויץ. די אמתע גאולה האָט מען געזען אין ארץ ישראל און כּדי צו קומען אַהין, האָט מען צו ערשט געדאַרפט אַרויס פון סאָוועטן־פאַרבאַנד.

אין כאָטין זענען פאַרבליבן אַן ערך 50 משפּחות, וואָס האָבן ניט געהאַט קיין חשק זיך צו לאָזן פון דאָס ניי אין וועג אַריין. פון די אַן ערך 12,000 כאָטינער יידן זענען אין גאַנצן געבליבן ניט מער ווי זיבן ביז אַכט הונדערט, לרוב אין ישראל, וווּ זיי האָבן ערשט דערלעבט די אמתע גאולה.

זכרונות פון כאָטין און פון טראַנסניסטריע

די זון האָט אָנגעהויבן אונטערגיין פאַר די כאָטינער יידן דעם 28־סטן יוני 1940, ווען די סאָוועטן זענען אַרייַנגעקומען. ס׳האָט זיך דעמאָלט אָנגעהויבן פאַר אונדז אַ לאַנגע פינצטערע נאַכט.

באַלד די ערשטע נאַכט זענען געקומען צו מיין ברודער שלמקע צוויי ענקאַוועדיסטן און אים אַרעסטירט. זיי האָבן געקלאַפּט אין טיר און האָבן געזאָגט אַז דאָס זענען ״טשעסטנעיע ליודי״ (ערלעכע מענטשן) — אָבער אַזאַ יאָר אויף זיי ווי ערלעך זיי זענען געווען. ס׳האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן אַז געזוכט האָבן זיי דווקא אַן אַנדערן שלמה, אָבער אַ שלעכטער סימן איז עס שוין געווען פאַר אונדז אַלעמען. אַז מען האָט מיין ברודער אַרויסגעלאָזט פון תפיסה האָט ער אויסגעלאָזט זיין כּעס אויפן טאַטן — פאַר וואָס ער האָט אים אַ נאָמען געגעבן שלמה... אָבער דער אומגליק האָט זיך ניט פאַרענדיקט דערמיט. מען האָט אים מיט דער פרוי און מיט זייערע צוויי קינדער נאָך אַ מאָל אַרעסטירט און אַוועקגעשיקט קיין סיביר, ווייל ער איז געווען אַ ציוניסט. אַזאַ חטא האָבן די ״ערלעכע מענטשן״ ניט געקענט מוחל זיין. דעם זעלבן גורל האָט געהאַט מיין שוועסטער חנה פיכמאַן און איר מאַן.

דערנאָך האָט מען מיין מאַן קאָנצענטרירט צום מיליטער און ער האָט שוין ניט געטראָפן דעם וועג צוריק אַהיים. איך בין געבליבן אַליין מיט צוויי פּיצלעך קינדער, איינס פון צען יאָר און איינס פון צוויי יאָר. מיט זיי בין איך ווייטער געגאַנגען אין די לאַגערן. דעם טאַטן מיינעם האָבן די רוסן געשיקט אין טורמע, ווייל ער האָט גענומען מיט צען קאָפּיקעס מער פאַר אַ קלעצל פאָדעם, לויט דעם פּרייז אין קאָאָפּעראַטיוו. זיי האָבן אויך צוגענומען ביי אים די גאַנצע סחורה פון זיין גאַלאַנטעריע־געוועלבל.

ווען די רוסן זענען אָפּגעצויגן האָבן זיי אונטערגעצונדן מיין שטוב, אַזוי אַז איך בין געבליבן גלאַט אויפן וואַסער: דער טאַטע אין טורמע, שלמה מיט זיין משפחה — אין סיביר, חנה מיט איר משפחה — אין סיביר, מיין מאַן — ערגעץ ווו ביים מיליטער.

אַזוי בין איך אַוועק בעתן גירוש פון אַלע כאָטינער יידן, קודם קיין סעקורען און פון דאָרטן ווייטער. דאָס געפּעק האָב איך געלאָזט אויפן וועג, אין אַטאַקי, און געטראָגן אויף די הענט מיין קינד, וואָס איז שוין אַלט געווען צוויי יאָר. אַזוי בין איך געגאַנגען ביז קיין מאָגילאָוו און פון דאָרטן ווייטער, קיין קאָפּייגאָראָד. ווען די זשאַנדאַרן האָבן געטריבן ווייטער פון קאָפּייגאָראָד, האָב איך זיך אויסבאַהאַלטן מיט מיינע צוויי קינדער אין וואַלד און געוואַרט ביז די קאָלאָנעס זענען אַוועקגעגאַנגען. אַ מזל האָב איך געהאַט וואָס כ׳האָב זיך געטראָפן מיט מיין ברודער הערשקע פעלדמאַן און זיין משפחה.

מיר האָבן געליטן פון הונגער און קעלט אין קאָפּייגאָראָד און ווען ס׳האָבן זיך אונדז אויסגעלאָזט די לעצטע פאָר זאַכן וואָס מיר האָבן נאָך געהאַט, האָט הערשקע באַשלאָסן מיר זאָלן זיך אַוועקלאָזן קיין קרילאָוויץ, צו די דייטשן דווקא, ווייל מיר האָבן געהערט אַז זיי באַצאָלן מיט ברויט פאַר אַרבעט. מיר זענען אַוועק, עטלעכע כאָטינער משפחות: די געלערס, חיים רעכטער, שלום מילמאַן און אַנדערע.

אין קרילאָוויץ האָב איך געאַרבעט ביי די אָרטיקע יידן: געשמירט ביי זיי די אויוונס און געמאָלן ווייץ. דערפאַר האָב איך באַקומען צו עסן. די אָרטיקע יידן האָבן מורא געהאַט אַרויסצוגיין פון שטוב פאַר די דייטשן. איך אָבער האָב קיין מורא ניט געהאַט. רוסיש האָב איך געקענט — האָב איך מיך אויסגעגעבן אומעטום פאַר אַ גויה. מיין ברודער הערשקע האָט טאַקע געאַרבעט ביי די דייטשן און אויך באַקומען ברויט.

לאַנג האָבן מיר אָבער קיין מנוחה ניט געהאַט. די דייטשן האָבן צונויפגעטריבן קיין קרילאָוויץ די יידן פון סניטקאָוו און ווערבעוויץ און באַלד דורכגעפירט אַ שחיטה. ווער ס׳האָט זיך אויסבאַהאַלטן, דער איז דערווייל געבליבן לעבן.

די דייטשן האָבן געזאָגט אַז די וואָס זענען געבליבן לעבן דאַרפן מער ניט קיין מורא האָבן, ווייל מען וועט מער ניט שיסן, אָבער מיר האָבן געפילט אַז זיי נאַרן אונדז אָפּ און זיי גרייטן אַ נייע שחיטה, כּדי אַלעמען אומצוברענגען. האָבן מיר באַשלאָסן צו אַנטלויפן צוריק צו די רומענער, קיין מאָגילאָוו, וווּ ס׳האָט געלעבט אונדזער ברודער סוניע מיט זיין משפחה.

מיין ברודער הערשקע האָט געדונגען אַ גוי, ער זאָל אונדז אַריבערפירן די גרענעץ קיין יאַראָשעץ. דער גוי האָט אָבער ניט געוואָלט נעמען אַלע אויף איין מאָל — זעקס דערוואַקסענע און צוויי קליינע קינדער. איז געבליבן אַז צו ערשט וועל איך גיין מיט מיינע צוויי קינדער און אַז איך וועל אָנקומען בשלום, וועל איך צוריקשיקן מיטן גוי אַ בלייער, אַ סימן אַז הערשקע זאָל מיר נאָכקומען.

ביי נאַכט בין איך אַוועק, אַ באָרוועסע, מיט די קינדער און געקראָכן אויף אַלע פיר אין דער פינצטערניש. ווען ס׳איז געוואָרן טאָג, האָט אונדז געכאַפּט אַ רומענישע וואַך און אונדז אַרעסטירט. דער גוי איז דערווייל אַנטלאָפן און איך האָב ניט באַוויזן אים מיטצוגעבן דעם סימן פאַר מיין ברודער. איך בין אָפּגעקומען נאָר מיט דער שרעק. די רומענער האָבן צוגענומען דעם פּעלץ וואָס מיין ברודער האָט מיר מיטגעגעבן און אונדז געלאָזט גיין ווייטער.

הערשקע האָט ניט באַקומען קיין סימן און האָט, ווייזט אויס, געמיינט אַז מיר זענען דערהרגעט געוואָרן. שפּעטער האָב איך זיך דערוווּסט אַז ער האָט זיך געגרייט סיי ווי אַנטלויפן פון קרילאָוויץ, אָבער די נייע שחיטה האָט אים פאַרכאַפּט. ער האָט זיך אויסבאַהאַלטן צוואַנציק טעג, ביז אַן אוקראַינער האָט אים געמסרט צו די דייטשן. זיי זענען געקומען און אונטערגעצונדן דאָס באַהעלטעניש, מיט די יידן אין איינעם. אַלע זענען פאַרברענט געוואָרן.

טולטשין — אַן אָרט פון פּיין און טויט

אַ סך בעסאַראַבער יידן, און צווישן זיי אַ סך כאָטינער, זענען פאַרפּייניקט געוואָרן אין די יאָרן 1942—1943, אין דעם לאַגער פון טולטשין, ווו די רומענער האָבן אונדז געצוווּנגען צו גראָבן טאָרף.

די זשאַנדאַרן האָבן געוווּסט נאָר איין זאַך: שנעלער, שנעלער! די באַדינגונגען אין וועלכע מען האָט געאַרבעט זענען אָבער געווען אַכזריותדיקע. די מענטשן זענען געווען הונגעריק, נאַקעט און באָרוועס. זומער איז נאָך געווען האַלבעלייד, אָבער ווען ס׳האָבן אָנגעהויבן די רעגנס און די שנייען — איז ממש געווען שוידערלעך.

די רומענישע זשאַנדאַרן האָבן געפאָדערט פון די פאַרמוטשעטע מענטשן זיי זאָלן מאַכן די נאָרמע ביי דער אַרבעט, נאָך אַזוי ווי מ׳האָט ניט געהאַט קיין כּוח צו אַרבעטן, און די נאָרמע ניט געקענט מאַכן — האָט מען באַקומען אכזריותדיקע קלעפּ. אַ פּאָר שיך, אַ בגד, אַן אָרט אויף צו שלאָפן אין דער וואַרעם — דאָס האָבן די זשאַנדאַרן ניט געגעבן; אָבער קלעפּ מיט די גומענע נאַגייקעס — דאָס האָבן זיי ניט געזשאַלעוועט.

קיין היגיענישע באַדינגונגען זענען אויך ניט געווען אין לאַגער און מענטשן זענען געשטאָרבן פון עפּידעמיעס. קיינער האָט זיך ניט געזאָרגט צו ברענגען רפואות פאַר יידן: די רומענער האָבן דאָך געוווּסט אַז אויפן אָרט פון די געפאַלענע יידן וועלן אָנקומען אַנדערע קנעכט...

מיר האָבן געטראַכט צו געפינען אַן אויסוועג. אַנטלויפן? אַלע וועגן זענען געווען פאַר אונדז פאַרמאַכט. קיינער האָט ניט געטאָרט אויסבאַהאַלטן אַ ייד. אַחוץ דעם, איז אויך געווען אַ סכּנה אַז די יידישע פּאָליציאַנטן וועלן אונדז כאַפּן און איבערגעבן די זשאַנדאַרן. אייניקע האָבן געזאָגט מען זאָל זיך נעמען דאָס לעבן. אָבער דער רוב איז געווען קעגן. אדרבה — האָבן זיי געטענהט — מען דאַרף זוכן אַ וועג צו לעבן.

ניט געקוקט אויף אַלע סכּנות, האָט מען זיך געלאָזט אין וועג. צווישן די וואָס זענען אַוועק זענען אויך געווען אַ סך כאָטינער, ווי למשל: ישׂראל קילימניק, לייב־גרשון דעם שוסטערס זון, יעקב קירזשנער, פּיניע קאַנטאָרזשי, משה בעזנאָס, אבא קאַלאָטערס און אַנדערע.

אויף די וועגן פון גירוש

רומענישע זשאַנדאַרן, כאָטינער שכנים, אוקראַינישע קאָלכאָזניקעס

כּדאי ריכטיק צו שטעלן אַ טעות, וואָס האָט זיך איינגעוואָרצלט ביי די בעסאַראַבער יידן, דהיינו, ווען די מלחמה איז אויסגעבראָכן, האָבן אַלע — דייטשן, רומענער און אָרטיקע שכנים — מיט אַ מאָל אָנגעהויבן צו רויבן. דער אמת איז, אַז אונדזערע שכנים, די גויישע גוטע פריינד פון תמיד אָן, זענען געווען די ערשטע וואָס האָבן אָנגעהויבן הרגענען און רויבן, נאָך איידער ס׳האָט אָנגעהויבן די פּעולה פון דער היטלערישער אויטאָמאַטישער פאַרניכטונגס־מאַשין.

קודם־כּל דאַרף מען דערמאָנען די רוסן. ווען זיי זענען צו אונדז אַריינגעקומען, אין 1940, האָבן זיי זיך אַ נעם געטאָן ליקווידירן די קהילה און אויסוואָרצלען דאָס יידישקייט.

אין 1941, ווען די סכּנה פון אַ רומעניש־דייטשישער אינוואַזיע איז געוואָרן אַ ממשותדיקע, האָט מען געזען אין כאָטין אַז די רוסן גרייטן זיך אָפּצוציען. אַלע באַאַמטן מיט זייערע משפּחות האָבן גענומען זייער האָב און גוטס און זענען אַוועק, אין איינעם מיט דער רוסישער באַזעצונג־אַרמיי. די יידן זענען געגאַנגען צום מיליטערישן מושל און זיך ביי אים געבעטן ער זאָל זיי ניט מפקיר זיין. ער האָט צוגעזאָגט זיך צו רעכענען מיט זייער מצב, אָבער ער האָט ניט געהאַלטן וואָרט.

אַ טייל יידן האָבן געפּרוּווט אַריבערצוגיין דעם דניעסטער אויף אייגענעם חשבון, אָבער די סאָלדאַטן האָבן זיי צוריקגעטריבן. אַ קליינער טייל איז אַריבער אויף זייטיקע וועגן אָבער אַלע האָבן באַצאָלט מיטן לעבן: זיי זענען געהרגעט געוואָרן פון דייטשע באָמבעס אויפן וועג פון קאַמענעץ קיין פּראָסקוראָוו.

ביזן סוף איז געבליבן נאָר אַ קליינע גרופּע סאָלדאַטן, וואָס האָט געדאַרפט אויספירן דעם באַפעל פון ״פאַרברענטער ערד״. זיי האָבן געדאַרפט אַלץ אונטערצינדן, כּדי דער שונא זאָל גאָרנישט געפינען אין די באַזעצטע געביטן. דאָס האָט אגב ניט קיין סך געשאַט די דייטשן און ניט קיין סך געהאָלפן די סאָוועטן. סוף־כּל־סוף האָבן געליטן דערפון נאָר די יידן. די לעצטע סאָוועטישע רייטערס זענען אַדורכגעיאָגט דורך דער שטאָט און געוואָרפן ראַקעטעס אויף די דעכער פון יידישע הייזער. די שטאָט האָט אָנגעהויבן ברענען פון אַלע פיר זייטן. די גויישע קוואַרטאַלן זענען אָבער געבליבן ווייט פון דער שׂרפה.

ווען די שׂרפה האָט זיך צעפלאַקערט, זענען אַ סך אַנטלאָפן צום דניעסטער און זיך דאָרט באַהאַלטן אין די אויסגעגראָבענע אָקאָפּעס. די רומענער האָבן אַ גאַנצע נאַכט געשאָסן אויף כאָטין פון זייערע האַרמאַטן.

דעם אַנדערן טאָג זענען די רומענער אַריין אין שטאָט. די יידן האָבן זיך צונויפגעשטופּט צו עטלעכע משפּחות אין די הייזער וואָס זענען נאָך געבליבן גאַנץ. מיר האָבן געקלאַפּט אין די טירן פון אונדזערע גויישע שכנים און האָבן

געבעטן מ׳זאָל אונדז אַריינלאָזן און געבן אַ שטיקל ברויט. אָבער אונדזערע גוטע שכנים האָבן פאַרריגלט די טירן און אָנגערייצט אויף אונדז זייערע הינט. מיט אַ מאָל האָבן מיר דערפילט אַז מיר געפינען זיך אין אַ דזשונגל פון ווילדע חיות.

רומענישע זשאַנדאַרן האָבן מיט שטעקנס אַרויסגעטריבן אַלע יידן פון די הייזער און זיי פאַרשפאַרט אין גימנאַזיע און אין דער פּאָליציי. מען האָט געהייסן תיכּף אָפּגעבן צירונג, גאָלד און זילבער, און ווער ס׳וועט ניט אָפּגעבן וועט דערשאָסן ווערן. אין די צוויי טעג וואָס מ׳האָט אונדז געהאַלטן אין ענגשאַפט און אין שרעק, פאַרשפאַרטע אין גימנאַזיע און אין פּאָליציי, זענען די גויים אַריין אין אונדזערע דירות און אויסגערויבט דאָס גאַנצע פאַרמעגן, האָרעוואַניע פון יאָרן. מסתמא האָט מען אונדז געהאַלטן פאַרשפאַרט כּדי ניט צו שטערן די גזלנים אין זייער אַרבעט.

דאָס טאָג־טעגלעכע אַרויסטרייבן פון די הייזער האָט געהאַט דעם צוועק אונדז אויסצומאַטערן און צונעמען דעם חשק פון לעבן. מענער, פרויען און קינדער זענען געשלעפּט געוואָרן צו פאַרשיידענע אַרבעטן, וואָס האָבן געהאַט דעם איינציקן תכלית אונדז צו פאַרנימאָסן דאָס לעבן. מיר האָבן געטראָגן שטיינער, געקערט שטראָזן און גערייניקט קלאָזעטן ביי די נייע בעלי־בתים פון שטאָט. אין יענע טעג זענען געהרגעט געוואָרן אַ סך יידן אויף די גאַסן און זייערע טויטע קערפּערס האָבן ניט אַפילו זוכה געווען צו קומען צו קבר ישראל. מ׳האָט זיי פּשוט פאַרשלעפּט מחוץ דער שטאָט.

אָנהייב אויגוסט 1941 האָבן מיר געפילט אַז דער מצב דערנענטערט זיך צו אַ קאַטאַסטראָפע און מיר האָבן ניט געוווסט וואָס אָנצוהייבן. מיר האָבן געפּרוווט דאָס אַלטע מיטל: שתדלנות. מיר האָבן זיך געווענדט צום רומענישן מושל, און צו זיין שטעלפאַרטרעטער סמעדו. זיי האָבן אונדז אָבער אַרויסגעיאָגט מיט אַ געשריי: ״היינט זענען מיר אַלע היטלער!״ מיר האָבן געזען אַז מיר זענען אין די לאַפּעס פון ווילדע חיות און די האָפענונג האָט זיך אין אונדז אויסגעלאָשן.

אין איינעם אַ טאָג, אין אויגוסט 1941, זענען געקומען אין שטאָט אַן ערך פינף הונדערט וועגענער מיט גוישע בעלי־עגלות. מען האָט אונדז אַלעמען אַרויסגעטריבן פון די הייזער און די זשאַנדאַרן האָבן אונדז געוואָרנט אַז ווער מ׳וועט שפּעטער געפינען — וועט דערשאָסן ווערן אויפן אָרט.

דאָס שרעקלעכסטע און דאָס ווייטיקדיקסטע איז געווען דער גלייכגילט פון אונדזערע פריערדיקע שכנים, וואָס האָבן זיך געפרייט מיט אונדזער אומגליק און געשפּעט פון אונדז. דער גרויזאַמער אָנבליק פון מענער, פרויען, אַלטע און קינדער, פון זקנים אַרויסגעטריבענע פון מושב־זקנים און פון קראַנקע אַרויסגעטריבענע פון שפּיטאָל — האָט זיי אין גאַנצן ניט גערירט. מען האָט אונדז אויפגעלאָדן אויף די וועגענער און מיר האָבן געקראָגן צו 200 גראַם ברויט יעדער איינער. ס׳האָט זיך באַלד אַרויסגעוויזן אַז מ׳האָט געבראַכט צו ווייניק וועגענער און אַ סך מענטשן האָבן געמוזט גיין צופוס.

אויך אין די וועגענער איז מען געווען מיטן לעבן אין די הענט. צום ערשטן האָט מען אַראָפּגעוואָרפן די אַלטע לייט פון מושב־זקנים, 70 און 80 יעריקע, וואָס האָבן קוים געזשאַפּעט. אין איינעם מיט זיי האָט מען אויך אַראָפּגעוואָרפן זייערע פּעקלעך.

סוף־כּל־סוף האָבן מיר געמוזט אַלע גיין צופוס קיין יאַנאָוועץ. ווען מיר זענען אָנגעקומען קיין אָקניצאַ זענען אַרויס די שקצים פון דאָרף, זיך אויסגעשטעלט אין צוויי רייען פון ביידע זייטן וועג און אונדז דערלאַנגט מיט שטעקנס און מיט בייטשן, בעת די עלטערן זייערע זענען געשטאַנען ביי דער זייט און געהאַט דערפון הנאה.

דעם צווייטן טאָג פונעם גירוש האָט אָנגעהויבן וואַקסן די צאָל טויטע אויפן וועג. נאָך פיר טעג זענען מיר אָנגעקומען קיין סעקורען. די יידישע הייזער זענען געווען ליידיק. די מענטשן האָט מען פאַרטריבן און אויסגעהרגעט. מען האָט פאַר אונדז איינגעאָרדנט אַ געטאָ אין דריי גאַסן אַרומגענומענע מיט שטעכלדראָט. די ענגשאַפט איז געווען אַ שרעקלעכע. צוויי שעה אין טאָג האָט מען דערלויבט די גויים זאָלן זיך דערנענטערן, כּדי מיר זאָלן אויסבייטן שיך, קליידער, זייגערלעך און אַנדערע ווערטזאַכן פאַר אַ שטיקל ברויט. ווער ס׳איז געבליבן אָן זאַכן האָט ממש געהונגערט. ס׳האָט זיך אָנגעהויבן צו פאַרשפּרייטן די מגיפה פון טיפוס. יעדן טאָג האָט דער מלאך־המות געפאָדערט מער און מער קרבנות. נאָך פינף וואָכן האָט מען אונדז ווייטער געטריבן קיין אַטאַקי, קאָלאָנעווייז. די ערשטע קאָלאָניע איז אַרויס באַלד נאָך יום־כּיפּור אין דער פרי. פון יעדער קאָלאָנע זענען געפאַלן אויפן וועג ווייניקסטנס הונדערט מענטשן ביז מען איז אָנגעקומען קיין אַטאַקי. די זשאַנדאַרן האָבן געהרגעט יידן, צוגערויבט זייער אָרעם בינטל און עס פאַרקויפט די פויערים, אָדער אַפילו אַוועקגעשענקט.

אין אַטאַקי זענען מיר געבליבן נאָר צוויי טעג. מ׳האָט דאָרטן איבערגעלאָזט די קראַנקע וואָס האָבן זיך מער ניט געקענט רירן. מער האָבן מיר זיי ניט געזען און מ׳קאָן זיך משער זיין וואָס זייער גורל איז געווען.

סוף־כּל־סוף זענען מיר אָנגעקומען קיין מאָגילאָוו. מ׳האָט אונדז אַריינגעטריבן אין אַ גרויסן בנין, אַרומגענומען מיט אַ מויער. פענצטער זענען געווען אָן שויבן און דער שמוץ איז געשטאַנען ביז די קני. מ׳איז דערשטיקט געוואָרן פון שווערן ריח. אומזיסט האָבן מיר זיך באַמיט צו רייניקן די צימערן! ס׳איז געווען אוממעגלעך.

דאָרט האָט מען אונדז אָבער אויך ניט געלאָזט אין רו. ס׳האָט אָנגעהויבן רעגענען און מיר האָבן געמוזט שפּאַנען ווייטער אין די טיפע בלאָטעס. אויפן וועג זענען די זשאַנדאַרן אָנגעפאַלן אויף אונדז און אונדז מערדעריש געשלאָגן. עטלעכע מאָל האָבן מיר צונויפגענומען געלט און געגעבן די זשאַנדאַרן, אָבער ס׳האָט גאָרנישט ניט געהאָלפן. זיי האָבן געטענהט אַז מיר יידן זענען שולדיק אין אַלץ וואָס קומט פאָר אויף דער וועלט, אויך אין דעם וואָס זיי, די זשאַנדאַרן, זענען ווייט פון זייערע משפּחות און פון זייער אַרבעט.

מיר האָבן ניט געטאָרט גיין אויפן דרך־המלך, נייערט

אויף זייטיקע בלאָטיקע וועגן. די זשאַנדאַרן זענען געריטן אויף פֿערד און מיר זענען געגאַנגען צופֿוס. ווער ס׳האָט ניט געקענט גיין ווייטער דעם האָבן די זשאַנדאַרן דערשאָסן. אַזוי איז דערהרגעט געוואָרן דער שווער פֿון ד״ר שיינבערג און אַ סך אַנדערע. איך האָב מיט מיינע אויגן געזען אַ פֿרוי מיט אַ בינטל אויף דער פּלייצע, אַנידערפֿאַלן אין בלאָטע. דער זשאַנדאַר האָט איר דערלאַנגט מיט אַ שטעקן איבערן קאָפּ און זי איז שוין דאָרט פֿאַרבליבן. די קאָלאָנע איז געגאַנגען ווייטער. אין אָוונט זענען מיר אָנגעקומען אין אַזאַראַניץ, אין אַ גאָס־רעגן. דורכגענעצטע, צעבראָכענע, אויסגעהונגערטע, האָט מען אונדז אַריינגעשטופּט אין ליידיקע הייזער. די גוססדיקע זענען געבליבן אין דרויסן. ס׳איז געווען אַזאַ ענגשאַפֿט אַז מ׳האָט נאָר געקענט שטיין אויף די פֿיס. עטלעכע יונגע־לייט זענען אַרויפֿגעקראָכן אויפֿן דאַך און דאָרטן פֿאַרבראַכט די נאַכט. אין דער פֿרי האָט מען אונדז ווידער אַרויסגעטריבן און מיר זענען ווייטער געגאַנגען. מיר זענען אָנגעקומען אין אַ דאָרף, אין אָוונט, ווידער איבערגענעכטיקט אין ליידיקע הייזער און דעם אַנדערן טאָג פֿון דאָס ניי גענומען וואַנדערן פֿון דאָרף צו דאָרף. אין דערפֿער און קאָלכאָזן האָט מען אונדז ניט געלאָזט בלייבן. צו מאָל פֿלעגן מיר טרעפֿן אַ ליידיקע שטאַל און זיך דאָרט מאַכן אַ געלעגער, אָבער אין דער פֿרי האָט זיך באַוויזן דער עלטסטער פֿון דאָרף, צי פֿון קאָלכאָז און אונדז געהייסן תּיכּף אַוועקגיין. ווער ס׳וועט בלייבן דעם וועט מען שיסן.

די זשאַנדאַרן וואָס האָבן אונדז באַגלייט ביז אַהין זענען פּלוצים נעלם געוואָרן און מיר זענען געבליבן ווי שאָף אָן אַ פּאַסטעך. מיר זענען געווען ווי עפּעס אַן עדה געשפּענסטער, וואָס האָט אָנגעוואָרפֿן אַ שרעק. דאָס איז געווען אַ טויטן־וועג. אַ סך זענען געבליבן אויפֿן וועג, ווייל ס׳האָבן זיך אויסגעלאָזט די כּוחות. אַ טייל האָט אָנגעהויבן בעטלען און אַ טייל האָט געפֿונען אַרבעט אין דערפֿער.

איין מאָל, ווען מיר זענען אַריבערגעגאַנגען אַ בריק איבער אַ טייך, האָט זיך פֿרוי אַניוטאַ קאָלפּאַקשי אַראָפּגעוואָרפֿן אין וואַסער. זי האָט נאָך באַוויזן צו שרייען: „איצט איז מיר בעסער ווי אייך!” מיר זענען געגאַנגען ווייטער, ניט ווויסנדיק צוליב וואָס און צוליב ווען.

מיר זענען אַזוי אָנגעקומען אין דאָרף מאָסקאַוויץ, לעבן זשמערינקע. דורכגענעצטע און אויסגעהונגערטע — זענען מיר אַריין אין אַ שטאַל כּדי זיך אַ ביסל אָפּצורוען פֿון וועג. באַלד האָבן זיך פֿאַיאַוועט די גויים פֿון דער סביבה און געבראַכט עסן: ברויט, מאַמעליגע, קאַרטאָפֿל — ממש אַ גן־עדן. ווער ס׳האָט נאָך געהאַט עפּעס אַ ווערטזאַך, האָט געקויפֿט; ווער ס׳האָט גאָרנישט ניט פֿאַרמאָגט, איז אַוועק אין די אַרומיקע דערפֿער בעטלען — און אויך איך בתוכם. געווען גויים וואָס האָבן עפּעס געגעבן און געווען גויים וואָס האָבן אָנגערייצט אויף אונדז די הינט. אין אָוונט איז געקומען דער עלטסטער פֿון דאָרף אין איינעם מיט אוקראַינישע מיליציאַנערן וואָס זענען דערצויגן געוואָרן אין „קאָמוניסטישן גייסט”, און האָבן אונדז געהייסן זיך תּיכּף אָפּטראָגן. מיט שווערער מי האָבן מיר זיך אויסגעבעטן ביי זיי, זיי זאָלן אונדז לאָזן איבערנעכטיקן.

דעם אַנדערן טאָג זענען זיי ווידער געקומען און נאָך אַ סך דינגעניש האָט מען זיך איינפֿאַרשטאַנען צו געבן פֿינף הונדערט רובל, כּדי ס׳זאָלן בלייבן הונדערט מענטשן און באַקומען אַרבעט אין קאָלכאָז. אונדזערע פֿאָרשטייערס זענען געווען: וואָלאָך, וואָס האָט געהאַט אַ קינאָ אין כאָטין און ירחמיאל וואַסערמאַן. זיי האָבן זיך אונטערגענומען צונויפֿצושטעלן אַ רשימה נאָר פֿון כאָטינער יידן. ס׳האָט זיך געשטעלט די פֿראַגע: ווער זאָלן זיין די גליקלעכע וואָס קענען איבערבלייבן אין קאָלכאָז. איך מיט מיין משפּחה זענען ניט געווען אויף דער רשימה ווייל מיר זענען געווען אין איינעם מיט אונדזערע קרובים פֿון בריטשען פֿון וועלכע מיר האָבן זיך ניט געוואָלט אָפּטיילן. מיר זענען ווייטער געגאַנגען קיין זשמערינקע און נאָך אַ סך אַרומוואַנדערן זענען מיר אָנגעקר־מען קיין קאָפּייגאָראָד.

די איבערגעבליבענע אין מאָסקאָוויץ האָבן ניט געהאַט קיין מזל. אין דער דריטער נאַכט נאָך דעם ווי זיי האָבן זיך דאָרט באַזעצט זענען אָנגעפֿאַלן אויף זיי די קאָלכאָזניקעס, זיי מערדעריש געשלאָגן, צוגערויבט אַלץ וואָס זיי האָבן נאָך געהאַט און פֿאַרגוואַלטיקט. די מענטשן זענען אַנטלאָפֿן מיט די לעצטע כּוחות. זיי זענען אָנגעקומען אין דער נאָענט פֿון קירילאָווקי, ניט וויסנדיק אַז דאָרט זענען שוין די דייטשן. פּונקט דעמאָלט האָט מען דאָרט געמאַכט אַ שחיטה צווישן די אָרטיקע יידן — אַן ערך טויזנט נפֿשות — און די אַנטלאָפֿענע פֿון מאָסקאָוויץ זענען אויך געפֿאַלן קרבנות פֿון אָט דער שרעקלעכער שחיטה.

▼

אין קאָפּייגאָראָד זענען מיר געווען אַן ערך צוויי טויזנט מענטשן פֿון בעסאַראַביע און בוקאָווינע. דריי מאָל האָט מען אונדז אַרויסגעטריבן פֿון דאָרטן אין די גרעסטע פֿרעסט און אַ סך זענען געשטאָרבן אויפֿן וועג. אין קאָפּייגאָראָד אַליין זענען יעדן טאָג געשטאָרבן אַ סך מענטשן פֿון קעלט, הונגער און טיפֿוס. אין אַ פֿראָסטיקן טאָג זענען איין מאָל געבליבן מער ווי אַכציק מתים אויפֿן פֿעלד, די הינט זאָלן זיי פֿרעסן. כּדאַי צו דערמאָנען אַז פֿון די טיפֿוס־קראַנקע זענען אַ סך געבליבן לעבן, ניט געקוקט אויף דער קעלט און דעם הונגער.

אויף אונדזערע וואַנדער־וועגן האָבן מיר באַגעגנט אַ סך יידן, האַלב נאַקעטע, מיט פֿאַרפֿרוירענע, פֿאַרוווּנדיקטע פֿיס, אַרומגעוויקלטע מיט זעק. אָבער די גרויסע יסורים האָבן ניט דערנענטערט די הערצער. פֿאַרקערט: אָפֿט מאָל האָבן נאָענטסטע קרובים זיך געקריגט און געשלאָגן. דער ייאוש האָט אַלעמען אַרומגענומען.

דריי יאָר זענען מיר געווען אין קאָפּייגאָראָד. אמת, די רומענער האָבן ניט געקוילעט אין מאַסן, זיי האָבן אונדז אָבער געהרגעט און געפּייניקט מיט אַנדערע מיטלען. זיי האָבן ניט באַנוצט די טעכניק פֿון מאַסנמאָרד, זיי האָבן באַנוצט פּרימיטיווערע מיטלען. זיי האָבן אונדז געצוווּנגען צו טאָן שווערע אַרבעט און כּמעט ניט געגעבן קיין עסן. זיי האָבן געשלאָגן. זיי פֿלעגן אָנפֿאַלן ביי נאַכט, אַרויסשלעפּן יונגע

מענטשן אין גרעסטן פראָסט און זיי פירן האַלב נאַקעטע אין וואַלד קיין טריכאַטי, האַקן קלעצער. ווייניק זענען צוריקגעקומען פון דאָרט.

אין צווייטן יאָר פון אונדזער זיין אין קאָפּייגאָראָד, אין אַ הייסן זומערטאָג, האָט מען אַרויסגעטריבן אַלע יידן פון שטעטל — די פּליטים פון בעסאַראַביע און בוקאָווינע און די אָרטיקע יידן — און זיי געפירט אין אַ נאָענטן וואַלד. טויזנטער מענטשן האָט מען אָפּגעגעבן אַ קליינעם שטח, אַרומגענומען מיט שטעכלדראָט. כמעט די העלפט איז אויסגעשטאָרבן דאָרט פאַר הונגער און דאָרשט.

אַלץ וואָס כ׳האָב דערציילט איז ניט מער ווי אַ טראָפּן פון דעם גרויסן ים פון צרות וואָס מיר האָבן זיך אָנגעליטן. אַז מיר זענען געבליבן לעבן איז עס ממש אַ נס.

אומקום־פּעריאָד

(פראַגמענטן פון מאַטעריאַל וואָס איז איבערגעגעבן געוואָרן אין ״יד ושם״)

מיט דער סאָוועטישער אינוואַזיע אין כאָטין, דעם 28־סטן יוני 1940, זענען געוואָרן אומלעגאַל אַלע געזעלשאַפטלעכע מוסדות פונעם יידישן ציבור; איז מבטל געוואָרן דאָס יידישע לעבן אין שטאָט, אין איינעם מיט דעם העכסטן פאָרום — דעם וועד־הקהילה, מיט אַלע זיינע אינסטיטוציעס. עס זענען תיכּף פאַרמאַכט געוואָרן די יידישע שולן. צו די בתי־תּפילה האָט מען זיך נאָך ניט געהאַט געטשעפּעט, אָבער זיי זענען געשטאַנען ליידיק, ווייל מענטשן האָבן מורא געהאַט צו גיין אין שול אַריין. אַ חודש פאַר דעם ווי ס׳איז אויסגעבראָכן די מלחמה מיט דייטשלאַנד, בערך אין מיי 1941, האָבן די סאָוועטן פאַרשיקט קיין סיביר כּמעט 150 משפּחות. זיי האָבן אויך באַוויזן צו צעשפּליטערן די יידישע געזעלשאַפט און פאַרזייען שינאה צווישן מענטשן. אַזוי אַרום האָבן זיך אָנגעהויבן די נידעריקע מסירות, צו מאָל פּשוט פאַר עטלעכע גראָשנס. עס זענען פאַרשיקט געוואָרן געזעלשאַפטלעכע טוערס, ציוניסטן, בעלי־בתּים. צווישן די ציוניסטן וואָס זענען פאַרשיקט געוואָרן זענען געווען: יוסף אַפּלבוים, אַדוואָקאַט משה פעלדמאַן, איינער פון די אָנפירערס פון דער ציוניסטישער באַוועגונג אין שטאָט, ד״ר יעקב לערנער און שלמה פעלדמאַן.

ווען די רויטע אַרמיי האָט זיך צוריקגעצויגן, דעם 22־סטן יוני 1941, איז כמעט אַ העלפט פון דער יידישער באַפעלקערונג — אַן ערך פיר טויזנט מענטשן — אַנטלאָפן מיטן רוסישן מיליטער, מורא האָבנדיק פאַר די דייטשן און פאַר די רומענער. היות די סאָוועטן האָבן אָבער דערלויבט צו פאַרלאָזן די שטאָט ממש אין דער לעצטער רגע, זענען דער רוב אַנטלאָפענע ניט אָנגעקומען צו אַ מקום מקלט. כּמעט אַלע זענען דערהרגעט געוואָרן פון דייטשישע באָמבעס אויף די וועגן, אָדער זענען אַריינגעפאַלן אין דייטשע הענט און אומגעקומען.

ווענן דער שחיטה וואָס די דייטשן האָבן געמאַכט אין קאַמענעץ־פּאָדאָלסק, האָבן מיר זיך דערוווּסט פון אַן עדות, אַ קריסטלעכע פרוי, וואָס איז אַרעסטירט געוואָרן ווי אַ יידישקע. עס זענען דאָרט געווען יידן פון אונגאַרן, בוקאָווינע און בעסאַראַביע. ביים אָנהייב האָבן זיך די דייטשן צו זיי באַצויגן מער־ווייניקער אָרנטלעך. די יידן האָבן געאַרבעט ביי זיי פאַרשיידענע אַרבעטן און באַקומען באַצאָלט דערפאַר. אָט די באַציִונג האָט פאַרבלענדט די יידן. זיי האָבן אַפילו ניט געטראַכט צו אַנטלויפן ווי לאַנג ס׳איז נאָך געווען צייט. אין איינעם אַ טאָג האָט מען זיי געפירט גראָבן גריבער מחוץ דער שטאָט. לעבן די גריבער זענען געשטאַנען קאַסטנס, אין וועלכע די יידן האָבן געמוזט איבערלאָזן זייערע ווערטזאַכן און קליידער. אַ הויכער דייטשער אָפיציר האָט געבראַכט דעם באַפעל אַז יידן דאַרפן פאַרטיליקט ווערן און דער באַפעל איז אויסגעפירט געוואָרן: מ׳האָט אַלע דערשאָסן. די פרוי וועלכע גיט איבער די עדותשאַפט איז געבליבן לעבן נאָר ווייל זי איז געווען אַ קריסטלעכע. איך האָב פאַרגעסן איר נאָמען. אין סעפּטעמבער 1941 איז זי צוריקגעקומען אין כאָטין און האָט דערציילט וואָס אירע אויגן האָבן געזען.

די רומענער זענען אַריין אין כאָטין מיט אַ רעגימענט ״וואַלדיעגערס״, צווישן וועלכע עס זענען געווען אויך זעקס אָפיצירן פון געשטאַפּאָ. זיי זענען אַריינגעקומען אָוונטצייט. אין כאָטין זענען נאָך געווען אַן ערך פיר טויזנט יידן. דעם אַנדערן טאָג האָט מען זיי אַלע פאַרשפּאַרט אין דער גימנאַזיע פאַר מיידלעך און דאָרט געהאַלטן אויף די פיס, אין אַן ענגשאַפט דערשטיקט צו ווערן. אַ טייל האָט מען שפּעטער אַרויסגעפירט אין הויף.

די געשטאַפּאָ־אָפיצירן האָבן צונויפגענומען די פאָרשטייערס פונעם פאָלק, די אינטעליגענץ, די רבנים, די געזעלשאַפטלעכע טוערס און אויך אַזעלכע וואָס די רומענער האָבן זיי חושד געווען אַז זיי זענען קאָמוניסטן — בסך הכּל אַן ערך אַכציק מענטשן, צווישן וועלכע אויך צוויי פרויען. עס זענען אַרומגעגאַנגען פאַרשיידענע קלאַנגען: מען האָט געזאָגט אַז זיי זענען ערבניקעס, אָדער אַז מען וויל זיי אַוועקשיקן אויף אַרבעט. אַ טייל האָבן געטענהט אַז דאָס וועלן זיין די ערשטע קרבנות פון דער שחיטה וואָס מען גרייט צו. עס זענען אויך געווען אַזעלכע וואָס האָבן זיך דווקא באַמיט צו זיין אין דער גרופּע, מיט דער האָפענונג געראַטעוועט צו ווערן פון טויט, די רומענער האָבן אַלץ געטאָן כּדי צו שאַפן אַזאַ מין אילוזיע.

איך אַליין האָב זיך אויך געפונען אין אָט דער גרופּע, אָבער אין דער לעצטער רגע האָט מען אַרויסגענומען פון איר צען דאָקטוירים, צוויי אַפּטייקערס און אַ קראַנקנשוועסטער. ווענן דעם ווייטערדיקן האָב איך זיך דערוווּסט שפּעטער פון אַ פּאָליציי־אָפיציר, סמעדו, וואָס איך האָב אים גוט געקענט (זיין גאַנצע משפּחה איז געווען פון מיינע פּאַציענטן). אויף דער זיצונג ביי וועלכער ס׳האָבן אָנטייל גענומען דער קאָמאַנדאַנט פון דעם רומענישן מיליטער, קאָלאָנעל ברעדעצעאַנו, (ער איז געהרגעט געוואָרן דעם אַנדערן טאָג בעת דעם באָמבאַרדאַמענט) און דייטשישע אָפיצירן האָט מען דיסקר־

טירט וועגן דעם גורל פון די ייִדן; אַ רומענישער דאָקטער וועטערינאַר, האָט געפּאָדערט מען זאָל באַפרייען אַלע ייִדישע מעדיציניִשע כּוחות, פאַרן פאַל אַז ס׳וועט אויסברעכן אַ מגפה. און באמת, דעם אַנדערן טאָג, נאָך דעם באָמבאַרדאַמענט, זענען געלעגן אויף די גאַסן אַ סך טויטע — מענטשן און בהמות.

אין הויף פון דער גימנאַזיע זענען געקומען צוויי אָפיצירן, רוצחים לויט דער צורה זייערער. זיי האָבן שוין געהאַט פאַר־גאָסן אַ סך בלוט אין שטאָט. אָט די צוויי אָפיצירן זענען אַרומ־געגאַנגען אין יענעם אין דער פרי איבער דער שטאָט, וואָס האָט נאָך געברענט נאָך דעם באָמבאַרדאַמענט, און אַריין אין די קעלערן ווּ ייִדן האָבן זיך אויסבאַהאַלטן. איינער פון זיי האָט אַרויסגעטריבן עלטערן און קינדער, צו זיבן אויף אַ מאָל און געהרגעט די קינדער אין די עלטערנס אויגן. זיי האָבן פאַררעכנט דאָס הרגענען ייִדן, און בתוכם קינדער, ווי אַ הייליקע זאַך און דערפאַר האָבן זיי אָפּגעהיט די צאָל זיבן, ווי אַ מין באַזונדערן סימבאָל. אין איין גרופּע זענען נאָר געווען פינף קינדער, איז איין אָפיציר אַוועק זוכן נאָך צוויי קרבנות, כּדי משלים צו זיין די צאָל. אָט די פינף קינדער זענען געראַטעוועט געוואָרן, אַ דאַנק דעם צווייטן אָפיציר, וואָס האָט זיך פּלוצעם צעשריגן אויף זיי: וואָס וואַרט איר, פאַר וואָס אַנטלויפט איר ניט?

די מעדיציניִשע כּוחות און זייערע משפחות זענען באַפרייט געוואָרן. מען האָט אַלעמען אָנגעזאָגט זיך ניט אַוועקצורירן פון דער היים. דעם אַנדערן טאָג האָט מען אונדז גערופן צו דעם רומענישן קאָמאַנדאַנט און מיר האָבן באַקומען הוראות בנוגע דעם געזונט־צושטאַנד אין שטאָט. מען האָט אונדז גע־הייסן איינטיילן די שטאָט אין פינף קוואַרטאַלן, באַשטימענדיק צוויי דאָקטוירים פאַר יעדן קוואַרטאַל. אין יעדן קוואַרטאַל האָט מען אויך צוגעטיילט צוויי רומענישע סאַניטאַרן. מיר זענען געגאַנגען פון שטוב צו שטוב און זיך מטפּל געווען מיט די קראַנקע.

די גרופּע פון וועלכער מיר זענען באַפרייט געוואָרן, האָט מען אַרויסגעפירט מחוץ דער שטאָט, ווּ עס זענען געווען גריבער, און מען האָט אַלעמען דערשאָסן. נאָר צוויי האָבן זיך געראַטעוועט: אַ בחור, מיטן נאָמען געלער איז אַנטלאָפן פון דער ריי בעת אַן אויטאָמאָביל איז פאַרבייגעפאָרן; ער איז אַריין אין אַ פויערישן הויף, ווּ מען האָט אים אויסבאַהאַלטן ביז צום גירוש. דער פויער האָט אויך צו וויסן געטאָן די עלטערן ווּ ער געפינט זיך. די צווייטע איז געווען אַ בוקאַ־רעשטער פרוי מיטן נאָמען כּהן, וואָס איז געווען אַ דייטשע לערערין אין גימנאַזיע. אויפן וועג האָט זי דערפילט וואָס דאָ קומט פאָר און האָט אַ זאָג געטאָן צו איינעם פון די אָפיצירן: „צי איז דאָס מעגלעך אַז אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט זאָל מען פירן מענטשן צו דער שחיטה אַזוי ווי שאָף? און דאָס נאָר דערפאַר וואָס זיי זענען געבוירן געוואָרן ווי ייִדן?" דער אָפיציר האָט גאָרניט געענטפערט אָבער אַ סאָלדאַט וואָס האָט געהערט די רייד איז קענטיק פון זיי מושפּע געוואָרן און האָט באַשלאָסן די פרוי צו ראַטעווען. ער האָט געהאַט אין זינען איר נאָכצוגיין און האָט אויסגעשאָסן איבער איר קאָפּ. זי איז אַנידערגעפאַלן אָבער קיין קויל האָט זי ניט געטראָפן. דער אָפיציר וואָס האָט פאַרענטפערט פאַר דער שחיטה האָט געהייסן די זעלנערס זיי זאָלן, לויט דייטשער פּינקטלעכקייט, אַלע געפאַלענע דורכבויערן מיט די באַגנעטן, כּדי זיכער צו זיין אַז זיי זענען טויט. דער דערמאָנטער זעלנער האָט ווידער אין זינען געהאַט אַז די פרוי וואָס ער האָט געראַטעוועט זאָל בלייבן לעבן. נאָך דעם וואָס די סאָלדאַטן זענען אַוועק, האָט זיך די פרוי אַרויסגעשאַרט פון קבר און זיך דערשלאָגן ביז אין שטאָט.

זי איז פאַרטריבן געוואָרן מיט אַלע אַנדערע ייִדן קיין טראַנסניסטריע און נאָך דער מלחמה איז זי צוריקגעפאָרן קיין בוקאַרעשט. זי איז געשטאָרבן אין יאָר 1947. פון איר האָב איך זיך דערוווּסט אַלץ וואָס כ׳האָב דערציילט. די פרוי האָט אויסגעזאָגט עדותשאַפט קעגן דעם רומענישן אָפיציר. דער שרייבער פון אָט די שורות האָט דערלאַנגט די פּרטים קעגן דעם „רוצח אין אוניפאָרעם" און ער איז אַרעסטירט געוואָרן.

גיטלמאַן, אַ געוועזענער קאָמוניסט און אַ מיטגליד פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, אַן אַנטוויִשטער פון אַלע רעזשימען, האָט זיך אין גאַנצן פאַרלוירן. דעם אַנדערן טאָג נאָך דעם דערמאָרדן די אַכציק ייִדן, איז ער געקומען צו מיר זיך דערוויסן וואָס ס׳איז פאָרגעקומען, ווייל ער האָט זיך געהאַט אויסבאַהאַלטן בעת מען האָט צונויפגעזאַמלט די ייִדן אין גימנאַזיע. אַ דערשלאָגענער איז ער פון מיר אַוועק און זיך גענומען דאָס לעבן.

דער גירוש פון די כאָטינער ייִדן

דריי וואָכן נאָך דער שחיטה זענען די ייִדן פאַרטריבן געוואָרן קיין טראַנסניסטריע און אין שטאָט זענען געבליבן נאָר 22 משפּחות, אַן ערך 80 נפשות, וואָס זענען געווען נייטיק פאַר דער היגיענע פון דער שטאָט. עס זענען געבליבן: אַ דאָקטער (וואָס חתמעט די דאָזיקע שורות), צוויי ציין־דאָק־טוירים, אַן אַפּטייקער, אַ זייגערמאַכער, אַ שניידער, אַ בלעכער, אַ פאָטאָגראַף, אַ מעכאַניקער, אַ ראַדיאָ־טעכניקער, אַ שאָפער, אַ קירזשנער, אַ גלעזער, אַ פאַרבער, פינף דרוקערס, די משפּחה פון ד״ר ראַוויטש, וואָס איז געווען מאָביליזירט אין רומעניע. עס זענען אויך איבערגעבליבן עטלעכע ייִדן פון געמישטע משפּחות, וואָס האָבן זיך פאַרפליכטעט צו טראָגן די געלע לאַטע.

מ׳האָט געשאַפן אַ פיליאַלע פון דער „ייִדישער צענטראַלע", בראש מיטן אַדוואָקאַט לייבו פון דער שטאָט באַקוי. דאָס איז אים בייגעשטאַנען דער זכות וואָס זיין פאָטער האָט געקעמפט אין דער מלחמה פון 1877. עס זענען נאָך געבליבן צוויי דאָק־טוירים מיט זייערע משפּחות אין דער כאָטינער געגנט.

דער בירגער־מייסטער, יאָן מאַרקו, געוועזענער דירעקטאָר פון דער עלעקטרישער סטאַנציע פאַרן יאָר 1940, וואָס האָט זיך צוריקגעקערט אין איינעם מיט די רומענער, איז געווען קעגן דעם אַז מיין מוטער און מיין שוועסטער, די אַפּטייקערין מאַניא זיידמאַן, זאָלן בלייבן אין כאָטין מיט די 22 משפּחות.

ער איז בשום אופן ניט מסכים געווען איבערצולאָזן פינף נפשות פון דער משפחה זיידמאַן. איך וויל אונטערשטרייכן אַז יאָן מאַרקו, אַ מיטגליד אין דער פאַשיסטישער קוזיסטישער פּאַרטיי, איז צום ערשט געווען אין דייטשלאַנד און דערנאָך, ווען ער איז צוריקגעקומען אין כאָטין, איז ער שטענדיק געבליבן אין פאַרבינדונג מיט היטלערס אַמבאַסאַדאָר אין בוקאַרעשט — מאַנפרעד פאָן קילינגער. די אָרטיקע באַאַמטן האָבן פאַר אים מורא געהאַט, מחמת זיינע פאַרבינדונגען מיט די דייטשן.

דער מיליטערישער קאָמאַנדאַנט, קאָלאָנעל דראַגולעסקו, האָט זיך באַמיט אַז מיין מאַמע און מיין שוועסטער זאָלן בלייבן אין כאָטין, אָבער ער האָט זיך ניט דערוועגט אַנטקעגנצושטעלן דעם בירגער־מייסטער יאָן מאַרקו. דראַגולעסקו האָט מיר צוגעזאָגט זיי צוריקצוברענגען פון וועג און ער האָט געהאַלטן וואָרט. ער האָט געשיקט אַ סאָלדאַט מיט אַ וואָגן, כדי זיי צוריקצוברענגען, אָבער מחמת אַ טעות ביים שרייבן די נעמען, האָט דער סאָלדאַט צוריקגעבראַכט אַנדערע צוויי פרויען מיטן נאָמען זעלדמאַן, במקום זיידמאַן. צוויי פרויען האָבן זיך אַזוי אַרום געראַטעוועט — גם זה לטובה! אין צווישן האָט זיך מיין שוועסטער דערוווּסט וואָס ס'איז פּאָרגעקומען. איר איז געלונגען צו איבערצייגן דעם קאָמענדאַנט פון דער גירוש־איינהייט ער זאָל אָנקלינגען דעם קאָלאָנעל דראַגולעסקו און ער האָט טאַקע באַקומען אַ באַפעל די צוויי פרויען איבערצושיקן קיין כאָטין.

כּדאַי צו פאַרצייכענען אַז דער קאָלאָנעל דראַגולעסקו האָט זיך גוט באַצויגן צו יידן. אייניקע האָבן געזאָגט אַז ער האָט געהאַט אַ יידישע פרוי און ניט געקוקט אויף די אָנצוהערענישן פון אויבן, האָט ער זי ניט געוואָלט גטן.

נאָך דער מלחמה איז ער פון דעסטוועגן אַרעסטירט געוואָרן ווי אַ קריגס־פאַרברעכער, ווייל ער האָט איבערגעגעבן בעל־פּה דעם באַפעל וואָס ער האָט באַקומען, צו דעם קאָמענדאַנט פון דער גירוש־איינהייט, ער זאָל טראַכטן אַז וואָס ווייניקער יידן זאָלן בלייבן לעבן אויפן וועג. מחמת אָט דעם באַפעל האָט מען באַלד דערשאָסן יעדן ייד וואָס האָט זיך אָפּגעשטעלט אויפן וועג, צוליב איין סיבה אָדער אַ צווייטער. די געהרגעטע האָט מען באַגראָבן אין מאַסן־קברים, ביי יעדע צוויי קילאָמעטער. קיין אָפיציעלע דאָקומענטן קעגן דראַגולעסקון זענען ניט געווען און ס'איז אויך ניט געקומען צו קיין פּראָצעס, ווייל ער איז געשטאָרבן אין תפיסה, איידער דער פּראָצעס האָט זיך אָנגעהויבן.

צוויי חדשים נאָך דעם מאַסן־גירוש איז אָנגעקומען אַ באַפעל אַז מען זאָל אַרויסשיקן אויך די 22 משפחות. דער פּרעפעקט פון דער געגנט איז ניט געווען אין שטאָט און זיין שטעלפאַרטרעטער האָט זיך ניט דערוועגט ניט אויסצופירן דעם באַפעל. די 22 משפחות זענען אויך אַוועק קיין טראַנסניסטריע. דער קאָמענדאַנט פון דער וואַך, פעלדוועבל ענעסקו, האָט באַקומען אַ באַפעל פון קאָלאָנעל דראַגולעסקו ער זאָל אין זינען האָבן ס'זאָל אונדז גאָרנישט פּאַסירן. ער האָט אים געזאָגט: "זאָלסט זיך ניט דערוועגן צוריקצוקומען אָן אַ בריוו פון ד"ר זיידמאַן, אַז אַלע זענען גוט אָנגעקומען ביז צום דניעסטער.

ווען דער קאָמענדאַנט פון דער געגנט, קאָלאָנעל פּאָפּאָוויטש, איז צוריקגעקומען אין שטאָט און האָט זיך דערוווּסט פונעם גירוש, האָט ער באַלד געהייסן מען זאָל אונדז צוריקברענגען. אין צווישן זענען מיר אָנגעקומען קיין ליפּניק. דער אָרטיקער קאָמענדאַנט האָט ניט אפילו געוואָלט הערן, טענהנדיק אַז יידן גייען נאָר פאָרויס און קערן זיך קיין מאָל ניט אום. אגב איז דאָס געווען אַ ליגן, ווייל אין טעפּערס דערציילונג, וואָס דערשיינט אויך אין דעם בוך, ווערט געשילדערט ווי די מענטשן זענען געטריבן געוואָרן אַהין און צוריק אויפן וועג צום טויט. דער פעלדוועבל ענעסקו האָט געמאַכט דעם אָנשטעל אַז ער האָט פאַרשטאַנען דעם באַפעל, אָבער דורך אומוועגן האָט ער אונדז צוריקגעבראַכט קיין סעקורען.

דאָרט האָט מען אונדז צעטיילט און צעשיקט אין פאַרשיידענע געגנטן פון קאַנט. מיין שוועסטער און מיין מאַמע זענען געשיקט געוואָרן קיין קעלמענצי, ווו מיין שוועסטער האָט געאַרבעט ביים סאַניטאַרן דינסט.

איך, מיין פרוי און מיין זון האָבן זיך אומגעקערט אין כאָטין. דעם 25סטן דעצעמבער 1943 איז מיין פרוי געשטאָרבן, נאָך אַן אָפּעראַציע. דעם 20סטן מאַרץ 1944 איז מיר געלונגען אַנצוקומען מיט מיין זון אין טשערנאָוויץ. נאָך אַכט טעג זענען אַריין די סאָוועטן. מיר זענען געבליבן אין טשערנאָוויץ ביזן 13טן מיי 1945. און פון דאָרט אַוועק קיין רומעניע.

פון אַלע יידן וואָס זענען פאַרטריבן געוואָרן פון כאָטין קיין טראַנסניסטריע זענען געבליבן לעבן נאָר אַ פערטל. אַ טייל פון די געראַטעוועטע זענען געקומען אין ישראל. אַ קליינער טייל איז געבליבן אין כאָטין.

ל. קונשטאַט

בלעטלעך פון אַ טאָגבוך
פון טראַנסניסטריע

תיכף נאָך סוכות תש"ב (1941) האָבן זיך באַוויזן אין זשורין די ערשטע יעדינעצער שארית־הפליטהניקעס. אָנגעקומען זענען זיי צופוס, 150 שאָטנס פון לעבעדיקע באַשעפענישן, פאַרוואָרלאָזטע און פאַרלויזטע, באָרוועסע און איינגעהילטע אין זעק און שמאַטעס. אין זשורין האָט מען זיי געקרוינט מיטן נאָמען "די כאָטינער", מחמת דער רוב פון זיי האָט געשטאַמט פון כאָטין, אַ שטאָט מיט העכער 10.000 יידן, פון וועלכע עס זענען געבליבן נאָך די יולי־שחיטות וואָסערע 200 נפשות.

די ערשטע סטאַנציע איז געווען די אַלטע שול, וווּהין ר' הערשל האָט צוגעפירט די כאָטינער. אַ טוץ זקנים פונעם שטעטל מיטן רב — אין זייערע אויגן איז ער אַלץ געווען דער רב, — בראש האָבן אַריינגעשלעפּט באַליעס, זיי אָנגעפילט מיט הייס וואַסער און געהייסן דעם עולם זיך אויסטאָן ווי די מאַמע האָט זיי געהאַט, קודם מאַנסבילן און דערנאָך

ווייבער, און פון זיך אָפּרייניקן אַלע מיאוסקייטן. די פֿאַרלויזטע שמאַטעס מיט וועלכע זיי זענען געווען איינגעהילט, האָט מען פֿאַרברענט אין שולהויף. אין גיכן האָבן זיך באַוויזן הויפֿנס גרעט, אַלטע מלבושים, קאַלאָשן, קאָפּטיכלעך און היטלעך, צונויפֿגעטראָגענע פֿון די תושבים, אַליין קבצנים דלפֿנים, אָן פּרנסה און אָן דערנערערס. אָפּגעוואַשן און איבערגעטאָן זיך, האָט דער רוב פֿון די כאָטינער געבעטן, מען זאָל זיי לאָזן בלייבן אין איינעם. דעמאָלט האָט ר׳ הערשל אַרויסגעזאָגט איינס פֿון זיינע „אַפּיקורסישע" ווערטלעך.

— נו, מילא, אַז דער רבונו־של־עולם האָט פֿאַרשיקט זיינע כאָטינער יידן קיין זשורין, מוז ער זיי אָפּטרעטן זיין מקום־קדוש און אַליין מוחל זיין זיך אַריבערכאַפּן קיין כאָטין, ווו אַלע שולן זענען איצט ליידיקע...

און כך הווה. די כאָטינער זענען פֿאַרבליבן וווינען אין שול, חוץ אייניקע משפּחות, וואָס זענען אַריינגענומען געוואָרן אין די נעבעכדיקע דירות פֿון די זשורינער. ר׳ הערשל אַליין האָט אָפּגעטראָטן זיין גרויסן חדר אַן אלמנה מיט איר טעכטערל — איר מאַן און צוויי קינדער זענען פֿון אַנטאָנעסקוס רוצחים אומגעבראַכט געוואָרן. ר׳ הערשל האָט זיך באַזעצט אין אַ שמאָל אַלקערל.

נו, האָבן די כאָטינער שוין געהאַט ווו דעם קאָפּ אַנידערצולייגן. אָבער די כאָטינער האָבן אויך געהאַט מאָגנס, אמת איינגעשרומפּטע, צו הונגער צוגעוווינטע, אָבער פֿאָרט מאָגנס וואָס זענען אַרויסגעטראָטן מיט שטומע טענות און געוואָרטשעט. האָט דער קלוגער ר׳ הערשל באַלד געפֿונען אַן עצה די וואָרטשענדיקע מאָגנס איינצושטילן. אַוועקגעשטעלט אַ לייטיש קעסעלע אויף אַ טריניטשקע אין קיך פֿון זיין דירה, צונויפֿגערופֿן אַלע באַלעבאַטים און דערמאָנט אין איין וועגס אַז ראשית זאָלן זיי וויסן דעם כלל „אַז מען לייגט ניט אַריין, נעמט מען ניט אַרויס" והשנית, אַז אַזאַ כלי וועט ער אַוועקשטעלן אויף דער טריניטשקע צוויי מאָל אין מעת־לעת. האָבן די באַלעבאַטים פֿאַרשטאַנען דעם ווונק און באַלד אָנגעבראַכט קאַרטאָפֿליעס און שאר ירקות, רייפּטלעך ברויט, געטריקנטע באַרלעך, הירזש וכדומה — איינער אין אַ פֿאַרטעך, דער צווייטער אין אַ זשמעניע, לויט דאָס האַרץ און די קעשענע האָבן דערלאָזט. די אלמנה מיטן מיידל, דעם רבס קאָמעניקעס, האָבן פֿאַרקאַטשעט די אַרבל און זיך אַוועקגעשטעלט קאָכן דעם מאַלצייט. דעם קעסל מיטן פֿאַרטיקן געקעכץ האָט ר׳ הערשל מיט אייגענע הענט געהאָלפֿן אַריבערטראָגן אין שול אַריין, לערך אַ האַלבן קילאָמעטער ווייט, כאָטש באַלעבאַטים האָבן געפּרוּווט אים דערפֿון אָפּהאַלטן.

— שווער וואָלט מיר געווען, ווען דער קעסל זאָל זיין לייכט — האָט זיך ר׳ הערשל, ווי זיין שטייגער איז, געוויצלט — אָבער אַז די כלי איז פֿול און שווער, דוכט זיך מיר, אַז זי איז לייכט ווי אַ פֿעדער...

זענען אָבער די באַלעבאַטים מיד געוואָרן צו ברענגען טאָג איין טאָג אויס וואָס אַריינצולייגן אין קעסעלע אַריין ר׳ הערשל האָט אויך דערצו געפֿונען אַ רפֿואה. איז דען ניט פֿאַראַן קיין באַזאַר, וווהין פּויערים פֿון די אַרומיקע דערפֿער ברענגען אַריין יעדן פֿרימאָרגן פֿון כל טוב צו פֿאַרקויפֿן? איי, ווו נעמט מען עס געלט? אויך מיר אַ שאלה! קודם־כל האָט ר׳ הערשל אַרויסגעצויגן פֿונעם אייזערנעם קופֿערט אַ קניפּל, וואָס ער האָט געהאַט צונויפֿגעלייגט אַ פּרוטה צו אַ פּרוטה — גאַנצע פֿינף הונדערט קאַרבן — נאָך הונדערט און צוואַנציק יאָר, אויף אויסריכטונג און אַ מצבה.

— נישקשה — האָט זיך ר׳ הערשל געווערטלט — אַז סע וועט קומען די צייט, וועט קהל מיך ניט איינזייערן אין באָרשט און וועט שוין מוזן זיך מיט מיר אַן עצה געבן. איי אַ מצבה? וועט מען מעגן אַוועקשטעלן אויף מיין קבר דאָס קעסעלע און דערויף אָנשרייבן מיט קרייד: „דאָס איז דעם זשורינער שוחטס מצבה..."

אמת, ביי די פּויערים אויפֿן באַזאַר קויפֿט מען ווילדע מציאות בחצי חינם און די פֿינף הונדערט קאַרבן זענען טאַקע אַ וואַזשנער מאַיאָנטעק, אָבער די 150 מיילער פֿון די כאָטינער האָבן אויך אָט אָ דעם ברונעם גיך אויסגעטרונקען, און דאָס קעסעלע האָט גאָר ניט געוואָלט וויסן און כסדר געמאָנט, מען זאָל עס אָנפֿילן.

איז ר׳ הערשל געפֿאַלן אויף אַ ווייטערער המצאה. ווו שטייט עס געשריבן, האָט ער זיך געפֿרעגט, אַז אַ שוחט אין אַ פֿאַרוואָרפֿענעם העק דאַרף עס האָבן שאַפֿעס, בעטן, בעטגעוואַנט און אַנדערע נאַרישקייטן? נו, און שלאָפֿן אויף אַ באַנקבעטל מיט דער האַנט צוקאָפּנס איז חס ושלום אַ סכּנה?

— אַוודאי ניט — האָט ער זיך אַליין פֿאַרענטפֿערט די שאלה. און שוין דעם זעלביקן טאָג האָבן פּויערים אַרויסגעטראָגן דאָס ביסל אָרעמקייט פֿונעם רבס הייזל און דערפֿאַר אַריינגעבראַכט ווער אַ זעקל קאַרטאָפֿליעס, ווער אַ זעקל מעל, ווער קרענצלעך ציבעלעס, ווער אַ פֿאַטשיילע הירזש, בקיצור ר׳ הערשל איז פּלוצים געוואָרן אַ סוחר מיט לייטן גלייך...

— ס'איז מיר ליבער אַז מיין שטוב איז ליידיק, איידער — ניט די שעה זאָל עס זיין — דאָס כאָטינער קעסעלע, האָט ר׳ הערשל מיט לויכטנדיקע אויגן אָפּגעענטפֿערט, אַז נאָנטע האָבן אים געפֿרעגט: ס'טייטש, וויפֿל איז דער שיעור?

אָט אַזוי איז ר׳ הערשל, דער זשורינער שוחט.

איי, וואָס איז געשען דאַן, אַז ר׳ הערשל האָט שוין ניט געהאַט וואָס צו פֿאַרקויפֿן? איז טאַקע געווען אָך און ווי צו די כאָטינער און סע האָט זיך פֿון זיי אויסגעלאָזט אַש און פֿאָרעך. הונגער און פֿלעקטיפֿוס האָבן אָנגעהויבן בושעווען אין שול, ס'האָט ניט געדויערט קיין האַלב יאָר, ביז די שול האָט זיך אָפּגערייניקט פֿון די כאָטינער און דער רבונו־של־עולם האָט געקענט זיך פֿון ס'ניי אַריינציען...

דאָס אָנקומען פֿון די כאָטינער קיין זשורין איז געווען רק אַן אָנזאָג. אַ חודש שפּעטער האָבן אָנגעהויבן זיך גיסן כוואַליעס פֿון טראַנספּאָרטן, צו 200 און 300 אין אַ טאָג, יידן פֿון דער בוקאָווינע און פֿונעם קרייז דאָראָהוי אין דער מאָלדאָווע, ביז דאָס קליינינקע שטעטעלע זשורין מיט זיינע וואָסערע 300 כאַטעס האָט געמוזט אַריינזאַפּן אַ חשבון פֿון העכער 3000 נפֿשות. דעם ערשטן טראַנספּאָרט האָט טאַקע ר׳ הערשל מיט זיינע מקורבים מקבל פּנים געווען, ווי מיר האָבן שוין דערציילט, און דערפֿאַר געזאָרגט, אַז זיי זאָלן

האָבן ווי די מידע קעפּ אַנידערצולייגן. אַז סע האָט אָבער אָנגעהויבן גיין אַ סדרה פון טראַנספּאָרטן נאַכט איין נאַכט אויס — ביי טאָג פלעגט מען די איידעלע סחורה ניט פירן איבער די שאָסייען, פאַר אַ גוט אויג... — האָט דער קלוגער ר׳ הערשל שוין ניט געוווּסט זיך אַן עצה צו געבן. אַזאַ מבול פון אומגליק האָט שוין אַריבערגעשפּאַנט זיין רצון און זיינע כּוחות. צווישן די טראַנספּאָרטן האָבן זיך געפונען אַ סך יידן פון דרום־בוקאָווינע — אַ געגנט וואָס איז קיין מאָל ניט געווען פאַרכאַפּט פונעם ״טריפהנעם״ רעזשים — און אָט אַ די יידן זענען עס טאַקע דערפאַר געווען שטיקלעך מיוחסים אין די אויגן פון דער רומענישער מאַכט, לגבי די יידן פון בעסאַראַביע און צפון־בוקאָווינע, וועלכע האָבן אַ יאָר לאַנג געלעבט אונטערן רויטן שטערן און אין זיך אַריינגעזאַפּט די מסוכנדיקע תורה. איז טאַקע דערפאַר האָבן די יידן פון דרום־בוקאָווינע און דאָראָהוי געהאַט אַ מעגלעכקייט עפּעס פון זייער האָב־און־גוטס מיט זיך צו שלעפּן און לכל הפחות אַ טייל דערפון קיין זשורין צו ברענגען. געווען אפילו צווישן זיי אַ היפּשע צאָל אַמאָליקע נגידים, וואָס זיי האָט זיך איינגעגעבן אַריבערצופּעקלען אַ ביסל מזומן אין רומענישע ליי, כאָטש דאָס האָט געשמעקט מיט טויטשטראָף. אָנקומענדיק קיין זשורין האָבן די מיוחסים זיך באַזעצט אינעם אוקראַינישן טייל פונעם שטעטל, באַצאָלנדיק די אוקראַינער אַ לייטיש דירה־געלט, צי מזומן, צי מיט חפצים פון זייער באַגאַזש. דער רוב אָנגעקומענע האָט אָבער באַלאַנגט צו עמך, אָן באַגאַזש און אָן מזומן, אָפּגעריסענע און אָפּגעשליסענע באַשעפענישן, וועלכע האָבן קוים זייערע בידנע לעבנס אָפּגעראַטעוועט און ניט געהאַט מיט וואָס אַ טאָג איבערצוקומען. זיי האָבן קיין דירות ניט געדונגען און זיך געמוזט באַנוגענען מיט חרובע שטאַלן, בוידעמער, ליידיקע חורבות, אָן ליכט און אָן לופט, צו 20 און 30 אויף אַ קופּע. אמת ס׳האָט זיך באַלד פאָרמירט אַ יודענראַט, וואָס האָט געעפנט אַ פאָלקס־קיך, אָבער דאָס האָט באַטייט וועלן אָפּלעשן אַ שריפה מיט אַ ביסל שפּייעכץ...

ערשטער עפּילאָג, אינעם יאָר 1950

גלות זשורין איז לאַנג אַוועק ווי אַ בייזער חלום, אויף אַלע פּוסטע פעלדער. ניטאָ מער קיין בעזשענצעס אין זשורין, ניט קיין מיוחסים פון דרום־בוקאָווינע און ניט קיין פּסולע ״שטיפקינדער״ פון בעסאַראַביע און צפון־בוקאָווינע. ווער ס׳איז געבליבן אויפן זשורינער בית־עולם — ווי, ווי, וויפל הונדערטער סע זענען דאָרט פאַרבליבן... — און ווער ס׳האָט דערלעבט די ישועה און זיך אומגעקערט צוריק אין דער אַלטער היים, וואָס איז שוין קיין היים ניט מער, מיט צעבראָכענע נשמות און סקאַליעטשעטע גופים. דער זשורינער רב, ניין, הערשל שוחט, געפינט זיך צייטווייליק ניט אין זשורין. די ״חברים״ האָבן אים אַריינגעזעצט בלויז אויף צוויי יאָר אין טורמע אַריין. אַ 82 יעריקן זקן קען מען דאָך ניט געבן אַ גרעסערע צאָל יאָרן, ווייל ער קען נאָך חס ושלום אַרויסשטעלן אַ פייג פאַר דער צייט... נו, ער האָט עס דאָך עפּעס שווער געזינדיקט אין דער צייט פון אָקופּאַציע! אָנגעהאָדעוועט פּאַראַזיטן, געווען אַ בן־בית ביים יודענראַט, געדרשנט אין די שולן. אַן אמתדיקער קליינבירגערלעכער שונא פונעם פּראָלעטאַריאַט...

צווייטער עפּילאָג, אינעם יאָר 1952

הערשל שוחט האָט די חברים ניט אַרויסגעשטעלט אַ פייג. אויסגעזעסן ווי אַן ערלעכער בירגער די צוויי יאָר, זיך אומגעקערט קיין זשורין און שוין אַ וואָך שפּעטער געוואָרן אַ תושב אויפן זשורינער בית־עולם, אין שכנות פון די ״כאָטינער״, וואָס זיי האָט ער געראַטעוועט מיט זיין קעסעלע...

דערשינען אין ״די גאָלדענע קייט״ נר. 44

כאָטינער יידן אין סיביר

זעלטן טרעפט אין דער געשיכטע, אַז ס׳בייט זיך די מאַכט אָן בלוט פאַרגיסן. בעסאַראַביע און צפון־בוקאָווינע זענען אַריינגעפאַלן צו די סאָוועטן אָן אַ שאָס פון אַ ביקס.

די יוגנט האָט זיך געפרייט מיט דעם שינוי, אָבער אין די הערצער פון די עלטערע האָט זיך פאַרגנבעט דער ספק.

מיט אַ מאָל איז די שטאָט פול געוואָרן מיט פּאָליציי. פּאַטראָלן האָבן געבושעוועט דורך די נעכט. אין יעדער פּאַטראָל איז געווען אַ פּאַרטיימאַן — פאַרשטייט זיך אַ ייד — און אַ מיל־ציאָנער. אין אַ נאַכט אין האַרבסט 1940 זענען די פּאַטראָלן אַרומגעגאַנגען פון שטוב צו שטוב און געהייסן די ״פאָלקס־פיינד״ זיך אָנטאָן, איבערגעבן זייערע פּאַפּירן און זיך נעמען צידה־לדרך פאַר דריי טעג.

מ׳האָט די מענטשן אַרויסגענומען פון די שטיבער און זיי אַוועקגעפירט צו דער פּאָליציי. שטרענג באַוואַכט, זענען די מאַשינען דערנאָך אַרויסגעפאָרן אין אַן אומבאַקאַנטער ריכטונג. אין דער פרי זענען מיר אָנגעקומען קיין נאָוואָסעליץ און דאָרטן האָט מען אונדז אַריבערגעפירט אין לאַסט־וואַגאָנען, אין וועלכע מיר זענען געלעגן ביז מוצאי־שבת. קיינער האָט ניט געטאָרט צוקומען צו די וואַגאָנען.

מ׳האָט אונדז פונאַנדערגעטיילט אין גרופּעס: ציוניסטן, געוועזענע מיטגלידער אין פּאַרטייען, געוועזענע באַאַמטן, אד״גל. מוצאי־שבת איז געקומען אַן אָפיציר און לויט אַ רשימה, האָט ער אַרויסגערופן מענטשן פון וואַגאָנען. די מענטשן זענען אָפּגעטיילט געוואָרן פון זייערע משפחות און פאַרשיקט געוואָרן אין לאַגערן, ערגעץ ווייט, פון וואַנעט זיי האָבן זיך שוין מער ניט אומגעקערט. די ווייבער זענען פאַרשיקט געוואָרן אין אַנדערע לאַגערן, טויזנטער קילאָמעטער ווייט פון זייערע מענער.

מוצאי־שבת זענען מיר אַרויסגעפאָרן איבער מאָגילאָוו, זשמערינקע — קיין אוראַל. קיינער האָט ניט געטאָרט אַרויסגיין פון די וואַגאָנען, די באַדערפענישן האָט מען געמאַכט אין אַ צובער, אַלעמען אין די אויגן.

עסן האָט מען אונדז געגעבן דורך די פענצטערלעך פון

די וואַגאָנען. נאָך אַ נסיעה וואָס האָט געדויערט 17 טעג האָט מען אויפגעמאַכט די וואַגאָנען און מיר האָבן זיך געפונען אויף אַ פרייַ פעלד. דאָרטן האָט מען אונדז געגעבן עסן און מ'האָט אונדז דערלויבט אַ גאַנצן טאָג צו אָטעמען פרישע לופט. אין אָוונט זענען אָנגעקומען אויטאָס וואָס האָבן אונדז געפירט ביז אין יעווסעצקי ראַיאָן, אין דער געגנט פון טאַמסק.

סוף־כל־סוף זענען מיר אָנגעקומען אין לאַגער, פון וואַנעט מען האָט אונדז געפירט אין וואַלד האַקן קלעצער. עסן האָט מען געגעבן לויט וויפל מען האָט געאַרבעט. נאָך דריי חדשים האָט מען אונדז געגעבן די מעגלעכקייט צו זוכן פרייַ אַרבעט אין די אַרומיקע דערפער, ווייל ס'האָבן געפעלט מענטשן, מחמת די מענער זענען אַלע אַוועק אין דער מלחמה. מיר האָבן טאַקע גרינג געפונען אַרבעט.

נאָך אַ יאָר צייט זענען מיר אַוועק מיט אַ שיף ביז קיין אַלטיי. דאָס לעבן איז דאָרטן ניט געווען לייכט, אָבער מיר האָבן געאַרבעט ביים פישפאַנג און געהאַט גענוג צו עסן. פּאַמעלעך האָבן מיר זיך איינגעוואוינט מיט די צרות.

אין יאָר 1956 האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז ווער עס וויל זיך אומקערן אַהיים זאָל דערלאַנגען אַ בקשה. אין האַרץ האָט דערוואַכט אַ האָפענונג אַז ס'וועט נאָך קומען די גאולה. אַ סך האָבן מורא געהאַט צו נעמען ווידער דעם וואַנ־דער־שטעקן אין האַנט און זענען שוין דאָרטן פאַרבליבן.

די פרשה נע־ונד האָט זיך פאַרענדיקט נאָך זיבעצן יאָר.

לזכר אַ יוגנטפריינד

די אלמנה ריבה קויפמאַן האָט אַלץ געטאָן כדי איר זון, אַדאָלטשיק, זאָל לערנען און ווערן אַ לייט. ווען די סאָוועטן זענען געקומען אין כאָטין — איז ער טאַקע געוואָרן אַ לערער.

די דייטשישע און רומענישע רוצחים האָבן אים אויס־געקליבן צווישן די אַכציק יידן, אינטעלעקטואַלן, וואָס זענען דערשאָסן געוואָרן לעבן די זומפּן. ער איז געגאַנגען אויף זיין לעצטן וועג אין איינעם מיט אליעזר רויזמאַן און אַנדערע, וואָס זענען אַוועקגעפירט געוואָרן און זיך מער קיין מאָל ניט אומגעקערט.

מיט אַ טאָג פריער האָב איך אויפגעוועקט אַדאָלטשיקן ער זאָל מיך בייטן אויף דער וואַך, ווייל אברהם גרינאָוועצער און לייב געלמאַן האָבן מיך געהאַט געבעטן איך זאָל זיי העלפן לעשן די שריפה וואָס איז אויסגעבראָכן אין שכנותדיקן הויף.

אַדאָלטשיקס שוועסטער, צילה, האָט געלערנט אין קעשע־נעוו. זי איז אומגעקומען ווען די סאָוועטישע אַרמיי איז אָפּ־געצויגן, אין איינעם מיט אַנדערע קעשענעווער סטודענטן.

שפּעטער האָב איך געזען די אַלמנה, ריבה קויפמאַן, אין אַ קאָלאָנע, אין איינעם מיט איר שוועסטער און איר שוואָגער. זי האָט מיך געבעטן איך זאָל איר געבן אַ קרישקע, ווייל זי האָט שוין עטלעכע טעג ניט אין מויל געהאַט. אויך ריבה איז אומגעקומען.

מיין אייגענער יזכור

איך לעב, עס וויל זיך לעבן, אָבער איך קען ניט פאַרגעסן!

מיין פאָטער, הירש לימאַנשטשיק, (סטעלמאַך) איז דער־שאָסן געוואָרן אין קאָפּייגאָראָד ווייל ער האָט גענומען אַ שטיקל האָלץ אויף דער סטאַנציע.

מיין מוטער, טויבע, איז געשטאָרבן פאַר הונגער.


מיין שוועער, הירש־יונה כּלי־זמר (מעדניק), און די שוויגער מיינע זענען אויסגעגאַנגען פאַר צרות און הונגער: מ'האָט ביי זיי צוגענומען צוויי זין — שאול, אין עלטער פון 23 יאָר און יאַנקעלע, אין עלטער פון 22 יאָר, און זייביידע דערשאָסן.

מיין פעטער, מענדל שקאָלניק, מיט זיין פרוי און זעקס קינדער זענען אומגעקומען. מיין קוזינע, רויטבערג, מיט די זיבן קינדער אירע איז אויך אומגעקומען. אויך מיין קוזין הירש־לייב מענעלע מיט די דריי קינדער זענען דערהרגעט געוואָרן דורך די מערדער.

מיין מומע רחל, דער מוטערס שוועסטער, מיט אַ טאָכטער און אַ קינד זענען געשטאָרבן אין לאַגער.

מיין צוויי און צוואַנציק־יאָריקן ברודער האָט סטאַלין צוגענומען, און איך האָב פון אים גאָרנישט מער געהערט.

אַ חוץ מיין אייגענער משפּחה, געדענק איך מיינע שכנים און פריינד, וואָס זענען אומגעקומען, דערהרגעט געוואָרן פון די רוצחים, אָדער אויסגעגאַנגען פאַר הונגער.



די נעמען פון די דערשאָסענע אויף דער מצבה פון קבר אחים

איך דערמאָן זיך...

דאָס צווייטע מאָל אַז מיר שפּאַנען אַרויס פון סעקורען, ניט וויסנדיק וווּהין. איך קוק אויף די געשטאַלטן און מיר קומט ניט צו גלייבן אַז דאָס זענען די מענטשן וואָס איך האָב געקענט. צי איז דאָס לייקע גאָפּמאַן, אונדזער אַמאָליקע שכנה? איר מאַן, פּנחס גאָפּמאַן, איז געשטאָרבן אויף מיינע הענט. אַצינד גייט זי פּאַוואָליע, לייקע, זי זאָל זיך חלילה ניט אויסגליטשן. ווער ס'גליטשט זיך אויס און גייט אַרויס פון דער ריי איז מיטן לעבן אין די הענט. זי האָט אַפילו ניט געקוקט וואָס ס'קומט פאָר אַרום איר.

די קינדער אירע זענען כמעט אַלע עולה געווען קיין ישראל, חוץ איינעם, מאיר.

איך בין געווען מיט מיין טאַטע ביי די גאָפּמאַנס זיך געזעגענען מיט איינעם פון די זין וואָס איז אַוועקגעפאָרן. דער טאַטע האָט געפרעגט מאירן: נו, ווען וועסטו פאָרן צו דיין ברודער? מאיר האָט געענטפערט: פּאַלעסטינע איז צו קליין כדי אויפצונעמען אַלע יידן, אַזוי אַז מיין אָרט איז דאָ...

דער ערשטער פּרווו אַריבערצוגיין די גרענעץ קיין רוס־לאַנד איז אים ניט געראָטן. דאָס צווייטע מאָל איז ער אַריבער אין איינעם מיט זיין פרוי. שפּעטער האָט מען פאַרשפּרייט קלאַנגען אַז ער איז ווידער אין אונדזערע מקומות. איין מאָל האָט מען פאַרבעטן פּנחס גאָפּמאַנען צו דער פּאָליציי און אין אַ פינצטערן ווינקל האָט מען אים געוויזן אַ מענטש, וואָס איז געלעגן אויף דער פּאָדלאָגע, איינגעוויקלט אין שמאַטעס און צעבלוטיקט. מען האָט אים געפרעגט צי דאָס איז זיין זון. ער האָט געענטפערט אַז יאָ.

מאיר האָט געטאָן אילעגאַלע אַרבעט און האָט באַנוצט, אין איינעם מיט זיין פרוי, אַפילו די תפיסה פאַר קאָנספּיראַ־טיווע צוועקן. נאָך דעם ווי מען האָט אים באַפרייט פון תפיסה האָט ער ווידער געפּרוווט אַריבערצוגיין דעם דניעסטער. ער האָט באַגעגנט די רומענישע גרענעץ־וואַך, אָבער ס'איז אים געראָטן זיך אויסצובאַהאַלטן אין די קוקורוז־פעלדער. דעם אַנדערן טאָג האָט אים אָבער אַנטפּלעקט דער בעל־הבית פונעם פעלד און האָט אים איבערגעגעבן דער פּאָליציי.

מען האָט מאירן געמישפּט ווי אַ געפערלעכן שפּיאָן און אים אַריינגעוואָרפן אין תפיסה, אַ געבונדענעם אין קייטן. בשעת דער ערד־ציטערניש פון סעפּטעמבער 1940 איז אַרויס־געפאַלן אַ שטיין פון דער וואַנט אין תפיסה וווּ מאיר איז געזעסן און אים דערהרגעט.

די אומלעגאַלע צייטונג האָט מודיע געווען אין עטלעכע ווערטער וועגן מאירס טראַגישן טויט.

מיר זענען געבליבן געציילטע

אין כאָטין האָט מען מיך געקענט אונטערן צונאָמען ישראל פּוזיס. מיין שווער, אַברהם שוחט, איז געווען דער שמש פון דער יאַטקע־קלויז. מיין שוויגער, שיינדל, איז געווען די טאָכטער פון בענדעט מלמד.

דער גרעסטער טייל פון מיין משפּחה איז אומגעקומען אין די יאָרן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. צעבראָכן און צעשפּליטערט זענען מיר געוואָרן. געבליבן זענען מיר גע־ציילטע. איין טאָכטער — יפה טויבמאַן — איז געקומען אין לאַנד מיט דער עלית־הנוער; אַ צווייטע טאָכטער געפינט זיך אין מאָנטעווידעאָ. טויבע וואַסערמאַן מיט איר משפּחה און חיים וואַסערמאַן — געפינען זיך אין רוסלאַנד. דאָס איז אַלץ וואָס איז געבליבן.

ווען מיר זענען אַרויסגעטריבן געוואָרן פון כאָטין און געיאָגט געוואָרן אויף די וועגן, קיין סעקורען, און פון דאָרט קיין אַטאַקי און ווידער צוריק, כדי ביי אונדז אַרויסצונעמען די נשמה, איז דער ערשטער קרבן פון אונדזער משפּחה געווען אונדזער מאַמע — שרה. איך האָב באַוויזן זי צו ברענגען צו קבר ישראל.

מיין פאָטער, משה פּוזיס, איז אומגעקומען לעבן נאַזאַ־ראַניץ. מען האָט אונדז ניט געלאָזט כאַפּן דעם אָטעם, גע־טריבן ווייטער, אַזוי אַז אים, מיין פאָטער, האָב איך ניט געקענט אפילו ברענגען צו קבר ישראל.

אין פּאָפּאָוויטש איז אומגעקומען מיין ברודער יהושע און אין קאָפּייגאָראָד איז געשטאָרבן זיין פרוי, חנה, און די דריי קינדער אירע.

▼

געשען זענען ניסים אַז מיר, די געציילטע, זענען לעבעדיק אַרויס פון קאָפּייגאָראָד. אין כאָטין האָבן מיר געפונען איין גרויסע חורבה. דאָרטן האָבן מיר זיך ערשט דערוווּסט אַז דער ברודער אברהם מיט זיין פרוי, וואָס האָבן געלעבט אין פראַנקרייך, זענען פאַרשיקט געוואָרן קיין אוישוויץ און זענען דאָרטן אומגעקומען.

דער איינציקער טרייסט איז אונדז געבליבן צו קומען אין ישראל, ווו מיר זאָלן קענען דערציען אונדזער קינד, וואָס איז דעמאָלט אַלט געווען אין גאַנצן אָנדערטהאַלבן יאָר.

מיר זענען געקומען אין לאַנד אין יאָר 1948 — ווען ס'איז אָנגעגאַנגען די מלחמה. דאָס איז אָבער שוין געווען גאָר עפּעס אַנדערש ווי צו פאַלן ווי די פליגן אין לאַגער. מיט ניינצן יאָר שפּעטער, בעת דער זעקסטאָגיקער מלחמה, איז אונדזער זון אברהמעלע אויך געגאַנגען קעמפן פאַר אונדזער קיום.

מיר פילן זיך דאָ שטאַלץ, נאָך דעם וואָס מיר האָבן אַזוי פיל געליטן.



כאַטינער ביים קבר אחים

רשימה פון כאָטינער קדושים, אומגעקומענע אין לאַגער דזשורין

די דאָזיקע רשימה פון די כאָטינער קדושים נעמט אַרום בלויז די אומגעקומענע נפשות וואָס זענען פאַרשריבן אין דער קאַזיאָנער מעטריקע פונעם קאָנצענטראַציע לאַגער דזשורין, קרייז מאָגילעוו־פּאָדאָלסק, ("טראַנסניסטריע" בעת דער נאַצישער אָקופּאַציע, אַמאָל און היינט מערב־אוקראַינע). זייענדיק דעמאָלט אויך איינער פון די לאַגערניקעס, האָט דער לאַגער־קאָמענדאַנט אויף מיר אַרויפגעלייגט דעם חוב פון פאַרשרייבן די נעמען פון די אומגעקומענע אין אַ מעטריקע. אָ־די מעטריקע, וואָס כ'האָב זי אָפּגעראַטעוועט מיט סכנת־נפשות און זי געפינט זיך היינט צו טאָג אין מיינע הענט, הויבט זיך אָן דעם 7 פעברואַר 1942 און פאַרענדיקט זיך דעם 19טן מערץ 1944, אין סאַמע טאָג ווען די רויטע אַרמיי האָט איינגענומען דזשורין און באַפרייט דעם לאַגער.

אין דער מעטריקע האָב איך פאַרשריבן אויך אַ קליינע צאָל פון כאָטינער קדושים, וואָס זענען אומגעקומען אין לאַגער פריער פונעם 7טן פעברואַר 1942, אויפן סמך פון גביית־עדות. אין אמתן איז אָבער די צאָל פון כאָטינער לאַנדסלייט וואָס זענען פאַרשניטן געוואָרן אין לאַגער דזשורין אַ ווייט גרעסערע פון דער דאָזיקער רשימה.

דער ערשטער טראַנספּאָרט מיט כאָטינער פאַרטריבענע יידן — וואָסערע 300 נפשות — אַ בינדע שארית הפליטה פון דער אומברחמנותדיק פאַרשניטענער קהילה־קדושה כאָטין, האָט זיך דערשלאָגן קיין דזשורין נאָך גרוילעכע מאַטערנישן און וואָגלענישן שוין אין סעפּטעמבער 1941. זיי האָבן עס טאַקע באַנייט דאָס גיהינום וואָס רופט זיך קאַצעט דזשורין. די דאָזיקע אומגליקלעכע "פּיאָנערן", געיאָגטע פון אכזריותדיקע זשאַנדאַרן, האָבן זיך דערשלעפּט צום לאַגער נאַקעטע און באָרוועסע, אויסגעדייוועטע און דערשלאָגענע סקעלעטן, ממש פאַלנדיק פון די פיס אָן כוחות.

דער רוב פון אָ־די "געסט" איז אויסגעגאַנגען אין גיכן הונגער, קעלט, מגפות און פאַרוואָרלאָזונג שוין אין די ערשטע חדשים, איידער די מעטריקע איז געבוירן געוואָרן. די נעמען פון אָ־די ערשטע קרבנות זענען דערפאַר נישט פאַרשריבן. צום גרויסן צער זענען די נעמען זייערע פאַרזונקען געוואָרן אין תהום פון פאַרגעסעניש.

נישט פאַרשריבן אין דער מעטריקע זענען אויך יענע כאָטינער קדושים, וואָס די רומענישע זשאַנדאַרן האָבן זיי פאַרשיקט אויף קאַטאָרזשנע אַרבעט פון דזשורין אין די דייטשע לאַגערן אויף דעם מזרח־ברעג פונעם בוג (טריכאַטי, וואַרוואַראָווקע, קוריאָווקע, ניקאָלייעוו, אָדעס א. אַ.). די פאַרשיקטע האָבן זיך שוין קיינמאָל נישט אומגעקערט און זייער געביין איז ערגעצוווּ פאַרפאַלן געוואָרן.

די ווייטערע רשימה, אַרויסגעצויגן פון דער מעטריקע, נעמט אַרום די פּערזענלעכע פּרטים פונעם קדוש (קדושה) אויף ווי ווייט כ'האָב באַוויזן זיי אויסצוגעפינען. סע פלעגט זיך טרעפן, אַז דער אומגעקומענער איז פאַרבליבן דאָס לעצטע צווייגל פון אַן אויסגעקוילעטער משפחה און כ'האָב זיך בשום אופן נישט געקאָנט דערוויסן פּרטים אַ חוץ דעם נאָמען.

אַזוי אַרום שטעלט מיט זיך פאָר אָ־די פינצטערע רשימה אַ ווינציקן חלק פון דער מגילת־איכה אין שייכות מיטן חורבן כאָטין.

ל. קונשטאַט

(די רשימה אויף זייט 218)

1

1942 COLONIA EVREEASC DUJRIN JUD. MOGHILEV

No. crt.	Data	Locul	Numele şi pronumele decedatului	Vârsta	Sex	Părinţii	Loc de origine	Numele celuilalt soţ	Stare civilă	Boala de care a murit	Jahrzeit	Verificarea morţii şi eventuale observaţii
1.	7 Februarie	93	Mecz Herman	65	masc.	Emil şi Resi Mecz	Cernăuţi	Chana Mecz	căs.	Pneumonie	[illegible]	corectat "Mecz" [illegible]
2.	11 Februarie		Rosenberg Meier	18	masc.	Abraham Rosenberg	Hotin	—	necăs.	Miocardită	[illegible]	[illegible]
3.	12 Februarie	880	Wachter Koppel Marcus	80	masc.	Moses şi Gittel Wachter	Rădăuţi	Chane Wachter	văduv	Debilitas senilă	[illegible]	[illegible]
4.	14 Februarie	Templu 999a	Ackermann Kalman	56	masc.	Itic-Juda şi Seindel	Hotin	Esther Ackermann	căs.	Diabetes	[illegible]	[illegible]
5.	16 Februarie	Templu 999a	Goldgelb Avrum	65	masc.	Zalman şi Rifca	Hotin		căs.	Astma	[illegible]	[illegible]
6.	16 Februarie	969	Quallenberg Josef	66	masc.	Leib şi Sure Quallenberg	Vijniţa	Keine Quallenberg	căs.	Diabetes	[illegible]	[illegible]
7.	17 Februarie	Vacuţi-ne, casă com.	Tudower Jetty	46	fem.	Iacob şi Beile Tudower	Vijniţa	—	necăs.	Nephritis	[illegible]	[illegible]
8.	17 Februarie	Pocutina	Golz Jacob	40	masc.	Abraham şi Rosa Golz	Cernăuţi	Klara Golz	căs.	omorât de ucigaşi	[illegible]	[illegible]
9.	17 Februarie	idem	Gottlieb Moses	36	masc.	Eisig şi Handel Gottlieb	Vijniţa	Lisa Gottlieb	căs.	idem	[illegible]	[illegible]
10.	19 Februarie	94	Kloger Benzion	62	masc.	Leib şi Henzie Kloger	Suceava	Hinora Kloger	căs.	Apoplexie	[illegible]	[illegible]
11.	22 Februarie	Templu 999a	Ackermann Esther	56	fem.	Saul şi Rachel Ackermann	Hotin	Kalman Ackermann	văd.	Miocardită	[illegible]	[illegible]
12.	22 Februarie	Templu 999a	Dr. Lieblich Blima	50	fem.	necunoscuţi	Cernăuţi	/	necăs.	idem	[illegible]	[illegible]
13.	23 Februarie	1003	Altdorf Fanny	67	fem.	Juda şi Sara Bercuin	Rădăuţi	Josef Altdorf	căs.	idem	[illegible]	[illegible]
14.	24 Februarie	Templu 999a	Pacht Solomon	47	masc.	Iacob şi Schindel Pacht	Cernăuţi	necunoscut	căs.	idem	[illegible]	[illegible]
15.	3 Martie	995	Harth Jetti-Malka	72	fem.	Mendel şi Pitel Goldschläger	Rădăuţi	Enola Leib Harth	văd.	idem	[illegible]	[illegible]
16.	5 Martie	1018	Fuhrmann Moses-Isak	57	masc.	Abraham şi Debora Fuhrmann	Dzurin	Chasie Fuhrmann	căs.	idem	[illegible]	[illegible]
17.	6 Martie	890	Dunawetzki Jacob	53	masc.	Moses şi Perl Dunawetzki	Dzurin	Gittel Dunawetzki	căs.	astma	[illegible]	[illegible]
18.	7 Martie	Templu 999a	Brunsport Meier	51	masc.	Emil şi Lea Brunsport	Hotin	Golde Brunsport	văduv	miocardită	[illegible]	[illegible]

א בלעטל פון דער מעטריקע

פון יידישן לעבן אין באטין

די שניידערישעגאַס

די גאַס האָט שפּעטער געהייסן ״גריוויצאַ״, אָבער מיר האָבן זי ווייטער גערופן ״די שניידערישע־גאַס״. איך ווייס ניט פאַר וואָס דווקא די שניידערס האָבן זוכה געווען אַז די גאַס זאָל הייסן אויף זייער נאָמען, כאָטש ס׳האָבן דאָרטן אויך געוווינט אַנדערע בעלי־מלאכות.

צוריק מיט צענדליקער יאָרן איז אָט די גאַס געווען דער צענטער פון שטאָט, ווו ס׳האָבן געוווינט די פּני הקהילה. די גאַס איז אויך געווען אַ וויכטיקער פּונקט אין עקאָנאָמישן לעבן פון דער שטאָט, ווייל פון דאָרטן האָבן געפירט די וועגן קיין קאַמענעץ־פּאָדאָלסק און אַנדערע שטעט פון יענער זייט דניעסטער.

מיט דער צייט, ווען מען האָט אָנגעהויבן בויען נייע הייזער און נייע גאַסן, איז די שניידערישע־גאַס אַרונטערגעבליבן און מ׳האָט זי אָנגעהויבן רופן די אונטערשטע שטאָט. צוליב איר ספּעציעלן קאָלאָריט, איז אָט די גאַס געווען אַנדערש ווי די איבעריקע זייטנגאַסן.

עס זענען געווען אויף דער שניידערישער־גאַס צוויי רייען הייזער, קלענערע און גרעסערע, געבונדן איינס מיטן אַנדערן. די הילצערנע באַלקאָנען האָבן זיך געצויגן כמעט ווי איין ליניע. די ציגל־דעכער, מיט אָן אַ שיעור לעכער האָבן אונדז אויסגעוויזן ווי איין לאַנגער דאַך.

ביז צו דער טערקישער בריק האָבן געוווינט נאָר יידן און פון יענער זייט בריק איז די באַפעלקערונג געווען אַ געמישטע. לכבוד שבת האָט די גאַס באַקומען אַן עכט יידישע מראה. מען פלעגט קאַלעכן די פאַצאַדן, רייניקן די באַלקאָנען און אָפּקערן די גאַס פאַר יעדן הויז. אין די הייזער האָט מען אָנגעצונדן די שבת־ליכט אין די בלישטשענדיקע קופּערנע לייכטער און אויפן טיש זענען געלעגן חלות צו דער סעודה. די פרויען אין שבתדיקע קליידער האָבן געכאַפּט אַ שמועס מיט די שכנות פון איין באַלקאָן צו דעם אַנדערן און די קינדער האָבן געקנאַקט קערעלעך.

אין די ימים־נוראים האָט געהערשט אויף דער גאַס אַ באַזונדערע שטימונג. אַלע שולן, די קלענערע, ווו ס׳האָבן געדאַוונט פּשוטע מענטשן און די גרעסערע — זענען געווען פול מיט יידן. די ווייבער פלעגן קומען אַ ביסל שפּעטער, אָבער קיין מאָל ניט נאָך ״המלך״, כדי נאָכצופאָלגן די תפילות אין מחזור. די קינדער האָבן געגעסן גוטע זאַכן, וואָס זיי האָבן זיך מיטגענומען פון דער היים. אין דער הפסקה איז מען אַהיימגעגאַנגען עפּעס נעמען אין מויל און זיך איבערטאָן.

שמחת־תורה האָט מען זיך געלאָזט ווויל באַקומען. מען האָט זיך געגרייט צו די הקפות און מען האָט געמאַכט אַ לחיים. די גבאים פון די שולן זענען געווען בגילופין. די קינדער האָבן געמאַכט לאַמטערנעס פון האַרבוזעס.

נאָך קידוש, ביים גבאי, איז דער עולם געגאַנגען מיט געזאַנג און טענץ אין שול אַריין. אפילו די קריסטן זענען דעמאָלט געווען אַנדערש ווי אַ גאַנץ יאָר. זיי האָבן געהאַט הנאה אַז יידן זענען אויך אַ ביסל בגילופין. אַ ביסל בראָנפן האָט געקענט פאַרווישן די שינאה און אַרויפברענגען אַ שמייכל אויף פּנימער פון יידן און גויים.

דעם אַנדערן טאָג איז געווען אויס שימחה. די וואָכעדיקייט האָט ווידער גענומען הערשן אויף דער גאַס און אַרויפלייגן דעם עול פון פּרנסה אויף יעדן איינעם. איינער האָט איינ־געשפּאַנט דאָס פערדל און דער אַנדערער האָט זיך אַליין איינגעשפּאַנט אין יאָך, כדי צו פאַרדינען דאָס שטיקל ברויט — ביז איבער אַ יאָר...

אַזוי איז געווען אויף דער שניידערישער־גאַס.

ווי אַזוי איך בין סעקוועסטרירט געוואָרן פון דער כאָטינער פּאָליציי!

גענויע באַשרייבונג פון דעם וואַל־טעראָר אין כאָטינער קרייז

אין כאָטינער קרייז האָט די רעגירונג אַרויסגעשטעלט אַ צעטל פון פאַרשוינען וואָס זענען אָדער קיינעם ניט באַקאַנט, אָדער צו גוט באַקאַנט. ווייסנדיק, אַז ביי אַזאַ צוזאַמענשטעל פּנים צעטל וועט מען קיין שטימען ניט באַקומען, האָט מען געבראַכט בראָש פון דער פּרעפעקטור אַ באַקאַנטן וואַלמאַכער, וועלכער האָט ניט קיין יורידישע רעכט צו זיין פּרעפעקט און דינט בלויז פאַר אַזעלכע שליחותן! און באמת, האָט ער זיין... שליחות אויסגעפירט בשלמות.

מיט צוויי טעג פאַר די וואַלן, האָט מען אָנגעהויבן צו רודפן די דעלעגאַטן און אַסיסטענטן פון אַלע אָפּאָזיציאָנעלע צעטלען. זייערע נעמען האָט מען אַרויסבאַקומען אין טריבונאַל און יעדן איינעם דורך פּאָליציי־קאָמיסאַרן געוואָרנט, ניט צו וואַגן אַרויספאָרן אין די דערפער צו די וואַל־לאָקאַלן, אָדער זיך צו באַווייזן אויף דער גאַס, ווייל תיכף וועט מען אַרעסטירט ווערן. אַזעלכע וואָרענונגען האָבן באַקומען ניט בלויז אָנגעזעענע בירגער, נאָר אויך אַדוואָקאַטן, אונדזערע פריינד, אָדער פאָרשטייער פון די אָפּאָזיציאָנעלע פּאַרטייען. דעם אָנהייב האָט מען געמאַכט מיטן אַדוואָקאַט פלאָרעסקו (נאַציאָנאַל־צאַראַניסט), וועלכער איז ביז צוריק מיט איין חודש געווען דער פּרעפעקט פון כאָטין. שבת ביי טאָג, ווי נאָר ער איז אַרויס פון זיין וווינונג זענען אויף אים אָנגעפאַלן פּאָליציי־קאָמיסאַרן מיט סערזשענטן און אים געוואָלט אַרעסטירן. ער האָט אויפגעהויבן אַ ליאַרם און זיך אַריינגעריסן אינעם קלוב פון די ליבעראַלן, וועלכער געפינט זיך לעבן זיין קוואַרטיר. בלויז אַ דאַנק דעם האָט ער זיך מציל געווען. די זעלבע נאַכט איז ער אַ גרימירטער פאַרשוווּנדן פון כאָטין און זיך אויסבאַהאַלטן אין אויעזד.

זונטאָג, גאַנץ פרי, האָב איך שוין באַמערקט ,אַז קאָמיסאַרן היטן מיין צימער פון האָטעל. ניט וועלנדיק גלייבן אַז, מ׳גרייט צו אַזעלכע אַקטן פון ווילקיר, בין איך דאָך געגאַנגען אין טריבונאַל אַריין און געמאָלדן דעם פּרעזידענט טעאָדאָרעסקו, וועגן דעם וואָס ס׳קומט פאָר אין שטאָט און אין אויעזד. דער פּרעזידענט האָט מער ניט געטאָן, ווי געצויגן מיט די אַקסלען. כ׳האָב פאַרשטאַנען, אַז מ׳קען מיר מיט גאָרנישט ניט העלפן. פון די פענצטער פון טריבונאַל האָב איך אָבער באַמערקט, ווי ביידע איינגאַנגען אין הויף זענען געהיט דורך קאָמיסאַרן. נאָך אַ באַראָטונג מיט אַ פּאָר באַקענטע, בין איך אַרויס דורך דעם טירל פון טריבונאַל און אַוועק דורך די אונטערשטע גאַסן. דער קאָמיסאַר, וואָס איז דאָרט געשטאַנען, האָט מיך אָבער קיין מאָל ניט געזען און די יידישע ליבעראַלן האָבן אים נאָך ניט געהאַט געגעבן מיין בילד, אויסגעשניטן פון "אונדזער צייט". איך האָב זיך שפּעטער דערוווּסט, אַז צוויי "מאָשקעס", וואָס האָפן צו גריזשען אַ ביין, וואָס דער פּריץ וועט זיי צוואַרפן, האָבן אַלץ אָנגעווענדט מיך אויסצוגעפינען אין משך פון זונטאָגדיקן טאָג.

ס׳האָט זיך זיי אָבער ניט איינגעגעבן. די קאַנאַליעס, וואָס שפּילן נאָך די ראָלע פון אַ פרומער קאַץ אין דער יידישער געזעלשאַפט, בשעת אין לעבן זענען זיי מוסרים — האָבן אַלץ געטאָן, כדי מיך אויסצוגעפינען. איך בין פאַרבליבן די גאַנצע צייט רויק און בלויז געוואַרט אויף מאָנטאָג קאַיאָר, כדי צו פּרוּוון אַריינדרינגען אינעם וואַל־לאָקאַל. דער וואַל־לאָקאַל איז געווען אַרומגערינגלט, ניט מיט מיליטערישע פּאַטרולן ווי דער וואַל־געזעץ ווייזט אָן, נאָר דורך קאָמיסאַרן און סערזשענטן. די צאָל זשאַנדאַרן איז ניט געווען גענוג כדי צו קענען טעראָריזירן די גאַנצע שטאָט.

זעקס אַ זייגער אין דער פרי, בין איך אַריינגעדרונגען ביז 20 מעטער צום וואַל־לאָקאַל. ס׳האָבן שוין דאָרט געוואַרט הונדערטער ווייילערס און איך בין געווען איבערצייגט אַז די דאָזיקע וועלן ניט דערלאָזן, אַז איך זאָל פּשוט אַרעסטירט ווערן אָן אַ ווידערשטאַנד.

ליידער האָט די ברוטאַלע קראַפט, דער גרוויסנלאָזער טעראָר, די אומפאַרשעמטע חוצפּה פון די קאָמיסאַרן געווירקט און אַלעמען איבערראַשט און פאַרשטיינערט. צווישן מיר און דעם קאָמיסאַר וואַסילע איז פאָרגעקומען דער ערשטער ווערטער־אויסטויש וועגן מיין רעכט אַריינצודרינגען אין וואַל־לאָקאַל און זיין אומרעכט זיך צו געפינען אין דער וואַל־זאָנע. אָבער וואָס האָט געקענט נוצן מיין לעגיטימאַציע, אַז ער האָט שוין פאַראָרדנט מיך צו אַרעסטירן. איך האָב פּראָטעסטירט אויף אַ קול, זיך ניט געוואָלט לאָזן אַרעסטירן, זענען אויף מיר אַרויף סערזשענטן אין אוניפאָרם און איבערגעטאָן אין ציוויל — וועמענס נעמען כ׳האָב שפּעטער אַנטדעקט — און מיך מיט געשלעג געפירט, ווי אַ פאַרברעכער. וואָס האָב איך געקענט קעגנשטעלן מער ווי מיין פּראָטעסט און שוואַכע פיזישע רעזיסטענץ. איין סערזשענט, האָט אויך אַרויסגעפונען אַ קלאַסישע המצאה: "האָסט געשאָלטן דעם קעניג". איך האָב אים געגעבן צו פאַרשטיין אַז ער האָט ניט געטראָפן דעם אַדרעס און ער האָט שוין ניט געוואַגט מער אַ וואָרט אַרויסצוזאָגן, ביז מיר זענען אָנגעקומען אין דער פּאָליציי.

אויף מיין פּראָטעסט אין פּאָליציי און פאָדערונג מיר צו ווייזן אַן אַרעסט־מאַנדאַט, האָב איך באַקומען דעם ענטפער: "איר האָט געמאַכט סקאַנדאַלן אין דער זאָנע פון די וואַלן, האָט מען אייך דערפאַר אַרעסטירט". פון אייגענער איניציאַטיוו, האָב איך אָנגעהויבן שרייבן אַ דעקלאַראַציע וועגן אַלעמען, וואָס ס׳איז פאָרגעקומען. אין אַ פערטל שעה אַרום איז געקומען צו לויפן אַ צווייטער קאָמיסאַר, סמעדו, און מיך איינגעלאַדן צו פאָרן צום פּראָקוראָר, וועלכער רופט מיך אויף אַן אַנקעטע. נאַטירלעך האָב איך ניט געשפּירט, אַז מען גרייט צו אַ נעץ, און בין אַרויסגעגאַנגען אין הויף פון פּאָליציי. ווי נאָר כ׳האָב באַמערקט דעם פאַעטאָן פון דער פּרימאַריע, אַז ער איז געווענדט ניט צום טריבונאַל, נאָר אויסער דער שטאָט, האָב איך דערפילט, אַז ס׳דראָט מיר אַ געפאַר. איך האָב זיך דערמאָנט ווי מ׳האָט געהאַט אַוועקגעפירט אין אַ וואַלד דעם יאַסער יידישן סאָציאַליסט מאַקס

ווערקסלער און אים דאָרט דערמאָרדעט. אויף אַן ענלעכן אופן האָט מען דערהרגעט דעם ד״ר אַראָנעאַנו פון באַקוי. ס׳איז לייכט צו פאַרשטיין, אַז איך האָב באַשלאָסן זיך צו ווערן

איך האָב זיך אָנגעהאַלטן אינעם רויטן טויער פון דער פּאָליציי און מיט איבערמענטשלעכע כוחות געּרופן נאָך הילף. הגם אַרום דער פּאָליציי איז געווען עולם, האָט קיינער ניט געוואַגט זיך צו דערנענטערן. די סערזשענטן האָבן אויך געטריבן און ניט געלאָזט אַז צו פיל מענטשן זאָלן זיך אָנזאַמלען. דער קאָמיסאַר סמעדו האָט באַפוילן אַ נייער פּאַרטיע סערזשענטן מיך אַרויפזעצן מיט קראַפט אויפן פּאַעטאָן. איך האָב זיך ניט אונטערגעגעבן און דאַן האָבן זיי מיט בעסטיאַליטעט מיך אָנגעכאַפּט ביי די פיס און מיר אַראָפּגעריסן די הענט פונעם טויער, אין וועלכן כ׳האָב זיך אָנגעהאַלטן. פינף סערזשענטן און צוויי קאָמיסאַרן, סמעדו און כארזשאק, האָבן מיך אַרויסגעטראָגן אויף די הענט און אַרויפגעלייגט אויפן פאַעטאָן.

ווי נאָר דער פאַעטאָן האָט זיך גערירט האָט זיך באַוויזן אַ יונגער בחור, וועלכער האָט מיט אַ דונערנדער שטימע און מיט אַ שטיין אין דער האַנט געשריען צו די אינקוויזיטאָרן:

„באַנדיטן, וווּהין פירט איר אים? איר ווילט אים אין וואַלד דערהרגענען?״

אַרויסגעריסן זיך פון די פּאָליציישע הענט און אָנגעכאַפּט די וואַשקעס, האָב איך אויסגעדרייט די פערד צוריק צו דער פּאָליציי. דער יונגער סימפּאַטישער בחור, האָט מיר צוגעגעבן באַזונדערן מוט און ענערגיע. נאָך עטלעכע אַזוינע יונגע־לייט — וואָלט מען ניט געוואַגט מיך אַוועקפירן איבער זומפּיקע פעלדער אין דעם דאָרף קאָפּעלעווקאַ, זיבן קילאָמעטער פון כאָטין!

מ. לאַנדאַו

„אונזער צייט״ יולי 1931

דער גענעראַל האָט זיך אַנטפלעקט... ווי יוסף פאַר זיינע ברידער

איך וויל דערציילן אַ געשעעניש פון מיינע כאָטינער יאָרן, וואָס האָט זיך טיף איינגעקריצט אין זכרון.

אין יאָר 1827 האָט דער צאַר ניקאָליי דער ערשטער, ווי באַוווּסט, אַרויסגעלאָזט אַ באַפעל מען זאָל יידן נעמען צום מיליטער. האָט זיך אָנגעהויבן די פרשה רעקרוטן. די קהילה האָט געדאַרפט צושטעלן אַ באַשטימטע צאָל יינגלעך פאַר רעקרוטן. אַזוי ווי מען האָט קיין מאָל ניט געקענט צונויפשטעלן די געהעריקע צאָל, איז אַרויס אין 1853 די גזירה צו כאַפּן יידן און אָפּגעבן פאַר רעקרוטן. געכאַפּט האָט מען, פאַרשטייט זיך, כמעט נאָר אומגליקלעכע שעפעלעך, וואָס האָבן ניט געהאַט ווער ס׳זאָל זיך פאַר זיי אָננעמען.

די געכאַפּטע קינדער פלעגט מען אַוועקשיקן ערגעץ ווייט, זיי זאָלן פאַרגעסן אין טאַטע־מאַמע און אין זייער יידישן אָפּשטאַם.

אין יאָר 1908 איז אין כאָטין פאָרגעקומען אַזאַ מעשה, וואָס איך געדענק זי גוט ביזן הייַנטיקן טאָג. עס זענען געווען אין כאָטין צוויי ברידער — אברהם און הירש קאַוווּק. דער ערשטער האָט געהאַט אַ קלייט פון תבואה און דער צווייטער איז געווען אַ שניידער. אין אַ שיינעם טאָג האָט מען געכאַפּט זייער זעקס יאָריק ברודערל, מענדעלען, און אים אַוועקגעפירט. מען האָט געוויינט און מען האָט געקלאָגט אָבער ס׳האָט גאָרנישט ניט געהאָלפן. ס׳איז אַדורך אַ יאָר און נאָך אַ יאָר, ס׳זענען געבוירן געוואָרן אַנדערע קינדער אין דער משפחה און מ׳האָט דעם אומגליק כמעט ווי פאַרגעסן.

טאַטע־מאַמע האָבן טאַקע געטראָגן אַ ווייטיק אין האַרץ און זענען טאַקע אַוועק פון דער וועלט מיט אָט דער ווייטיק, אָבער שוועסטער און ברידער האָבן ווייטער געלעבט, געהאַנדלט און געאַרבעט. מען פלעגט זיך אַ מאָל דערמאָנען אין דעם פאַרכאַפּטן ברודערל, נאָר ווי זאָגט דאָס ווערטל? וואָס אויסן אויג איז אויך אויסן זינען.

מאַכט זיך אָבער אַזאַ מעשה: צוויי רייכע יידישע סוחרים, וואָס האָבן געהאַט אַ דערלויבעניש צו רייזן איבערן לאַנד, זענען געפאָרן מיט דער באַן קיין מאָסקווע. אין זעלבן וואַגאָן איז אויך געפאָרן אַ גענעראַל מיט זיין לייבוואַך. פּלוצים האָט דער גענעראַל דערזען די צוויי שיינע יידן מיט לאַנגע בערד. ער האָט באַלד געשיקט איינעם פון זיינע מענטשן מען זאָל די יידן פאַרבעטן צו אים אין קופּע. ווען זיי האָבן דאָס דערהערט איז ביי זיי שיער ניט אַרויסגעפאַלן די נשמה פאַר שרעק. אַ קלייניקייט? אָבער אַז אַ גענעראַל רופט, מוז מען גיין.

דער גענעראַל האָט געהייסן דער וואַך זאָל אַרויסגיין און האָט צו די יידן געזאָגט, אויף רוסיש, פאַרשטייט זיך: האָט ניט קיין מורא, איך וועל אייך קיין שלעכטס ניט טאָן, איך נייטיק זיך אין אייער הילף. איך וויל אייך זאָגן אַז איך אַליין שטאַם פון יידן, נאָר דאָס זאָלט איר האַלטן בסוד, קיינעם ניט דערציילן. ווען מען האָט מיך געכאַפּט בין איך אַלט געווען אין גאַנצן זעקס יאָר. איך געדענק ניט די שטאָט ווו איך בין געבוירן, אָבער דעם נאָמען פון מיינע עלטערן געדענק איך יאָ. רויטמאַן האָבן זיי געהייסן. איך געדענק אויך אַז כ׳האָב געהאַט אַ ברודער — אברהם. איך דערמאָן זיך אויך אַז דער טאַטע פלעגט מיך נעמען באָדן מיט זיך אין טייך, הינטער דער שטאָט. העלפט מיר, יידן, אויסגעפינען מיין אַלטע היים. איר וועט ניט חרטה האָבן. איך וועל אייך שיין באַלוינען דערפאַר.

די צוויי יידן האָבן באַלד אַוועקגעשיקט בריוו קיין ליפּקאַן און קיין כאָטין און געהייסן אַז די רויטמאַנס זאָלן זיך ווענדן צו זיי קיין קעשענעוו און שיקן פאָטאָגראַפיעס פון זייערע משפחות און זייערע לעבנס־באַשרייבונגען. זיי האָבן דאָס אַלץ אַוועקגעשיקט צו דעם גענעראַל און דער גענעראַל האָט צווישן די בילדער דערקענט זיין טאַטע־מאַמע און זיין ברודער אברהם.

פרעגט ניט! ס׳איז געווען אַ מעשה ווי יוסף מיט זיינע ברידער. נאַטשאַלסטווע האָט באַקומען אַ באַפעל צוצוגרייטן דעם יידן אברהם רויטמאַן (קאַוווּק) פאַר דעם געהויבענעם באַזוך פון אַ גענעראַל. מען האָט זיך גענומען ריכטן ווי אויף פסח. מ׳האָט געמאָלן און געפאַרבט און געוואַשן און געקערט.

סוף־כל־סוף איז אָנגעקומען דער גענעראַל און האָט זיך

אַנטפּלעקט פּונקט אַזוי ווי יוסף האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר זײַנע ברידער. ס'איז געווען אַ האַרציקע באַגעגעניש, מ'האָט זיך געהאַלדזט און מ'האָט זיך געקושט. די שמחה האָט געדויערט עטלעכע טעג און די גאַנצע שטאָט האָט נאָר גערעדט פון דער געשעעניש. איידער דער גענעראַל איז אַוועקגעפאָרן, האָט ער אָנגעזאָגט דער נאַטשאַלסטווע מען זאָל זײַן אַמאַליקע משפּחה באַפרײַען פון שטײַערן.

דער גענעראַל האָט פון צײַט צו צײַט געשיקט עפּעס געלט און בילדער פון זײַן פרוי און פון זײַנע קינדער. נאָך דעם ווי דער גענעראַל איז געשטאָרבן, האָט זײַן משפּחה איבער־געריסן דעם קאָנטאַקט מיט די ייִדישע קרובים. ס'האָט פאָרט ניט געפּאַסט פאַר קריסטן זיך אָנצוקערן מיט ייִדן פון אַ קליין שטעטל, ביים ראַנד פון דער מדינה.

כאָטינער בעלי־צדקה

נחום רויטמאַן

נחום־מיכל יצחק־אליהס האָט געהאַט אַ ווײַנקעלער אין כאָטין, אָבער דעם עול פון פּרנסה האָט מײַנסטנס געטראָגן זײַן ווײַב — שײַנדעלע. נחום־מיכל איז שטענדיק געווען פאַר־נומען מיט מעשים־טובים, מיט גמילות־חסדים. ער פלעגט זיך תמיד מתנדב זײַן אַרומצוגיין איבער דער שטאָט, צונויפ־נעמען פאַר אָרעמע־לײַט אויף יום־טוב, אָדער אויף האָלץ אויפן ווינטער. קיין לוין האָט ער, פאַרשטייט זיך, ניט געקריגן, אָבער אומזיסטע זידלערײַען און אפילו קללות איז אים אויס־געקומען צו הערן.

מען האָט אים געקענט אין שטאָט פאַר זײַן יושרדיקייט און דערפאַר האָט מען אים אָפט גערופן פאַר אַ בורר. אפילו דער רב נחום סטראַקאָווסקי האָט אים גערן גענומען פאַר אַ בורר.

נחום־מיכל איז געשטאָרבן אין לאַגער פון קאָפּײַגאָראָד (טראַנסניסטריע) און זײַנע קינדער זענען פאַרבליבן אין ראַטן־פאַרבאַנד.

נח ווײַנשטיין

נח האָט ער געהייסן און איז באמת געווען נוח לבריות, אַ בטבע גוטער מענטש, וואָס האָט ליב געהאַט צו טאָן אַ טובה און אַרויסצוהעלפן יענעם אין אַ נויט. דערצו איז ער אויך געווען אַ שטילער מענטש און קיין מאָל ניט געמאַכט קיין געפּילדער פון זײַנע מעשים־טובים.

אָט איז איינע פון זײַנע שטילע מעשים: יעדעס יאָר נאָך פּסח, ווען האָלץ איז געווען בזיל הזול, פלעגט ער אײַנקויפן אַן ערך צען טויזנט פּוד האָלץ און עס אַוועקלייגן בײַ זיך אויפן הויף. נאָך שבועות האָט ער געדונגען אַ מענטש און עס געלאָזט צעהאַקן. שפּעטער, אין האַרבסט, ווען עס זענען גע־וואָרן גרויסע בלאָטעס, איז געוואָרן אַ יקרות און אַן אָרעמאַן האָט ניט געקענט קויפן. דעמאָלט האָט נח געעפנט זײַן סקלאַד און פאַרקויפט אָן רווח, פאַר וויפל ס'האָט אים אַליין געקאָסט. דערמיט האָט ער אָן אַ שיעור געהאָלפן אָרעמע־לײַט.

דודל פאַרבער

פאַרבערײַ איז געווען אַ שווערע מלאָכה, אַ געפערלעכע מלאכה, אָבער ייִדן האָבן זיך פון איר ניט אָפּגעזאָגט, ווײַל מען האָט גוט פאַרדינט. כמעט אַלע פאַרבערס זענען אָבער פרי אַוועק פון דער וועלט, ווײַל די כעמישע סובסטאַנצן האָבן פאַרסמט זייערע לונגען.

אַ באַקאַנטע געשטאַלט אין כאָטין איז געווען דודל פאַרבער — מאָרגנשטערן. וועגן אים פלעגט מען זאָגן אַז ער גיט אַוועק מער געלט אויף צדקה ווי ער פאַרדינט מיט זײַן פאַרבערײַ.

בײַ דודל פאַרבער איז געווען אַן אמתע באַנק, כאָטש ער האָט ניט געפירט קיין חשבונות און האָט ניט גענומען קיין צינזן. ווער ס'איז צו אים געקומען נאָך אַ גמילות־חסד אָדער אַ הלוואה איז ניט אַוועק מיט ליידיקע הענט. אַז מ'האָט אים ניט אָפּגעבראַכט דעם חוב צו דער צײַט, אָדער אין גאַנצן פאַרגעסן צו באַצאָלן, האָט ער תמיד געפונען אַ זכות: מסתמא האָט ניט יענער, ווי באַלד ער באַצאָלט ניט.

ר' זוסיא בראנשטיין, דער באַוווּסטער בעל־צדקה און געזעלשאַפטלעכער עסקן פון כאָטין, פלעגט שטענדיק אַרײַנ־קומען צו דודל פאַרבער. ער האָט געהאָלפן אַרויסקריכן פון אַ צרה אַ סך מענטשן. אַז אַ סוחר האָט געדאַרפט אויף דער גיך אַ הלוואה און האָט אין ערגעץ ניט געקענט קריגן, איז ער געלאָפן צו ר' זוסיאן. און ר' זוסיא איז תיכּף אַוועקגעגאַנ־גען צו דודל מאָרגנשטערן און באַקומען דאָס געלט, קיינער זאָל דערפון ניט וויסן.

דודל פאַרבער איז געשטאָרבן ווינטער־צײַט. ס'איז געווען אַ טיפער שניי און אַ שטאַרקער פראָסט. פון דעסטוועגן איז געקומען אַ האַלבע שטאָט צו דער לוויה. ס'האָבן מספּיד געווען דעם נפטר דער פּרעזידענט פון דער ציוניסטישער אָרגאַני־זאַציע, יוסף אַפּלבוים און ר' זוסיא בראָנשטיין. ערשט דעמאָלט איז מען געוווּיר געוואָרן וויפל געלט דודל מאָרגנשטערן האָט פאַרטיילט אויף צדקה בײַ זײַן לעבן. מענער און פרויען האָבן געוויינט און געקלאָגט און געטענהט אַז ס'איז געשטאָרבן זייער שפּײַזער.

בעת דער שבעה האָט ר' נחום רויטמאַן, דעם נפטרס בעסטער חבר, דערציילט אַז אַ פּאָר טעג פאַרן טויט, האָט ער געמאָנט בײַ דודל פאַרבער ער זאָל אים איבערלאָזן אַ רשימה פון די בעלי־חובות. דודל האָט אָבער ניט געוואָלט געבן קיין שום רשימה, טענהנדיק אַז ער וויל ניט אַז זײַנע קרובים זאָלן זיך חלילה דאַרפן קריגן מיט יענע וואָס וועלן ניט באַצאָלן. ער האָט גאַנץ גוט געוווּסט אַז ס'זענען פאַראַן מענטשן וואָס וואַרטן קוים ער זאָל צומאַכן אַן אויג, כדי מיט אים אין איינעם זאָל אָפּשטאַרבן אויך זייער חוב. דאָס האָט אים אָבער ניט געאַרט און ער האָט ניט געוואָלט איבערלאָזן נאָך זײַן טויט קיין שום מחלוקתן. געוווּסט האָט מען אָבער אַז בסך־הכּל איז מען אים שולדיק אַן ערך 200.000 ליי. אײַנצלנע מענטשן זענען אים שולדיק געווען ביז 25.000 ליי.

דער גורל פון אַ שונא ישראל

דער אַפּטייקער מאַראָזאָווסקי, אַ קריסט, אַ געבוירענער פּאָליאַק, איז געווען באַקאַנט אין גאַנץ כאָטין. ער האָט געווינ'ט אין צענטער פון שטאָט, נאָענט צו דעם יידישן קוואַרטאַל. מאַראָזאָווסקי איז געווען אַ הויכער גוי, אַ הדרת־פּנים, מיט אַ לאַנגער באָרד. ניט געקוקט אויף דעם וואָס כמעט אַלע זיינע קונים זענען געווען יידן, איז מאַראָזאָווסקי געווען איינער פון די אָנפירער פון די "שוואַרצע מאות" אין בעסאַראַביע. ער האָט געמאַכט אַנטיסעמיטישע פּראָפּאַגאַנדע און געהעצט קעגן יידן.

די יידן האָבן אויסגערופן אַ חרם קעגן זיין אַפּטייק, אָבער טאַקע זיי אַליין האָבן דעם חרם ניט גענומען ערנסט און דעריבער איז דערפון גאָרנישט ניט געוואָרן. ער איז אָבער באַשטראָפט געוואָרן אויף אַן אַנדערן אופן און האָט אַליין געפילט דעם טעם פון פּאָגראָם.

יעדעס יאָר, אין די חדשים פעברואַר—מאַרץ, פלעגט קומען קיין כאָטין אַ רעגימענט קאָזאַקן פונעם דאָן און אָפּריכטן ווינטער־מאַנעוורעס. שטענדיק פלעגט זייער קומען אָנוואַרפן אַ שרעק אויף יידן. ווי זייער מנהג איז געווען, פלעגן די קאָזאַקן אויסרויבן יידישע קלייטן און שלאָגן יידן אויף דער גאַס. יידישע פרויען פלעגן זיך ניט דערוועגן אַרויסצוגיין פון שטוב ווי לאַנג די קאָזאַקן זענען געווען אין שטאָט.

איין מאָל האָבן זיך עטלעכע קאָזאַקן געדרייט אין גאַס און ניט געקענט געפינען קיין יידן, אויסצולאָזן צו אים זייער ווילדן צאָרן. מיט אַ מאָל דערזעען זיי דעם אַפּטייקער מאַראָזאָווסקי, וואָס האָט שפּאַצירט אָן מורא. האָבן זיי געמיינט אַז דאָס איז אַ ייד און ביז ער האָט באַוויזן אַז זיי האָבן אַ טעות האָט ער גוט אַריינגעכאַפּט. מ'האָט אים ביטער צעקלאַפּט און ביי אים אויסגעריסן די באָרד. וואָס מער ער האָט געפּרוווט זיך אַנטקעגנשטעלן, אַלץ מער האָט ער אַריינגעכאַפּט.

אַ צעקלאַפּטן האָט מען אים אַהיימגעפירט און אַריינגעלייגט אין בעט. ער איז שוין קיין מאָל ניט אויפגעשטאַנען...

אַ שטילער הסכם

דער בולוואַר אין כאָטין איז געווען באַרימט, מחמת זיין שיינקייט, זיינע פּרעכטיקע ביי'מער, זיינע בלומען.

שבת און יום־טוב זענען יידן געגאַנגען שפּאַצירן אויפן בולוואַר, סיי זומער, סיי ווינטער, פון פאַר נאַכט, ביז שפּעט ביי נאַכט. אַ טייל פלעגן זיצן אויף די בענק פוןביידע זייטן בולוואַר.

די פרויען און מיידלעך זענען געווען אָנגעטאָן אין זיידענע קליידער און האָבן געטראָגן עלעגאַנטע שירעמלעך מיט זילבערנע הענטלעך און כל מיני היטעלעך.

מ'האָט באמת געקענט הערן אויך אויפן בולוואַר דאָס וואָרט "זשיד", אָבער בדרך־כלל האָבן זיך קריסטן ניט באַוויזן דאָרטן אין די טעג פון שבת און יום־טוב. דערפאַר האָבן זיך יידן ניט באַוויזן אויפן בולוואַר זונטיק און אין די טעג פון קריסטלעכע חגאות, ווי אויפן סמך פון אַ שטילן הסכם, ווי גלייך דעם גוטן ריח פון ביימער און בלומען וואָלט מען געקענט צעטיילן צווישן שבת און זונטיק, צווישן יידן און קריסטן.

מינדל די שוחטקע פאָרט צום רבין

אין כאָטין, פּונקט ווי אין אַנדערע שטעט און שטעטלעך, זענען געווען פאַרשיידענע טיפּן, וואָס האָבן צוגעגעבן קאָליר דער קהילה מיט זייער באַזונדערן כאַראַקטער. דאָס זענען לרוב געווען יידן פון אַ גאַנץ יאָר, פּשוטע מענטשן, ניט קיין עשירים און ניט קיין תלמידי־חכמים.

אַוודאי זענען מיר שטאָלץ מיט אַזעלכע מנהיגים ווי חנא רייס, יוסף אַפּלבוים, אייזיק באַראַק, איציק־מאיר טיסנבוים און אַנדערע. איך וויל אָבער דאָ דערמאָנען אַ פּשוטע פרוי, וואָס אַלע האָבן זי געקענט אין שטאָט — מינדל די שוחטקע.

מינדל, מענדל דעם שוחטס ווייב, איז געווען אַ יחידה במינה. ס'איז ניט געווען אַ שטוב אין כאָטין, בפרט פון די אָרעמע־לייט, וווּ מ'זאָל ניט קענען מינדלען די שוחטקע. איר גוט האַרץ האָט זי געפירט אומעטום. אַז זי האָט זיך דערוווסט אַז ס'פעלט ערגעץ ברויט אין שטוב האָט זי ניט גערוט ביז זי האָט ניט געהאָלפן. ערב־שבת פלעגט מינדל אַרומגיין איבער דער שטאָט און צונויפנעמען חלה, פלייש און פיש, אַ מאָל אויך אַ בגד און דאָס אַוועקטראָגן דאָרטן וווּ זי האָט געוווסט אַז ס'איז ענג.

מינדל האָט אויך אין זינען געהאַט חתונה צו מאַכן אָרעמע מיידלעך און זאָרגן אַז דאָס יונגע פּאָרל זאָל האָבן פון וואָס צו לעבן. מינדל די שוחטקע איז געווען אַן אינסטיטוציע פאַר זיך אַליין.

אַחוץ אַלעמען איז מינדל אויך געווען אַ הייסע חסידהסטע פונעם סאַדעגערער, כאָטש דער מאַן אירער איז געווען אַ טשאָרטקעווער חסיד. דאָס האָט אָפּט מאָל געטראָפן אַז דער מאַן האָט געהאַלטן פון איין רבין און דאָס ווייב פון אַן אַנדערן. אין כאָטין זענען געווען סאַדעגערער חסידים, טשאָרטקעווער, זינקעווער, קאָפּיטשניצער און אַנדערע.

איז געקומען אַ יום־טוב, האָט מען זיך אָנגעהויבן צו גרייטן צו פאָרן צום רבין. מען פלעגט זיך גרייטן צו דער נסיעה מיט וואָכן פריער. אַזוי ווי אין כאָטין איז ניט געווען קיין באַן, האָט מען זיך געדאַרפט פאַרזאָרגן אַ פּלאַץ ביי אַ בעל־עגלה. ס'פלעגט זיך טאָן אויף טיש און אויף בענק. די חסידים פלעגן שרייען אַז די בעלי־עגלות באַרויבן זיי און די בעלי־עגלות פלעגן טאַקע פאָדערן הוספות, ווייל עס זענען געווען אַ סך פאָרערס.

אַן אמתער אומגליק איז אָבער געווען ווען אַ בעל־עגלה האָט צונויפגעזעצט אין איין וואָגן חסידים פון צוויי רביים. דעמאָלט האָט מען זיך געזידלט און מ'האָט געדראָט דעם בעל־עגלה אַז מען וועט מיט אים ניט פאָרן. ביזן סוף האָט געמוזט נאָכגעבן דער בעל־עגלה, ווייל ער האָט ניט געוואָלט פאַרלירן זיין פּרנסה.

איין מאָל, פאַר אַ יום־טוב, האָט מינדל די שוחטקע באַ־

שלאָסן צו פאָרן צו איר רבין קיין סאַדעגערע. ס׳איז אָבער שוין געווען צו שפּעט, די בעלי־עגלות וואָס זענען געפאָרן קיין סאַדעגערע האָבן ניט מער געהאַט קיין פּלאַץ. ס׳האָט געהאַלטן דערביי אַז מינדל זאָל ניט קענען פאָרן.

מינדל האָט זיך אָבער ניט געלאָזט. זי האָט געהאַט אַ זאַק מיט בקשות צו איר רבין און זי האָט געמוזט פאָרן. וואָס טוט מען? קודם האָט זי זיך געבעטן ביי אַנדערע בעלי־עגלות, געטענהט אַז זי פאָרט דאָך פאַר זייערטוועגן, בעטן דעם רבין ער זאָל פאַר זיי פּועלן אַ גרינגע פרנסה און געזונט.

די בעלי־עגלות האָבן איר נעבעך געוואָלט העלפן, ווייל אַלע האָבן זי געקענט און געוווסט וועגן אירע מעשים־טובים. זיי האָבן אָבער בפירוש ניט געהאַט קיין פּלאַץ. פייטל בעל־עגלה האָט דווקא יאָ געהאַט אַ פּלאַץ — אַזוי האָבן איר געזאָגט די אַנדערע בעלי־עגלות — אָבער אין זיין וואָגן פאָרן אַזעלכע חסידים וואָס וועלן בשום אופן ניט מסכים זיין צו פאָרן אין איינעם מיט אַן אשה.

מינדל גייט אַהיים אַ דערשלאָגענע, אָבער זי גיט זיך ניט אונטער. צו מאָרגנס דאַרף מען אַרויספאָרן און זי טראַכט וואָס מען קען טאָן. פּלוצים — זי האָט אַ פּלאַן. זי טוט זיך אָן און לויפט אין מיטן נאַכט צו פייטלען. זי הייסט אים אויפ־וועקן. פייטל קומט אַרויס אַ פאַרשלאָפענער:

— וואָס ווילט איר, מינדל, איך דאַרף זיך אָפּרוען, מאָרגן האָב איך אַ שווערע נסיעה. איך וואָלט אייך גענומען אויף מיינע אַקסלען, קען איך אָבער ניט, איר ווייסט דאָך.

— ניט געזאָרגט, רעב פייטל, ס׳וועט זיין גוט. לייט מיר אויס אייער גרויסן פּעלץ, וועל איך זיך אין אים איינוויקלען און קיינער וועט מיך ניט דערקענען. מירן פאָרן, רעב פייטל!

פייטל, אַ פאַרשלאָפענער, האָט מינדלען דערלאַנגט דעם פּעלץ און ניט קיין סך געטראַכט. אין דער פרי איז מינדל געזעסן אין וואָגן באַגלייך מיט די חסידים און איז געפאָרן צו איר רבין.

יאַנקל זשאָרזש

אין די גוטע אַלטע פרידנס־צייטן איז אין כאָטין געווען אַ ייד וואָס האָט געהייסן יאַנקל זשאָרזש, אַ ייד פון אַ גוטער משפּחה, וואָס די גאַנצע שטאָט האָט זי געקענט. אָט דער זשאָרזש איז געווען אַ געזונטער שטאַרקער פאַרשוין, אַ גבר, אָבער ער האָט געהאַט איין שוואַכקייט: זיך צו פאַרנייגן און בוקן פאַר גויים און בפרט פאַר דער גוי׳ישער אינטעליגענץ פון כאָטין. דאָס איז געווען אַ טיפּ פון אַ מה־יפית, וואָס האָט געליטן פון מינערווערטיקייט־געפיל, ווי מיר האָבן געקענט געננוג אַזעלכע צווישן אחינו בני ישראל.

יאַנקל זשאָרזש האָט זיך באַמיט צו געפינען חן אין די אויגן פון פּריצים און זייערע ווייבער; ער איז געווען ווי אַ הונט, גרייט צו דינען זיין האַר. נאָך איידער דער פּריץ האָט אַרויסגענומען אַ ציגאַרעטל פון קעשענע, האָט זשאָרזש אים שוין אונטערגעטראָגן פייער. ער פלעגט טראָגן פאַר פּריצים פּעקלעך פון מאַרק און פאַר זיי מאַכן כל מיני אַרבעטן אין שטוב — אַלץ כדי צו געפינען ביי זיי חן. די פּריצים האָבן אים געלאָזט אַריינקומען אין זייערע שטובער און אים געגעבן עסן — אָבער געקוקט האָט מען אויף אים מיט ביטול.

טאַקע די פּריצים האָבן אים געגעבן דעם צונאָמען זשאָרזש, ווי עפּעס אַ הונט. דאָס איז געווען אַן אמתער גלות־ייד. פון דעסטוועגן פלעגט מען אים אויך מכבד זיין מיט אכזריותדיקע קלעפּ. מען פלעגט דאָס טאָן ווי אַ מין ספּאָרט, כדי זיך צו פאַרווײַלן. די גויים פלעגן קוקן צופרידן ווי מען שלאָגט אים און הנאה האָבן פון זיינע געוואַלדן.

נאָך דעם ווי מען האָט אים צעשלאָגן האָט אָבער יאַנקל געדינט אַזוי ווי פריער. קיין איין גוי, קיין איין פּריץ, האָט זיך ניט אָנגענומען פאַר זשאָרזשן. אַלע זענען געווען זיכער אַז ער האָט זיך פאַרדינט די קלעפּ, אַז ס׳קומט אים אַזוי מן השמים. איין מאָל האָט מען אים אַזוי צעשלאָגן, אַז מען האָט אים דערנאָך געדאַרפט פירן אין שפּיטאָל און דאָרטן איז ער טאַקע געשטאָרבן.

זכרונות פון כאָטין

איך האָב מיך באַקענט מיט כאָטין אַ דאַנק מיין משפּחה, די קינדער פון מיין פעטער מענדל סאַדאָווניק, וואָס האָבן דאָרטן געוווינט. ביי אונדז אין נאָוואָסעלעץ איז ניט געווען קיין מאָדערנע שול און מיר האָבן ניט געקענט גוט רוסיש. זענען מיר געפאָרן קיין כאָטין זיך לערנען "סקלאָניאַען" אויף רוסיש, כדי צו ווערן מיט לייטן גלייך.

מיר האָבן מקנא געווען די כאָטינער תלמידים פון דער שול "קרוזשאָק", וואָס דער עושר חנא רייס האָט זיי צוגע־גרייט. מיר האָבן זיי מקנא געווען מיט זייערע קליידער, מיט זייער אָרקעסטער, מיט זייער שפּילן. מיר, אין נאָוואָסעלעץ, האָבן נאָך געלערנט אין אַ פינצטערן חדר און געפילט דעם טעם פון רבינס קאַנטשיק...

מיין פעטער, מענדל סאַדאָווניק, איז דווקא געווען אַ יידישער מענטש פונעם אַלטן שניט, אָבער די מומע, שיינע־חיה, האָט דערצויגן די קינדער אין רוסישן סטיל. האָט מיך דער פעטער געשלעפּט צו זיינע חסידים און די קינדער זיינע צו דער פעסטונג, זען די אונטערערדישע קעלערן פון דער טערקישער צייט...

אַ טייל פון דער כאָטינער אינטעליגענץ האָט נוטה געווען צו סאָציאַליזם און געוואָלט "גיין אין פאָלק", לויטן רוסישן שטייגער. מיידלעך זענען געפאָרן קיין אָדעס, כדי צו לערנען "אויף די קורסן". אַן אַנדערער טייל האָט נוטה געווען צו דער נאַציאָנאַלער יידישער באַוועגונג — צו דעם ציוניזם.

נאָך 1905, נאָך דעם פּאָגראָם אין קעשענעוו און אין אַנדערע שטעט, איז אויפגעשטאַנען אַ נייער דור, וואָס האָט אָנגעהויבן צו קעמפן פאַר ארץ־ישראל. איך וויל דערמאָנען דעם לערער מלמוד, אייזיק באַראַג, יוסף אַפּלבוים, יצחק גאָרגון, משה שטערן, יוסף זעלצער, צבי סטראַקאָווסקי און אַנדערע. אַ טייל יונגע־לייט זענען אַוועק ווי חלוצים קיין

ארץ־ישראל און צווישן זיי איז אויך געווען מיין שוואָגער עזרא זעלצער און זיין ברודער אליהו.

נאָך דער רעוואָלוציע פון 1917, אין דער צייט פון קערענסקיס רעגירונג, איז אויך פריילעך געוואָרן אויף דער יידישער גאַס און מען האָט זיך אָנגעהויבן גרייטן צו די וואַלן פון דעם וועד־הקהילה. איך געדענק אַ פרימאָרגן, ווען כ'האָב געלייענט אַ פּלאַקאַט, אַז אין כאָטינער טעאַטער וועט פאַרקומען אַ פאָלקס־פאַרזאַמלונג פונעם "בונד". דאָס איז געווען אַן עסק פאַר אונדז, ציוניסטיש געשטימטע יונגע־לייט. אַן ערך צען חברים זענען מיר געגאַנגען אין טעאַטער און פאַרנומען אַ גאַנצע לאָזשע.

אויף דער בינע האָט זיך באַוויזן אַ הויכע, דאַרע מויד מיט ברילן און האָט אָנגעהויבן זינגען דעם "אינטערנאַציאָנאַל". מיר האָבן תיכף געענטפערט מיט דער "התקוה". אין זאַל איז געוואָרן אַ טומל און ביזן סוף האָט מען גאָרנישט געזונגען.

מיט דעם האָט זיך עס אָבער ניט געענדיקט. איינער פון די געסט האָט גענומען רעדן וועגן "דער שוואַרץ־בלאָער פאָן". איז ווידער געוואָרן אַ טומל אין זאַל און פון אַלע זייטן האָט מען געשריגן: „אַראָפּ! רויטע מאַסקע!"

איך האָב זיך אויפגעהויבן און געבעטן אַ וואָרט. דער פּרעזידענט האָט מיך פאַרבעטן אויף דער בינע און איך האָב גערעדט אין נאָמען פון דער בלאָ־ווייסער פאָן.

איך האָב געוווּנען דעם עולם און די בונדיסטן האָבן זיך געמוזט אָפּטראָגן פון זאַל. ס'איז גאָר געוואָרן אַ ציוניסטישער אָוונט און אַלע האָבן געזונגען די "התקוה". די יונגע־לייט האָבן מיך ממש געטראָגן אויף די הענט, פאַר דעם נצחון וואָס איך האָב געהאַט.

ר' אברהם־לייב נערמאַן

ווען עמעצער האָט געדאַרפט אַ פעלטשער איז מען געגאַנגען צו ר' אברהם־לייבן. אים האָט מען שטענדיק געפונען סיי אין גאָס, סיי אין שענק, ווייל ר' אברהם־לייב האָט ליב געהאַט דעם ביטערן טראָפּן. פון דעסטוועגן איז ער תמיד געווען ניכטער און זיך קיין מאָל ניט טועה געווען מיט די רפואות.

ער האָט אויך געהאַט טאַלאַנט פון אַן אַקטיאָר און אַ רעזשיזאָר.

ר' אברהם־לייב פלעגט אַרומגיין אין גאָס מיט אַ גרויסן טאַש, אין וועלכן ער האָט געהאַט רפואות. אין אַן עת־צרה פלעגט ער אויך פאַרטיידיקן די שטאָט קעגן פּאָגראָמיסטן.

אַזוי געדענקן די כאָטינער ר' אברהם־לייבן.

אַ צענטער צו מנין

די כאָטינער בעלי־עגלות האָבן געהאַט אָפט מאָל גויישע שמייסערס. פיניע בעל־עגלה האָט געהאַט אַ שמייסער וואָס האָט געהייסן וואַניאַ. ער האָט גערעדט גוט יידיש און האָט געקענט אַלע יידישע מינהגים.

איין מאָל האָט זיך וואַניאַ אָפּגעשטעלט מיטן וואָגן אין זוואַניץ. פונקט האָט געפעלט אַ צענטער צום מנין אין שול און דער בעל־יאָרצייט איז געווען גליקלעך וואָס ער האָט געפינען... אַ ייד. וואַניאַ איז געגאַנגען אין שול אַריין, האָט געזאָגט "אמן" ווען מען האָט געדאַרפט, דערנאָך האָט ער געטרונקען "לחיים" און אָנגעווינטשן די נשמה זאָל האָבן אַן עליה. אַ פריילעכער איז ער נאָך דעם אַרויף אויפן וואָגן און געפאָרן ווייטער.

אַזעלכע זאַכן האָבן זיך שוין געטראָפן: "מעשה ברבי אליעזר שנכנס לבית־הכנסת ולא מצא עשרה, שחרר את עבדו והשלימו לעשרה" (ברכות מ"ז).

ויבוא המן — קוזאַ דער אַנטיסעמיט צו גאַסט אין כאָטין

ווען אין רומעניע איז געקומען צו דער מאַכט די אַנטי־סעמיטישע רעגירונג גאָגאַ־קוזאַ, אָנהייב 1938, איז דאָס לאַנד פאַרפלייצט געוואָרן מיט גזירות קעגן יידן. מ'האָט אָנגעהויבן נישטערן וואָס נוגע די בירגער־רעכט פון יידן און מ'האָט גענומען דורכפירן די אַזוי גערופענע „ראָמאַניזירונג" אויף אַלע עקאָנאָמישע געביטן. מ'האָט אָפּגעזאָגט יידן פון דער אַרבעט אין פאַרשיידענע אונטערנעמונגען און אויף זייער אָרט האָט מען אויפגענומען רומענער.

פאַרשטייט זיך אַז די גזירות זענען דערגאַנגען אויך קיין כאָטין. ס'האָט געשוועבט אין שטאָט די אַטמאָספער פון פּאָגראָם. די גויים זענען געווען מלא שמחה, ווען מ'האָט זיך דערוווּסט אַז ס'דאַרף קומען אין כאָטין קוזאַ אַליין — דער גרינדער פון דער נאַציאָנאַליסטישער, אַנטיסעמיטישער פאַרטיי אין רומעניע.

לכבוד דעם גאַסט האָבן זיך פאַרזאַמלט אין קלויסטערהויף די גויים פון שטאָט און פון דער אומגעגנט. אומעטום זענען געהאַנגען רומענישע פאָנען און קוזאַס בילדער. ס'איז געווען זונטאָג און ס'האָבן זיך צעקלונגען אַלע גלעקער פון די קלויסטערס. ביי גויים איז געווען אַ גרויסע שמחה און ביי יידן איז געווען תשעה־באָב. יעדע באַוועגונג האָט אַרויס־גערופן אַ חשד אַז ס'גרייט זיך אַן אומגליק אויף יידן.

ויבוא המן, דער גאַסט איז געקומען און איז גלייך אַוועק אין קלויסטער. אַ האַלבע שעה האָט ער פאַרבראַכט אינע־ווייניק מיט זיינע צאָן־קדושים און דערנאָך האָט ער זיך אַנידערגעשטעלט אויף די טרעפּ פון קלויסטער און גענומען שיטן פעך און שוועבל אויף יידן. צום סוף האָט ער געפאָדערט ביי די מאַסן, זיי זאָלן זיך ניט באַניצן מיט טעראָר, נייערט זיך אין גאַנצן פאַרלאָזן אויף דער רעגירונג. ווער ס'וועט עפּעס טאָן אויף זיין אייגענער אחריות — האָט ער געטענהט — וועט עס טייער באַצאָלן.

די גאָגאַ־קוזאַ רעגירונג האָט אָבער ניט מאריך־ימים געווען. איך געדענק דעם אויף דער נאַכט, אַרום צען אַ זייגער, ווען שלמה פעלדמאַן האָט געקלאָפּט אין טיר. ער איז אַריין מיט אַ שמחה און אויסגעשריגן: "וואָס זיצט איר אין שטוב?

קוזאַ איז אַראָפּ פונעם בענקל! מ׳האָט שוין אַראָפּגענומען די פאָנען פון קלויסטער, אין איינעם מיט זיינע בילדער. אַלע יידן זענען אַרויס אין גאַס. ס׳איז ששון ושמחה ליהודים!״

מיר האָבן זיך אַרומגעדרייט ביז זייגער דריי אין דער פרי. קיינער האָט ניט געהאַט קיין חשק אַהיים צו גיין. די גויים ווידער, זענען אַרומגעגאַנגען מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ.

״קול ששון וקול שמחה, קול חתן וקול כלה״

יידן פלעגן תמיד שטעלן חופּות אין די שולן, ווייל דער מקום תפילה האָט געהאַט אין זיך דעם כוח צו דערנענטערן איין מענטש צו דעם אַנדערן און אַלע אין איינעם צו גאָט. אין שול זענען אויך פאָרגעקומען פאַרשידענע געזעלשאַפט־לעכע געשעענישן, קאָנפערענצן, אַסיפות; אין שול האָט מען אויך געפּראַוועט חתונות. דער עולם האָט זיך דאָרט געפילט היימיש און זיך בעסער צונויפגעגאָסן. דאָס רוב חתונות אין כאָטין האָט מען געפּראַוועט אין שמואל־יפה־קלויז.

רת״ש — רבנים, חזנים, שמשים — האָבן געפירט דאָס וואָרט ביי די חתונות און האָבן באַקומען דערפאַר שיין באַצאָלט פון די מחותנים. דאָס איז געווען אַ צוגאָב צו דעם געהאַלט וואָס זיי האָבן באַקומען פון דער קהילה.

אַ וויכטיקע ראָלע האָט געשפּילט דער בדחן. ער האָט געדאַרפט פאַרטרייבן דאָס עצבות און אַריינברענגען די אמתע שמחה. אַזאַ איז טאַקע געווען דער בדחן ר׳ דוד־בער. ווי ער האָט זיך נאָר באַוויזן אויף דער שוועל, האָבן זיך צעשטראַלט די פּנימער פון די געסט און פון די מחותנים. מענטשן פלעגן פאַרגיסן טרערן פון פרייד. ער אַליין איז געווען אַ קליינינקער, אַ דאַרער, אַ באַשיידענער — נאָר די אויגן זיינע האָבן געפינקלט בשעת ער האָט אַרויסגענומען פון דער קעשענע די רויטע פאַטשיילע און אָנגעהויבן זאָגן זיינע ווערטלעך. פּערל האָבן זיך געשיט פון זיין מויל. ווער שמועסט נאָך ווען ער איז געגאַנגען אַ טאַנץ מיט דער כלה!

פאַרשטייט זיך אַז אַ חתונה האָט ניט געקענט זיין אָן כלי־זמר. זיי האָבן געהאָלפן מקיים זיין דעם אוראַלטן מינהג משמח צו זיין חתן־כלה און די געסט.

הערש־יונה מעדניק האָט געהאַט אַ קאַפּעליע, אין וועלכער ס׳האָבן געשפּילט זיינע אייגענע בנים, ווער אויף אַ פידל, ווער אויף אַ פלייט, ווער אויף אַ טרומפּייט און ווער אויף דער גרויסער פּויק. כאָטש זיי זענען כמעט אַלע געווען בעלי־מומים, האָבן זיי געשפּילט אויסגעצייכנט. יונה מיטן הילצער־נעם פיס איז געווען דער דיריגענט.

אגב האָט יעדער איינער פון די כלי־זמרס געהאַט אויך אַן אַנדערע מלאָכה: יודל קאָנטראַבאַס איז געווען אַ קירזשנער, לייב־איציק פראַנקפורט דער קרומער פלעגט פאַרקויפן בייגל. מען דאַרף אויך דערמאָנען שלמהן דעם פּויקער, יאַנקעלען דעם אַקאָרדעאָניסט, יאָסל פּיוּוניק מיט זיין זון יאַנקל — וואָס האָבן געשפּילט אויפן פידל, חיים־מענדל דער בלינדער, וואָס מען פלעגט אים רופן ״חיים־מענדל מיטן מאַרעכביין״, און לייב רוכמאַן מיטן הילצערנעם פיס.

חוץ זיי איז נאָך געווען אַליאָשאַ דער גוי, וואָס האָט געשפּילט אַ הויפּטראָלע אין הערש־יונהס קאַפּעליע. ער האָט געקענט שפּילן אויף אַלע אינסטרומענטן און פאַרטראָטן יעדן כלי־זמר וואָס האָט אויסגעפעלט. ער האָט געוווינט לעבן דער יידישער באָד און האָט טאַקע גערעדט יידיש ווי אַ ייד.

אין כאָטין איז נאָך געווען אַ גוישע קאַפּעליע, — פאַטעקס קאַפּעליע. פאַטעק אַליין איז אַ מאָל געווען אַ פעלדפעבל אין אַכטן יעגער־באַטאַליאָן, וואָס איז געשטאַנען אין כאָטין. אין זיין קאַפּעליע האָבן צו מאָל געשפּילט אויך יידן.

גנבים

מ׳דאַרף דערמאָנען אַז אין כאָטין זענען אויך געווען יידישע גנבים. דעם אמת געזאָגט, נעמענדיק אין אַכט די גרויסע אָרעמקייט וואָס האָט געוועלטיקט אין שטאָט, זענען געווען זייער ווייניק גנבים — אין גאַנצן צוויי:

פילקע גנב האָט ״געאַרבעט״ בפרט אויפן יאַריד; ער איז געווען אַ קעשענע־גנב. כאָטש ער איז געווען איין איינציקער אין כאָטין, כאָטש יעדער האָט אים געקענט און די פּאָליציי האָט געהאַט אויף אים אַן אויג — האָט ער זיך ניט אָפּגעלאָזט פון דער ״מלאָכה״. ער איז געווען אַ פּראָפעסיאָנעלער גנב.

אַבאַ דער בערישקעס האָט ״געאַרבעט״ אויף זיין אייגענעם אופן. ער פלעגט אַריין דורכן פענצטער אין אַ שטוב און נעמען וואָס ער האָט געקענט. אַז די בעלי־בתים האָבן אים דערטאַפּט בשעת־מעשה, האָט ער אויף זיי אָנגעוואָרפן אַ שרעק, אַז זיי האָבן געציטערט מיט אַלע איברים און אים געלאָזט אַנטלויפן מיט אַלץ וואָס ער האָט געגנבעט.

ווען די סאָוועטן האָבן פאַרנומען בעסאַראַביע האָט ער עס טייער באַצאָלט. זיי האָבן אים באַגאָסן מיט בענזין און אים אונטערגעצונדן.

נעמען און צונעמענישן

כידוע, קומען יידישע פאַמיליע־נעמען פון מערערע מקור־ר״ם: אַ גרויסער טייל קומט פון פאָטערס נאָמען, מיטן צוגאָב ״זאָן״ ווי למשל: מענדעלסזאָן. אַז די מוטער איז געווען פון אַ גרעסערן יחוס האָט זיך דאָס אָפּגעשפּיגלט אויך אין נאָמען: שמעון חיים עטקיס — למשל. אַ סך מאָל איז דער נאָמען געווען אַ רמז אויפן דאָרף אָדער אויף דער שטאָט פון וואַנען דער מענטש האָט געשטאַמט, דערפאַר האָט זיך געטראָפן אַז מיטגלידערס פון איין און דער זעלביקער משפּחה האָבן געהאַט פאַרשיידענע נעמען, לויט די צונעמענישן וואָס האָבן זיך צו זיי צוגעקלעפּט.

משה דיבוק

קיינער אין כאָטין האָט ניט געקענט אַ מענטש מיטן נאָמען משה לאַנדאַ, כאָטש ער איז געווען פאַרשריבן מיט

אָט דעם נאָמען אין אַלע אָפיציעלע אַמטן. יעדער האָט אָבער געוווּסט ווער ס'איז משה דיבוק.

פאַר וואָס עפּעס דיבוק? צוליב אַ מעשה שהיה: יאָסל, משהס ברודער, איז געווען אַ שניידער און האָט געשמט מיט זיין קענען טאַנצן. איין מאָל, בעת ער האָט געאַרבעט ביי אַ שניידער, האָט זיך אים פּלוצעם פאַרגלוסט צו גיין אַ טענצל. ער איז באַלד צוגעגאַנגען צום שניידערס ווייב און האָט זי פאַרבעטן צום טאַנץ. די פרוי האָט זיך איבערגעשראָקן און געטאָן צו אים אַ געשריי: דיבוק! פון דעמאָלט האָט זיך דער דאָזיקער נאָמען צוגעקלעפּט צו דער גאַנצער משפּחה.

משה קאָוועל

ער האָט אַזוי געהייסן צוליב דעם וואָס ער איז טאַקע געווען אַ קאָוועל, אַ שמיד. קיינער האָט אים ניט גערופן אַנדערש און קאָן זיין אַז ער האָט אַפילו ניט געהאַט קיין אַנדערן נאָמען.

משה לאָשיק און וואָלף פאָלקאָווניק

כאָטין איז געלעגן, כידוע, אַ מהלך פון דרייסיק ווערסט פון דער באַן־סטאַנציע. ווען מען וועט איינפאַלן צו גיין צופוס אַזאַ וועג, אַז ס'זענען דאָ קיין עין־הרע, בעלי־עגלות וואָס דאַרפן פּרנסה? האָט זיך געטראָפן איין מאָל אַז וואָלף פאָלקאָווניק איז געפאָרן צו דער באַן אויף משה לאָשיקס וואָגן.

פון ביידע זייטן וועג — שיינע ביימער, פעלד אָנגעטאָן אין גרין; די לופט איז פריש, אַלץ איז פיין און וואויל, גלוסט זיך אוודאי צו כאַפּן אַ שמועס אויך: אַ ביסל שיחת־חולין.

פרעגט וואָלף פאָלקאָווניק: זאָג מיר נאָר משה, פאַר וואָס רופט מען דיך לאָשיק? ווערט יענער אין כעס און ענטפערט: און פאַר וואָס רופט מען דיך פאָלקאָווניק? זעט שוין וואָלף אַז ער האָט איבערגעצויגן דאָס שטריקל און ווער ווייסט וואָס פון דעם קען אַרויסקומען — טראַכט ער איבערצובעטן דעם יידן. הער אויס מיין טייערער — זאָגט ער צו אים — מיר וועלן שוין בלייבן, דאַכט זיך, ביזן טויט דאָס וואָס מיר זענען, פאַרפאַלן! פון דיר וועט שוין קיין פערד ניט ווערן, דו וועסט דיר אָפּלעבן די יאָרן ווי אַ לאָשיק און איך וועל שוין בלייבן אַ פאָלקאָווניק און זיך ניט דערדינען צו קיין גענעראַל.

משה בעבעלע האָט אויך געהאַט דעם צונאָמען משה שעס־טאָפּאַלצע, מחמת ביי איין האַנט האָט ער געהאַט זעקס פינגער. וועגן אים ווערט אויך דערציילט אין קאַפּיטל וועגן כאָטינער בעלי־עגלות.

שלמה שערעוויצער האָט מען גערופן שלמה גוי ווייל ער איז געווען געזונט און שטאַרק — ווי אַ גוי...

משה פּירל האָט זיך פאַרנומען מיט איינאָרדענען די אורחים אין "הקדש". פּרנסה האָט ער אָבער באַצויגן פון אויסקלעפּן מודעות אין שטאָט און אויסרופן עפּעס אַ וויכטיקן ענין בציבור. די מודעות פלעגט ער רופן "פּאַפּירל", אָבער ווייל ער פלעגט רעדן זייער גיך האָט מען ניט געהערט מער ווי "פּירל". איז דאָס שוין פאַרבליבן זיין נאָמען.

שלמה דער רויטער — זאָגט מען — האָט אַזוי געהייסן מחמת זיין ברודערס זון איז געווען אַ קאָמוניסט, אַ "רויטער". גיכער האָט מען אים אַזוי גערופן צוליב דער רויטער נאָז — פון צו פיל טרינקען.

ר' יהודה וואָלף מיטן באַנדאַזש

ר' יהודה איז געווען איינער פונעם רב'ס מקורבים. איין מאָל איז אָנגעקומען קיין כאָטין אַ צירק און אויסגעשפּרייט דאָס געצעלט אויפן ליידיקן פּלאַץ לעבן זייגער. די מענטשן פון צירק זענען איינגעשטאַנען ביי איסר עפּלבוים, וואָס האָט געוווינט דאָרטן אין דער נאָענט. ווען מ'האָט זיך דערוווּסט אַז ביים צירק אַרבעט מען אויך שבת, האָט ר' שאוליקל דער רב געשיקט ר' וואָלפן ער זאָל בעטן די געסט זאָלן אָפּהיטן שבת, אין אַ שטאָט ווו דער רוב זענען יידן. ר' וואָלף איז געגאַנגען צום צירק־דירעקטאָר און האָט אים געזאָגט וואָס זיין שליחות איז. דער דירעקטאָר איז תיכף מסכים געווען און ווייזט אויס אַז ער האָט אים געוואָלט אויך מיט עפּעס פאַרגיטיקן. פּלוצעם איז אַרויסגעקומען אַ צירקוס־מיידל, האַלב נאַקעט. זי האָט אַרומגעכאַפּט ר' וואָלפן און אים אַ קוש געטאָן אין באַק. פאַר בושה האָט זיך ר' וואָלף פאַרבונדן די באַק מיט אַ באַנדאַזש און שוין אַרומגעגאַנגען שטענדיק אַזוי, אַ פאַרבונדענער...

משה תמוז — דער מוכר־ספרים

די כאָטינער האָבן ניט געוווּסט פון וואַנען עס נעמט זיך צו משה פעלדמאַן דער צונאָמען משה תמוז, כאָטש אין זיינע פירעכצן איז ער געווען אַ ביסל מאָדנע. ער איז געווען אַ ייד אַ תלמיד־חכם. ווי באַלד ס'האָט זיך צוגעקלעפּט צו אים דער נאָמען תמוז האָט מען אין גיכן פאַרגעסן זיין אמתן נאָמען.

▼

מיר גיבן דאָ ווייטער אַ רשימה פון באַקאַנטע צונעמענישן פון כאָטינער יידן: משה האַנטדערגיי, חיים אַרטעלטשיק, נעכע די אלמנה, משה באָדני, ר' וואָלף־יהודה מיטן באַנדאַזש, איציק דיוק, מאיר־לייזער מיט די געדאַנקען, הירש־גאָט, אברהם־יצחק גענדזעלע, אלתר דרייער, יאָסל דראָנג, משה און יאָסל דיבוק, ישראל האָצקע, מאָטי האָדערקע, לייב ווערעטענע, ראובן און יעקב וועלוועלעס, משה זשאָלעבאַק, ישראל חריף גיציס (סטאַראָסטע), ישראל־בער חומשל, אברהם טשיגאַלעגאַלע, משה לאָשיק, רחל די לאַנגע, סומער דער לאַנגער, משה בעל־מוח, שעיה מאַליי, חיה־שרה מאַמעליגע, משה נאָז, וואָלף סאָלדאַט, משה־אהרן סמעטענע, שמחה פרעמפּע, מאָטקע פריץ, וואָלף פאָלקאָווניק, יואל פּראָקוראָר, נחום פערדל, אברהם פּורים, אברהם פּראַקע, יאַנקל פּינטשע־רינטשי, משה פּירל, נחמן צבועק, יאַנקל ציגיינער, נחום און חיים קעמעלע, ישראל קאַרטאָפּליע, קנאָבעלע, שעיה מיט די קעץ, אברהם קאָלעניק, חיים־יאָסל קאָטער, הירש קאַפּעלוש, שלמה דער רויטער, הירש ראַזנאָשטשיק, מינדל די שוחטקע, חיה די שוואַרצע, שמואל שאָלטיק, יאַנקל זשאָרזש.

אַן עדות פאַר יענער וועלט

אַ סך יידן זענען אויף דער עלטער געפאָרן קיין ארץ־ישראל, כדי איבער הונדערט יאָר צו ליגן אין דער הייליקער ערד און אַזוי אַרום זיך איינצושפּאָרן חיבוט־הקבר. די גאַנצע קהילה פלעגט אָפּגעבן כבוד אָט די זקנים און אייניקע פלעגן זיי אפילו מקנא זיין.

ר׳ אייזיקל האָלצמאַן, דער שניידער, אַ ייִד מיט באָרד און פיאות איז עולה געווען צו די זיבעציק יאָר. אַלע יידן פון כאָטין זענען געקומען זיך געזעגענען מיט אים.

די קרובים האָבן דערציילט אַז צווישן די ווייניקע זאַכן וואָס ער האָט מיטגענומען מיט זיך איז געווען אַ ברעט פון דעם טיש אויף וועלכן ער פלעגט צושניידן. דאָס דאָזיקע ברעט האָט ער געהייסן מען זאָל אים אַריינלייגן אין קבר, כדי ס׳זאָל עדות זאָגן אויף יענער וועלט, אַז ער איז געווען אַ יגיע־כפּימניק.

אַ מעשה מיט אַ פּאָר לייכטער

ישראל שור האָט חתונה געהאַט מיט קאָלפּאַקטשיס טאָכטער, פון אַ נאָענטן שטעטל. נאָך עטלעכע חדשים איז דער שווער געקומען צו גאַסט. ער האָט אָנגעהויבן פרעגן דאָס און יענץ, כדי צו זען צי דער איידעם היט אָפּ יידישקייט. ער האָט אָבער געוואָלט זיין זיכער; האָט ער באַהאַלטן די שבת־לייכטער אין טלית־זעקל פון זיין איידעם.

דער שווער איז אַהיים געפאָרן. ס׳איז געקומען פרייטיק צו ליכט בענטשן — די לייכטער זענען ניטאָ. מע זוכט אַהין, מע זוכט אַהער — ניטאָ! שרייבט מען אַוועק דעם שווער און מען פרעגט ביי אים צי האָט ער ניט ערגעץ פאַרלייגט די לייכטער, בעת ער איז געווען צו גאַסט. דער שווער האָט געענטפערט, אַז ער ווייס ניט, נאָר ס׳איז כדאי ווען מען קען עפּעס ניט געפינען, איבערצוקוקן די מזוזה און די תפילין. צו ערשט האָט דער איידעם ניט פאַרשטאַנען דעם מיין, אָבער ווען ער האָט אַרויסגענומען דאָס טלית־זעקל, ווו ער האָט אויך געהאַלטן די תפילין — איז אים אַלץ קלאָר געוואָרן. ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז ישראל שור האָט די גאַנצע צייט ניט געלייגט קיין תפילין...

שדכנים

צענדליקער יאָרן האָבן געוועלטיקט אין כאָטין אַ שדכן און אַ שדכנטע. דאָס רוב יונגע־לייט האָבן חתונה געהאַט דורך זיי. אָך און וויי איז געווען צו יענעם פּאָרל וואָס האָט זיך דערוועגט חתונה צו האָבן אָן דער הילף פון די שדכנים! אַזאַ שידוך האָט ניט געהאַט קיין קיום. די שדכנים האָבן זיך אַריינגעלייגט מיט זייער גאַנצן כוח און מיט זייער גאַנצן טאַלאַנט און האָבן אַלץ צו נישט געמאַכט. זיי פלעגן זיך דרייסט אַריינמישן און אויפשטעלן אַ וואַנט צווישן אים און איר ביז חתן־כלה זענען זיך צעגאַנגען.

▼

אין כאָטין איז געווען אַ סעקציע פון דער יידישער פּאַרטיי, בראש מיט אַדוואָקאַט משה פעלדמאַן. וויצעפּרעזידענטן זענען געווען יוסף עפּלבוים און יעקב טוטלמאַן. סעקרעטאַר — אַדוואָקאַט מאַרק באַראַק. אין דער אָנפירונג זענען נאָך געווען: לייב רויזמאַן, לייביש לודמיר, ד״ר אהרן סטאָליאַר, יעקב פרענקעל און לייזער פורמאַן.

אין דער דאָזיקער פּאַרטיי זענען געווען ציוניסטן פון אַלע ציוניסטישע גרופּירונגען, ווי אויך יידן וואָס זענען ניט געווען אָנגעקאַדרירט אין קיין שום באַוועגונג. אין אַ קורצער צייט זענען אין דער יידישער פּאַרטיי אַריין כמעט אַלע יידן פון דער שטאָט. אַלע פּאָליטישע פּאַרטייען האָבן זיך גערעכנט מיט דער כאָטינער געגנט, ווייל זי האָט תמיד פאַרזיכערט אַ מאַנדאַט פאַר אַ יידישן דעפּוטאַט אין רומענישן פּאַרלאַמענט. וויכטיקע עסקנים אין דער יידישער פּאַרטיי זענען נאָך געווען: נחום רויטמאַן, משה לאַנדאַ און לייזער פורמאַן.

▼

אין דער לעצטער קאַדענץ פון דער נאַציאָנאַל־צאַראַניסטישער פּאַרטיי (1937—1943) איז די יידישע באַפעלקערונג פון כאָטין געווען פאַרטראָטן אין דער שטאָטישער פאַרוואַלטונג דורך אַ בכבודיקער צאָל אָנפירער אין וויכטיקע פּאָסטנס. אַדוואָקאַט משה פעלדמאַן איז געווען וויצע־בירגערמייסטער, לייביש לודמיר איז געווען פאָרשטייער פון דעם ציווילן אַמט, אַדוואָקאַט מאַרק באַראַק איז געווען פּרעזידענט פון דער רעוויזיע־קאָמיסיע, מירון דערזשי איז געווען שעף־בוכהאַלטער און עס זענען אויך געווען אַ צאָל יידישע ראָטגעבערס.

▼

אין כאָטין איז געווען פיר גרויסע יידישע גוטבאַזיצערס, וואָס האָבן פאַרמאָגט גרויסע לאַנדווירטשאַפטלעכע שטחים: שאָר, רייס, דיכטער און באַראַק.

▼

אין כאָטין זענען געווען אַ צאָל אַקטיווע פרויען, וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיט יידיש־געזעלשאַפטלעכער אַרבעט. זיי זענען געווען אינקאַדרירט אין פאַרשיידענע גרופּירונגען, אָבער אַחוץ דעם האָבן זיי אויך אָרגאַניזירט מאַניפעסטאַציעס לטובת דער כלל־באַפעלקערונג. מיר דערמאָנען: מאַניע פעפערמאַן, הענריעטאַ שאָר, אידאַ ראָזענצווייג, פרוי צימערמאַן, טובה עפּלבוים, איטאַ דערזשי, רוליאַ דערזשי, פּאָליאַ שאַבעלמאַן, גיטל שעכטער.



פון רעכטס צו לינקס : מאיר גיציס ז״ל, קתריאל גאַרגון ז״ל, גיציס ז״ל,
אַהרן שטיבעל, פורמאַן, נערמאַן ז״ל

אָט איז אַ בילד וועגן די כאַטינער קינדער וואָס האָבן געלערנט אין דער ״תלמוד־תורה״ פון שטאָט. דאָרטן האָבן זיי אויך אָנטיילגענומען אין דער אָרקעסטער פון בלאָז־אינסטרומענטן וואָס האָט געהערט צו דער שול.

אין יאָר 1916, בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה, איז אָנגעקומען אין דער געגנט, קיין קאַמענעץ־פּאָדאָלסק, אַ קאַוואַלעריע־דיוויזיע (טוזעמנאַיאַ־דיוויזיאַ). דער קאַמענדאַנט פון דער דיוויזיע האָט זיך געווענדט צו חנא רייס און געפאָדערט מען זאָל אים איבערגעבן די אינסטרומענטן פון אָרקעסטער. מען איז געקומען צו אַ הסכם אַז מען זאָל געבן די אינסטרומענטן אין איינעם מיט די בחורים וואָס האָבן אויף זיי געשפּילט און וואָס זענען שוין געווען אין די יאָרן פון מיליטער־דינסט. אַזוי זענען איבער נאַכט כאָטינער יינגלעך פאַרוואַנדלט געוואָרן אין קאַזאַקן...

אַ חוץ דעם וואָס זיי האָבן פאַרוויילט דאָס מיליטער, איז אויך אויסגעקומען אונדזערע בחורים צו העלפן די יידן פון פּראָסקוראָוו. ווען ס׳איז אויסגעבראָכן די רעוואָלוציע, אין יאָר 1917, האָט די ״טוזעמנאַיאַ דיוויזיאַ״ איבערגענומען די וואַך אין פּראָסקוראָוו. די סאָלדאַטן זענען אָבער געווען קאַווקאַזער און האָבן ניט געקאָנט קיין רוסיש, האָט מען זיי צוגעטיילט איינעם פון די יידישע בחורים ביי אַלע זעקס קאַוואַלעריסטן. אַנדערע בחורים זענען געווען פאַראַנטוואָרט־לעך אויף דער טעלעפאָנישער פאַרבינדונג צווישן דער שטאָט, דער סביבה און דעם קאָמענדאַטור פון דער דיוויזיע. אַ דאַנק זיי איז אַריבער די שווערע צייט און האָט ניט געשאַט די יידן פון שטאָט.

דער לערער ווײַנשטאָק


דער לערער ווײַנשטאָק פלעגט האַלטן פאָרלעזונגען וועגן דער געשיכטע פון יידישן פאָלק — ביי פאַרשיידענע פייערונ־גען ווי פורים, חנוכה און אַנדערע, דערקלערנדיק אויף אַן אינטערעסאַנטן אופן די געשיכטלעכע וויכטיקייט פונעם יום־טוב. ער פלעגט גערן ענטפערן אויף אַלע פאַרבעטונגען און טאָן זיין שליחות מיט גרויס דערפאָלג.

דער דיריגענט מאזור

ער פלעגט צוגרייטן מיט דערפאָלג דעם מוזיקאַלישן טייל פאַר אַלע פייערונגען וואָס האָבן געהאַט אַ נאַציאָנאַלן כאַ־ראַקטער.

איטאַ פעלדמאַן־לערנער

די איינציקע יידישע פרוי וואָס איז געווען אַגראָנאָם און האָט געאַרבעט אַ סך יאָרן אין דער כאָטינער אַגריקולטור־קאַמער, איבער דער גאַנצער געגנט.



מושב ציון זקנים
כאטין בסרביה
ב"ה

שלמי תודה!

No. .... התרצ"ת כאטין

לא יועיל הון ביום עברה, וצדקה תציל ממות (משלי שלמה ק"פ יא' פסוק ד') **רודף צדקה וחסד, ימצא חיים, צדקה וכבוד** (משלי שלמה ק"פ כא' פסוק כא')

הערדן
מאדאם ....

אין ....

זעהר געהערטער הער!
זעהר געהערטע מאדאם!


דער פארוואלטונג'ס ראטה פון כאטינער מושב־זקנים האט די הערע אייך אויס צו דריקן א הערצליכסטן דאנק פיר דער נדבה, וואס איהר האט געשענקט לטובת דעם הייליגען און נוצליכען אנשטאלט אין סכום פון .... לעי .... איןווערטה זאכען ....

גאט זאל אייך גיבן אריכות ימים ושנים, שפע, ברכה און הצלחה

מיט דער גרעסטער אכטונג
פארזיצענדער
סעקרעטאר



דער קאָמיטעט פון אַמאַליקן מושב זקנים



א קלאַס פון דער כאַטינער מלוכה גימנאַזיע
ווי ס'האָבן געלערנט יידן אין נישט יידן



א בר־מצוה אין כאַטין



דער קאָמיטעט פאר די פליטים פון בוקאָווינא 1916—1914

זיצן פון רעכטס : בוזיע שרייבער, אידה רוכמאן, חס, חנא רייס, סמואל מילער, שרה ברק, לייביש ברק.
שטייען : ישראל אבנער ברק, בערל ווייסאודלער, אהרן שטיוועל, שטילוואַסער, יואל פראָקוראר, קתריאל גארגון. זיצן אינטן : לייב וויינבערג.

הערש פעפערמאַן

הערש פעפערמאַן איז געווען איינער פון די כאַטינער אינטעלעקטואַלן, — אַ סך יאָרן פּאָרזיצער פון דער ליי־און־שפּאָר־קאַסע. ער איז געווען אַן איידעלער מענטש און האָט געפירט די באַנק־ענינים מיט אַ וואַרעמער באַציונג צו מענטשן.

שפּעטער איז ער, ווי אַ מעל־סוחר, געוואָרן דער ניט־אָפיציעלער אָנפירער פונעם מעל־סוחרים־סינדיקאַט. אַז מ׳האָט געדאַרפט אַרומרעדן פאַרשיידענע פּראָבלעמען אין צוזאַמענהאַנג מיטן סינדיקאַט, פלעגט מען זיך צונויפקומען ביי הערש פּעפערמאַן אין שטוב. ביי אים פלעג מען זיך פילן היימיש. זיין פרוי מאַניע פלעגט אויפנעמען מענטשן גאָר פריינדלעך.

הערש פעפערמאַן איז אויך געווען אַקטיוו אין געזעלשאַפטלעכן לעבן. ער איז געווען אַ טוער אין קרן־היסוד און אַ דאַנק אים האָבן מענטשן אַריינגעטראָגן די באַשטייערונגען צו דער צייט. אַלע האָבן אים געשאַצט און ליב געהאַט.



יצחק מאיר טיסנבוים, אַקטיווער טוער אין דער ציוניסטישער באַוועגונג אין כאַטין. עולה געווען קיין ישראל אין 1949 און געשטאָרבן אין 1954.

כאטינער אין מלחמת עצמאות

אָפּשטאַמיקע פון כאָטין האָבן זיך אויך באַטייליקט אין דער אומאָפּהענגיקייטס־מלחמה — מלחמת־העצמאות. אייניקע פון זיי, האָבן זיך אומגעקערט פון די נאַצישע לאַגערן, און זענען דאָ געפאַלן אין קאַמף פאַר ארץ־ישראל.

▼


מרדכי גוטערמאן ז״ל

מרדכי גוטערמאַן, געבוירן אין כאָטין, איז געקומען אומלעגאַל אין לאַנד, אין ראַמען פון בית״ר, אין יאָר 1939. אין 1940 האָט ער זיך איינגעריייט אין דער בריטישער אַרמיי און זיין נאָמען געפינט זיך אויף דער רשימה פון די פאַרשווונדענע פון דער טראַנספּאָרט־איינהייט נומער 462.

דאָס איז געווען אַיי איינהייט פון שאָ־פערן וואָס האָט געדינט אין דער בריטישער אַרמיי בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה. זי האָט גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין די קאַמפן פון על־אַלמיין. נאָכן איינעמען לוב און טראָפּאָליטאַניע, דעם 9טן אַפּריל 1943, איז די איינהייט אַרויף אויף אַן אינדישער שיף — ״אַרינפּוראַ״ — וואָס איז אַרויס, אין איינעם מיט אַנדערע אַכציק שיפן, קעמפן קעגן די דייטשן.

די שיפן זענען אָנגעגריפן געוואָרן פון דייטשע עראָפּלאַנען און ״אַרינפּוראַ״ איז פאַרזונקען געוואָרן. צווישן די הונדערט פערציק פאַרשווונדענע ווערט אויך דערמאָנט דער נאָמען מרדכי גוטערמאַן.

אין צוזאַמענהאַנג מיט אָט דער שיף האָט דער בריטישער אַדמיראַל געזאָגט, אַז ער האָט ביי קיינעם ניט געזען אַזוי פיל מוט, אַזאַ קעגנזייטיקע הילף און אַזאַ רויקייט — ווי ביי די יידן. דעריבער האָבן זיך טאַקע אַ סך געראַטעוועט.

מיטן אויפקום פון דער מדינה איז פאַראייביקט געוואָרן זייער אָנדענק אויפן הר־הערצל: הונדערט פערציק טאָוועלעך אין מיטן אַן אָזערע. אין איין זייט פון אָזערע זעט מען אַ געביי אין פאָרעם פון אַ שיף.

(פון אַ רעדע וואָס איז געהאַלטן געוואָרן דעם 9טן אַפּריל 1964 ביי אַ הזכרה פאַר הונדערט פערציק געפאַלענע חיילים).

▼

אסתר בת יוסף אַפּלבוים, וואָס האָט געלערנט אין דער שול פאַר קראַנקן־שוועסטער אין שפּיטאָל ״הדסה״ פון ירושלים, איז געפאַלן דעם 13־טן אַפּריל 1948, בעת זי האָט אויס־געפירט איר חוב.

▼

יצחק טעפּער (בן משה) איז צו עלף יאָר פאַריתומט געוואָרן פון זיינע עלטערן, אין לאַגער. אַ קריסטלעכע משפּחה האָט אים אַריינגענומען אין שטוב און אים געשיקט פאַשען חזירים. ער האָט זיך אַריינגעלעבט אין זיין נייער סביבה און אַפילו געהאַט פאַרבינדונג מיט די פאַרטריבענע יידן אין די לאַגערן פון שאַרגאָראָד און קאָפּייגאָראָד אין טראַנסניסטריע.

אין 1943 איז ער איבערגעפירט געוואָרן אין איינעם מיט אַנדערע יתומים קיין בוקאַרעשט, ווו ער האָט געלערנט שלאָסעריי ביז ער איז עולה געווען מיט עליית־הנוער. אין מלחמת־העצמאות האָט ער זיך באַטייליקט אין די קאַמפן ביי רמת־הכובש, כפר־סבא, כפר־ענה, סקיה, תל־ליטווינסקי, חיריה, סלמה. ער איז געפאַלן דעם 8־טן מאַי 1948, אין דאָרף קרע, פון וואַדי־ערה.

מיין ערשטע אַרבעט אין ארץ־ישראל

איך בין געבוירן געוואָרן אין כאָטין און בין אויפגעוואַקסן אין אַ רייכער, פרומער חסידישער משפּחה.

איך האָב ניט געלערנט אין קיין שול, נייערט אין דער היים. דאָס איז אָבער געווען ווייניק און איך האָב משלים

געוועזן מיין בילדונג ביי חברים, וואָס האָבן מיר געגעבן שטונדן אַן געלט און אַן דעם אַז מיין טאַטע זאָל וויסן.

אין יענער צייט האָט זיך אָנגעהויבן אין שטאָט אַ פּאָליטישע, ציוניסטישע אַקטיוויטעט. מיין שוועסטער האָט אָנטייל־גענומען אין פּאָליטישן לעבן, זי האָט זיך באַגעגנט מיט חברים און אַקטיווירט אין פּאַרטייען. איך האָב ניט געהאַט קיין נייגונג צו פּאָליטישער אַקטיוויטעט, דערפאַר אָבער בין איך געווען דורכגעדרונגען פון נאַציאָנאַלע געפילן. איך האָב געטראַכט: אויב איך בין אַ ציוניסטקע, דאַרף איך עולה זיין קיין ארץ־ישראל, דאָרטן לעבן און אַרבעטן.

איך האָב מיר געקויפט בסוד אַ שקל. איך פלעג דעקלאַמירן אויף ציוניסטישע אָוונטן. איך האָב נאָר געחלומט וועגן ארץ־ישראל. איך האָב געזוכט ביכער וועגן ארץ־ישראל, כדי זיך צו באַקענען מיטן לאַנד. איך פלעג לייענען די ציוניסטישע וואָכנשריפט אויף רוסיש און אַלץ וואָס דאָרט איז געשטאַנען וועגן ארץ־ישראל, האָט מיר דערוואַרעמט דאָס האַרץ.

ווען איך בין אַ ביסל גרעסער געוואָרן האָב איך אָנגעהויבן גיין אויף ציוניסטישע פאַרזאַמלונגען און דער געדאַנק עולה צו זיין האָט זיך אָנגעהויבן צו פאַרווירקלעכן. איך האָב צונויפגעלייגט אַ גראָשן ביי אַ גראָשן און האָב געוואַרט ס׳זאָל קומען דער טאָג ווען איך וועל קענען באַקומען אַ פּאַס, אָן די עלטערנס דערלויבעניש.

מיין שוואָגער צבי בערנשטיין האָט מיר געהאָלפן זיך צוגרייטן צו דער נסיעה און איך האָב זיך ווייטער באַמיט צו לערנען עברית. יעדן אין דער פרי פלעג איך אַוועקגיין צו דעם מלמד ר׳ לייב־דוד און זיך אומקערן בסוד, קיינער זאָל ניט וויסן. איך האָב אויך געפּרוּווט זיך צוגעווינען צו לאַנדווירטשאַפטלעכער אַרבעט. איך האָב אָנגעפילט קאַסטנס מיט ערד אויפן באַלקאָן און געפלאַנצט אין זיי בלומען. איך האָב זיך אויך געוואָלט צוגעווינען צו אַ באַשיידענעם לעבן, וואָס נוגע עסן און טרינקען.

איך האָב מיר געקויפט אַ גרויסן קויבער און אים באַהאַלטן ביי איינעם פון מיינע פריינד. דערנאָך האָב איך אָנגעהויבן אַרויסטראָגן פון דער שטוב זאַכן וואָס זענען נייטיק פאַר דער נסיעה. כ׳האָב איינגעפּאַקט אַלץ, כדי ניט דאַרפן פּאַקן אין איילעניש, פאַרן אַוועקפאָרן.

כ׳האָב ניט געוואָלט אַוועקפאָרן אָן זיך צו געזעגענען מיטן טאַטן, אָבער קלאָר איז געווען פאַר מיר אַז דאָס געזעגענען דאַרף זיין קורץ. איך האָב באַצאָלט פון פריער אַ פּלאַץ אין אַ וואָגן און האָב געהייסן דעם בעל־עגלה קודם נעמען דעם קויבער פון מיין חבר און דערנאָך קומען מיך נעמען פון דער היים. אויב מען וועט מיך חלילה צוריקהאַלטן, זאָל ער אויף מיר וואַרטן לעבן פּאַרק.

איך האָב געשטעלט דעם טאַטן פאַר אַ פאַרטיקער זאַך. כ׳האָב אים געזאָגט אַז איך פאָר און קיין שום טענות וועלן מיט ניט אָפּהאַלטן. מיינע עלטערן זענען, פאַרשטייט זיך, ניט מסכים געווען און ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ האַרטער וויכוח. געזען אַז איך האָב ניט קיין ברירה, האָב איך אָפּגענאַרט מיינע עלטערן. כ׳האָב געהייסן דעם בעל־עגלה ווייטער פאָרן און איך בין אַריין אין שטוב. אָבער באַלד בין איך אַרויס פון אַ הינטערשטן טירל און דורך זייטיקע וועגן געגאַנגען צו דעם פּאַרק, ווו דער בעל־עגלה האָט געוואַרט.

מיינע שוועסטערן האָבן פון אַלץ געוווּסט און האָבן זיך פון מיר געזעגנט אין דער גיך. עס זענען אויך געקומען חברים זיך געזעגענען. סוף־כל־סוף בין איך אָנגעקומען מיטן וואָגן צו דער באַן־סטאַנציע.

דאָס איז געווען מיין ערשטע נסיעה מיט דער באַן. ס׳איז לגמרי ניט געווען קיין פאַרגעניגן צו זיצן איינע אַליין אין וואַגאָן, לעבן האַלב־שיכורע גויים. איך האָב מיך געזעצט אין אַ ווינקעלע און בין געזעסן שווייגנדיק. דאָס פּנים האָב איך מיר צוגעדעקט מיט אַ טיכל, מען זאָל ניט זען אַז איך בין אַ יונג מיידל.

די נסיעה האָט געדויערט אַ מעת־לעת. אין אָדעס האָב איך זיך באַגעגנט מיט יצחק גאָרגון, דער חבר פון מיין ייִנגערער שוועסטער. ער האָט שטודירט אין אָדעס. ער איז געווען זייער איבערגענומען פון מיין מוט און האָט זיך באַמיט פאַר מיר ביז די שיף איז אַרויסגעפאָרן. כ׳האָב געקויפט אין ארץ־ישראל־בירא אַ שיפסקאַרטע און מיט דעם רעשט געלט — צידה לדרך. אַזוי ווי ס׳איז געווען פאַר פּסח, האָב איך מיר איינגעקויפט מצות און פרוכטן.

איך בין אַרויסגעפאָרן דעם 30־טן מאַרס 1913. איך בין אַרויפגעגאַנגען אויף דער שיף אי מיט אַ וווּנדערבאַר געפיל אין האַרץ און אי מיט אַ ציטער פאַרן אַרויספאָרן פון כאַטין, אַ שטאָט אין גלות, פון טאַטנס טראַדיציאָנעלער שטוב — אין אַ ניי לאַנד, צו אַ ניי לעבן, אין אַ פרעמדער אומבאַקאַנטער וועלט. ניט געקוקט אויף דעם געפיל פון איינזאַמקייט, האָב איך אין זיך געפילט די גוואַלדיקע ענערגיע פון אַ יונג מיידל וואָס זעט מיט די אויגן ווי ס׳פאַרווירקלעכן זיך אירע שענסטע חלומות.

די נסיעה מיט דער שיף האָט געדויערט צוויי וואָכן. דאָס איז געווען אַן אַלטע רוסישע שיף וואָס האָט געפירט פּאַסאַזשערן און סחורות. איך בין געלעגן אין דער שיף און געפילט דעם טעם פון דער ים־קרענק. די שיף האָט זיך אָפּגעשטעלט אין יעדן האַפן אָפּצולאָדן און אויפצולאָדן מענטשן און סחורות. אויף דער שיף זענען אין גאַנצן געווען פיר ייִדן וואָס זענען עולה געווען קיין ארץ־ישראל: דוד רמז ז״ל מיט זיין פרוי, מאירוב ז״ל (דער פאָטער פון שאול אביגור — איינער פון די אָרגאַניזאַטאָרן פון דער אילעגאַלער עליה און פון דער הגנה) און איך — די ייִנגסטע צווישן זיי. איך האָב זיך באַפריינדט מיט מאירובן און אים דערציילט אַלץ וואָס איך האָב איבערגעלעבט ביז איך בין אַרויף אויף דער שיף. אין סטאַמבול האָט אונדז דוד רמז אַרומגעפירט און געוויזן די שטאָט. ער האָט דעמאָלט דאָרטן געלערנט. מיר האָבן אויך שפּאַצירט אין סאַלאָניק און אין ביירוט. די ערשטע טעג פּסח האָבן מיר פאַרבראַכט אויף דער שיף און ערב די צווייטע טעג זענען מיר אָנגעקומען קיין יפו.

די שיף האָט זיך אָפּגעשטעלט ווייט פונעם ברעג. מיר האָבן געהערט דעם רעש פון די אַראַבער וואָס זענען געקומען

מיט זייערע שיפֿלעך אונדז איבערפֿירן. ווען מיר זענען אַראָפּ־געגאַנגען — האָט אונדז אַ יידישער באַאַמטער איבערגעגעבן רויטע צעטלעך — וואָס האָבן געדינט ווי דאָקומענטן פֿאַר פֿרעמדע יידישע בירגער בעת דער טערקישער הערשאַפֿט. מאירובס משפּחה, וואָס האָט געוווינט אין תּל־אָביב, איז געקומען אויפֿנעמען דעם קרובֿ. מען האָט מיך געבעטן איך זאָל וווינען אַ צייט ביי זיי און מ׳האָט מיר געהאָלפֿן זוכן אַרבעט.

אין אַרבעטער־קלוב פֿון דער שכונה נוה־צדק האָב איך באַגעגנט אַרבעטער וואָס זענען געקומען פֿון גליל, וווּ זיי האָבן געזוכט אַרבעט און ניט געפֿונען. איך האָב געדונגען אַ שטוב און געפּרוּווט געפֿינען אַן אַרבעט אין דער נאָענט פֿון תּל־אָביב. מען איז געווען פֿאַראינטערעסירט נאָר מיט ״ותיקות״. אַפֿילו פֿאַר הויז־אַרבעט איז געווען אַ קאָנקורענץ: רוסישע פּילגרימעס פֿון יפֿו האָבן געאַרבעט פֿאַר פֿינף גרוש אַ טאָג.

מען האָט מיר געעצהט איך זאָל מיך ניט איילן און ניט פֿאָרן אין עמק און אין גליל, מחמת דער מאַלאַריע. בעסער זאָל איך מיך אַקלימאַטיזירן אַ צייט אין דער געגנט לעבן ים. כ׳האָב אָבער אין גיכן געזען אַז כ׳האָב ניט קיין ברירה און האָב באַשלאָסן צו פֿאָרן אין גליל.

אַ גאַנצע נאַכט בין איך געפֿאָרן מיט אַ שיף פֿון יפֿו קיין חיפֿה. אויפֿן וועג האָב איך זיך באַקענט מיט אַ מיידל פֿון תּל־אָביב און מיר זענען אין איינעם געפֿאָרן מיט דער באַן צו דער פֿאַרם ״מרחביה״, אַ נייער יישובֿ וווּ די מענטשן האָבן נאָך געוווינט אין צריפֿים און ליימענע הייזקעס. דאָרטן איז געווען אַן אַרבעטער־קיך און אַ סאַניטאַרער פּונקט. דער דירעקטאָר איז געווען אַוועקגעפֿאָרן און ביז ער איז געקומען האָב איך געאַרבעט שניידעריי אין איינעם מיט מיין נייער חבֿרטע. דער דירעקטאָר האָט אונדז באַלד נאָך זיין אָנקומען מודיע געווען אַז ער האָט ניט קיין אַרבעט פֿאַר אונדז. מיר האָבן ווידער גענומען די פּעקלעך און ווייטער געפֿאָרן מיט דער באַן ביז קיין צמח, די לעצטע סטאַנציע, אין עמק־הירדן. ביי דער סטאַנציע האָבן מיר געפֿונען אַ וואָגן פֿון קבֿוצת־דגניה, וועלכער האָט אונדז אויפֿגעלאָדן מיט די פּעקלעך און מיר זענען געפֿאָרן. מיר האָבן זיך געפֿרייט וואָס מיר פֿאָרן ״אין האָטעל״. אין דגניה האָט מען אונדז געגעבן צו עסן און איינגעאָרדנט געלייגערס. ווען מיר האָבן געוואָלט באַצאָלן, האָט מען געלאַכט פֿון אונדז און אונדז געגעבן צו פֿאַרשטיין ווו מיר געפֿינען זיך.

דעם אַנדערן טאָג, שבת, איז פֿאָרגעקומען אין כּינרת אַ פֿאַרזאַמלונג פֿון די אַרבעטער פֿון דער גאַנצער געגנט. מיר זענען מיטגעגאַנגען מיט די חבֿרים פֿון דגניה. מיר זענען אַריבערגעגאַנגען דעם ירדן צו פֿוס. דאָס איז געווען פֿאַר מיר אַ גרויס איבערלעבעניש. אויף דער פֿאַרזאַמלונג זענען געווען חבֿרטעס פֿון אַלע יישובֿים פֿון גליל, צווישן זיי אויך באַקאַנטע פֿון מיין נייער חבֿרטע, וואָס האָבן געאַרבעט אין דער פֿאַרם ״מגדל״. מען האָט אונדז פֿאָרגעלייגט צו אַרבעטן שניידעריי.

קעגן אָוונט זענען מיר אַרויסגעגאַנגען צו פֿוס קיין מגדל, דורך טבֿריה. אויפֿן וועג האָבן מיר זיך באַגעגנט מיט יוסף טרומפּעלדאָר, וואָס איז שפּעטער געוואָרן דער העלד פֿון תּל־חי. דער בחור האָט געטאָן אַ פֿייף און די מיידלעך האָבן באַלד אָנגעהויבן צו שרייען: אָסיאַ! אָסיאַ! דאָס איז געווען יוסף טרומפּעלדאָר, וואָס האָט דעמאָלט געאַרבעט אין ער קבֿוצה פֿון מגדל. ער האָט געטראָגן אַ רעוואָלווער און האָט פֿאַרזייט אין אונדז אַ געפֿיל פֿון זיכערקייט.

אין מגדל האָבן מיר ווידער ניט געפֿונען דעם דירעקטאָר פֿון דער פֿאַרם. מיין חבֿרטע האָט אָנגעהויבן אַרבעטן שניי־דעריי און איך האָב געהאָלפֿן ביי דער קיך. די פֿאַרם איז געווען געבויט ווי אַ פֿעסטונג: אַ מויער און אַרום דער מויער די הייזער. ווען דער דירעקטאָר איז צוריקגעקומען האָבן די אַרבעטער זיך באַמיט פֿאַר אונדז און מען האָט אונדז אויפֿ־גענומען.

מיר האָבן געוווינט אין פֿעלד, אין אַ צריף פֿון בלעך, וואָס האָט געברענט ווי אַן אויוון. זומער איז די היץ דערגאַנגען אין שאָטן ביז 40 גראַד. מיר האָבן געאַרבעט פֿון אין דער פֿרי ביז די זון איז אונטערגעגאַנגען מיט אַן הפֿסקה ווען די זון האָט אַם שטאַרקסטן געברענט. מיר האָבן באַקומען זיבן גרוש פֿאַר אַ טאָג אַרבעט, און באַצאָלט פֿאַר צוויי טעג מאַלאַריע איבערן חודש. יעדן טאָג האָבן מיר געשלונגען כינין־פּילן.

דאָס איז געווען מיין ערשטע אַרבעט אין היימלאַנד. מיין חלום איז פֿאַרווירקלעכט געוואָרן; איך בין געוואָרן אַ לאַנד־ווירטשאַפֿטלעכע אַרבעטערין אין ארץ־ישׂראל.

רחל זעלצער

ווען ס׳איז פּראָקלאַמירט געוואָרן מדינת־ישׂראל, זענען אַן ערך צוואַנציק יוגנטלעכע פֿון ״לח״י״, יינגלעך און מיידלעך, אַרויס אין קאַמף קעגן אַן אַראַבישן אָנגריף אויף דער גרענעץ ביי די צוויי טיילן פֿון ירושלים. צווישן זיי איז אויך געווען רחל זעלצער.

רחל איז געבוירן געוואָרן אין כאָטין. איר פֿאָטער איז געווען אַ פּליט פֿון רוסלאַנד, נאָך פֿון דער ערשטער וועלט־מלחמה און די מוטער איז געווען אַ כאָטינער — אַדאַ זעלצער, פֿון דער משפּחה רייס. זי האָט פֿאַרענדיקט שטודירן כעמיע און באַקטעריאָלאָגיע אין די אוניווערסיטעטן פֿון קיִעוו און אָדעס. ווען רחל איז געבוירן געוואָרן, האָט זיך די משפּחה באַזעצט אין טשערנאָוויץ.

אין יאָר 1940, ווען טשערנאָוויץ איז אַריינגעפֿאַלן צו די רוסן, האָט אַדאַ זעלצער באַקומען אַרבעט אין אַ לאַבאָראַ־טאָריע. נאָך דעם ווי טשערנאָוויץ איז ווידער פֿאַרנומען געוואָרן פֿון די דייטשן, האָט אַדאַ זעלצער פֿאַרוואַנדלט איר גאַנץ פֿאַרמעגן אין געלד און עס איבערגעגעבן דער יידישער קהילה, מיטן תּנאַי אַז אויב מען וועט צעטיילן די משפּחה, זאָל מען אַלץ טאָן כּדי רחלען איבערצופֿירן קיין ירושלים, צו אַדאַס שוועסטער, טשאַרנע רייס, פּראָפֿעסאָר פֿון באָטאַניק אין העברעישן אוניווערסיטעט.

עטלעכע חדשים נאָך דעם ווי טשערנאָוויץ איז פאַרנומען געוואָרן פון די דייטשן, איז אַדאַ פאַרשיקט געוואָרן אין אַ לאַגער. די אָנפירונג פון דער קהילה האָט זיך באַמיט איבערצופירן רחלען קיין ארץ־ישראל. דעם 15־טן סעפטעמבער 1942 איז רחל, מיט אַנדערע 106 יידן, אַוועקגעפאָרן מיט דער באַן פון טשערנאָוויץ און איבער בוקאַרעשט אָנגעקומען סוף־כל־סוף קיין בראַילאַ, אַ האַפנשטאָט ביי דער דונײ. עס זענען נאָך צוגעקומען 13 מענטשן פון בוקאַרעשט.

פאַר 120 טויזנט דאָלאַר — טויזנט דאָלאַר פאַר אַ מענטש — האָט אַ רומענישע טוריסטן־געזעלשאַפט צוגעשטעלט אַ זעגלשיף מיטן נאָמען ״וויאַיטאָרול״, וואָס האָט געקענט אויפנעמען ניט מער ווי 50 מאַן. אין דעם שיפל האָבן זיך צוזאַמענגעשטופּט 120 מענטשן, וואָס האָבן באַקומען אַ באַוויליקונג צו פאַרלאָזן רומעניע, נאָך דעם ווי זיי האָבן באַצאָלט דערפאַר אַנדערע 8000 דאָלאַר. דעם 18־טן סעפטעמבער איז דאָס שיפל אַרויסגעשווומען פון בראַילאַ און אָנגעקומען אין שוואַרצן ים. דאָס וואַסער האָט אָבער אין גיכן אָנגעהויבן אַרייַנצודרינגען אין שיפל און פאַרפלייצט די מאָטאָר־קאַמער. מיט שווערער מי איז מען אָנגעקומען ביז צו דעם האַפן סולינאַ. דאָרטן האָט מען זיך פאַרבונדן מיט דער טוריסטן־געזעלשאַפט פון בוקאַרעשט און מ׳האָט געפאָדערט צו שיקן מענטשן וואָס זאָלן פאַרריכטן דאָס שיפל. ס׳האָט געדויערט אַכט טעג ביז ס׳איז אָנגעקומען אַ רעפּרעזענטאַנט פון דער געזעלשאַפט. אין צווישן האָט מען געקויפט אַ פּומפּע, מ׳האָט אויסגעשעפּט דאָס וואַסער און מ׳האָט פאַרריכט דעם מאָטאָר. דער רעפּרעזענטאַנט פון דער געזעלשאַפט האָט געגעבן שוחד, כדי צו באַקומען פון דער ממשלה אַ באַוויליקונג אַז דאָס שיפל איז ראוי אַרויסצושווימען אויפן ים.

ניט האָבנדיק קיין ברירה איז מען אַרויסגעפאָרן. אין דער דריטער נאַכט איז ווידער קאַליע געוואָרן דער מאָטאָר. ס׳איז געווען אַ שטורעם אויפן ים און דאָס שיפל איז געווען ווי אַ שפּילעכל אויף די כוואַליעס. אין דער פרי האָט מען געזען אַ ברעג אין דער נאָענט, אָבער מ׳האָט ניט געוווּסט צי איז מען ניט אין אַ בולגאַרישן האַפן, וווּ ס׳געפינען זיך דייטשן. צוואַנציק בחורים פון דעם שיפל זענען צוגעשווומען צום ברעג און האָבן זיך דערוווּסט אַז זיי זענען אין אַ טערקישן האַפן. די מענטשן האָבן באַקומען אַ דערלויבעניש אַראָפּצוגיין אויפן ברעג און ווען אַלע זענען שוין געווען אויף דער טריקעניש איז דאָס שיפל פאַרזונקען געוואָרן מיטן גאַנצן געפּעק.

די טערקישע זעלנער האָבן אַרייַנגעפירט די מענטשן אין געצעלטן און זיי געגעבן עסן. נאָך צוויי טעג האָט מען זיי איבערגעפירט אין אַ דאָרף און נאָך אַ חודש זענען זיי שוין געווען אין סטאַמבול. פון דאָרטן האָט מען זיי איבערגעפירט קיין ציפּערן, וווּ די ענגלענדער האָבן זיי געהאַלטן אין לאַגער בעת דער גאַנצער מלחמה.

ווען טשאַרנע רייס האָט זיך דערוווּסט אַז איר שוועסטערס טאָכטער געפינט זיך אין קפריסין, האָט זי אינטערווענירט ביי הענריעטע סולד, וואָס איז געשטאַנען בראש פון עליית־הנוער, און האָט באַקומען אַ באַוויליקונג אַז רחל זאָל קומען קיין ארץ־ישראל.

רחל האָט פאַרענדיקט די מיטלשול אין צוויי יאָר און האָט אָנגעהויבן צו שטודירן אין העברעישן אוניווערסיטעט. אין צווישן איז אָנגעקומען אַ ידיעה פון טשערנאָוויץ אַז אַדאַ זעלצער האָט זיך געראַטעוועט פון לאַגער און גרייט זיך עולה צו זיין קיין ארץ־ישראל. זי איז טאַקע אָנגעקומען אין לאַנד נאָך עטלעכע חדשים.

אַדאַ זעלצער האָט געדונגען אַ קליינע דירה פאַר זיך און פאַר איר טאָכטער. זי האָט באַקומען אַ שטריקמאַשין און האָט אָנגעהויבן אויסאַרבעטן זאַכן פאַר די קלייטן פון דער וויצאָ.

אין 1947, ווען די פאַראייניקטע נאַציעס האָבן אָנגענומען דעם באַשלוס צו גרינדן אַ יידישע מדינה, זענען די אַראַבער אָנגעפאַלן אויף די יידישע ישובים. אַ סך סטודענטן האָבן זיך פאַרשריבן אין די אומלעגאַלע מיליטערישע אָרגאַניזאַציעס. די סטודענטן פון דעם אינסטיטוט פאַר נאַטור־וויסנשאַפטן, וווּ רחל האָט געלערנט, האָבן זיך איינגערייט אין דער הגנה. דעם 25־סטן דעצעמבער 1947 איז רחל אין איינעם מיט זיבן מיידלעך און 49 בחורים אַוועק קיין גוש־עציון, מיט אַ קאָלאָנע מאַשינען, וואָס האָבן געפירט עסנוואַרג, נאַפט און שטאַכלדראָטן פאַר כפר־עציון.

צוויי וואָכן פריער, דעם 11־טן דעצעמבער 1947, האָבן די אַראַבער אָנגעגריפן אַ יידישע קאָלאָנע אויפן שאָסיי ירושלים־חברון, ביים קילאָמעטער 15, און אַלעמען דערהרגעט.

די פיר ישובים פון גוש־עציון האָבן זיך אָנגעהויבן צוגרייטן פאַרן קאַמף. די מיידלעך און בחורים זענען געשטאַנען אויף דער וואַך טאָג און נאַכט.

אין דער נאַכט פון 13־טן יאַנואַר איז אָנגעקומען אַ ידיעה אַז דער וועג קיין גוש־עציון איז פאַרמאַכט און אַז אין די בערג האָבן זיך קאָנצענטרירט אַ סך אַראַבער. ס׳האָט זיך אָנגעהויבן דער אָנגריף אויף חירבת־זכריה און צווישן די פאַרטיידיקער איז אויך געווען רחל זעלצער. אין דעם קאַמף זענען געהרגעט געוואָרן דריי יידן פון גוש־עציון און אַ סך אַנדערע זענען פאַרוווּנדעט געוואָרן. דער מצב איז געווען אַ שווערער, מחמת ס׳האָבן געפעלט מעדיציניש מכשירים.

אין צווישן האָט מען אָרגאַניזירט אין לאַנד אַ קעגן־אָנגריף. צוויי אינפאַנטעריע איינהייטן, צוויי איינהייטן פון פלמ״ח, אַ שאָק־גרופּע פון דער הגנה. מ׳האָט געבראַכט דריי טויזנט קוילן פאַר געווער, בלוט־פּלאַסמעס און אַנדערע נייטיקע זאַכן. די קאָלאָנע האָט זיך אָבער געמוזט אומקערן קיין ירושלים, ווייל די אַראַבער האָבן באַלויכטן די גאַנצע געגנט מיט רעפלעקטאָרן. די קאָלאָנע איז נאָך אַ מאָל אַרויסגעפאָרן פרייטיק דעם 16־טן יאַנואַר, אַ זייגער פינף נאָך מיטאָג. אַזוי ווי ס׳איז פון זיי קיין סימן ניט געווען דעם אַנדערן טאָג אין דער פרי, זענען אויסשפּירערס פון גוש־עציון אַרויס אויפן שטח זיי זוכן. ערשט מוצאי־שבת האָט די ראַדיאָ־סטאַנציע פון ירושלים געמאָלדן אַז די ענגלענדער האָבן געפונען די ל״ה הרוגים, דריי מייַלן פון גוש־עציון. זיי האָבן אָפּגעשטויסן זיבן אָנגריפן פון די אַראַבער, ביז ס׳האָט זיך געענדיקט אין

גאַנצן די אַמוניציע. די ענגלענדער האָבן איבערגעפירט די הרוגים קיין גוש־עציון.

נאָך אָט די בלוטיקע געשעענישן אין גוש־עציון, איז אָנגעקומען אַ באַפעל אַז די גרופע סטודענטן זאָל זיך אומקערן קיין ירושלים. רחל איז געגאַנגען אין קאָמענדאַטור פון דער הגנה און דאָרטן האָט מען איר געזאָגט אַז ס׳איז באַשלאָסן געוואָרן ניט אָנצונעמען קיין מיידלעך אין אַקטיוון קאַמף. זי האָט פאַרלאָזט די הגנה און איז אַריינגעגאַנגען אין לח״י, אין איינעם מיט 19 חברים. זיי האָבן אָנטיילגענומען אין אָנגריף אויף נאָטר־דאַם, אין ירושלים. דעם 15־טן מיי 1948 איז רחל געפאַלן אין קאַמף און דעם 20־סטן איז זי באַהאַלטן געוואָרן אויפן הר הרצל, אין ירושלים.

פראָפ. טשאַרנע רייס

אַן אידעלע פערזענלעכקייט, רייך אין מעשים און אין שווערע לעבנס־געשעענישן. זי איז געווען לאַנגע יאָרן פראָפעסאָר פון באָטאַניק אין ירושלימער אוניווערסיטעט, האָט צוגעגרייט אַ סך תלמידים און האָט זיך קונה־שם געווען אויף דער וועלט מיט אירע פאָרשונגען וועגן דער נאַטור פון אונדזער לאַנד.

די טיפע קענטעניש פון רוסישער קולטור, אין וועלכער טשאַרנע רייס איז אויסגעוואַקסן און די וויסנשאַפטלעכע קענטענישן וואָס זי האָט זיך דערוואָרבן אין פראַנצייזישע הויכשולן האָבן געשאַפן אַ האַרמאָניע וואָס האָט צוגעצויגן נאָענטע און ווייטע. אַלע יאָרן איז זי געווען אָפּגעשניטן פון אירע קרובים וואָס האָבן געלעבט אין בעסאַראַביע פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה. איידערן קומען אין לאַנד, אין יאָר 1934, האָט זי געלערנט אין אוניווערסיטעטן פון פראַנקרייך, שווייץ און צום סוף אין רומעניע. נאָר אין יענער צייט איז זי באַקאַנט געוואָרן אַ דאַנק אירע יסודותדיקע פאָרשונגען, אַליין אָדער אין איינעם מיט פראָפ. סאַווולעסקו, דער באַוווסטער פאָרשער און ראָש פון דער וויסנשאַפטלעכער אַקאַדעמיע אין רומעניע. ער האָט זי טאַקע אַריינגענומען אין אינסטיטוט פאַר פאַטאָלאָגישע און לאַנדווירטשאַפטלעכע פאָרשונגען, ווו זי איז געווען זיין רעכטע האַנט ביז צו איר עולה זיין.

זי איז געווען דורכגעדרונגען מיט ליבשאַפט צום יידישן פאָלק און האָט זיך נישט באַנוגנט מיט די דערפאָלגן אין גלות. זי האָט אַלץ איבערגעלאָזט, איז געקומען אין לאַנד און האָט דאָ געפונען אַ צופרידנקייט און אַ מעגלעכקייט פאַר אירע פעיקייטן.

דאָ האָט זי זיך אויך דערוווּסט וועגן דער טאָכטער פון איר שוועסטער, וואָס איז געבליבן לעבן אין קעשענעוו, און האָט אַלץ געטאָן כדי זי צו ברענגען קיין ישראל. פראָפ׳ רייס איז פאַר איר דאָ געוואָרן אַ צווייטע מאַמע, זי האָט זי דערצויגן און איר געהאָלפן שטודירן. אָט דאָס גליק האָט אָבער לאַנג ניט געדויערט. דאָס מיידל איז געפאַלן אין אונדזער באַפרייונגס־מלחמה און טשאַרנע רייס איז ווידער געבליבן אין איר איינזאַמקייט, נאָר מיט אירע וויסנשאַפטלעכע פאָרשונגען.

דער ביטערער גורל האָט זי נישט אויסגעמיטן אין די לעצטע זעקס יאָר פון איר לעבן. נאָך אַ שווערן האַרצאַטאַק האָט זי צעבראָכן אַ האַנט. אָבער מיט די לעצטע כוחות האָט זי געשריבן און געאַרבעט.

די וואָס האָבן זי געקענט און פאַרערט טראָגן זי עד היום אין האַרצן מיט ליבשאַפט.

כאטינער יידן
אין אמעריקע

In Memoriam

אין אָנדענק

פון די, וואָס האָבן זיך באַטייליגט אין דער גרינדונג פון רעליעף
און האָבן זיך לאַנגע יאָרן באַטייליגט אין די
אַקטיוויטעטן פון אונזער רעליעף!

עהרע זייער אָנדענק!

יוסף בנימין קליינמאַן, ע"ה
אברהם אבא סאָלטער, ע"ה
יצחק שערמאַן, ע"ה
יוסף בנימין טעליס, ע"ה
לייב (לואיס) טעליס, ע"ה
ברוך טראַכטענבערג, ע"ה
משה אהרן איינבינדער, ע"ה
אהרן קעסלער, ע"ה
יאנקעל זילבערמאַן, ע"ה
נחום נאדעלמאַן, ע"ה
פייגע פעפער, ע"ה
מרים דיקער, ע"ה
פיני וויינפוס, ע"ה
כאנצע בתיה טעליס, ע"ה
איידע קושניר, ע"ה
זעלדע קרעל, ע"ה
אדעל ריטשמאַן, ע"ה

אינדעפּענדענט כאָטינער בעסאַראַבער בענעוואָלענט אסאָסיאייִשן

אַן אָרגאַניזאַציע מיט אַ לאַנגן נאָמען, אָבער אויך מיט אַ שיינער און לאַנגער היסטאָרישער איבערגעגעבנהייט דו לץ וואָס כאָטין, אונזער אַלטע היים האָט פאַרמאָגט. וואָס נאָר אַ דאַנק אָט דער געטרייער און איבערגעגעבענער לאַנדסמאַנשאַפטלעכער באַציאונג, איז אַלץ געשאַפן געוואָרן פון אָט דער אָרגאַניזאַציע און אירע מיטגלידער.

די א.כ.ב.ב.א. איז געבענטשט געוואָרן מיט אַזעלכע געטרייע מיטגלידער, וואָס קיין זאַך איז ניט געווען שווער, אויב ס'איז נאָר געפאָדערט פון זיי, צו געבן הילף אין אַ נויט.

די אַמעריקאַנער יידישע גאַס פאַרמאָגט אַ סך לאַנדסמאַנשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבן באמת, אין דער פראַגע פון הילף, ממש אויפגעטאָן וווּנדער, אָבער זייער ווייניק קענען זיך פאַרגלייכן, מיט זייער אָרגאַניזאַציע. ניט אומזיסט איז די א.כ.ב.ב.א. אַזוי באַרימט און געשעצט פון אַלעמען דאָ אויף דער ניו־יאָרקער גאַס.

ס'האָט נאָך קיין מאָל ניט געטראָפן אַז עמעצער וואָס האָט זיך געווענדעט צו זיי פאַר הילף ניט באַקומען.

ספּעציעל, זאָל און דאַרף, דערמאָנט ווערן די האַרציקע באַציונג און גוטסקייט פון די מיטגלידער צו די כאָטינער רעליעף און אַלע זיינע אַקציעס זענען שטענדיק געווען אין פראָנט ביי דער אָרגאַניזאַציע. אויך איצט, ווען אַ קאָמיטעט פון דער אַמעריקאַנער אָפּטיילונג פאַר דעם יזכור־בוך פון כאָטין האָט געפאָדערט הילף, האָט די א.כ.ב.ב.א. גלייך אָנגענומען צו ווערן אַ שותף אין אָט דער הייליקער אויפגאַבע.

געבענטשט און געשטאַרקט זאָלן זיין אַלע טוער פון דער א.כ.ב.ב.א. און זאָלן זייערע מעשים קיין מאָל ניט פאַרגעסן ווערן. זאָלן זיי אייביק בלייבן אַזוי געטריי, און דערמאָנט ווערן נאָר מיט ברכות פון אַלעמען.

דאָס זענען די בייאַמטע וואָס האָבן דאָס מזל און דעם כבוד צו זיין די פירער פון דער אָרגאַניזאַציע, אין דער צייט וואָס דער כאָטינער יזכור־בוך איז געשאַפן און אַרויסגעגעבן געוואָרן: פּרעזידענט: אליהו קודרינעצקי; וויצע־פּרעזידענט: חיים שניידער; קאַסירער: מאַרטין ווינער; קאָנטראָלער: מאָריס ריינים. טראָסטי פרענק — שרייבער. פּראָטאָקאָל־סעקרעטאַר: חיים דראָטמאַן; עקזעקוטיוו מיטגלידער: מאָריס גאַנדעלמאַן, איזידאָר געל־פאַנד, טשאַרלי מיללער, אייב בלאַנק, לואיס וואָסערמאַן, סעם נוסענבוים, ליאָן שניידער.

אַ וואָרט צום סוף פון דער קאמפאניע פאַר דעם יזכור־בוך פון נאַציאָ־נאַלן סעקרעטאַר שלמה זאלצמאן און פון גאַנצן קאָמיטעט פון דער אַמעריקאַנער אָפּטיילונג פאַרן ספר־הזכרון פון דער שטאָט כאָטין:

טייערע לאַנדסלייט און פריינד אין ישראל און איבער דער גאָרער וועלט!

דער געדאַנק פון אַרויסגעבן אַ יזכור־בוך איז ניט געבוירן געוואָרן נאָר ביי די כאָטינער... זכור... און פאַרגעס ניט... איז געוואָרן ווי אַ צוווּקס צו אונדז יידן אין דעם היסטאָרישן געראַנגל וואָס מיר פירן בכול דור ודור... עמלקים זענען אונז שטענדיק נאָכגעגאַנגען. מיר האָבן שטענדיק געשריגן ממע־מקים, און פון דאָרטן איז אונזער געשריי געהערט געוואָרן אין אַלע ווינקלען פון דער ערד... מיט דעם קומען פון די נאַציס און אַלע זייערע אַרויסהעלפערס זענען מיר, ווי אין אַ פינצ־טערער פאַסטקע אַריינגעפאַלן... ניט מיר און ניט די וועלט האָט זיך געוואָלט גלייבן אַז דאָס איז אונדזער לעצטער וועג... ווי אַ פייער האָט דער אומגליק פאַרכאַפּט אונדזער פאָלק און האָט אונדז געבראַכט נאָענט צו אַ טאָטאַלער פאַר־ניכטונג...

די יזכור־ביכער, וואָס זענען געשאַפן געוואָרן האָבן געגעבן אַ תיקון אונדזערע קדושים. ס'האָט געמוזט זיין אַ האַנט, וואָס זאָל פאַרצייכענען, אַ מוח וואָס זאָל ניט לאָזן דעם אומ־גליק אָפּגעווישט און פאַרגעסן ווערן.

צענדליקער יאָרן זענען אַוועק זינט די אייראָפּעישע שארית־הפליטה האָט באַשלאָסן צו פאַראייביקן יענע גרויליקע טעג און יענע וועלכע האָבן דעם גהינום אַליין איבערגעלעבט.

מיר, די מיטגלידער פון דעם אַמעריקאַנער קאָמיטעט, די אָפּטיילונג פון דעם ישראלדיקן ועד למען ספר־הזכרון פילן זיך שטאָלץ וואָס די הייליקע אַרבעט איז אַריינגעפאַלן אין אונדזערע הענט. מיר האָבן באַשלאָסן אַז מיר וועלן ניט רוען ביז דער יזכור־בוך פון די כאָטינער וועט ווערן אַ רעאַליטעט.

אויף דער איניציאַטיוו פון פר. ש. זאַלצמאַן און ס. פלאַט וועלכע האָבן באַזוכט ישראל אין יאָר 1971 און האָבן געהאַט דעם כּבוד צו קומען אין קאָנטאַקט מיט דער שאַרית־הפליטה, איז ביי זייער צוריקקומען גערופן געוואָרן אַן ענגער קאָמיטעט וועלכער זאָל אויף זיך נעמען די פליכט צו העלפן אַרויסגעבן דעם יזכור־בוך.

ביי יענער פאַרזאַמלונג איז אָרגאַניזירט געוואָרן דער אַמע־ריקאַנער אָפּטייל פון דעם ספר־הזכרון.

פר. אליהו קודרינעצקי, פרעזידענט פון כאָטינער בעסאַראַ־בער בענעוואָלענט אַסאָסיאיישן איז אויסגעוויילט געוואָרן ווי אַ פאָרזיצער פון קאָמיטעט.

פר. ס. פלאט, אַקטיווער און איבערגעגעבענער כּלל־טוער ספּעציעל פאַר כאָטינער צוועקן, איז אויסגעוויילט געוואָרן ווי אַ קאַסירער.

פר. שלמה זאַלצמאַן, פינאַנץ־סעק. אין קאָונסיל פאָר בעסאַ־ראַבער יידן, אַקטיווער א. ר. טוער, קולטור־טרעגער און שריי־בער, איז איינשטימיק אויסגעוויילט געוואָרן ווי דער נאַציאָ־נאַלער סעקרעטאַר פאַר דעם, פון אַלעמען, שוין לאַנג געגאַרטן יזכור־בוך...

אַ סך איז געטאָן געוואָרן אין דעם ענין. ס'איז גערופן געוואָרן אַ הזכרה־פאַרזאַמלונג, עס זענען ספּעציעל באַזוכט געוואָרן די כאָטינער אָרגאַניזאַציעס און עס זענען אָרגאַניזירט געוואָרן באַגעגענישן מיט יחידים. נאָך די אַלע באַמיונגען שטייען מיר ענדלעך ביי דעם אַנטגילטיקן סוף פון פאַרעפנט־לעכן אונדזער יזכור־בוך.

דער ספר־הזכרון, אָט דער הייליקער בוך, ווילן מיר האָפן, וועט באַצירן אַלע היימען פון כאָטינער אָפּשטאַמיקע, וועט אינדזער נשמה דערהייבן און לייטערן.

אונדזער ווונטש איז מיר זאָלן אַלע דערלעבן צו זען שלום און האָבן נחת פון מדינת ישראל; אַלע זאָלן מיר קענען הנאה האָבן פון אונדזער מדינה.

אַמעריקאַנער אָפּטייל פון קאָמיטעט פאַר דעם ספר־הזכרון:

פר. אליהו קודרינעצקי, פאָרזיצער

פר. ס. פלאַט, קאַסירער

פר. שלמה זאַלצמאַן, נאַציאָנאַלער סעקרעטאַר

פר. מאָריס ריינים, טשאַרלי מיללער, חיים שניידער — וויצע־פאָרזיצערס.

אָנגעשלאָסענע אָרגאַניזאַציעס: כאָטינער בע סאַראַבער בענעוואָלענט אסאָסיאיישאָן

כאָטינער עמערדזשענסי קלוב

כאָטינער בעסאַראַבער רעליעף

און יחידים פון שטאָט כאָטין.


EMERGENCY
CLUB
INC.
PRESENTED BY MEN'S CLUB

פאַרצייכענונגען פון היסטאָרישע פּאַסירונגען פון דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן פון כאַטינער לאַנדסלייט און אָרגאַניזאַציעס אין אַמעריקע

ווען איך נעם זיך פאַרצייכענען די היסטאָרישע פּאַסירונגען פון אונדזער כאַטינער רעליף־אָרגאַניזאַציע, זע איך אַז היינט, ווען מיר האַלטן אין אַרויסגעבן דעם יזכור־בוך פון כאָטין, איז פונקט אַ האַלבער יאָרהונדערט זינט דער כאָטינער רעליף איז געוואָרן אַ געזעלשאַפטלעכער כוח אין דעם לעבן פון די כאָטינער לאַנדסלייט, אין זייער נייער היים אַמעריקע.

איך בין געווען דעמאָלט נאָך אַ "גרינער", ווי מ'האָט גערופן די נייע אַריבערגעקומענע אין דעם נייעם לאַנד. איך בין געקומען קיין אַמעריקע אין 1921. דער כאָטינער רעליף איז געגרינדעט געוואָרן אין 1923.

איך מוז זיך מודה זיין אַז איך בין גלייך ניט אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער אַרבעט פאַר דעם כאָטינער רעליף. זייענדיק יונג, האָב איך נאָך ניט געשענקט די געהעריקע אויפמערקזאַמקייט דער אַרבעט פון די אַלטע תושבים אין אַמעריקע. די וועלכע האָבן גערופן און געוועקט זענען געווען: דן אהרון קעסלער, משה היימאַן, ברוך טראַכטענבערג און נאָך אייניקע לאַנדסלייט.

צו ערשט איז די אַרבעט געווען ווי אַלע התחלות: שווער. אַ יעדער ניי־אַמעריקאַנער האָט געזוכט צו ערשט זיך אַליין איינאָרדענען, האָבן פּרנסה, זיך עטאַבלירן מיט עפּעס ממשותדיקס אין דער נייער היים.

אָבער ס'האָט לאַנג ניט גענומען און דער כאָטינער רעליף, "האָספּיטאַל און מושב זקנים רעליף", ווי די אָרגאַניזאַציע פון די כאָטינער לאַנדסלייט האָט זיך אַ נאָמען געגעבן, האָט אָנגעפאַנגען פונקציאָנירן.

די אָרגאַניזאַציע האָט אָפיציעל אַרויסבאַקומען אַ טשאַרטער פון דער שטאָט ניו־יאָרק און די לאַנדסלייט האָבן אָנגעפאַנגען זיך גרופּירן אַרום דער אָרגאַניזאַציע. אַמעריקע האָט געגעבן שווונג די כאָטינער לאַנדסלייט, אַלע וועלכע האָבן געהאַט דאָס גליק צו זיין אין אַמעריקע האָבן גוט געדענקט די גרויסע אָרעמקייט און נויט אין וועלכער זיי האָבן איבערגעלאָזן זייערע נאָענטע אין כאָטין. זיי האָבן נאָך ניט פאַרגעסן דעם הקדש פון דער באַגאָדיעלניע, פון דעם יידישן שפּיטאָל, דעם הכנסת־אורחים, די תלמוד־תורה, זיי האָבן נאָך געדענקט ווי אָרעם און פאַרוואָרלאָזט אונדזערע לאַנדסלייט אין כאָטין זענען געווען, ווען עמעצער פון זיי האָט געמוזט אָנקומען צו די אינסטיטוציעס.

ערשט דאָ, אין אַמעריקע, האָבן די גליקלעכע דערפילט ווי געפאַלן און אומגליקלעך עס זענען די נויטליידנדיקע אין זייער היימשטאָט כאָטין. דערפאַר טאַקע איז דאָס ערשטע וואָס דער רעליף האָט אויפגעטאָן געווען צו שאַפן אַ מאָנאַטליכע סובסידיע פון צען טויזנט ליי, פאַר די צוויי כאָטינער אינסטיטוציעס, דעם כאָטינער שפּיטאָל און דעם מושב־זקנים.

ס'קען זיך ניט פאַרגעסן די פרייד ביי די לאַנדסלייט דאָ, און זיכער איז די האַרציקע ברודערלעכע האַנט, וואָס איז אויסגעשטרעקט געוואָרן איבערן ים, אויפגענומען געוואָרן פון אונדזערע כאָטינער אויף זייער אַ געהויבענעם אופן.

די הילף איז אָבער ניט געווען גענוג. די נויט און ליידן זענען געווען אומגעהייער. אָפט זענען מיר דאָ אין אַמעריקע באַדראָט געוואָרן אַז אונדזער הילף איז קנאַפּ, און אַז די אינסטיטוציעס וועלן געצוווּנגען ווערן צו פאַרמאַכן זיך. די ידיעות פון דאָרטן זענען געווען זייער שלעכטע, און די לאַנדסלייט האָבן געטאָן אַלץ, ניט צו דערלאָזן צו אַזאַ קאַטאַסטראָפע.

דער כאָטינער רעליף האָט זיך דערווייל צעוואַקסן. ס'זענען דאָ צוגעצויגן געוואָרן נאָך מענטשן צו העלפן אין דער אַרבעט. ס'וויל זיך ניט דערמאָנען מענטשן ביי די נעמען, ווייל ס'קען דאָך פּאַסירן אַז מ'זאָל עמעצן פאַרפעלן, אָבער ס'וואָלט געווען אַן עוולה, ניט צו דערמאָנען די קאָלאָסאַלע אַרבעט וואָס איז געטאָן געוואָרן פון די ראשונים, און דאָס זענען: אליהו קודרינעצקי, יוסף מוטשניק, איזידאָר קעס, איזידאָר געלפאַנד, מאָריס טראַכטענבערג, טשאַרלס טשערקעס, פיליפּ נוסענבוים, יוסף טעליס, בנימין באַראַז און אַנדערע וואָס איך געדענק ניט איצט.

אויך וויל איך ניט פאַרגעסן צו דערמאָנען די לאַנדסמאַנשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס, די צוויי אַרבעטער־רינג־בראַנטשעס, בר. 200 און בר. 271 און די גרויסע "כאָטינער בעס. אינדעפּענדענט־סאָסייעטי". אָט די אָרגאַניזאַציעס האָבן שטענדיק זיך ברייט אָפּגערופן, סיי מאָראַליש, סיי פינאַנציעל, ווען נאָר דער רעליף האָט פון זיי עפּעס פאַרלאַנגט. און אויך זאָל דערמאָנט ווערן די וויכטיקע אַרבעט פון די פרויען־אָפּטיילונגען, וועלכע האָבן בייגעשטייערט אַ זייער גרויסן חלק צו די אַרבעטן פון כאָטינער רעליף. ווי געטרייע מאַמעס האָבן זיי געשאַפן אַ קאָמיטעט צו העלפן אונדזערע לאַנדסלייט און קינדער פון כאָטין מיט שיך און קליידער.

די אַרבעט איז געווען זייער וויכטיק און די לאַנדסלייט זענען געווען זייער דאַנקבאַר, ווען אַ יום־טוב איז געקומען, און די פּעקלעך זענען אָנגעקומען פון אַמעריקע. ווי געזאָגט, בין איך ביים אָנפאַנג ניט געווען זייער אַקטיוו אין רעליף. אין די שפּעטערע יאָרן האָב איך גענומען אַ גרעסערן אָנטייל, ספּעציעל ווען מיר יידן האָבן באַקומען מדינת־ישראל, און די שארית־הפליטה האָט אָנגעפאַנגען צו קומען אַהין.

דער כאָטינער רעליף האָט זיך אונטערגענומען צו בויען היימען, און געבן אַ דאַך די וועלכע האָבן זיך געראַטעוועט און געקומען אין ישראל. איך בין צוגעשטאַנען צו אָט דער וויכטיקער אַקציע. כ'וועל קיין מאָל ניט פאַרגעסן די טעג און די נעכט וועלכע זענען אַוועק דיסקוטירנדיק דעם אופן פון בויען די הייזער. דוד פישבאַך, טשאַרלס מילער, ב. באַראַג,

משה ווײַנטראַוב, חיים שנײַדער, אליהו קודרינעצקי, משה רייניס, איזידאָר געלפאַנד, זיין זון, דער אַדוואָקאַט און אַ סך אַנדערע האָבן ניט אױפֿגעהערט צו טראַכטן ווי בעסער דורכצופֿירן דעם הײַזער־בוי.

דאָס בויען די הײַזער אין ישראל האָט פֿאַרשלונגען אַ געוואַלד מיט צייט און מי. דאָס קאַפּיטל איז נאָך פֿריש, מ׳דאַרף האָבן אַ פּערספּעקטיוון בליק דאָס צו אַנאַליזירן און אַרויסגעבן אַן אורטייל אויף אַלץ וואָס איז געטאָן געוואָרן. ס׳וועט קומען אַ צייט, וועלכע וועט געבן אַן אורטייל איבער דער גרויסער אָנגעשטרענגטער אַרבעט, וואָס די הײַזער־אַקציע האָט דעם רעליף און אירע טוער געקאָסט.

אָבער זאָל דאָ פֿאַרצייכנט ווערן אַז די אַרבעט פֿאַר די הײַזער איז געווען און וועט פֿאַרבלייבן ווי איינער פֿון די ליכטיקסטע מאָמענטן אין דעם לעבן פֿון דעם כאָטינער רעליף, און צו דער געלעגנהייט וואָס דער יזכּור־בוך ווערט איצט אַרויסגעגעבן אין ישראל, דריקט אויס די אַמעריקאַנער אָפּטייל אַ גרויסן דאַנק צו אַלע די וועלכע האָבן צוגעלייגט אַ האַנט און געהאָלפֿן אין דער נאָבעלער אַרבעט פֿאַר די אַלע יאָרן, צו ברענגען הילף און ליכט אין דער פֿינצטערער מערכה פֿון אונדזערע אומגליקלעכע און שטאַרק געטראָפֿענע ברידער און שוועסטער פֿון אונדזער אַלטער היים, דער שטאָט כאָטין.


ש. זאַלצמאַן



זיי האָבן אָרגאַניזירט דעם כאָטינער רעליעף אין ניו־יאָרק 1923

פֿון רעכטס צו לינקס: י. טעליס, ב. טראַכטענבערג, י. שייערמאַן, ש. אָרינשטיין, מ. ווײַמאַן, א. בריקער, א. קאָפּמאַן, ב. רויטמאַן, ט. ווייסמאַן, ש. קיזשנער, ז. קהאַן, מ. באַלאַן, ב. באַלאַן, ב. טעליפּאָס.

אַ בלעטל געשיכטע וועגן דער הילף פון אַמעריקאַנער יידן, אָפּשטאַמיקע פון כאָטין, פאַר זייערע ברידער און שוועסטער, אין שווערע צייטן בכלל און אין דער צייט פון אומקום דורך די נאַציס — בפרט



בנימין באַראַז

אַוודאי איז שוין אַ סך געשריבן געוואָרן וועגן דער עקאָנאָמישער פּאָליטישער און קולטורעלער לאַגע פון כאָטין, אָבער מיר, וואָס לעבן שוין פיל יאָרן אין אַמעריקע און האָבן זיך באַמיט צו פאַרגרינגערן די נויט פון די כאָטינער יידן, ווייסן אַז כאָטין איז ניט געווען קיין אויסנאַם אין אַלטן רוסלאַנד. דאָס איז טאַקע געווען אַ גרויסע פּרוכפּעריקע געגנט, אַ לאַנד וואָס מ׳האָט עס געמעגט אָנרופן ״זבת חלב ודבש״.

דער צאַרישער רעזשים האָט אָבער ניט געזאָרגט עס זאָלן אויסגענוצט ווערן די גרויסע אוצרות פון דער ערד. מ׳האָט פאַרזייט און פאַרפלאַנצט די פעלדער, אָבער ניט תמיד איז געווען אַ מעגלעכקייט אַז די תבואה און די פּירות זאָלן דערגרייכן זייער ציל. אין רוסלאַנד אַליין זענען געווען ערטער וואָס האָבן זיך גענייטיקט אין דער סחורה פון כאָטין, אָבער ניט תמיד האָט מען געהאַט די מעגלעכקייט צו טראַנספּאָרטירן די סחורה.

אַ סך יידן אין דער בוקאָווינע האָבן געהאַט פּרנסה פון פּרוכטן. תיכף נאָך פּסח פלעגט מען שוין אָפּקויפן די פּירות פון די סעדער. אין דער לעצטער צייט האָבן אויך כאָטינער יידן אָנגעהויבן האַנדלען דערמיט. געווען אַפילו בעלי־מלאכות וואָס האָבן אַוועקגעלייגט זייער אַרבעט און געוואָרן סוחרים פון סעדער. מען פלעג בעטן דעם רבונו של עולם מע זאָל מצליח זיין, ווייל ס׳האָט זיך נאָך געקענט מאַכן מען זאָל אַלץ אָנווערן און בלייבן ערום ובחוסר כל. ס׳האָט נאָר געדאַרפט זיין, למשל, אַ שפּעטער פראָסט און די צוויטן זאָלן אָפּגעפרוירן ווערן. איז געווען, ווידער, אַן אָסיען מיט רעגנס און בלאָטעס, איז מען אויסגעריסן געוואָרן ביז מ׳האָט פאַרזאָרגט די פלאָמען, ביז מ׳האָט זיי געטריקנט. און אַז ס׳איז געווען אַ שוואַכער ווינטער, אָן פראָסט, איז געווען אַ סכנה די פלאָמען זאָלן זיך דערוואַרעמען און קאַליע ווערן. אַזוי האָט אויסגעזען דער מיסחר מיט סעדער.

אַרום כאָטין זענען דעמאָלט אויך געווען טאַבאַק פעלדער, אָבער אויך דאָס האָט געפאָדערט אַ סך אַרבעט. ס׳איז געווען איינער אַ מענטש פון פאַך, וואָס האָט קאָמאַנדעוועט מיט די אַרבעטער, צווישן וועלכע אויך אַ סך יידישע מיידלעך, וואָס האָבן גענומען באַצאָלט ווייניקער ווי די קריסטלעכע.

אין כאָטין זענען אויך געווען אַ סך קרעמערס און בעלי־מלאכות. זיי זענען אָבער אויך געווען אָפּהענגיק פונעם וועטער, פון דער גערעטעניש. איז געווען אַ גוט יאָר, האָבן זיי געהאַט פּרנסה, איז אָבער געווען אַ טריקעניש, אָדער צו פיל רעגנס — האָט דער גוי ניט געהאַט פאַר וואָס צו קויפן סחורות.

אַזוי אַרום זענען מענטשן אַרומגעגאַנגען ליידיק און געענערט מען טראַכטן וועגן אויסוואַנדערן. ניט מיט קיין גרינג האַרץ האָט מען זיך צעשיידט מיט דער סביבה און מיט דער משפּחה און אוועק קיין אַמעריקע.

אָט די יידן, וואָס האָבן זיך מיט דער צייט אַרויפגעאַרבעט אין דער פרעמד, האָבן אָנגעהויבן טראַכטן ווי אַזוי אַרויסצוהעלפן די צוריקגעבליבענע; ניט נאָר די אייגענע משפּחות, נאָר אין אַלגעמיין, דער שטאָט, ווי אַזוי העלפן צו פאַרבעסערן דעם עקאָנאָמישן און קולטורעלן מצב, צו פאַרגרינגערן די נויט פונעם כלל.

איך וויל טאַקע דאָ דערמאָנען די ערשטע פּיאָנערן, וואָס האָבן זיך באַמיט אויף דעם געביט, ווי משה היימאַן מיט זיין פרוי, משה־אהרן איינבינדער, טעלעפּוס מיט זיין פרוי. עס זענען געווען אַ סך פרויען וואָס זענען אַרומגעגאַנגען מיט אַ ביכעלע און זיך געווענדט צו יעדן לאַנדסמאַן ער זאָל העלפן דער אַלטער היים. מ׳האָט צונויפגענומען צו פינף דאָלער און דאָס געלט האָט מען דערנאָך אַוועקגעשיקט קיין כאָטין, ווו ס׳איז געשאַפן געוואָרן אַ שפּיטאָל און אַ מושב־זקנים.

שפּעטער זענען אַרויסגעפאָרן קיין כאָטין משה היימאַן מיט זיין פרוי, כדי זיך צו באַקענען מיט די אַנשטאַלטן. נאָך דעם ווי זיי זענען צוריקגעקומען האָט מען זיי שיין אויפגענומען און אויסגעהערט זייער באַריכט און זייער גרוס פון דער אַלטער היים.

שפּעטער איז אָפיציעל געגרינדעט געוואָרן דער רעליף, מיטן נאָמען ״כאָטינער האָספּיטאַל און מושב־זקנים־רעליף״. פאַר אַ פּרעזידענט האָט מען אויסגעקליבן פיליפּ ניסנבוים.

ער האָט אָנגעפירט דעם רעליף עטלעכע יאָר, מיט דער הילף פון זיין פרוי, וואָס האָט אויך אַ סך אויפגעטאָן. עס זענען צוגעצויגן געוואָרן אויך אַנדערע חשובע משפּחות, ווי טשאַרלס מילער מיט זיין פרוי, פישבוך מיט זיין פרוי און אַנדערע. דער אַמעריקאַנער קאָמיטעט האָט איבערגעשיקט דאָס געלט קיין כאָטין, צו אַ חשובן קאָמיטעט, בראש פון וועלכן ס׳איז געשטאַנען דער מוזיקער שלמה שקאָלניק, אַ זון פון בערקו חזן. דאָס איז געווען אַ מענטש וואָס מ׳האָט זיך געקענט אויף אים פאַרלאָזן.

ווען ס׳האָט אָנגעהויבן דער גירוש פון כאָטין, האָט דער אַמעריקאַנער רעליף אויפגעהאַלטן די פאַרבינדונגען, אויף וויפל דאָס איז מעגלעך געווען אין יענע באַדינגונגען. מיר האָבן נאָכגעפאָרשט וווהין די מענטשן זענען פאַרטריבן געוואָרן און האָבן אַהין געשיקט פּעקלעך און וואָס מ׳האָט געקענט שיקן. דאָס איז אַזוי געגאַנגען אויך שפּעטער, ווען

מיר האָבן באַקומען גרויסן אַז אַ קלײנער טײל האָט זיך צוריקגעקערט קײן כאָטין, ביז ס׳איז געגרינדעט געוואָרן מדינת־ישראל. פֿאַר דער צײַט האָט דער שרײַבער פֿון אָט די שורות זוכה געווען צו זײַן דער נאַציאָנאַלער סעקרעטאַר פֿון כאָטינער רעליף, אויסגעווײלט פֿון ניו־יאָרק, קאַנאַדע, וואַשינגטאָן און סביבה.

די אַרבעט פֿון רעליף האָט זיך אויסגעברײטערט, נעמענדיק אין באַטראַכט צו העלפֿן כאָטינער ייִדן וואָס זענען עולה געווען קײן ישראל. מען האָט זיך פֿאַרבונדן מיט ״חברת רסקו״ און געקויפֿט אין חבצלת־השרון, לעבן נתניה, 36 שיכונים, וואָס האָבן באַטראָפֿן אַן ערך 57 טויזנט דאָלער. כּדי צו שאַפֿן דאָס געלט האָט מען אַרויסגעגעבן אַ זשורנאַל מיט פֿאַרשײדענע אַנאָנסן, וואָס האָט אַרײַנגעבראַכט 18 טויזנט דאָלער. אַ לאָטערײ וואָס מיר האָבן געמאַכט, האָט אַרײַנגעטראָגן אַנדערע פֿיר טויזנט דאָלער. די פֿרויען־אָרגאַניזאַציע אונטער דער אָנפֿירונג פֿון אײדע פּישמאַן האָט אויך אַרײַנגעבראַכט אַן ערך דרײַ טויזנט דאָלער. אַזוי האָט זיך געשאַפֿן דאָס גאַנצע געלט פֿאַר די שיכונים פֿאַר די כאָטינער עולים.

דער קאָמיטעט האָט אויך באַשלאָסן צו שיקן פֿאָרשטײערס פֿון אַמעריקע, כּדי אָפּצושליסן דעם קאָנטראַקט מיט ״חברת רסקו״. עס זענען אויסגעקליבן געוואָרן פּרעזידענט טשאַרלס מילער, איזידאָר געלפֿאַנד מיט זײַן זון דער אַדוואָקאַט און בנימין באַראַז, דער סעקרעטאַר. זײ זענען אַלע געפֿאָרן אויף אײגענע הוצאות. נאָכן אָפּשליסן דעם קאָנטראַקט, איז מען אין אײנעם מיט אײניקע חברים פֿון תּל־אביבער קאָמיטעט אַרויסגעפֿאָרן קײן חבצלת־השרון צו דער דערעפֿענונג. מען האָט אפֿילו געגרינדעט אַ בית־כּנסת און געגעבן אַ שטײער אויף מעבל.

לײדער האָט דער רעליף זיך דערנאָך, צוליב פֿאַרשײדענע סיבות אויפֿגעלײזט און דער סעקרעטאַר האָט איבערגעגעבן די ביכער, אין אײנעם מיטן געבליבענעם געלט אַ נײעם קאָמיטעט.




פאמיליע באַראַז

בנימין באַראַז׳ס מוטער; שוועסטער חיה־פרידע און איר מאַן יששכר; זייערע קינדער משה׳לה און לייבעלע; שוואגער: שמעון בינענבוים.
פאַראייביקט דורך פאַמיליע באַראַז.

ראשונים און טוער פון כאטינער רעליעף



S. SALTZMAN




































Arrangement Committee
"Emergency Relief Dinner"
of the Chotiner Hospital & M. Z. Relief
DAVE FESHBACH
CHAIR. BANQ. COM.
SAM WASSERMAN
VICE PRESIDENT
PHILIP NUSSENBAUM
PRESIDENT
IDA FESHBACH
CHAIR. LADIES AUX.
MORRIS RAINES
TREASURER
CHARLES CHERKES
CHAIR OF AFFAIRS
CHARLES MILLER
VICE CHAIR. BANQ. COM.
GOLDIE OIRING
REC. SECRETARY
BENJAMIN BARAZ
NATIONAL SECRETARY
IDA GANDELMAN
FIN. SECRETARY
ABE STERNTHAL
CHAIR. ARRANG. COM.
ISIDORE SHUCHMAN
REP. BR. 271 W. C.
MORRIS WEINTRAUB
SEC'Y JOURN. COM.
MORRIS GANBERG
REP. BR. 280 W. C.
SAM REICHER
COR. SEC'Y
MRS. S. EHRENMAN
SEC'Y TICKET COM.
HYMAN SHNEIDER
BERTHA YACKER
CHAIR. LADIES AUX.
MORRIS SONENSHEIN
IDA EINBINDER
ABE BREECKER
MRS. R. ROSENBLATT
TREAS. LADIES AUX.
MRS. F. SONENSHEIN
MORRIS GANDELMAN
SHEIVA WAISSMAN
MRS. B. SHNEIDER
MAX BORDAINICK
MRS. B. WASSERMAN
GUSSIE MILLER



Chotiner Yugend Br. 271 W. C.
BEN PORTNOY
Chairman of Arr. Comm.
BEN TELEFUS
Treas. of Arr. Comm.
ISRAEL BERG
Secty. of Arr. Comm.
LOUIS GLANTZ
Exec. Board Member
1909
1939
JOE FESHBACH
Treasurer
MORRIS LEIBOWITZ
Financial Secty.
SOLOMON SALTZMAN
Rec. Secty.
SAM GOODMAN
Bronx Hospitalor
LOUIS MILLER
JACK ROSENFELD
Exec. Board Member
DAVE WASSERMAN
Exec. Board Member
JACK MILLER
Exec. Board Member
MORRIS WASSERMAN
Arr. Committee
NATHAN BARON
Arr. Committee
MORRIS SCHNEIDER
Exec. Board Member
SOL WASSERMAN
Arr. Committee
LOUIS PORTNOY
Arr. Committee
FRANK FELDMAN
Arr. Committee
SOL BINDER
Arr. Committee
Officers & Arrangement Committee.



די באבע פון הרב יעקב טווערסקי




רבי ר' מרדכי טווערסקי



די מוטער פון הרב יעקב טווערסקי



רבי טווערסקי מיטן זוהן יהושוע'קלה



אַ משפחה בילד



דער רבי מיט זיין זוהן אהר'לה
און מאַקס בורדעיניק



דער כאַטינער רבי, זיין ברודער דער קישינעווער רבי,
דער קישינעווער דיין מיט זייערע חסידים ביי אַ שמחה.



רבי מרדכי טווערסקי,
אהר'לה און ד"ר חורש

אַ באַגריסונג צו דעם דערשיינען

פונעם

באטינער

יזכור־בוך

פון

סאָל און מאַניע פלאַט

מיטגליד אינעם קאָמיטעט פון אַמריקאַנער אָפּטיילונג
פאַרן יזכור־בוך

אונדזער געבוירנשטאָט כאָטין

כאָטין איז געווען די צווייטגרעסטע שטאָט אין בעסאַראַביע, נאָך קעשענעוו. לויטן צענזוס פון 1897 זענען אין שטאָט געווען 23.397 מענער און 29.092 פרויען — אַ באַפעלקערונג פון כמעט 50.000 איינוואוינערס, איינגערעכנט קינדער.

לויטן צענזוס פון 1920 זענען אין כאָטין געווען אַרום 19 טויזנט יידן.

בעת בעסאַראַביע האָט געהערט צו דער רוסישער אימ־פעריע, איז כאָטין געווען פאַרבונדן מיט דער פּאָדאָליער גובערניע. דער איינציקער פאַרקער פון כאָטין איבערן דניעס־טער איז באַשטאַנען דורך פּאַראָמען. דאָס וואַסער איז געווען צו פלאַך אין יענער געגנט און קיין שיפן האָבן ניט געקענט גיין. קיין באַנפאַרקער פון כאָטין איז קיין מאָל ניט געווען. מען איז געפאָרן מיט וועגענער, בריטשקעס און פאַעטאָנען. די בלאָטעס אויף די וועגן זענען געווען אַזוי גרויס, אַז די פערד האָבן אָפט מאָל ניט געקענט אַרויסקריכן. די פאַרשוינען האָבן זיך געמוטשט שלעפן צו פוס, לעבן וואָגן, שעלטנדיק דערביי דעם בעל־העגלה, וועלכער האָט אויסגעלאָזט זיין האַרץ צו די פערד.

דער גרעסטער טייל פון דער באַפעלקערונג האָט געלעבט אין דחקות. אפילו צווישן די בעל־מלאכות האָט נאָר אַ קליינער טייל גוט פאַרדינט.

אַ באַשטימטער טייל פון דער באַפעלקערונג האָט געלעבט פון מיסחר. מ'פלעגט קויפן ביי די פויערים קוקורוז־מעל, פאַסאָליעס, אַרבעס, ניס, הינער, אייער, בהמות און אויס־געאַרבעט לייוונטענע האַנטעכער.

מאָנטיק איז געווען מאַרקטאָג און די פויערים פון דער אומגעגנט פלעגן זיך צונויפאַמענפאָרן מיט זייערע פּראָדוקטן. מיט דעם אָפּגעלייזטן געלט פלעגן זיי זיך איינקויפן קוטשמעס, פּאַטשיילעס, פאַצערקעס, שטיוול, צוקער, נאַפט, שוועבעלעך. רייכערע פויערים האָבן געקויפט ווייסע בולקעס און מאַכאָרקע. די בעסטע געשעפטן האָבן אָבער געמאַכט די שענקערס. פויערים האָבן געקלאַפט פלעשלעך בראָנפן און אויסגעטרונקען ביזן דנאָ. ניט איין מאָל האָט געטראָפן אַז קעשענע־גנבים האָבן באַגנבעט אַ שיכּורן פויער און ער האָט זיך אומגעקערט אַהיים אָן דער סחורה און אָן די עטלעכע רובל וואָס ער האָט געלייזט.

אין גאַס האָבן זיך אַרומגעדרייט, מיט אַ שטעקעלע אין האַנט, אַ סך מעקלערס — מענטשן וואָס האָבן בעצם ניט געהאַט קיין שום מלאכה. זיי האָבן פאַרמעקלערט אַלץ און געהאַנדלט מיט אַלץ ; אָפּגעקויפט עפּעס ביי אַ גוי און עס דערנאָך ווייטער פאַרקויפט.

אַחוץ דעם זענען אין כאָטין אויך געווען קאָמיסיאָנערן, וואָס פלעגן ברענגען סחורות פון אַנדערע שטעט פאַר די כאָטינער קלייטן. צווישן זיי האָט זיך געציילט משה לאַנדוי, אָדער משה דיבוק, ווי מ'האָט אים גערופן, אַ געוועזענער שניידער.

די קליינע יידישע קלייטלעך האָבן דאָס רוב געלעבט פון בעל־מלאכות און פון די גויים וואָס פלעגן קומען אין שטאָט. די קליינע קרעמער האָבן איינגעקויפט סחורה ביי שלמה זעלדמאַן און משה מאיר פּסחס.

משה וואַסערמאַן



כאָטינער דאַמען קאָמיטעט, מיטן אַמעריקאַנער דעלעגאַט משה וואַסערמאַן, 1936

מר. ומרס. בנז'מין פריימאן

מ י ר ג ר י ס ע ן

אַלע כאָטינער פריינט,

צו דעם דערשיינען

פון דעם

יזכור־בוך פון כאָטין

אַ באַגריסונג פון
פריינד

דושיי גורעוויטש

אַ באַגריסונג פון

הערי געלמאַן

הערש מענדל קירזשנער
אַ זוהן פון כאָטין

אַ באַגריסונג פון
פריינד

סיידי און דוד
האָרענשטיין

אַ באַגריסונג פון
יאנקעל און מאַנציע
קויפמאַן
קינדער פון איטע ע"ה
פישעלע מלמד'ס טאָכטער
און ישעיהו מעכל ע"ה

אַ באַגריסונג פון

מר. און מרס.
ג. ליטמאַן

אַ באַגריסונג פון

מאַניאַ און סאַלאָמאַן
עקסעלראד

אַ

באַגריסונג

פון

איזידאר געלפאנד



באַטינער עסקנים אין אַמעריקע
1932 — ביי דער שיף
"טשאַמפּליין".

פון רעכטס צו לינקס: י. קריוואַי, י. מילער, ב. טעליפּאַס, ס. מילער,
ש. זאַלצמאַן, פרוי פישבאַך, ש. מאלאמאַד, מ. שניידער, וו. שיינגאַלץ,
י. פישבאַך, מ. וואַסערמאַן



"לוביטעלעס" אין באַטינער
דראַמאַטישן קרוזשאָק:
אברהם לייב נערמאַן,
משה וויינטרויב,
אליהו קודרינעצקי,
אבנר באַראַג

פאַראייביקט דורך
רבקה מיקעלמאַן

אין אָנדענק פאַר טשאַרלעס טשערקעס ז״ל

צווישן די נייע עמיגראַנטן וועלכע זענען געקומען אין יענע יאָרן 1920—1921 — איז אויך געקומען אין ניו־יאָרק אַ יונגער מאַן, מיט גרויסע אַמביציעס, און גלייך באַשלאָסן אַראָפּצוּוואַרפן פון זיך אַלץ וואָס וואָלט געשטערט אים צו דערגרייכן דאָ אַ פּלאַץ, וואָס זאָל אים אַוועקשטעלן אין אַן אָנגעזעענער פּאָזיציע.

אמת, דער יונגער מאַן איז פון גאָט באַשאָנקן געוואָרן, מיט אַ הדרת־פּנים און מיט אַ שטעל. יעדער האָט אים גלייך באַמערקט. אַ חוץ דעם וואָס ער איז געווען שיין, האָט ער אויך געהאַט שכל. ניט אומזיסט, ווו ער איז געקומען האָט ער גלייך פאַרנומען דעם אויבן אָן.

דער יונגער מאַן איז געווען דער נייער כאָטינער אין אַמעריקע, ט ש אַ ר ל ס ט ש ע ר ק ע ס.

ער האָט ניט פאַרגעסן זיין אָפּשטאַם, ער איז גלייך צו־געשטאַנען צו דער ״אינטערנעשענעל ליידיס גארמענט וואָרקערס יוניאָן״ און, ווי געזאָגט, גלייך געפונען פאַר זיך אַן אָנגעזעענעם פּלאַץ אַלס אַ ביזנעס־אַגענט.

דער עיקר, ער האָט ניט פאַרגעסן און ניט אָפּגעפרעמדט זיך פון זיינע כאָטינער לאַנדסלייט. ער איז קלוג געווען און געוווּסט אַז חסידים וועט ער גרינג זיך שאַפן צווישן זיינע לאַנדסלייט, און אויך ניי געקומענע כאָטינער. ער האָט זיך ניט אָפּגענאַרט, ער האָט יעדן לאַנדסמאַן אויסגעשטרעקט זיין האַנט און געהאָלפן מיט וואָס מ׳האָט נאָר געדאַרפט. קיינער איז פון אים ניט אַוועק אַ ניט באַפרידיקטער.

טשאַרלי טשערקעס איז געוואָרן אַ שם־דבר ביי זיינע לאַנדסלייט, און זיין באַרימטקייט איז געוואַקסן.

ס׳האָט ניט גענומען לאַנג, און טשאַרלס טשערקעס איז געוואָרן אַ פירנדיקע פּערזענלעכקייט אין דער יוניאָן און אין אַלע אינסטיטוציעס צו וועלכע ער איז צוגעצויגן געוואָרן. אַ ספּעציעלן אינטערעס האָט ער אַרויסגעוויזן צו זיינע כאָטינער, זיינע לאַנדסלייט, און ער האָט באַשלאָסן צו פאָרן אַהיים. ניט נאָר צו זען זיינע אייגענע; ער האָט אויך אַלע כאָטינער געהאַט אין זינען. ער האָט מיטגענומען, ניט נאָר גרוסן, נאָר אויך הילף פאַר אַ סך כאָטינער, און דערפאַר טאַקע, איז ער אויפגענומען געוואָרן מיט אַזאַ וואַרעמקייט. ער האָט זיין גאַנצע נשמה געבראַכט צוריק קיין כאָטין, און קיינער וועט ניט פאַרגעסן די וואַרעמע גוטסקייט וועלכע ער האָט אַרויס־געוויזן צו זיינע לאַנדסלייט אין כאָטין.

מיר, לאַנדסלייט, וועלן אים קיין מאָל ניט פאַרגעסן.




פאמיליע
טשארלי טשערקעס
זיין פרוי פרענסיס
זיין זוהן וויליאם
און טאכטער




פאַמיליע הערש טשערקעס פון כאָטין

די פרוי עלקע, דער זוהן טשארלי, דער זוהן משה נחום, די טאכטער מלכה, די טאָכטער חנה.



פאמיליע ציבוטשניק

מעכעל און גאלדע מיט זייהר קינד די טאכטער סאניע מיט איר מאן גערשבערג און די טאכטער דינה מיט איר קינד.



משה אברהם רוכמאַן
דער פֿאַטער פון מאיר רוכמאן




די מוטער פון מאיר רוכמאן



מאיר רוכמאן און זיין פרוי

מאיר רוכמאַן, פרעזידענט פונעם ישראל באָנדס־קאָמיטעט פון פאָרט־וויין, **אַמעריקע.**
מאיר רוכמאַן איז יאָרנלאַנג טעטיק אין **בני־ברית לאָזשעס ווי אויך אין דער פעדעראַציע**
פון די יידישע קהילות.



חיים און ענני מולמאַן און פאַמיליע



סעם און טובע מולמאַן




אַקטיווער און איבערגעגעבענער טוער,
לטובת דעם כאַטינער ״רעליעף״



פערל און יוסף מאַרקוס



ר׳ דוד צבי וואַלאַך
דער זיידע פון די קינדער



העניך און חנוך — די קינדער פון פערל און יוסף מאַרקוס

אַ געטרייע נשמה

מ׳האָט זי גערופן די מלאך׳טע פון כאָטין



אידה גאנדעלמאן ז״ל

די טאכטער פון **יוסף טעלעס,**

פון די ערשטע ארגאניזאטארן

פון כאטינער רעליעף אין ניו־יארק

אין אנדענק פון מיין מאן

מאקס בארדעיניק

פאר פילע יאהרן אקטיווער טוער
אין כאָטינער רעליעף



פון דער **בארדעיניק** משפחה זענען אומגעקומען

ברודער **פישל בארדעיניק**

זיין פרוי **חנה**

יעקב בארדעיניק

ישראל בארדעיניק און זיין פרוי **דז׳עני**

פאראייביקט דורך

פעני בארדעיניק




ברוך (בורקי) מיקווימאַן
נפטר ב־1971 בלימאַ, פּערו



קיווע מיקעלמאַן



רחל מיקעלמאַן



וועלוול מיקעלמאַן



אַלנער שרייער מיט זיין משפחה — געווען
סעקרעטאַר פון כאַטינער סאָסייטי פאַר פילע יאָרן

און אייביקן אנדענק פון אונזערע ליבע ברידער:

משה קריוואַרוק

ישראל קריוואַרוק

און פלימעניק דוד קריוואַרוק

מיר וועלן זיי שוין מעהר ניט זעהן אבער מיר וועלן
זיי קיינמאל ניט פארגעסען.

ערע זייער אנדענק

יחיאל, דוד און אהרון קריוואַרוק



בצער רב ובכאב עמוק אנו מתאבלים על אבינו, איש יקר המעלות
אהרון קאפיט ואשתו טעמע ז"ל
ושלושה מבניו שנפלו בטראנסניסטריה

המנציחים: משה רונסון, צבי, פעסי בראנע בר וניצה שווייצר



רחל לאה וואַסערמאַן
פראייביקט דורך דודי וואַסערמאַן



חזן גויכבערג
געקומען קיין כאַטין אין דער צייט פון חנא רייס און
געווען אַ חזן אין תלמוד תורה שוהל (קרוזשאַק)

אין אַנדענק פון מיינע עלטערן:

שמעלקע אַרעלעס און רחל
שוסטער

ברודער: **אהרון,** פרוי: **ברכה**
זוהן: **פּיני**

שוועסטער: **שרה לאה,** מאַן און משפחה

פאַראייביקט דורך:

זייליג ראָזענפעלד
ניו־יאָרק

אין אַנדענק פון אונזערע ליבע עלטערן:

נפתלי קודרינעצקי ע״ה

נפטר געוואָרן ו׳ אדר תרע״ט

סימע קודרינעצקי ע״ה

נפטר געוואָרן ח׳ אלול תרע״ח

פאַראייביקט דורך די קינדער

אליהו און מארי

קודרינעצקי

אין אַנדענק פון

עזריאל און ברכה יאַנאָווער ז״ל

פאַראייביקט דורך

די קינדער

יוזעף און עטייע דייטשמאַן ז״ל

פאַראייביקט דורך זייערע טעכטער

שרה און לאה דייטשמאַן

עהרע זייער אַנדענק.



1919 CHOTINER YOUGEND BRANCH 271, W.C.

די אָרגאַניזאַציע פון כאָטינער יידן אין ישראל

אויפטוען פון דער אָרגאַניזאַציע פון כאָטינער יידן אין ישראל

אין די יאָרן 1948—1950 איז געראָטן אַ גרויסן טייל פון די כאָטינער יידן, וואָס האָבן זיך געראַטעוועט פון טראַנסניסטריע, אויסצוּוואַנדערן פון רומעניע, מיטן ציל עולה צו זיין קיין ישראל. נאַקעט און באָרוועס זענען זיי געקומען צו די "טויערן פון עליה". במשך פון דער צייט זענען זיי אַריבערגעפירט געוואָרן אין מעברות, איבערן גאַנצן לאַנד, ווו די וווינונג־באַדינגונגען זענען דעמאָלט געווען זייער שווערע.

די פּערספּעקטיוון צו באַקומען אַ מענטשלעכע דירה זענען געווען דעמאָלט כמעט נישטיקע, בכל אופן אין דער נאָענטער צייט, מחמת פאַרשטענדלעכע און אפילו באַרעכטיקטע סיבות. די רעגירונג איז נאָך געווען דעמאָלט "אין די ווינדעלעך". דער שטראָם פון די עולים האָט זיך אַלץ פאַרשטאַרקט און די פינאַנציעלע מיטלען זענען געווען זייער קנאַפּע. אַחוץ דעם האָבן אויך אויסגעפעלט בוי־אַרבעטער כדי אויפצובויען פאַר יעדן איינעם אַ דאַך איבערן קאָפּ.

די עקאָנאָמישע לאַגע איז געווען אַ שווערע, ווייל ניט אַלע האָבן זיך געקענט צופּאַסן צו יעדער אַרבעט וואָס מען האָט פאָרגעלייגט און אַ סך האָבן געלעבט פון דער שטיצע וואָס די רעגירונג און די סוכנות האָט געגעבן. דאָס וווינען אין די מעברות איז געוואָרן איינע פון די שווערסטע פּראָבלעמען.

מיטן באַזוך פון די כאָטינער רעליעף־מיטגלידער פון ניו־יאָרק, יחזקאל מילער און זיין פרוי, איז געגרינדעט געוואָרן אין תל־אביב "די אָרגאַניזאַציע פון כאָטינער יידן", ווי אַ פיליאַלע פונעם ניו־יאָרקער רעליעף. די מיטגלידער פון קאָמיטעט זענען זעווען: דוד האָרנשטיין — פּרעזידענט ; אהרן ווייסבערג — סעקרעטאַר ; אהרן שטיבעל — קאַסירער ; שרה בר״ג, דבורה מלחי, אלעזר זאַלצמאַן, ישראל בר״ג, מינאַ אַמיץ, אברהם בראָנשטיין און חיים וואַסערמאַן בוכהאַלטער. די געסט, באַגלייט פון די קאָמיטעט־מיטגלידער, האָבן באַזוכט אַ צאָל מעברות און ווען זיי האָבן זיך צוריקגעקערט אַהיים קיין אַמעריקע, האָבן זיי ניט פאַרגעסן וואָס זיי האָבן געזען. אין איינעם מיט די אַנדערע מיטגלידער פון רעליעף האָבן זיי זיך איינגעשפּאַנט אין אַן אַרבעט וואָס די אָרגאַניזאַציע האָט נאָך ביז דעמאָלט ניט געקענט. אין משך פון עטלעכע חדשים האָט מען צונויפגעזאַמלט 26 טויזנט דאָלאַר, כדי אויסצובויען אַ צאָל וווינונגען פאַר די וואָס זיצן אין מעברות. נאָך אַ צייט זענען געקומען פון ניו־יאָרק, ספּעציעל פאַר דעם צוועק, די מנדבים העלפאַנד און די משפּחה שעכטער ז״ל — אַלע אָפּשטאַמיקע פון כאָטין.

די פאַרבינדונג מיטן אַמעריקאַנער רעליעף איז געווען זייער אַן ענגע. מען האָט אונדז געהייסן זיך פאַרבינדן מיט אַ בוי־געזעלשאַפט און מיר האָבן זיך פאַרבונדן מיט "רסקו", וואָס האָט דעמאָלט געבויט פאַר די חברים פון "הפּועל המזרחי" אין חבצלת השרון, נאָענט צו נתניה. זיי זענען גרייט געווען אונדז איבערצוגעבן אַ טייל פון די בנינים פאַר דאָלאַרן, אין וועלכע זיי האָבן זיך זייער געניייטיקט די דירות זענען אונדז געפעלן געוואָרן און די באַדינגונגען זענען ניט געווען קיין שלעכטע. דער ענין איז געווען זייער אַ דרינגנדיקער. די משפּחה מילער האָט באַלד געענטפערט אויף אונדזער פאַרבעטונג, איז גלייך געקומען קיין ישראל און געגעבן די הסכמה איינצוהאַנדלען 36 דירות. העלפאַנד און זיין זון זענען געקומען ספּעציעל פון ניו־יאָרק, מצד דעם רעליעף.

דער עול איז באמת גרינגער געוואָרן, אָבער צו פאַרטיילן 36 דירות צווישן די 108 קאַנדידאַטן, אַלע דרינגנדיקע פאַלן, איז געווען איינע פון די גאָר שווערע זאַכן. די חברים רחל סאָבעלמאַן, זאַלצמאַן, ישראל בר״ג, שטיבעל זענען אַרומ־

געפאָרן איבער די מעברות אין גאַנצן לאַנד און זייער באַריכט איז דערגאַנגען נאָך דעם אי צום היגן קאָמיטעט און אי קיין ניו־יאָרק. דאָרטן, אין ניו־יאָרק, האָט מען באַשלאָסן צו פאַרטיילן די דירות אויף אַ לאָטעריע, אין אָנוועזנהייט פון די רעליעף־חברים און אַ סך געסט בראש מיט אַ רב.

די רעזולטאַטן פון דער לאָטעריע זענען געקומען אין אַ פאַרמאַכטן קאָנווערט און צווישן כאַטינער יידן איז געווען אי שמחה און אי אַנטוישונג. אויף דער אַסיפה האָט מען אויך באַקאַנט געמאַכט די באַדינגונגען צו וועלכע די געווינער פון די דירות דאַרפן זיך פאַרפליכטן. דער פרייז פון אַ דירה איז באַשטימט געוואָרן אויף 2200 ל״י. דער רעליעף האָט זיך באַטייליקט מיט 750 דאָלאַר פאַר יעדער דירה, און דער רעשט, 600 דאָלאַר, (לויטן קורס איין לירה — איין דאָלאַר), האָבן די מענטשן געדאַרפט באַצאָלן אין חודשלעכע ראַטן פון 4.80 ל״י, אין משך פון 15 יאָר.

דער קאָמיטעט האָט געהאַט אַ פלאַן צו קויפן נאָך דירות, אַלע פאַר חדשים. אָבער דער פלאַן איז ניט רעאַליזירט געוואָרן. די נייע איינוווינערס האָבן זיך צונויפגערעדט ניט צו באַצאָלן אפילו איין גראָשן דעם קאָמיטעט, מיט דער טענה אַז דער פרייז פון די דירות איז אין גאַנצן געדעקט געוואָרן. ערשט נאָך עטלעכע יאָר האָבן זיי באַצאָלט די גאַנצע סומע, כדי צו באַקומען דעם קאָנטראַקט און צו קענען פאַרקויפן די דירות. דער גרעסטער טייל האָט טאַקע פאַרקויפט די דירות און פאַרלאָזט דאָס אָרט. דער כאַטינער שיכון איז זיך אויף אַזאַ אופן צעפאַלן.

די גמילות־חסדים קאַסע

בעת זייער באַזוך אין ישראל איז פרוי מילער אויסגעקליבן געוואָרן ווי די פאָרזיצערין פון דער גמילות־חסדים־קאַסע וואָס מיר האָבן געשאַפן. יעדער איינער האָט געקענט באַקומען אַ הלוואה ביז 500 ל״י, אָן צינזן. די חברים אברהם בראָנשטיין, אלעזר זאַלצמאַן, אהרן שטיבעל האָבן געטריי געאַרבעט פופצן יאָר אין דער פאַרוואַלטונג פון דער קאַסע און האָבן כמעט קיין שאָדן ניט געהאַט. דאָס געלט איז געלעגן אין ״בנק הלוואה וחסכון״. אין משך פון דער צייט זענען צוגעצויגן געוואָרן אין דער אָנפירונג יעקב ירדני און שלמה שהם וואָס האָבן אויך אַ סך אויפגעטאָן.

עס דאַרף דערמאָנט ווערן אַז דער קאָמיטעט האָט זיך באַטייליקט מיט טויזנט ביימער אין ״יער הקדושים״, וואָס דער קרן הקימת האָט פאַרפלאַנצט אין נאָמען פון די כאַטינער יידן. אין דער דאָזיקער אַקציע האָט זיך אויסגעצייכנט דבורה מלחי.

▼

די ערשטע כאַטינער יידן זענען געקומען אין לאַנד נאָך אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, אָבער ביז אין יאָר 1950 זענען די כאַטינער אין ישראל ניט געווען אָרגאַניזירט. געציילטע האָבן זיך באַטייליקט אין דער אַקטיוויטעט פון די בעסאַראַבער גרופעס, און שפעטער אין דער אָרגאַניזאַציע פון בעסאַראַבער יידן.

מיט דער הילף פון ניו־יאָרקער רעליעף איז געשאַפן געוואָרן אין 1950 די אָרגאַניזאַציע פון כאַטינער יידן אין ישראל. פון צווישן די גרינדערס איז אויסגעקליבן געוואָרן אַ קאָמיטעט, אין וועלכן עס זענען אַריין: דוד האָרנשטיין, אהרן שטיבעל, אהרן ווייסבערג, אברהם בראָנשטיין, משה נייטיצין, חיים סופנבוים, אליעזר זאַלצמאַן, דבורה אפרתי און שרה גליק. דעם 14־טן מאַרס 1951 איז די אָרגאַניזאַציע אָנערקענט געוואָרן דורכן אויסערן־מיניסטעריום (594/99).

די אויפגאַבעס פון דער אָרגאַניזאַציע זענען געווען: אויפשטעלן אַ פאָנד פאַר הלוואות פאַר נויט־באַדאַרפטיקע און פאַר נייע עולים; אַרויסגעבן אַ יזכור־בוך פאַר דער כאַטינער קהילה; אויפבויען 36 דירות פון די געלטער פון כאַטינער רעליעף.

דער קאָמיטעט האָט אויך אָנגעהויבן זאַמלען געלט פאַרן אַרויסגעבן דעם יזכור־בוך.

נעמענדיק אין אַכט אַז מען האָט ניט געוואָלט איינאָרדענען וואַלן און צוציען נייע אַקטיוויסטן, איז אין 1952 געשאַפן געוואָרן אין חיפה אַ צווייטער קאָמיטעט פון כאַטינער יידן, אין וועלכן עס זענען אַריין: אברהם פעלדמאַן — פאָרזיצער; בן־ציון געלשטיין; יעקב אַקערמאַן — וויצע־פאָרזיצערס: אליהו וואַסערמאַן, משה קופערמאַן און מיכאל שווייגער.

דעם ערשטן אויגוסט 1958 איז סוף־סוף פאָרגעקומען אין תל־אביב אַן אַלגעמיינע אסיפה ביי וועלכער ס׳איז אויסגעוויילט געוואָרן אַ נייער קאָמיטעט מיטן פאָלגנדיקן צוזאַמענשטעל: צבי בערנשטיין — פאָרזיצער; אהרן שטיבל — קאַסירער; אהרן ווייסבערג — סעקרעטאַר; חיים וואַסערמאַן, דבורה מלחי, אליעזר זאַלצמאַן און אברהם בראָנשטיין — מיטגלידער. פון די חיפהר איז קיינער ניט אויסגעוויילט געוואָרן. צווישן די צוויי קאָמיטעטן איז געווען אַ געשפאַנטע שטימונג. נאָך דעם ווי אין 1960 איז עולה געווען ד״ר ליפא זיידמאַן, דער לעצטער פרעזידענט פון דער כאַטינער קהילה, זענען געמאַכט געוואָרן פרווון זיך איבערצובעטן און ביי אַ בשותפותדיקער זיצונג, דעם 23סטן פעברואַר 1965 איז באַשלאָסן געוואָרן אַז ד״ר זיידמאַן זאָל זיין דער איינציקער בורר וואָס זאָל אויספירן די רעאָרגאַניזירונג. לויט דעם באַשלוס פונעם בורר איז אָרגאַניזירט געוואָרן אַן איינציקער צייטווייליקער קאָמיטעט, דעם 22סטן מיי 1965, אין דער אָנוועזנהייט פון רעליעף־פאָרשטייערס פון ניו־יאָרק, שניידער, נודעלמאַן און כידיק. עס איז געשאַפן געוואָרן די ישראל־אָרגאַניזאַציע פון די כאַטינער יידן און פון דער סביבה.

דער ניו־יאָרקער רעליעף האָט איבערגעגעבן אַלע געלטער אַ ספעציעלער קאָמיסיע (ד״ר ליפאַ זיידמאַן — פאָרזיצער; יעקב אַקערמאַן און בן־ציון געלשטיין — מיטגלידערס) פאַר דעם פאָנד פון הלוואות, פאַרן יזכור־בוך, פאַר צדקה וכדומה. אין סעפטעמבער 1966, נאָך דער רעאָרגאַניזירונג, זענען פאָרגעקומען אַלגעמיינע אַסיפות פון די כאַטינער אין תל־אביב און אין חיפה און ס׳איז אויסגעוויילט געוואָרן אַ לאַנדקאָמיסיע ווי אויך אַן איינציקער עקזעקוטיוו־קאָמיטעט: ד״ר ליפאַ זיידמאַן — פאָרזיצער; שלמה שיטנאָוויצער — פאָר־

זיצער פון עקזעקוטיוו־קאָמיטעט; אַדוואָקאַט מאַרק באַראַק — פאָרזיצער פון דער קאָנטראָל־קאָמיסיע; יעקב אַקערמאַן — וויצעפאָרזיצער פון עקזעקוטיוו־קאָמיטעט; משה קופּערמאַן — סעקרעטאַר; יונה גאָרשניק — קאַסירער; שלמה איידלער, דוד בר־תקוה בן־ציון געלשטיין, יהודה יוריסט, יעקב ראַוויץ — חברים. ד״ר יעקב זיידמאַן, יעקב ירדני — קאָאָפּטירטע חברים; אַדוואָקאַט מאַרק באַראַק, צבי בערנשטיין, ד״ר בועז דגון (פּישלער) — מיטגלידער אין דער קאָנטראָל־קאָמיסיע; אהרן וואַסערמאַן, אליהו וואַסערמאַן, יוסף וואַסערמאַן, עקיבא וואַסערמאַן, צבי וועקסלער, נחום מאָרגענשטערן, צילה נמרי, יצחק פּלד, אריה קיזשנער, משה קילימאַכער ז״ל, ניסים קריוואָי, משה רזשאַוועסקי, מיכאל שווייגער און שלום שרייער.

די אַקטיוויטעט פון דער אָרגאַניזאַציע ווערט אויסגעפירט אויף מערערע פלאַנען:

א) די אַלגעמיינע ציילונג פון די כאָטינער אין ישרא־ און אין די תפוצות, וואָס איז געמאַכט געוואָרן צווישן 1966—1968 האָט אַרויסגעגעבן פאָלגנדיקע רעזולטאַטן: אין ישראל וווינען 621 משפחות וואָס האָבן צוזאַמען 2200 נפשות; אין די תפוצות — בערך 400 משפחות מיט 1500 נפשות. אין כאָטין גופא לעבן 400 נפשות.

ב) הזכרות פאַר די כאָטינער קדושים ווערן אָפּגעהאַלטן יעדעס יאָר אין תל־אביב און חיפה, לויט דעם סדר פון אַט די צערעמאָניעס וואָס ווערן געמאַכט אין ישראל.

ג) אַרויסגעבן דעם יזכור־בוך פון דער כאָטינער קהילה. מ׳האָט אָנגעהויבן זאַמלען מאַטעריאַלן און דאָקומענטן. כדי דאָס זאַמלען זאָל גיין גיכער, האָט מען אַרויסגעגעבן אַ "ידיעון" (רעדאַקטאָר — ד״ר יעקב זיידמאַן, רעדאַקציע־חברים — שלמה שיטנאָוויצער, נחום מאָרגענשטערן און יצחק פּלד) וואָס איז צעשיקט געוואָרן צו אַלע כאָטינער אויף דער וועלט. די לאַנד־קאָמיסיע האָט צונויפגעשטעלט אין 1968 אַ ספּעציעלן קאָמיטעט וואָס זאָל זיך פאַרנעמען מיטן אַרויס־געבן דעם ספר: שלמה שיטנאָוויצער — פאָרזיצער; ד״ר ליפּאַ זיידמאַן, יעקב אַקערמאַן, צבי בערנשטיין, בן־ציון געל־שטיין, ד״ר יעקב זיידמאַן, אליעזר זאַלצמאַן, יהודה יוריסט, שלמה איידלער און יעקב ירדני — חברים.

ד) ס׳איז געשאַפן געוואָרן אַ הלוואה־פאָנד וואָס פאַרמאָגט 10.000 ל״י, פאַר תל־אביב און פאַר חיפה. די הלוואות ווערן געגעבן אויף דריי יאָר, אָן צינזן.

ה) עס ווערן געשיקט פּעקלעך צו כאָטינער אין די באַ־דרענגטע לענדער, לויט אַ ספּעציעלן הסדר וואָס איז געמאַכט געוואָרן דורך שלמה שיטנאָוויצער — דער פאָרזיצער פון עקזעקוטיוו־קאָמיטעט.


ו) קולטורעלע און געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט: פּורים־מסיבות, ווי אַ המשך פון דער טראַדיציע וואָס איז געווען אין כאָטין, מיט הונדערטער אָנטיילנעמערס; ספּעציעלע מסיבות פאַר געסט פון אויסלאַנד.

אין די יאָרן 1968—1970 זענען אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַלגע־מיינע אַסיפות אויף וועלכע עס זענען אויסגעוויילט געוואָרן די אינסטיטוציעס פון דער אָרגאַניזאַציע. אין 1971 האָט די אַלגעמיינע אַסיפה באַשלאָסן ניט אָפּצוהאַלטן קיין וואַלן אין יאָר 1972, נאָר באַפולמעכטיקן די פריערדיקע אינסטיטוציעס זאָלן אַרויסגעבן דעם יזכור־בוך. דערנאָך וועלן פאָרקומען נייע וואַלן.



דער איצטיקער קאָמיטעט פון כאָטינער אָרגאַניזאַציע

דער קאָמיטעט פאַרן אַרויסגעבן דעם יזכור־בוך




זיצן פון רעכטס: בן־ציון געלשטיין, צבי בערנשטיין, ד"ר ליפא זיידמאַן, שלמה שיטנאָוויצער, אלעזר זאַלצמאַן
שטייען פון רעכטס: שלמה איידלער, יעקב ירדני־דערזשי, ד"ר יעקב זיידמאַן, יהודה יוריסט.



אזכרה פאַר די כאַטינער קדושים — תל־אביב, **1968**



דער חזן גבריאל ברנשטין, ביי דער אזכרה 1967



אזכרה אין תל־אביב, 1969



אין קעלער פון שואה — ירושלים
בעת הסרת הלוט מלוח הזכרון



דער חזן ביי דער אזכרה
חיפה, 1963



אזכרה פאַר די קדושים פון כאָטין — חיפה, 1970



אזכרה פאַר די קדושים פון כאָטין — חיפה, 1962

כּאָטין - הײַנט

די ייִדישע באַפעלקערונג אין כּאָטין ציילט הײַנט בײַ 400 נפשות פון ס״ה 10.000 אײַנוווינער.

די ייִדן לעבן קאָנצענטרירט אין די געוועזענע גאַסן, רעדזשעלע פּערדינאַנד, אין מאַרק ווו ס׳האָט אַ מאָל געהייסן „ביים זייגער״ און אַ חלק אויף שטעפאַן טשעל מאַרע. די שטאָט האָט זייער געליטן פון דער מלחמה, באַזונדער דער אונטערשטער חלק, אויפן וועג צום דניעסטער. אַ סך חורבות שטייען נאָך הײַנט. אויפן פּלאַץ פון די פאַרברענטע שטיבער זענען הײַנט גערטנער און אפילו סעדער מיט הויכע ביימער.

דאָס ייִדישע לעבן אין כּאָטין — אויב מען קען דאָס אָנרופן „ייִדיש לעבן״ — איז שטאַרק געשלאָגן. מ׳פירט זיך אַ קאַמף צו אַסימילירן מיט געוואַלד דאָס ביסל פאַרבליבענע ייִדן. ס׳איז פאַראַן אַ קלויז בײַ יאַנקל סיטשקאַר אין שטוב, ווו ס׳קומט זיך קוים צונויף אַ מנין.

ביז צוריק מיט אַ צען יאָר האָט נאָך עקסיסטירט די חיריקס־שול וואָס איז רעמאָנטירט געוואָרן נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה. דער מאָלער יוסף גרייזגרו ז״ל האָט אויס־געמאָלט די שול מיט גרויס קונסט: דאָס בית־המקדש אויפן הר־הבית, די פאָנען פון די צוועלף שבטים, משה רבנו מיט די לוחות, די כּהנים א.א. נאָך אַ פּראָוואָקאַציע אַקט איז חיריק׳ס שול פאַרמאַכט געוואָרן — כּלומרשט די מתפּללים אַליין האָבן אונטערגעשריבן און געבעטן צו פאַרמאַכן די שול.

על־פּי־נס איז געבליבן אין כּאָטין איין שול בײַ דעם קלענסטן זון פון געוועזענעם שוחט ר׳ חיים זיסעלעס וואָס איז דערשאָסן געוואָרן אין אָנהויב מלחמה, אין איינעם מיט 57 אַנדערע מענטשן, צווישן זיי די רבנים, שוחטים, אַדוואָקאַטן א.א. דער איצטיקער שוחט ר׳ צאַליק זיסעלעס, פירט דורך די שחיטה בײַ זיך אין דער היים. ער אַרבעט ווי אַ זאַמלער פון פעדערן. צו דער אַרבעט וויל קיינער ניט גיין ווײַל דער פאַרדינסט איז זייער קליין, האָט ר׳ צאַליק דערקלערט אַז אויב ער וועט שעכטן עופות וועט אויסגעפילט ווערן דער פּלאַן און עס וועלן זײַן מער פעדערן פאַר דער מלוכה. ר׳ צאַליק איז דער איינציקער וואָס קאָן גערעכנט ווערן אַז ער אַרבעט פאַר קהל. אַחוץ דעם שעכטן, מאַכט ער אויך אַזכּרות אויף דעם בית הקברות, זאָגט קדיש נאָך פאַרשטאָרבענע, גיט חופּה־וקידושין א.א.וו.

ברית מילה איז קאַטעגאָריש פאַרבאָטן. עס געפינען זיך דאָך ייִדן וואָס שטעלן איין זייער לעבן און מלען די קינדער בסודי סודות.

דאָס כּאָטינער בית־הקברות איז דאָרט ווי ס׳איז געווען אַ מאָל און ס׳איז פאַרפולט געוואָרן מיט קברים. די מצבות זענען געשעדיקט געוואָרן אין צײַט פון מלחמה. אַ חלק איז פאַרריכט געוואָרן, צווישן זיי אויך די שטיבלעך ווו ס׳געפינען זיך די קברים פון די צדיקים.

מיט קבורה גיט זיך אָפּ אַ בינטל ייִדן בראש מיט ר׳ יחיאל, דער געוועזענער שמש פון חיריק׳ס שול. ס׳איז דערלויבט צו דינגען אַ לאַסט אויטאָ, דאָרט לייגט מען אַרײַן דעם מת און מע פירט אים אויף זײַן לעצטן וועג. אויפן הייליקן אָרט נעמען זיך קוים צונויף אַ מנין מענער. עס מאַכט זיך אויך אַז כּדי צו פאַרזיכערן דעם מנין דינגט מען אַ פּאָר ייִדן פאַר דער לויה, פאַר עטלעכע רובל.

אַלע ייִדישע יום־טובים זענען אָפּגעשאַפן. פאַר די אַרבעטס־מענטשן איז אַ סכנה צו פייערן אַ יום־טוב ווײַל זיי קענען פאַרלירן זייער פּאָסטן.

אין שטאָט איז פאַראַן איין אַבאָנאַמענט פון דער ייִדישער צײַטונג וואָס גייט אַרויס אין ביראָ־בידזשאַן, און צוויי אַבאָנאַ־מענטן פון דעם ייִדישן זשורנאַל „סאָוויעטיש היימלאַנד״.

אין די לעצטע צען יאָר איז איין איינציק מאָל אַראָפּ־געקומען די זינגערין נחמה ליפשיץ, וואָס האָט געגעבן אַ אָוונט אין קולטור־זאַל.

ש מ ו ת
בני קהילת
ח ו ט י ן

אשר אינם עוד בחיים

(לפי סדר אלף־בית)



ת.נ.צ.ב.ה.

א

אברבוך מרים
אולחובצקי שמואל
אושר מוטי
אושר סוניה
אושר שאול
אידלמן אברהם
אידלמן בן־ציון
אידלמן טובה
אידלמן יוסף
אידלמן ישראל
אידלמן ניסן
אידלמן פייגע
אידלמן שינדל
איידלר אברשקע
איידלר הרש
איידלר חנה
איידלר יחיאל־יוסף
איידלר לייב
איידלר לייקה
איידלר מוטל
איידלר מיכאל
איידלר פסח
איידלר שינדל
אינבינדר חיוניה
אינבינדר מנדל
אינבינדר פייגע
אינבינדר שרוליק
אלבירט חנה
אלבירט מנדל
אלון־טיסנבוים ציליה
אלטמן חיה־רחל
אלטמן יוסף
אלטמן משה
אלטמן משולם
אלטמן ראובן
אלטמן רייזע
אלטמן שמואל (שמיל)
אלטמן שמואל

אליס טובה
אליס יחיאל
אליס מאיר
אליס מיכאל
אליס שמואל
אנטליס זיוה
אנטליס־ולטמן מידון
אנטליס־ולטמן רעיה
אפלבוים אסתר (סיוטה)
אפלבוים ברכה
אפלבוים גיטל
אפלבוים יוסף
אפלבוים יעקב
אפלבוים יצחק
אפלבוים ישראל
אפלבוים ליפשה
אפלבוים ניוניה
אפלבוים סימה
אפלבוים פייגע
אפלבוים קוקה
אפלבוים שלמה
אפלבוים שמעיה
אקסלבירט בן־ציון
אקסלבירט משה
אקסלבירט מוטל
אקסלבירט פרוים
אקסלברד מוטל
אקסלברד פרוים
אקסלרוד איטה
אקסלרוד־רזינר הרש
אקסלרוד יהודה חנן
אקסלרוד מרדכי
אקסלרוד נחמה
אקסלרוד עלקה
אקרמן אברהם
אקרמן אברהם
אקרמן אוציע
אקרמן איציק
אקרמן אלחנן

אקרמן אסתר
אקרמן אפרים (פומצי)
אקרמן באבע מאמצי
אקרמן בילה
אקרמן ברל
אקרמן גולדה
אקרמן גולדה ומשפחתה
אקרמן דוד
אקרמן דוד
אקרמן דודל
אקרמן הניה
אקרמן זייליג
אקרמן חונה
אקרמן חיה
אקרמן חיה־גיטל
אקרמן־וינברג חייקה
אקרמן חייקה
אקרמן חנה
אקרמן חנציה
אקרמן יוסף
אקרמן יעקב (ינקל)
אקרמן יעקב
אקרמן יצחק
אקרמן ישראל
אקרמן מאיר
אקרמן מינדל
אקרמן מני
אקרמן מניה
אקרמן מניה ובעלה נתן
אקרמן מרדכי
אקרמן משה
אקרמן משה
אקרמן נתן
אקרמן עני
אקרמן פייגע גיטל
אקרמן פנחס
אקרמן פייקע
אקרמן פסיה
אקרמן פרויקה

אקרמן פרידה
אקרמן צבי (הרץ)
אקרמן צביה, בעלה ו־2 ילדים
אקרמן פריידה
אקרמן רות
אקרמן רחל
אקרמן שמואל
אקרמן שמעון
ארון יעקב
ארון לאה
אשכנזי אלה (בת הרב) ומשפ׳

ב

בארג יעקב
באשמצ׳ניק יוסף
בוטניק בעריש
בוטניק מנדל
בוים אוצי
בוצניק שמואל
בוקרצקי איזיק
בוקרצקי בערצי
בוקרצקי גיטל
בוקרצקי רבקה
בוקרצקי שלמה
בז׳נוס־בסיכיס מלכה
בינגבוים מרדכי
בלאטנענקה חנציה ובעלה
בלינדר שמיל
בלכר יהשוע
בלנק יוסף
בלנק מוטלי
בלפרמן יחזקאל
בלפרמן מניה
בלפרמן פרומה
בלפרמן שייע
בסיכיס הרש
בסיכיס זלמן
בסיפיס קלה
בעקליר יוסף
בעקליר פרץ
בעקליר שמעון
בערי קלרה
בערי צבי (הרש)
בקר אברהם אשתו טובע ובנם

בר יצחק (סטאלר)
בר לאה
ברג אהרון
ברג אבנר
ברג גולדה
ברג דוד
ברג יהושע איזיק
ברג ישראל אבנר
ברג ישראל
ברג סוניה
ברג שמואל
ברג שרה
ברג־קופמן שרה־מסיה
ברגר אהרן
ברגר משה
ברדיצ׳בסקי שלמה בן אשר
ברויטמן לייב
ברויטמן רבקה־רחל
ברון יעטה
ברונשטיין אברהם
ברונשטיין אלקה
ברונשטיין ברל
ברונשטיין דינה
ברונשטיין זיסיא
ברונשטיין יצחק
ברונשטיין משה
ברונשטיין פסיה
ברונשפורט גולדה
ברונשפורט מאיר
ברונשפורט עטי (אתל)
ברופמן אברהם
ברופמן אינדה
ברופמן חנה
ברופמן ינטה
ברופמן יעקב
ברופמן שרה
ברוצקי אהרון
ברוצקי בוזיה
ברוצקי חיוניה
ברוצקי לייקה
ברוצקי רחל
בריימן אברהם
בריימן אסתר
בריימן גולדה
בריימן טאובע
בריימן ינקל

בריימן פייבל
ברמן געצל
ברמן ינקל
ברמן פרומה
ברנשטיין אלטע
ברנשטיין מוטל
ברנשטיין מוניה (סופנבוים)
ברנשטיין רחלה
ברנשטיין שיקה
ברק איזיק
ברק אסתר
ברק מרדכי
ברק מרים
ברק נחמה
ברק פנינה
ברק קלרה
ברק שיינדל
ברק שמואל (סמואיל)
ברק שמואל בן שמשון
ברק שרול
בשמטשניקוס יוסף

ג

גוזנר אטי
גוזנר זלמן
גוזנר יעקב
גוזנר שרה
גוטרמן אברהם
גוטרמן ברינה
גוטרמן ברכה
גוטרמן הידרש
גוטרמן הרץ
גוטרמן חנה
גוטרמן יהודה
גוטרמן יוסף
גוטרמן יוסף בן־יהודה צבי
גוטרמן יצחק
גוטרמן יששכר
גוטרמן יששכר
גוטרמן ליבע
גוטרמן מרדכי (מוטל)
גוטרמן משה
גוטרמן רבקה
גוטרמן רבקה

גוטרמן רחל
גוטרמן שלמה
גוטרמן שמחה
גוטרמן שמחה
גויכמן משה
גולדמן פייגה
גולדנברג אברהם (בושקה)
גולדנברג אלקנא
גולדנברג אנצ'ל
גולדנברג בלה
גולדנברג ברנה
גולדנברג הערש
גולדנברג טובע
גולדנברג יוסף
גולדנברג יוסף
גולדנברג יעקב
גולדנברג יצחק
גולדנברג סוניה
גולדנברג פאוויל
גולדנברג שלום־יוסף
גולדנטל אברהם
גולדנטל זלטע
גולדנטל מוני
גולדנטל מינדל
גולדנטל מרים
גולדנטל נטע
גונטע בן־ציון
גונטע חיה לאה
גונטע פני
גופמן לייקה
גופמן פנחס
גורגון יצחק (איציק)
גורגון כתריאל
גורגון מרדכי (מוטי)
גורן אברהם
גורן בן ציון
גורן טובה
גורן יוסף
גורן משה
גורנשטיין משה
גורנשטיין זאב
גורנשטיין פייגע
גורפינקל מיכאל
גורפינקל שרה (סוניה)
גיזריקר רוזה
גיטלמן ביריש

גיטלמן דוד לייב
גיטלמן צירל
גיציס ישראל
גיציס סוניה
גלזר הינדה
גלזר יחיאל
גלזר מוטי
גליוזגולד אברהם
גליוזגולד בייה
גליוזגולד גודל
גליוזגולד פבל
גליוזגולד־דרז'י פרומה
גליזר חייקה
גליזר יאכיט
גליזר יחיאל־מעכל
גליזר יוסף
גליזר פייגה
גליזר שמיל
גליזר שרה
גליזר שרול
גלינויר ינטה ומשפחתה
גלינויר משה־אהרן
גלינויר נחמה
גלינויר רובין ומשפחתו
גליצר הינדה
גליצר הנציה
גליצר יוסף
גליצר מניה
גליצר משה ו־3 ילדים
גליצר נתן
גליצר סלי
גליצר־ויינשטיין ריקל
גליצר שרה
גליקשטרן חיה
גלמן וועלוול
גלמן לב (לייביש)
גלמן גוסטה
גלפנט מלכה
גלפנט פישלה
גלר איטה
גלר זאב
גלר (איציק שוחט) יצחק
גלר מושקה
גלר ראובן
גלשטיין בתיה
גלשטיין מרכוס

גמברג דב
גמברג קלמן
גנדלמן אייזיק, אשתו,
ובנו משרוויץ
גנדלמן בנימין
גנדלמן ברנה(בראנה) משרוויץ
גנדלמן גניה
גנדלמן חיה־אסתר
גנדלמן יעקב
גנדלמן מוטי (ספר) ו־3 ילדים
גנדלמן מוטי
גנדלמן מיכאל
גנדלמן עניה ובעלה משרוויץ
גנדלמן צבי
גנדלמן ריבה משרוויץ
גנדלמן שרה (סורקי)
גניצקי יוסף
גניצקי סרציה
גניצקי רוזה
געזעריקר יצחק ואשתו
געזעריקר נחום ואשתו
געזעריקר רוזה
גפטר דוד
גפטר חיה גיטל
גפטר חנציה
גפטר טוביה
גפטר עני
גרויסמן בנימין
גרויסמן בנימין
גרויסמן משה
גרויסמן רבקה
גרויסמן רחל בת אברהם פסח
גרויסמן ד"ר רחל
גרויסמן ריבה
גרויסמן שרה
גרינוביצר אברהם
גרינר אברהם
גרינר הרש
גרינר וליה בת יעקב
גרינר מינצה
גרישמן שמעון
גרשטיין הרב יוסף
גרשטיין הרבנית רבקה

ד

דודזון ז'ניה
דודזון מיכאל
דודזון פסיה
דודיכס־רוזנבוים חוה
דודיכס יוסף
דודיכס יוסקי
דודיכס רבקה
דונוביצר טובע־רחל
דונוביצר ישראל
דייטשמן אברהם ומשפחתו
דנצ'יג גבריאל
דנצ'יק לאה
דנצ'יק משה
דנצ'יק פרומה
דרז'י אברהם
דרז'י־גרינברג אסתר
דרז'י חיים לייב
דרז'י יגקל (יעקב)
דרז'י לאה
דרז'י מירון
דרז'י משה
דרז'י־וולמן סיוניה
דרז'י פרל
דרז'י שלום

ה

הורנשטיין דוד
הורנשטיין חנה
היזריקר יצחק
היזריקר נחום
הינך צביה
הס (חת) וועלוול (זאב)
הס (חת) מלכה
הס (חת) משה
הס (חת) פני

ו

ווליך מכל (מיכאל)
ווליך שיינדל
וולקוב אברהם
וולקוב אלקה
וולקוב הניה
וולקוב חיים
וולקוב חנצי
וולקוב מיכאל
וולקוב נחום
וולקוב נחום (ציופקעס)
וולקוב עלקה
וולקוב פרומה
וולקוב מכלי־רווי
"ויגדורס" נחום (שיסטר) ומש'
וידרגורן־שניידמן זיסל
וידרגורן זליג
וידרגורן זלמן־יצחק
וידרגורן יחיאל
וידרגורן ישראלקע
וידרגורן ליפא
וידרגורן מרדכי
וידרגורן פישלקע
וידרגורן רחל
וידרגורן רוזה
וידרגורן שיינדל
ווייזר חוה
ווייזר טובה
ווייזר יוסף
ווייזר ישראל
ווייזר לייזר
ווייזר מלכה
ווייזר מרדכי
ווייזר עטי
ווייזר פסיה
ווייזר רחל
ווייזר שמואל־לייב
ווייזר שעפסל
וינבוים אברהם
וינבוים דוד
וינבוים חוה
וינבוים ישראל
וינבוים מרדכי
וינבוים ציביה
וינבוים־מנדלוביץ' שרה
וינברג אהרן
וינברג גולדה
וינגולד אברהם
וינגולד בילה
וינגולד הרש בן אברהם
וינגולד הרש בן משה
וינגולד וולף (זאב)
וינגולד יהודית
וינגולד לייב
וינגולד לייב אהרן
וינגולד עקיבא
וינגולד קרנדל
וינגרוצקי בסיה
וינגרוצקי הרש
